общежитие Техникума
дом 4
Петлахе Ф.

סאָוועטיש

5 1965

היימלאַנד

צייכענונג ג. פּאַנדאָפּולאָ

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר

פינפטער יאָרגאַנג

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“

מאָסקווע

5

מײַ

1965

אינהאַלט

זייט

זיי האָבן אָפּגעגעבן דאָס לעבן פאַרן היימלאַנד. לידער פון שמועל ראָסין, מוישע כאַשטשעוואַצקי, בוזי אַליעווסקי, מאָטל הארצמאַן, הערשל דיאַמאַנט, יאַשע זעלדין, לייב סאַלאַלײַ, שמועל העלמאַנד, שימען גאָלדענבערג, רוווע רייזין, זכאַריע באַרסוק, שלוימע לאָפּאַטע, אַרן באָראַדיאַנ־סקי, שימען לעלטשוק, בערל קאַראַביינִיק, העניך שוועדיק, העניך קויפמאַן, כאַים דושאַצקי, אַרל האָפּשטיין, וועלוול רעדקאָ, שמועל אייזנוואַרג 3

אין יענע טעג... וואָלף ווילענסקי. לאָמיר זיך דערמאָנען... ג. קעניג. אונדזערע באַפרייַער 16
גוויִעס־איידעס 24
מוישע טייף. דער סטאַרשינאַ צאַלע שיק (באַלאַדע) . . 29
שמועל גאָרדאָן. פרילינג (ראָמאַן. פאָרזעצונג) . . . 31
צום 75־סטן געבורטסטאָג פון מוישע אַלטמאַן 61
מוישע אַלטמאַן. מאָניש (אַ פאָלקס־שפּיל לויט די מאָטיוון פון י.־ל. פּערעץ) 62
ראָכל בוימוואָל. דאָס מיידעלע (פּאָעמע) 95
נויעך לוריע. די אונטערשטע שורע (דערציילונג) . . 103

טריבונע פון לעבן

שירע גאָרשמאַן. אין סיבירער קאַנט (רייַזע־נאָטיצן) 120

ליטעראַטור און קונסט

50־טער יאָרצייַט פון י.־ל. פּערעץ. ייִסראָעל סערע־בריאַני. אַ וויכטיקער בייַטראָג אין דער פּערעץ־פאָר־שונג. הערש רעמעניק. י.־ל. פּערעץ און שאָלעם־אַליכעם. כ. נאַדעל. צו דער פּערעץ־ביבליִאָגראַפיע 130
ה. ראָזען. מיכאַיל שאָלאָכאָוו (צום זעכציקסטן געבורטסטאָג) 143
מוישע אַלטשולער. „מילכאָמע" 145
מוישע נאָטאָוויטש. יאַשע בראָנשטיין 150
פון דער שעפערישער לאַבאָראַטאָריע. יאַנקעוו שטערנבערג. מייַנע ענטפערס. אויזער האָל־דעס. טרוימען, טרוימען... 154
בלעטערנדיק זשורנאַלן און צייַטונגען 156
לייב פּולווער. אַ פּיליזייַטיקער קאָמפּאָזיטאָר 159
כראָניק 132, 142, 144
נאָטיצן אויפן קאַלענדאַר 160

הויפּט־רעדאַקטאָר
א. ווערגעליס.
רעדקאָלעגיע:
ה. אַשעראָוויטש, אי. באָרו־כאָוויטש, א. גאָנטאַר, מ. טייף, נאָטע לוריע, מ. לעוו (פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר), ב. מילער, י. פאַליקמאַן, ס. פּרייַ, י. ראַבין, ר. רובין

זיי האָבן אָפּגעגעבן
דאָס לעבן פאַרן היימלאַנד

אין צוואַנציקסטן יאָרטאָג פונעם זיג איבערן פאַשיסטישן דײַטשלאַנד דערמאָנען מיר די העלדן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע, אונדזערע שלאַכט־כאַוויירים, וואָס האָבן זיך ניט אומגעקערט אהיים.

מיר רופן הײַנט אויף צום וואָרט די אומגעקומענע ייִדישע סאָוועטישע דיכטער. מיר ווייסן, אַז נאָך זייער טויט האָבן זיי אָף קיין רעגע ניט פאַרלאָזט די לעבעדיקע רייען פון אונדזער ליטע־ראַטור, און דאָך־ווילט זיך הײַנט ספּעציעל זיי אַלעמען צוזאַמען אופרופן, קעדיי זיי אַליין זאָלן ריידן מיטן לייענער.

צוזאַמען מיט די דיכטער דערמאָנען מיר די נעמען פון די געפאַלענע אין פאַרביטערטע שלאַכטן שרײַבער — פּראָזאַיִקער, קריטיקער און ליטעראַטור־פאָרשער — פּייסי אַלטמאַן, מוישע אַראָנסקי, שמועל גאָדינער, מוישע גאָלדשטיין, אַרן גורשטיין, מוישע גערשענזאָן, איציק גרינזײַד, מוישע דובילעט, מאָטיע דעכטיאַר, אַרן וואָראָבייטשיק, מייער ווינער, נאָטע ווײַנהויז, צאָדעק טוזמאַן, כאַיִם יעלין, נאָכעם סאָלאָוויי, עליע קאַהאַן, דאַוויד קורלאַנד, י. רימיניק, נעכעמיע שמאַין.

אויך אין זייער נאָמען וועלן הײַנט ריידן די געפאַלענע דיכטער.

שמועל ראַסין

צו דער מוזע

ניט וואָרט, ביזוואַנען ס׳וועט פאַרבײַגיין
דער שטורעם דער בייזער, — ניט וואָרט!
עס טאָרן די מוזעס ניט שווײַגן,
ווען ס׳הענגט איבער וועלט די געפאַר.

ווען ס׳טראָגט זיך און קראַכט אינדער־לופטן
דער גרויל פון דער פינצטערער קראַפט,
דאַן זײַנען די מוזעס באַרופן
צו וועקן און רופן אין שלאַכט!

זיי דאַרפן קאַנאָנען פאַרטויבן,
פאַרטרײַבן פון אומקום דעם גרויל,
דאָס וואָרט דאַרף דעם מענטשן דערהויבן,
ס׳איז שטאַרקער דאָס וואָרט פון אַ קויל.

איז וואַך אויף, מײַן מוזע, און וואָרן,
ווי פײַלן די ווערטער צעשיק
און גיס אָן די הערצער מיט צאָרן
און צינד אָן מיט ליבשאַפט דעם בליק.

רײַס זיך דורך דורך די שוואַרצע געוועבן,
די לופט די פאַרשטיקטע דערפריש
און מאָן פאַר די מענטשלעכע לעבנס,
וואָס וועלן פאַרדאַרבן אומזיסט,

וואָס וועלן געיאָגט און געטריבן
אַף קורבן, אַף טויט און פאַרלענד,
וואָס וואָלטן נאָך לעבן און ליבן
און שאַפן אַזויפיל געקענט.

איז טראַג, ווי אַן אָדלער, זיך שטורמיק,
מײַן מוזע, דורך טאָלן און בערג
און וואָרן, עס זאָל זיך דער קורבן
צו אונדז ניט דערטראָגן אהער.

און וואָרט ניט, ביזוואַנען פאַרבײַגיין
דער שטורעם דער בייזער, — ניט וואָרט!
עס טאָרן די מוזעס ניט שווײַגן,
ווען ס׳הענגט איבער וועלט די געפאַר.

4 יאַנוואַר 1941

ס'וועט א שאָד זײַן

כאַפּט אַן אומרו מיך אַרומעט,
און איך פֿרעג זיך שטילערהייט:
ווען דער שטורעם־טאָג וועט קומען,
ביסטו צו אים גרייט?

ביסטו גרייט אָן קיין שום טײַנעס —
אויב סאַקאָנע רוקט זיך אָן —
ברענגען אים דעם לעבן דײַנעם
און אוועקשטעלן אין קאָן:

פֿאַר דעם לאַנד, דער ערד דער גאָרער
און פֿאַר אונדזער שײַן...
כאָטש דער ענטפֿער איז א קלאָרער —
איין ענטפֿער קאָן נאָר זײַן!

מיטן גאַנצן לעבן גרייט כ'בין,
און ווי שווער מיר זאָל ניט זײַן,
כ'וועל זיך מיט מײַן קינד צעשיידן,
שיידן מיט מײַן ליבסטן פֿרײַנט.

נאָר אין הארץ גייט דורך א ציטער,
און אַן אומרו מיך באהערשט —
ס'וועט א שאָד זײַן מיר די לידער,
די, וואָס דאַרפֿן קומען ערשט.

פֿעווראַל—מײַ 1941

●



מוישע כאַטשעוואַצקי

* * *

ע. פֿינינבערגן

שוין אָפּגעשוימט און אָפּגערוישט
געלעכטער, רייד און וויין;
אף ווײַסן פֿענצטער־בײַשטידל זיך
לייגט א בלויע שײַן.
אין שמאָלן, שטילן צימערל פֿון
ריזיק־גרויסן הויז
פֿון אַלע געסט — א הײַפֿעלע געבליבן
איז שוין בלויז.
עס שלאָפֿט די שטאָט די ריזיקע אין
נאַכטיש שווערן פֿלעט.
קיין שטיין אף גאַסן לײדיקע האָט
טראָט נאָך ניט געוועקט.
און מיר דאָ — וואך און אָנגעשטרענגט —
מיר הערן שטילע אים,
דעם דיכטער, וועלכער לייענט מיט
אַן אָפּגעהאַקטער שטים.
ער לייענט שטיל און זינגעוודיק
מיט הארץ־ווייכן מאָטיוו,
ער ציט די ווערטער צאַפּלענדיק
פֿון אָפּגרונטיקער טיף,
ווי גלײַך אונדז, דאָ פֿאַרזאַמלטע
פֿון שלאָפֿנדיקער שטאָט,
ער וואָלט געוואָלט פֿאַרטרויען אונדז
אַן אומהיימלעכן סאָד...
מיר אַלע זײַנען דיכטער דאָ, פֿאַרליבט
אין ווערטער־קלאַנג,
און ס'זאָגט די פֿרוי די דיכטערן
פֿאַר אַלעמען: א דאַנק!
אף ברייטן פֿענצטער־בײַשטידל שוין
פֿאַלט א ווײַסע שײַן,
און לידער דורכגעלייענטע נאָך
שיקערן ווי ווײַן.
אין גרויסער שטאָט אין ריזיקער,
אין שלאָפֿנדיקן הויז
איין קליין פֿאַרלאָרן הײַפֿעלע —
עס וואַכן דיכטער בלויז...

1928

* * *

דו מײַן זון מײַן איינציקער, מײַן
עלטסטער,
זון בלאָנדהאָריקער מיט ליכטיק־גרויען
בליק, —
ניט אף רויִקע און פֿרידנספֿולע רעלסן
איז פֿון אָנהייב אָן אוועקגעשטעלט
דײַן וועג[1].
ניט אין רו־צײַטן, — אין ברען פֿון
הייסע שטרײַטן
ביסטו אונדז געקומען אף דער וועלט, —
שפּילעוודיקער, פֿלינקער און פֿאַרשײַטער,
ווייסט א סאַך, נאָר מערער נאָך דיר פֿעלט.
ווײַל איך הײַנט, אז ווייסן זאָלסט אף
שטענדיק,
כאָטש ניט אַלט ביסט נאָך קיין זיבן
יאָר —
יענע שטרײַטן האָבן זיך נאָך ניט
געענדיקט

[1] מוישע כאַטשעוואַצקיס זון איז שפּעטער, אין דער מילכאָמע, געווען אפֿן פֿראָנט. ער איז, ווי דער טאַטע, אומגעקומען אין שלאַכט.

און פאר שטרײַטן וואקסט נאָך דאָר
נאָך דאָר.
קוק, ווי נעפּלען קומען און פארשווינדן,
זע, ווי וואָלקנס בלײַען דאָ אין היץ, —
ווייס, עס וועלן אומדערוואַרטע ווינטן
אָנקומען מיט דונער און מיט בליץ.
ווײַל איך כאַטש, אז אויב דאָס וועט
געשעען, —
און געשעען וועט עס אַף געוויס, —
זאָל עס טרעפן דיך א גרויסן שוין
אין רייען
אַף די אייגענע, אַף דײַנע שטאָלצע פיס.
אז אין אויג זאָל דעמאָלט שטאָל
שוין בלאַנקען,
און דאָס הארץ זאָל שלאָגן הארט און פעסט,
אז זאָלסט קענען שוין א שטארקער
און א שלאַנקער
אופנעמען געהעריק בייזע געסט.
און ביז דעמאָלט, איינציקער און ליבסטער,
זאָל קיין אומרו ניט פארטונקלען דײַן
פארשטאַנד.
ס'וועט ביז דעמאָלט קאָנען דיך באשיצן
מוטערס שויס און פאָטערלעכע האנט...

1928

בוזי אַליעווסקי

מיר זײַנען קליינערהייט געוואָרן גרויס

אין ווײַטן וואלד א ווײַטע זון גייט אויס,
א הויכער שטערן ווערט אין נאכט
געבאָרן...
מיר זײַנען קליינערהייט געוואָרן גרויס,
און ווייסט דער רועך, ווו זײַנען זיי, די
יאָרן!..

מײַן ברודער איז אוועק, — לעבט ער
שוין ניט מער.
געבליבן א שינעל, א קעסעלע א מעשנס.
און ס'ליגט אצינד זײַן קאלטער
רעוואָלווער —
דער טויט אליין, א שווערער, אין
מײַן קעשענע.
א יאָר, א יאָר — אוועק און ניט געבליבן,
געדענקען ניט דעם וועג און קומען
ניט צו מיר...
מיך האָט אופגעוועקט א קליינינקן פון
וויגל
אן אופגעפלאצטע באָמבע בא מײַן טיר.
און איצט איז שטיל, און רויִק שלאָפן
קינדער,
א שטילער אָוונט וויגט זיך איבער זיי,
און טאטעס בייגן קעפּ, פארשאָטענע
מיט ווינטער
און פאר דער צײַט פארווייעטע מיט
שניי...

און א דערוואקסענער איך גיי אצינד
ארויס,
און פול און איבערפול איז מײַן זיקאָרן:
מיר זײַנען קליינערהייט געוואָרן גרויס,
און ווייסט דער רועך, ווו זײַנען זיי,
די יאָרן!..

1928

אין צוזאמענוווינונג

סע שלאָפט זיך ניט. פארשנורעוועט די
ציין,
איך זינג אין זיך מיט צוגעמאכטע אויגן,
איך גיי אראָפּ אין טונקלעניש אליין,
און טוליע צו דעם קאָפּ צו פרירנדיקע
שויבן.
כ'באטראכט דעם דיל, די
אויסגעווײַסטע ווענט,
דעם צימער, ווו כאווירים מײַנע שלאָפן:
אַט שלאָפט וואסיל, צוקאָפּן מיט די הענט,
און דער זיריאַן, דער אײַנוווינער פון
צאָפּן,
פון דער געגנט קאָמי, ווו די הויכע
שטערן
ווײַזן אָן די וועגן צו דעם ווײַסן יאַם,
ווו צו ברעגן שטרענגע אַף די ווײַסע
בערן
גייט אין יאגד אין שווערן שטענדיק
דער זיריאַן.
און זײַן ערד — א וויסטע, און די
זון — א רונדע,
און די זון א שווערע דרייט אין יאַם
זיך אום;
און זײַן גוואר דער טאטע אין דער
טויבער טונדרע

אונטער הויכן צעדער זינגט א ליד
דער זון...

און אין צימער שטיל איז. און מע
ליגט צעצויגן —
יעדערער פארגורטעט רויק אין זיין בעט,
דער קאלמיק דער יונגער מיט די
שמאלע אויגן,
מיט די ברייטע קינען אין דער
פינצטער רעדט —

רעדט פון אסטראכאנער אנגעהיצטע
סטעפעס,
ווו קאלמיקן האבן יורטעס און קומיס,
ווו די קעמלען כראמטשען
אויסגעדארטע שטשעפעס,
מאלאגיירען רויק אף די הויכע פיס...

און קאלמיקן אלטע האבן שטרענגע
ברעמען,
ווי די ליד די שטרענגע וועגן
טשינגיס־כאן,
און די גרינע כוואליעס, ווי הארבאטע
קעמלען,
טראגן מיט דער וואלגע פיש קיין
אסטראכאן...

און פון ברייטער וואלגע רעדט אצינד
מיין כאווער,
פון זיין היים זיין גרויסער רעדט
אצינד וואסיל.
ס'כאלעמט זיך דעם באכער דער
אלטער יאראסלאוול
און די נייע פאבריקע, וואס ארבעט
אויס טעקסטיל...

און טויזנט ווי׳ארסט פון מאסקווע,
צען טויזנט פון קאמי,
ווייט פון הויכע בערג און ווייט פון
בלויע יאמען,
בא א שליאך א ווייסן, לעם דער
שטאט זשיטאמיר,
איז פאראן א יישעוו, איז פאראן
א מאמע...

...ליגן די כאווירים, ליגן אויסגעצויגן,
און די טישן ליידיק, און דער דיל איז
הויל.
עפנט דער קאלמיק אוף זיינע שמאלע
אויגן,
שטייט אוף דער זיריאן און עפנט אוף
דאס מויל.

ווערט די ליד פון פעלקער אזוי
רוישיק עפעס,

אז איך זינג פאר אלע — פארן פאלק
פון קאמי,
פאר די אסטראכאנער און קובאנער
סטעפעס
און פאר גרינע דערפער ארום שטאט
זשיטאמיר,
פאר דער פולער וואלגע, פאר דעם
צאפן־צעדער,
פאר די יאראסלאווער און דובראוונער
וועבער...

1930

מאטל הארצמאן

צום דיכטער

דו זאלסט נאר איין פארלאנג פארמאגן,
פון הארץ צו הארץ זאל גיין דיין קלאנג.
איין פאקעל גאלדענעם זאלסט טראגן:
צום פאלק א פייערדיק געזאנג.

און דו דארפסט זיין די דינע פידל
אין הענט אין ערלעכע פון פאלק,
דיין יעדעס ווארט פון האס און ליבע
דארף זיין צושטייער זיין דערפאלג.

דו שטעל זיך פון דעם פאלק ניט העכער,
עס איז זיין גליק דיין גליק געגארטס,
דו ביסט זיין ווייַן און ביסט זיין בעכער
און זיינע ליפן און זיין הארץ.

1939

* * *

ווען שלוימע געגאנגען איז זיכער אין
קריג,
איר בילד האט אים דעמלט געגעבן
זיין הייסע געליבטע — א גאלדענע בריק
זיך ציט פון איר הארץ צו זיין לעבן.

און אומגעקערט האָט ער דאָס בילד
אירס און דאַן
געזאָגט איר: „איך וועל עס ניט נעמען,
אין הארצן בא מיר איז דײַן אויסזען
פאַראַן,
דײַן אָדלערשער פלי פון די ברעמען.

מײַן הארץ וועט געדענקען דײַן בילד,
ווי א טרייסט,
איך האָב עס אין הארצן פארשלאָסן,
נאָר אויב זשע איך וועל דיך פארגעסן,
טאָ ווייס —
מײַן הארץ האָט דער סוינע צעשאָסן".

1939

הערשל דיאַמאַנט

די שוועסטערלעך זינגען

די שוועסטערלעך שיילן קאַרטאָפליעס
און וואַרפן די שאָלעכץ אין פאַרטעך
און זינגען אַזוינע פאַרבענקטע:
„פערדעלעך, טײַערע, וואַרט ניט.

א קויל האָט דײַן כוואַר געטראָפן,
איז לויף און דערציילט עס מײַן ליבער".
די שוועסטערלעך שיילן קאַרטאָפליעס
און וואַרפן זיי גלײַך אינעם קריגל.

דוכט מיר, אַז דאָרט אף די שנייען,
אונטער דערפרוירענע שטערן,
וויל אופשטיין דער רויטער אַרמייער
און קאָן זיך ניט אופהייבן מערער.

און מיטאַמאָל פאַר די אויגן:
פעלדער פאַרווייטע, פאַרדרייטע,
האָט זיך א מאַמע פאַרבויגן
צו עפּעס א גוף א פאַרשנייטן.

ניין, כ'זאָג צו זיך: ס'איז ליגן.
אָט זע איך פאַר זיך אינעם שפּיגל,
עס האָט זיך מײַן מאַמע פאַרבויגן
צו ווײַסע און דינע פאַרסטריגעס.

מײַן מאַמע איז איצט אַזאַ גרויסע,
און ס'דאַכט, זי איז שענער און יינגער,
זי קוקט אינעם פינצטערן דרויסן
און צערטלט דאָס גרעט מיט די פינגער

און זינגט אף א פּאַשעטן יידיש
פון עפּעס א טרויער א שוואַרצן,
און ס'גייען צונויף זיך די לידער
און לייגן זיך אָן אף מײַן הארצן.

איז וואָס זשע, וואָס איז דאָס, א ליגן?
צי איז דאָס ניט מער ווי א מײַסע?
עס שווימען צוויי וואַרעמע ניגנס
און פאַלן צום גרעט צו דעם ווײַסן.

און ס'זינגען די שוועסטערלעך שטאַרקער
פון ווײַטע און נאָענטע העלדן.
מײַן אַלטינקע מאַמע פאַרלאַטעט
אונדזערע קינדערשע העמדער.

1936

נאָענטקײַט

די שטילקײַט איז ווײַט און איז העל,
עס פינקלען די טויִקע טראָפּנס;
וועקגעשטעלט האָט זיך אין פעלד
א טונקל־פאַרלאָשענער טאָפּאָל.

דערברענט נאָך אַן איינציקע צווײַג
און בלײַבט אינעם פײַער א גאַנצע,
א וואָלקן פאַרגייט אין דער ווײַט,
אין ראָזע, אין ליכטיקע קאַנטן.

און איך גיי אַציינדער אַהיים,
איך גיי פון דער אַרבעט דער שפּעטער,
דורך אונדזער קאָלווירטישן היי
איז שטיל אַזוי, רויִק דער וועטער.

עס קלינגט אין קאָלווירטישן הויף
דאָס ווײַטע, דאָס קופּערנע גלעקל.
דאָס טראָגן די מענטשן אַרויס
די וואַרעמע פולע געמעלקן.

דאָס האָט מען פאַריגלט די שטאַל
און אַלע בעהיימעס פאַרטריבן,
נאָר זייערע טלאָען אין וואַלד
זײַנען פאַרצייכנט געבליבן.

ווי דורך אזא וואַרעמען ווינט,
וואָס טראָגט זיך אין גריבע קאָלירן,
גיי איך; מײַן רו איז אצינד
בא אָונטיק־אָפענע טירן.

און אָט גייט מײַן מאמע ארויס
באגיסן די קרויט בא איר שטיבל,
איז אָפן די טיר און דאָס הויז
אנטקעגן די פעלדער געבליבן.

זי גייט אינעם גאָרטן אראָפּ,
ווּ מאָן־קוויטן ראָזעווע בלִיען,
און ס׳כאפּן זיך אָן אירע האָר
אין לופטיקן גאָלד פון דער שקִיע.

און איך שטעל זיך אָפּ בא דעם בוים,
וואָס האלט נאָך א צווײַגל אין פײַער.
גרויסער פארלאָשענער בוים,
אויך דו ביסט מיר נאָענט און טײַער!

1936

יאשע זעלדין

א נײַ הויז

גאסן פליסן מיר אנטקעגן,
הײַזער הויערן פאר מיר —
איך האָב שליסלען צווּי געקראָגן,
צו א טויער, צו א טיר.

ווילט זיך טומלען און בארימען
און דערציילן קליין און גרויס:
כ׳האָב באקומען הײַנט א צימער
אין א שפּאָגל־נײַעם הויז.

לויף איך אומעט, ווי א זיגער,
גאס ארויס און גאס ארײַן, —
כ׳בין א היגער, כ׳בין א היגער,
שטאָט איז מײַן און אלץ איז מײַן.

מעג שוין קנאקן בייזער ווינטער
און זיך רײַסן פון דער הויט, —
ס׳איז דאָס ערגסטע שוין אהינטער,
און פאָרויס איז בלויזע פרייד.

יאָג ניט, טראָג זיך ניט, קאָנדוקטאָר,
שטעל מיר אָפּעט דײַן טראמוויי.
„בירגער ווירדיקע, וואָס קוקט איר?
מאכט אן ערטעלע מיר פרײַ!

רוקט זיך, האָט ניט קיין פאריבל,
ס׳איז פון פאָרנט נאָך געראַם, —
בירגער ווירדיקע און ליבע,
לאָזט, איך פאָר צו זיך אהיים“.

1934

* * *

מײַן שארפע שיף האָט שיקער זיך
פארכלינעט,
מיט אומגעדולד פארציטערט האָט
דער ראנד.
דער צופלוס גייט א רײַכער און א גרינבער
און וועקט די לופט מיט שוימיקן געזאנג.

געווּג, געווּג בא אויסגעצערטע ברעגן
אף מיטווינטן אף הילפיקע געווארט.
דער צופלוס גייט געלאָדן מיט באוועגונג
און טראָגט אונדז מי און פריידיקע
געפאר.

טאָ זײַט געזונט, איר האָרעפּאשנע פישער,
און ניט דערמאָנט מײַן נאָמען דאָ צו בייז.
עס האָט שוין לאנג מײַן יוגנט זיך געריסן
צום האָריזאָנט אף ווּיגנדיקן שויס.

טאָ נעמט אײַך אָפּ די אָפּגעדינטע שכונע,
און נאט אײַך אָפּ די אָפּגעניצטע נעץ.
איך האָב א היים א נײַע זיך געפונען —
אף בלאָען יאם א שווימענדיקע נעסט.

מײַן שיף, מײַן שיף, מײַן שנײַדיקע
און שלאנקע,
זי בלוטיקט שוין מיט אופגייענדער זון
און רײַסט זיך שוין פון הענגענדיקן
אנקער,
וואָס האָט זיך פעסט פארשניטן אינעם
גרונט.

1929

לייב טאַלאַלײַ

אַף אַ „פּריוואַל"

אַף דעם גרינעם גראָז בין איך געזעסן,
שוואַרצן ברויט האָב איך געשמאַק געגעסן
און מיט וואַסער פון דער קרענעצע
פּאַרטרונקען,
און איך האָב אין זיך אַ ליד געזונגען.
כ'האָב דעם קאָלנער פון מײַן העמד
צעשפּיליעט,
קומט צו גיין אין פעלד אַ ווינט אַ שטילער,
וויגט דאָס גראָז, קילט אָפּ דעם הייסן
שטערן,
וואָס איז נאַס געוואָרן פון דעם וועג דעם
שווערן.
אויסגעטאָן די ווײַס־פּאַרשטויבטע באָטעס,
שטייען זיי — אין אַלעמענס געראָטן.
ס'ליגט דאָס היטל — זע איך, אַפן דאַשעק
אײַלט אין ערגעץ זיך אַ מאַנינקע
מוראַשקע...
אַפן האַרצן אין אַזעלכע רעגעס
איז אַזוי, ווי נאָך אַ גוטן רעגן —
פריש און שטיל. די וועלט איז ברייט און
ליכטיק.
עס דערמאָנען זיך אַלץ פרײַלעכע
געשיכטעס:
אָט בין איך אַ קינד געווען — אַ ברעקל.
די כאַווײרים פלעגן שטענדיק שרעקן:
— זײַן אַ רויטאַרמייער וועסט ניט קענען,
אין פּעכאָטע וועט מען דיך ניט נעמען.
— וואַרט אַ ווײַלע, — פלעג איך צו זיי
זאָגן, —
איך וועל אויסוואַקסן און אײַך דעריאָגן...
הײַנט איז דרײַ און צוואַנציק יאָר געוואָרן
פון דעם ערשטן טאָג פון מײַן געבאָרן.
די כאַווײרים קען איך הײַנט דערפרייען:
כ'בין דאָס צווייטע יאָר אַ רויטאַרמייער.
וויפל נעכט אין קאַראָול געשטאַנען

דאָ אין פעלד און ערגעץ ווײַט פונדאַנען.
ס'האָבן ווײַסע שנייען אונדז באַפאַלן,
דונערן — געטויבט מיט זייער קנאַלן.
וויפל אָנגעזען זיך ליכטיקע באַגינענס,
היטנדיק די רו פון מײַן מעדינע.
עס וועט קיינער אין דער וועלט ניט זאָגן,
אַז אומזיסט האָב איך די ביקס געטראָגן.

1940

שמועל העלמאַנד

און ביז מײַן אויג איז אָפן

און ביז מײַן אויג איז אָפן צו דער
גרויסער וועלט,
און ביז מײַן מענטשלעך האַרץ האָט
זיך ניט אָפּגעשטעלט,
און ביז מײַן אויער איז נאָך אופכאַפּן
באַשערט
די וווּנדערלעכע קלאַנגען פון דער ערד,
און ביז מײַן מויל איז פול מיט אָטעם
און מיט קראַפט
צו טרינקען פון איר קוויט, צו זויגן
פון איר זאַפט, —
באַזינג, מײַן האַרץ, דעם מענטש מיט
פאַרב און קלאַנג
און וואַרף זיך פאַר זײַן גליק מיט דײַן
געזאַנג.

1938

האָסט מיך געלערנט...

האָסט מיך געלערנט גלייבן מענטשן,
ליב האָבן אי קינד, אי קײַט,
האָסט מיך געלערנט דרייסטקײַט בענטשן,
ניט גלייבן אין קיין פּוסטע רייד.

האָסט מיך געלערנט שטעכן טרעפלעך,
האָסט שיסן אויסגעלערנט גוט,

די כײַע אַפּוואַשן מיט בלוט,
בא איר דעם רוקנביין צעברעכן.

געלערנט האָסט דעם טרוים און וואָר
אין גרויסן פײַער איבערשמעלצן
און טראָגן זיך אין ווײַטן שנעלצוג
מיט דרייסטע קינדער פון מײַן דאָר.

בין איך איצט גרייט אין היץ און קעלטן,
אין שווערן אָטעם פונעם יאַם,
אין גרויסן בראַך פון אַלע וועלטן,
מײַן פּאָנעם אָפּשפּיגלען אין פלאַם.

1941

שימען גאָלדענבערג

א שטורעם

ס'איז אומעטיק געוואָרן מיר אצינד.
א שטילע בענקעניש עס לייגט זיך
אף מײַן הארצן.
אין צימער מײַנעם קומט ארײַן דער ווינט,
דורך שויבן קוקט די נאכט ארײַן די שווארצע.
מיך פרייט ניט די געמיטלעכקײַט פון היים,
דאָס שטיפערײַ פון קינד, זײַן זאָרגלאָז שפּילן.
איך הייב זיך אוף פון אָרט און לאָז זיך גיין
און שטעל זיך פּלוצעם אָפּ — עס פּאָלגט
מיך ניט מײַן ווילן.
לאנג, נאָך לאנג עס בלײַבט מײַן שאָטן שטיין
מיט אופגעהויבענע מיט ברייטע אָרעמס,
אין גרויסער שטילקײַט כ'הער זיך צו אליין,
ווי ערגעץ טיף אין מיר עס שטילט זיך
אײַן דער שטורעם.

1937

רוווע רייזין

מיט דער נײַער מי און פּראַצע

לידער נאָענטע צום הארצן, דורכגעטראָגן
אפן נאקן
בא דער פּראַצע, וואָס איז שווער און
איז אין לײַב טיף אײַנגעבאקן.
ווי די ציגל אפן קארק, האָב איך
געטראָגן אײַך אין הארצן,
וואָס האָט יאָמטעוודיק געאָטעמט אונטער
קלייד דעם וואָכיק־שווארצן.
לידער באם סטאנאָק פארצייכנט אף די
פּאַק־פּאַפּירן הארטע
מיט די ברודנע פארבן־שפּורן פון די
פינגער פעט־באַפּארבטע,
איר — די ווערטער פון מאשינס
אָנווערטערדיקע פרייד און צאָרן,
רייד פון לאנג באַפּארבטן מויער, וואָס
דערמאָנט דעם מאַליערס יאָרן.
לידער אפן דאך! אמאָל, ווען כ'האָב
צום פּענדזל זיך פארבויגן,
פון פארטראכטן זיך אין אײַך בין איך
פון דאך־ברעג שיר געפלויגן.
און מיט אָט דעם זעלבן צאַפּל, וואָס
באם פלי פון דאך־שפּיץ יענעם,
פלעגט זיך פון א פּערז באם טיש א
גרויל טאָן אָפּט אין האנט די פּענע.
לידער נאָ'נטע! דאָ אין צעך, וואָס איז
באנײַט און אָטעמט דרייסטער,
וועל איך אויכעט אײַך באנײַען:
רײַכער, פארביקער און ברייטער.
נאָר ווי דעמאָלט, וועל איך איצטער
דורכטראָגן אײַך אפן נאקן
מיט דער נײַער מי און פּראַצע, וואָס
אין מיר איז אײַנגעבאקן.
1934

זכאריע בארסוק

מײַן מאמע

ס'איז מײַן מאמע א פּילאָט,
פליט זי אין די הייכן,
ביזן העכסטן וואָלקנדל
וועט זי הײַנט דערגרייכן.

ווען אין בעטל ליג איך נאָך,
ס'איז נאָך פרי, באגינען,
פליט אוועק מײַן מאמע שוין
די זומער־זון געפינען.

1935

ז. בארסוקס פאָטאָ האָט זיך, ליידער, ניט פאר־היט. אויב זי איז בא עמעצן פאראן, בעטן מיר זי צושיקן אין רעדאקציע.

שלוימע לאַפּאַטע

לידער

קעגן גאָלד פון זון גייט אויף דאָס גאָלד
פון ווייצן,
קעגן גאָלד פון זון גייט אויף מײַן גאָלדן
גליק.
נײַע האַריזאָנטן רופן מיך און רייצן,
נײַע לידער זינג איך, יידישער מוזשיק.
קיינער פרעגט נישט, קיינער: ווער
איך בין, פונוואַנען?
זון איז מײַן הודאָק, און פעלד איז
מײַן פאבריק.
נעכטן — ווײַטע שכיינים, הײַנט —
שוין אזוי באַענט:
אוקראַינער פויער, יידישער מוזשיק.
קעגן גאָלד פון זון גייט אויף דאָס גאָלד
פון ווייצן,
קעגן גאָלד פון זון גייט אויף מײַן
פרייד, מײַן גליק.
נײַע האַריזאָנטן רופן מיך און רייצן,
נײַע לידער זינג איך, יידישער מוזשיק.

1928

אַרן באַראַדיאַנסקי

א רעגן

א רעגן גייט, א רעגן זינגט,
א רעגן זינגט, די רינוועס קלינגט,
א מיידל פלינק צו רינווע לויפט,
זי שטעלט דעם עמער און אנטלויפט.

דער סאָד איז נאַס, די פרוכטן — נאַס,
ווערט שטיל דער רעגן — לאַכט די גאַס,
מיט וואַסער פול, די מעזשע פול, —
עס גייען קינדערלעך פון שול...

1939

א כאַלעם

געכאַלעמט האָט זיך הײַנט באנאַכט
דעם סאָד,
אז ס'גייען ייִנגלעך אָפּטרייסלען זײַן
פרוכט,
זיי קלעטערן אף ביימער שטיל ארויף
און טוען די אנטאָנאָווקעס א שאָט;
האָט אזש א הונט די גאַנצע נאַכט
געהווילט,
און ס'האָט א הונט די גאַנצע נאַכט
געבילט...

נאָר אין פאַרטאָג האָט זיך דער סאָד
דערמאָנט,
אז ס'איז געווען א כאַלעם און א שפּיל, —
אז יענע ייִנגלעך זײַנען שוין ניטאָ,
אז יענע ייִנגלעך זײַנען שוין ניט ווילד.

1940

שימען לעלטשוק

ערשטער שניי

צום צוואנציקסטן מאָל,
אַז איך פריי זיך מיט דיר,
ערשטער שניי, ווײַסער גאַסט,
בא דער שוועל פון מײַן טיר.

אין פריילעכן שיטן
דו הוידעסט זיך שטום.
און ס׳דוכט מיר, מײַן קינדהייט
זיך קערט צו מיר אום.

א כאַלעם א זיסער
די באַקן מיר בריט:
שניי-קוילן, שליטעלעך,
פּראָסט אונטער טריט.

א שניי-מענטש, און —
אַלץ איז אוועק אזוי גיך —
אָט שפּילן זיך קינדער,
ווי שפּילן פלעג איך.

און פּלוצעם גאָר ווער איך
אליין ווי א קינד:
איך שטיף מיטן שניי
און איך יאָג נאָכן ווינט.

עס ווילט זיך מיר לאַכן,
ווײַל אַלץ מיר געפעלט.
די שנייען פאַרשיטן
די גאַנצע וועלט.

די פעלצער, די גאַסן,
די וועלדער, די ווײַט,
מײַן כאַווערטעס פּנים,
וואָס קוועלט אויך פאַרשײַט.

א שנייעלע קוש איך אראָפּ
פון איר ליפּ.

און גוט איז מיר איצטער,
וואָס איך האָב זי ליב.

באַזינג איך דעם גאַסט,
וואָס שטיפט בא מײַן טיר.
צום צוואנציקסטן מאָל,
אַז איך פריי זיך מיט דיר...

1939

בערל קאַראַבייניק

גוט איז אין סטעפּ

עס האָט אינעם סטעפּ מיך געפונען
מײַן הונט דער פּאַטלאַטער.
זײַן אומרויִק בילן צעטראָגט זיך אין
נאַכטישער ווײַט.
די נאַכט איז א שטילע,
די נאַכט איז א גרינגע,
די נאַכט איז ווי זײַד.
געקומען צו מיר דער פּאַטלאַטער,
א כאַווער געפונען אין פעלד,
און קוקט מיט די פײַכטלעכע אויגן
צו מיר אין דער האַנט.
סע שיטן זיך שטערן,
ווי ווײַנטרויבן שיטן זיך שטערן אָט דאָ,
אין מײַן קאַנט.
שטערן!
ווי גוט איז אצינדער די שטילקייט
צו הערן!
ווי גוט איז אצינדער אין סטעפּ
ביז קאַיאָר אזוי שטיין!
ווי גוט איז אצינדער מיט באָרוועסע פיס
צו שפּאַנען אַף שטעכיקער סטערניע!
די נאַכט וועט א שטילע, א גרינגע
אינגיכן פאַרגיין,
אין בלוי וועט דער טאָג זיך צעוואָרפן
אַף שטעכיקער סטערניע...

1937

הענעך שוועדיק

עס קרייען הענער

וואָס איז רירנדיקער,
וואָס איז שענער,
וואָס קען דײַן האַרץ
זײַן מערער נאָ׳נט,
ווי דער פּלוצלינגדיקער
קריי פון הענער
אפן סאמע
מיטן פראָנט.
צווישן שווידערלעכן פײַף פון מינעס
און רעוועניש
פון קנאַלנדער האַרמאַטן־שטים
קלינגט דאָס קרייען
דאָ
אײַנמיטנדרינען
אזוי האַרציק
און אזוי אינטים.
וואָס טויג מיר ס׳ליד
פון סאָלאָווייען
און פּלייטן־פײַף
און פידל־שפּיל,
אויב דאָס הייזעריקע
פּראָסטע
קרייען
וועקט אין מיר אזא געפיל.
אז נאָר פאַרויס
דאָס האַרץ עס בעט זיך
אי דורך פײַער,
אי דורך בלוט
צו דעם ווײַסרוסיש־ייִדישן שטעטל,
וווּ געוועזן איז מיר גוט.
וואָס איז רירנדיקער,
וואָס איז שענער,
וואָס קען דײַן האַרץ
זײַן מערער נאָ׳נט,
ווי דער פּלוצלינגדיקער
קריי פון הענער
אפן סאמע
מיטן
פראָנט.

1942

* * *

האָסט ווען געזען א פעלד פון קאָרן
אין ווייכן יולי־אָפּדערנאַכט? —
עס שטייען זאַנגען שלאַנק און דין.
די זון איז אַן א קלאַנג פאַרגאַנגען.
באַוווּנדערסט שטיל דאָס פעלד פון
קאָרן —
ווי שיין, ווי פײַערלעך־פאַרטראַכט!
גאָר פּלוצלינג כאַפּט זיך אוף א ווינט,
און ס׳נעמען שעפּטשען זיך די זאַנגען...
האָסטו געזען א יאַם פון קאָרן —
א יאַם פון קאָרן אין א ווינט?
דאָס קאָרן כוואַליעט זיך און יאָגט,
וווּ זאָלסט דײַן דאַרשטיק אויג ניט ווענדן.
דו טו זיך נאָר א וואָרף אין קאָרן,
וועט דיך א כאַפּ טאָן, ווי א קינד,
און וועסט נאָר פילן, ווי דיך טראָגט
צום האָריזאָנט, צו בלויע ענדן...

1939

הענעך קויפמאַן

אין ווײַסן נעפל

אין ווײַסן נעפל פאַרכלינען זיך די
לאָנקעס בא סויפּון.
אף ווײַטן מיזרעך־וואַלד איז אופגעגאַן
די זון.
אַן ערשטער שטראַל טאַנצט אום אין
בליקן פון מײַן פערד,
וואָס הערט זיך אײַן אין סוידעס
פונעם טײַך און פון די בערג.

כ׳האָב ליב מײַן קאנט, וואָס ליגט
צעשײַערט אין באגינענדיקן גאָלד,
דעם רויש פון וואסערפאלן בלויע און
די פאנזעס אינעם טאָל...
כ׳געדענק: אין קלײנעם דערפעלע, אין
לאנד פון קארשן און פון בעז,
האָב איך אמאָל ארופגעקלעטערט אף
דעם העכסטן פעלדז.
בא פיס געקלונגען האָט דער דניעפּער
שטאָלץ און יונג.
נאָר ס׳האָט געצויגן מיך צו מיזרעכדיקן
אופגאנג פון דער זון,
אהין, ווּ ס׳קלינגט די טײַגע און דער
גרויסער אָקעאן,
צו נײַע שטעט, וואָס זײַנען ליב און
אומבאקאנט.
דער דניעפּער האָט אין הארצן
בענקשאפט-כוואליעס דאן צעשוימט,
און שפּעט אין אָוונט האָב איך לאנג
פון דיר געטרוימט.
ס׳איז יענער טרוים שוין לאנג א וואָר.
אין יאָגנדיקן ווינט,
אף שייד-וועגן פון קאנט — יאָגט
אום מײַן פערד געשווינד.
און איצט אף העכסטע סאָפּקעס שטאָל
איך אָן די האנט
און היט די רו, דאָס ברויזנדיקע
לעבן פון מײַן קאנט.

1938

כאַים דושאצקי

דער פּאָרזיצער פון קאָלווירט

ס׳איז שפּעט...
די ווײַזערס שלעפן שוין די נאכט
צו צוועלף...
ס׳איז גרין די נאכט, עס בליט דער
בעז אין יון,
אָט זיצט א מענטש, ווי אויסגעהאקט
פון ערד,
א ברייטפּלייציקער, א ברוינער יונג.
אף טישל ליגט זײַן טאָרבעלע מאכאָרקע.
א לעמפל ברענט, פון די ווִיעס איז
אוועק דער שלאָף.
ער זעט אין פענצטערל — עס טרײַבט
דער ווינט די וואָלקנס,
ווי א צעפּאטלט פּאסטעכל — די שאָף.
ס׳איז שטיל אין שטוב, די געלע שײַן
צעפליסט זיך,
און זײַן ציגאר אף ליפּ העגנגט ניט
דערויכערט.
דער מענטש האָט פּאָרזיכטיק צעלייגט
אפן טישעלע דעם יִישעוו
און אף די הענט האָט ער צעלייגט
די רויערד.
אָט ציט זיך צו דעם פעלד א פּארטיע
טראקטאָרס,
ער רוקט דאָס לעמפל אָפּ, ער זאָל זיי
ניט פארשטעלן...
און פלוצעם פילט ער אזא ווארעמקײַט
אין נאקן,
און אין די אויגן איז געוואָרן עפּעס
העלער...
ער זעט: ס׳גייט אוף זײַן לעבן דאָ
אין רײַפן טוי.
און ווּ ער קומט, ער טרעפט א גוטן
כאווער.
די נאכט האָט אזא פרישקײַט אָנגעהויכט
פון גרינעם שטשאוועל.

1939

ארל האָפּשטיין

אָט אזוי געבוירן ווערן הײמען

ווען דער ערשטער האָט געזאָגט: ס׳א הײם!
האָבן וועלדער זיך צערוקט דערשראָקן.
ס׳האָט א מוטער דאָ פארוויגט איר קינד
איר קלײנס,

אונטער איר עס הוידעט זיך איר שאָטן.
ס'האָט די האַק דערלאַנגט אין שטאַם פון
בוים —
אָפּגעדונערט האָט אין ווילדע וועלדער.
און באַנאַכט אין שווײַגנדיקן רוים
האָבן שײַטערס הייסע די ווילדעניש
באַהעלט דאָ.
אין די בײַדלעך מיד באַהאַלט מען זיך
פון ווינט,
און עס ברענען אַלץ די שײַטערס
נאָך די קלאָרע.
קומען שטיבלעך צו, ווי ציינדלעך בא
אַ קינד,
און דערנאָך דאָ ווערן סטעזשקעלעך
געבאָרן.
ס'קומען פרײַנט, און ליכטיקער עס ווערט,
ס'ווערט אַ גאַס, און מענטשן ווערן
שכיינים.
אָט אזוי באַוווינט מען זי, די ערד,
אָט אזוי געבוירן ווערן היימען...

1938

●

וועלוול רעדקאַ

יוגנטלעכער אומרו

עס דורשט מײַן האַרץ, און שווער איז
מיר דעם דורשט פאַרטרײַבן,
און ניט באַגרײַפֿער אומרו שטענדיק
מיך באַוואַכט...
מיט אומרו ניט באַגרײַפֿטן אַף אייביק
צו פאַרבלײַבן —
אין טײַערסטע מינוטן געטרוימט האָב
איך, געגאַרט.
איך בין נאָך יונג, ווי פרילינג-סאָד
צעצוויטעט איז מײַן יוגנט,
מיט שטראַלן זויבערע באַלויכטן איז
מײַן וועג,
פון קליינוויז אָן האָב איך מיט גאָר
זיך ניט באַנוגנט,
פון שטענדיק עפּעס שולדיק כ'בין
פאַרגייענדיקע טעג...

1940

●

שמועל אײַזנוואַרג

* * *

(פון ציקל „אָשער שוואַרצמאַן")

זעכציק לידער, זעכציק פערל,
פול מיט קראַפט און זאַפט באַלאָדן,
אופגעצילט האָסט אַף דײַן שווערד,
אַף דײַן העלן לעבנס-פאָדעם:
וועגן בלומען, וועגן זאַנגען,
וועגן פרייד און וועגן טרויער,
וועגן אַלע צאַרטע קלאַנגען,
וואָס געשפּירט ט'דײַן הירשן-אויער.
וועגן שטאָלצער ליד פון לעבן,
וועגן שטראַל מיט גינגאָלד-ליפּן,
וועגן יוגנט, וועגן שטרעבן,
וועגן בענקשאַפט, וועגן ליבע.
ווער די ליבע דיך פאַרוויגן,
ווען דער בייזער סוינע לויערט?
האָט דאָס האַרץ דײַנס אויסגעשריגן
וועגן סוינע בא דעם טויער!
מיט דער לעצטער פון די לידער
אינעם ריזיקן געראַנגל,
מיט די מענגעס מוירדים-ברידער
ביסט אין סרייפע-נאַכט געגאַנגען.
ס'האָט אין שלאַכט זיך אויסגעלאָשן
העלער פלאַם פון יונגן האַרצן...
נאָר עס לעבט דער נאָמען אָשער
און עס לעבט דער נאָמען שוואַרצמאַן.

1937

אין יענע טעג...

אין יענע טעג, אין די טעג פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע, איז פרײַנטשאַפט צווישן מענטש און מענטש, צווישן פאָלק און פאָלק געווען דאָס שאַרפסטע געווער אין די שלאַכטן קעגן פאַשיזם. די צוויי דערינערונגען, וואָס מיר דרוקן דאָ, זײַנען דורכגעזאַפּט מיטן געפיל פון אָט דער שלאַכט־פרײַנטשאַפט.

וואָלף ווילענסקי איז הײַנט אַ פּאָלקאָווניק פון דער סאָוועטישער אַרמיי. ג. קעניג איז שעף־רעדאַקטאָר פון דער פּאַריזשער פּראָגרעסיווער יידישער צײַטונג „נײַע פּרעסע“. צוויי אָנטיילנעמער פון דער מילכאָמע — מענטשן פון פאַרשיידענע לענדער, יעדערער מיט זײַן גורל און מיט זײַן באַרוף. אָבער דער פּאַטאָס פון ביידנס דערינערונגען איז די גרויסע באַפרײַונגס־מיסיע פון דער סאָוועטישער אַרמיי.

ווּלף ווילענסקי

פּאָלקאָווניק, העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד, מיליטער־קאָמיסאַר פון דער שטאָט קאַונאַס.

לאָמיר זיך דערמאָנען...

אָט איז ער געקומען, דער גרויסער יאָמטעוו — דער צוואַנציקסטער יאָרטאָג פונעם ניצאָכן איבערן היטלעריסטישן דײַטשלאַנד, און מיר האָבן זיך ווידער באַגעגנט, מיר, די געוועזענע שלאַכטלײַט, קאַמפס־ און פראָנט־כאַווײרים, איצט שוין געעלטערטע, מיט העכער געוואָרענע שטערנס און שיטערערע האָר, מיט צוגעקומענע קנייטשן אויף די פּנעמער, אַנדערע שוין גרוילעכע, פּולבלעכע... מיר וועלן הייבן אַ טאָסט פאַר אונדזער רומפולן סאָוועטישן היימלאַנד, פאַר זײַן אויפבלי. מיר וועלן הייבן אַ טאָסט פאַר אונדזער זיגרײַכער סאָוועטישער אַרמיי און מיר וועלן זיך דערמאָנען... זיך דערמאָנען אין יענע גרויזאַמע טעג און יאָרן.

דאָס רעוו פון מײַנע פראָנט־כאַווײרים זײַנען איצט מענטשן פון ציווילע פּראָפעסיעס. איך בין געבליבן אַ מיליטערמאַן. בייס איך פאַרטראַכט זיך, וואָס האָט דערצו גורעם געווען, שווימט מיר שטענדיק אויף אין זיקאָרן אַ דערינערונג פון דער קינדהייט.

בא מײַן זיידן אין שאַקי, אַ קליין שטעטל אין ליטע, איז געשטאַנען אויפן קאָמאָד אַן אײַנגערעמלטע פאָטאָגראַפיע פון זײַן זיידן, אַן עלטערן ייִד אין אַ יאַרמלקע מיט אַ גרויסער באָרד אויש ביז דער ברוסט, אויף וועלכער עס זײַנען געהאַנגען פיר געאָרגי־קרייצן, פאַרדינטע פאַרן אַנטייל אין שלאַכטן בעמעשעך פון די 25 יאָר דינסט אין דער צאַרישער אַרמיי... מײַן עלטערזיידן האָבן די שטעטלשע גערופן „וועלוול דער אייביקער סאָלדאַט“. מיר האָט מען אַ נאָמען געגעבן נאָך אים... בייס איך פלעג אַלס ייִנגל קומען פון קאָוונע צוגאַסט צו מײַן זיידן, פלעג איך אָפּט זיך פאַרקוקן אויף דער פאָטאָ פון דעם „פולן געאָרגיִעווסקן קאַוואַליער“. מײַן קינדערשע פאַנטאַזיע פלעגט זיך צעשפּילן. איך האָב זיך אין מײַן דמיון געזען פאַר אַ סאָלדאַט, וואָס ווייסט ניט פון שרעק. דאָס שטעטל שאַקי איז דאָך געלעגן האַרט בא דער געוועזענער דײַטשישער גרענעץ, און אויף יענער זײַט האָט שוין געבושעוועט די ברוינע פאַשיסטישע פּעסט...

איך האָב זיך געלערנט פאַר אַ טאָקער און געאַרבעט אויף אַ פאַבריק. געטרוימט האָב איך וועגן אַ מיליטערישער קאַריערע. ס'איז געווען ניט מער ווי אַ טרוים. אַ ייִד, און דערצו נאָך אַן אַרבעטער, — אויף וואָס האָב איך דען געקאָנט אויסרעכענען אין דער פאַשיסטישער ליטע? איך

פלעג זיך וווּנדערן, ווען מע האָט דערציילט, אַז אין סאָוועטנפאַרבאַנד זײַנען דאָ אַ סאַך ייִדישע העכערע אָפיצערן און אַפילו גענעראַלן. כ׳דערמאָן זיך, וויפל רייד ס׳איז געווען אַרום דעם גענעראַל, דעם צווייִ מאָל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד יאַנקעוו סמושקעוויטש, וועמעס עלטערן עס האָבן געלעבט אינעם ליטווישן שטעטל ראַקישקיס...

נאָר ווען ליטע איז געוואָרן סאָוועטיש...

שוין אין די ערשטע טעג פון דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע איז אונדז, קורסאַנטן פון דער ווילנער מיליטערישער אינפאַנטעריע־שול, אויסגעקומען אַרײַנצוטרעטן אין שווערע שלאַכטן. אונדזער טייל האָט געדאַרפט זיך אָפּרײַסן פון די אָנגרײַפנדיקע, ביז די ציין באַוואָפנטע היטלעריסטן, קעדיי צו פאַרנעמען נײַע קאַמפּס־פּאָזיציעס און צוגרייטן זיך צו אַן עפעקטיוון ווידערשטאַנד. געפונען האָבן מיר זיך דעמלט לעבן מאָלאָדעטשנע, באַ אַ בריק איבער דער ווילִיע.

ס׳איז געווען דער דריטער טאָג מילכאָמע. באַגינען האָבן מיך אַרויסגערופן דער שעף פון אונדזער מיליטער־שול סאָקוראָוו און דער קאָמיסאַר ליבקינד, פאַרגעלייגט אָפּקלײַבן נאָך נײַן מאַן לויט מײַן אײַנזען. די גרופּע האָט געדאַרפט פאַרהאַלטן דעם סוינע באַ דער בריק אַזוי לאַנג, ווי מעגלעך, און פאַרלאָזן די פּאָזיציע נאָר דאַן, ווען אַ טאַנקען־גרופּע וועט קומען אונדז פאַרבײַטן אָדער ס׳וועט געגעבן ווערן דער באַפעל אָפּצוטרעטן.

— מיר פאַרלאָזן זיך אויף דיר... — האָט צוגעגעבן דער קאָמיסאַר צום סאָף פון שמועס.

די צוויי מענטשן מיט צייכנס פון פּאָלקאָווניקעס אויף די גימנאַסטיאָרקעס זײַנען געווען ערנסט און שטרענג. נאָר אין די ניט אויסגעשלאָפענע אויגן זייערע האָט זיך באַהאַלטן אַ פאַטערלעכע וואַרעמקייט און אומרו פאַר אונדזער גורל. נאָכן אָפּגעבן דעם באַפעל האָבן זיי מיך אַרומגענומען, געווונטשן האַצלאָכע.

...מיר האָבן פאַרנומען אַ גוט געשיצטע פּאָזיציע, זאָרגעוודיק פאַרמאַסקירט דעם קוילנוואַרפער „מאַקסים״. קוילן־לענטעס האָבן מיר געהאַט ניט ווייניק. און דאָך האָט אַ שווער געפיל געדריקט דאָס האַרץ: צי וועלן מיר זי אײַנהאַלטן, די פּאָזיציע? וועט מען זיך ביכלאַל אין אונדז דערמאָנען? די ערשטע טעג פון קריג האָבן דאָך געבראַכט אַזויפיל אַנטוישונגען...

פונעם בערגל, ווו איך בין געלעגן, האָב איך דײַטלעך געזען די אָנגעשטרענגטע פּנעמער פון מײַנע כאַווירים. ניט ווײַט פון מיר, באַם קוילנוואַרפער, ליגט דער טאַטער סײַפולין — אַ קליינוווּקסיקער, מיט אַ טונקל פּאָנעם, שמאָלבלעכע פינקלענדיקע אויגן. ער איז שטענדיק ערנסט, קאַלטבלוטיק. איצט איז ער פאַרטראַכט.

לעבן סײַפולינען ליגט אונדזער אַלעמענס ליבלינג — דער הויכער, פעסט געבויטער אוקראַיִנער יאַשע נאַזאַרענקאָ, אַ פרייִלעכער יונג, שטענדיק מיט אַ וויץ אין קעשענע. ווען ער שמייכלט, אַנטפּלעקט ער אַ מויל פּערל־ווײַסע ציין. און שמייכלען שמייכלט ער אָפט. באַ דער צווייטער זײַט פונעם קוילנוואַרפער — דער שטילער, באַשיידענער, עטוואָס פאַרכאָלעמטער איזיע פרידבערג.

אָט זע איך דעם ליטווינער גאָשטאַוטאַס. ער רייכערט געלאַסן און וואַרט אויף אַ באַפעל.

אַ ביסל ווײַטער שפּירט נאָך דעם סוינע אַ באַהעלטעניש אונדזער אומצעטיילבאַר דרײַלינג — דער ליטווינער סיפּאַוויטשוס, דער גרוזין טשינבאַדזע און דער רוס אָסיפּאָוו. אַלע דרײַ — מענטשן מיט גאַנץ פאַרשיידענע כאַראַקטערן. ס׳איז שווער געווען צו זאָגן, וואָס פאַרייניקט זיי. נאָר שטענדיק זײַנען זיי געווען צוזאַמען — בייס די לימודים, אין דער פרײַער צײַט און אויך איצט...

פון דער אַנדערער זײַט וועג, נעענטער צו דער בריק, האָבן פאַרנומען אַ פּאָזיציע דער ליטווינער יאַנטשוליס און דער רוס קרוגלאָוו. זיי האָב איך ניט געקאָנט גוט זען פון מײַן באַאָבאַכטונגס־פּונקט.

מײַנע כאַווירים האָבן אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען, ווי שווער און געפערלעך עס איז די אויפגאַבע, געוווּסט, מיט וואָס אַלץ קאָן זיך ענדיקן. עס בלײַבט נאָר צו צוגעבן — ווען כ׳האָב גענומען צוקלײַבן מענטשן פאַר דער דאָזיקער אָפּעראַציע, האָבן זיך אַלע געמאָלדן פרײַוויליק.

מיר ריידן ווייניק. יעדערער איז פאַרזונקען אין זײַנע מאַכשאָוועס. עפּשער טראַכטן די כאַווירים, אַז דער אײַנציקער קוילנוואַרפער, די פּאָר אויטאָמאַטן, די עטלעכע ביקסן און האַנטגראַנאַטעס, וואָס מיר פאַרמאָגן, זײַנען ניט גענוג, אַז מע וואָלט געדאַרפט אויפרײַסן די בריק, נאָר מיר האָבן ניט מיט וואָס... מיר האָבן די מילכאָמע ניט געוואָלט. זי איז געקומען פאַר אונדז אומגעריכט...

צווערשט האָבן מיר דערזען די היטלעריסטישע מאָטאָציקליסטן, וועלכע האָבן לאַנגזאַם זיך אַראָפּגעלאָזט צו דער בריק פון אַ הויכן באַרג. הינטער זיי האָבן זיך באַוועגט עטלעכע טאַנקען, און נאָך ווײַטער — פולע לאַסטמאַשינעס מיט אויטאָמאַטלער.

ארופגעלאָזט די מאָטאָציקליסטן אַף דער בריק, האָט זיך צו זיי גענומען סײַפּולין. באַ די פּאַשיסטן איז געוואָרן אַ בעהאָלע. די טאַנקען האָבן זיך אויסגעקערעוועט צוריק, ניט דערגייענדיק צו דער בריק. אויסגעקליבן אַ באַקוועם אָרט, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט און געעפנט אַ פײַער. אויך די פײַנטלעכע אויטאָמאַטלער, וועלכע האָבן זיך געהאַט אַ וואָרף געטאָן אַף דער ערד, האָבן זיך גענומען צום געווער. מע האָט אונדז גענומען באַשיסן פון האַרמאַטן און מינענוואַרפערס. אַ געדיכטער רויך האָט אײַנגעהילט אַלץ אַרום. שווער געווען עפּעס צו זען. כ׳האָב אָבער באַמערקט, אַז די היטלעריסטן באַוועגן זיך ווידער אין אונדזער ריכטונג. אָט איז זייערער אַ טאַנק אַריבער די בריק און געפינט זיך שוין אַף אונדזער זײַט. פּלוצעם — אַן אויפרײַס! פון טאַנק האָט אַרויסגעזעצט אַ פײַער. נאָך אַן אויפרײַס, און דער טאַנק שטייט שוין אינגאַנצן אין רויך און פלאַמען. וויאַזוי? ווער האָט אים אויפגעריסן?

ניט ווײַט פון אונדזער קוילנוואַרפער איז געפאַלן אַ מינע. איינער פון אונדזערע כאַווײרים איז געהאַרגעט געוואָרן. איזיע פרידבערג! ניטאָ מער איזיע!

און איבערן בריק פּויזען, ווי גרינע ווערעם, מאַכנעס היטלעריסטן. סײַפּולין! פאַרוואָס שווײַגט דער קוילנוואַרפער? סײַפּולינס האָר, דאָס פּאָנעם, ער אינגאַנצן זײַנען אָפּגעשאָטן מיט ערד. עפּשער איז ער פאַרווונדעט? איך וויל זיך שוין וואַרפן צום קוילנוואַרפער. נאָר דאָ האָט סײַפּולינס קוילנוואַרפער גענומען שטעפּן, און די בריק איז פאַרזייט געוואָרן מיט פּאַשיסטישע פּגאַרים. די לעבן געבליבענע האָבן אָפּגעצויגן.

אינגיכן האָבן די דײַטשן, מאַשמאָעס, זיך געכאַפּט, אַז קעגן זיי קעמפט אַ קליינע גרופּע סאָוועטישע סאָלדאַטן. זייערע טאַנקען האָבן ווידער זיך אַראָפּגעלאָזט צו דער בריק און הינטער זיי — אַ געדיכטע קייט אויטאָמאַטלער. איך האָב געוווּסט: לאַנג וועלן מיר ניט אויסהאַלטן. נאָר קעמפן וועלן מיר ביזן לעצטן טראָפּן בלוט... מיטאַמאָל האָבן די דײַטשישע טאַנקען גענומען רײַסן סנאַריאַדן. זייערע אויטאָמאַטלער האָבן זיך ווידער געוואָרפן צו דער ערד. די באַוועגונג פון דעם סוינע איז אָפּגעשטעלט געוואָרן. וואָס איז געשען?

— ווו איז דער קאָמאַנדיר פון אײַער גרופּע? — צו אונדז האָט צוגעפּויזעט אַן אויסגעשמירטער אין אייל און סאַזשע סאָוועטישער טאַנקיסט, אַ יונגער יאַט מיט פריילעכע קינדערשע אויגן.

יאָ, אונדז איז געקומען פאַרבײַטן אַ טאַנקען־גרופּע! מיר האָבן די אויפגאַבע אויסגעפילט און דאַרפן איצט דעריאַגן אונדזער טייל. ניט לײַכט איז געווען זיך רירן פון אָרט. די היטלעריסטן האָבן באַ דער קלענסטער באַוועגונג געשאָטן מיט אַ האָגל קוילן. איינציקווײַז, פּויזענדיק אַף די בײַכער, זײַנען מיר אָפּגעטראָטן און זיך באַגעגנט ערשט העט־ווײַט פון דער בריק. ס׳האָבן אָבער געפעלט די כאַווײרים, וואָס האָבן פאַרנומען די פּאָזיציע אַף יענער זײַט וועג. עפּשער האָבן זיי ניט באַמערקט מײַן סיגנאַל אָפּצוטרעטן?

עמעצער האָט געמוזט זיך אומקערן נאָך זיי. וועמען שיקן? באַם ברעג קאָכט נאָך די שלאַכט. מיר האָבן איבערגעלעבט דעם אומקום פון אונדזערן אַ כאַווער. מיר אַליין זײַנען קוים מיטן לעבן אַרויס. און איצט ווידער אין פײַער!

סײַפּולין האָט פּאַמעלעך אַראָפּגענומען זײַן סאָלדאַטיש זעקל פון דער פּלייצע און, ניט אויסריידנדיק קיין וואָרט, אַוועקגעקראָכן צו דער בריק. שווײַגנדיק האָט דאָס זעלבע געטאָן נאַזאַרענקאָ.

— די איבעריקע בלײַבן אַף אַן אָרט. — האָב איך געמוזט באַפעלן, זעענדיק, אַז דאָס דרײַלינג האָט זיך אויך גענומען צו די רוקזעקלעך.

מיט האַרצקלאַפּעניש האָבן מיר געוואַרט אַף אונדזערע כאַווײרים. לאַנג געוואַרט. ס׳האָט שוין גענומען מוטשען אונדז אַ בייז פּאַרגעפיל. נאָר אָט זײַנען זיי! אָבער נאָר זאַלבעדריט. ניטאָ יאַנטשולים. באַ קרוגלאָוון איז דורכגעשאָסן די האַנט. ער האָט אונדז דערציילט וועגן דעם, וואָס מיר האָבן ניט געקאָנט זען. דעם היטלעריסטישן טאַנק האָט מיט אַ האַנט־גראַנאַטע אונטערגעצונדן און אויפגעריסן יאַנטשולים. דערבײַ איז ער שווער פאַרווונדעט געוואָרן אין בויך. ווען ער האָט באַמערקט מײַן סיגנאַל אָפּצוטרעטן, האָט ער זיך גענומען בעטן באַ קרוגלאָוון, יענער זאָל גיין און אים לאָזן אַליין, ווײַל סײַווי שטאַרבט ער. קרוגלאָוו איז אָבער געבליבן לעבן דעם פאַרווונדעטן ביז דער לעצטער מינוט. ווען עס זײַנען געקומען די שליכים, האָבן זיי דעם העלדיש אומגעקומענעם כאַווער אָפּגעשלעפּט ווײַטער פון ברעג און געבראַכט אים צו קווורע.

מיר זײַנען אָפּגעטראָטן. מיר האָבן אָבער אַף קיין רעגע ניט געצווייפלט, אַז מיר וועלן זיך אומקערן, אַז מיר וועלן אָנגרײַפן מיטן פּאָנעם אַף מײַרעוו...

זומער 1944. ווײַסרוסלאַנד איז שוין באַלד באַפרײַט. עס שטייט אונדז פאַר אַ שלאַכט. געווינענדיק זי, וועלן מיר אַרופטרעטן אַף דער ליטווישער ערד. יעדער איינער פון אונדז האָט אָנגע־

שטרענגט געקוקט אַף דער קאַרטע, געוואָלט זיך איבערצייַגן, ווי ווייַט עס איז ביז זייַן געבורטשטאָט אָדער ביז זייַן דאָרף. יעדן האָט געפּייַניקט איין געדאַנק, צי וועט ער אין דער היים געפינען עמעצן פון זייַנע אייגענע.

די שלאַכטלייַט פונעם באַטאַליאָן, מיט וועלכן איך פיר אָן, ברענען פון אומגעדולד. זיי ווילן אָנגרייַפן... די פאַשיסטן האָבן זיך אָבער פאַרפעסטיקט. עטלעכע אונדזערע אַטאַקעס זייַנען אָפּגעשלאָגן געוואָרן. האָט מען באַשלאָסן אויסניצן דאָפּקע די זומפּן, וועלכע דער סוינע האָלט פאַר זייַן זיכערסטער שוץ... דאָרט, וווּ עס וועט ניט דורכפאָרן ניט קיין מאַשין, ניט קיין פור, דאָרט, וווּ באַ יעדן טראָט זינקען די פיס, האָבן די שלאַכטלייַט פון מייַן באַטאַליאָן געדאַרפט דורכגיין.

באַלאָדענע מיט קוילנוואַרפערס, מינענוואַרפערס, קעגנטאַנקען־ביקסן, האָבן שווער געשפּאַנט די סאָלדאַטן. ס'האָט געברענט די היץ. דער דאָרשט האָט געמאַטערט, אָבער איינער הינטערן אַנדערן האָבן מיר שטיל, געדולדיק געשפּאַנט צום ציל. באַ אונדזער ראַדיסטקע גיטעלע יאַכעליס איז פון אָנשטרענגונג אַזש ווייַס געוואָרן דאָס נעזל און אירע בעקלעך האָבן געפלאַמט.

כ'האָב אַף די אָנגעשטרענגטע פּנימער פון די סאָלדאַטן אַרויסגעלייענט אַנטשלאָסנקייַט, קאַמפּס־גרייטקייַט און צופרידנקייַט: מיר גייען דאָך שוין באַפרייַען אונדזער ליטע!

אַף יענער זייַט זומפּ, באַם ראַנד פון וואַלד, האָבן מיר דערזען אַ פּייַנטלעכן קוילנוואַרפער און לעבן אים צוויי געמיטלעך רייכערנדיקע דייַטשן. מע האָט זיי געדאַרפט פאַרניכטן גיך און אָן ראַש. שטיל איז עס אָבער ניט דורך. איינער פון די דייַטשן האָט פאַרן אָפּגעבן גאָט די נשמה באַוויזן אויסצושיסן אין דער לופט. כ'האָב אופגעהויבן מייַן פּילאָטקע אַלס צייכן אָנצוגרייַפן.

אַ זאַלפּ פון אַלע מינים געווער, וואָס מיר האָבן געהאַט מיט זיך, אַ שטורמישער אויסגעשריי „הוראַ!" האָבן זיך דורכגעטראָגן איבערן לעצטן שטיקל זומפּ, און אײדער די היטלעריסטן האָבן פאַרשטאַנען, וואָס עס טוט זיך, זייַנען מיר שוין געווען אין וואַלד...

ווי נאָר גיטעלע האָט איבערגעגעבן דורך ראַדיאָ אין פּאָלק, אַז מיר שלאָגן זיך אין וואַלד, האָט מען אָנגעהויבן דעם סוינע אַטאַקירן אויך פון פראָנט. ס'האָט געפלאַקערט די שלאַכט. אונדזערע אויטאָמאַטלער האָבן זיך געריסן פאָרויס. דער קאָמסאָרג פונעם באַטאַליאָן לייזער זשאַבינסקי האָט זיך אוועקגעיאָגט נאָך אַן אָפּטרעטנדיקער גרופּע דייַטשן. כ'האָב אים נאָכגעשיקט אַ פּאָר אויטאָמאַטלער. און אָט קומט זשאַבינסקי אָן, פירנדיק אַ גוטן צענדליק געפאַנגענע פאַשיסטן...

באַטאָג איז שוין די שלאַכט געגאַנגען צו ענד. פאַר מיר איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ אַ היטלעריסטישער פּאָדפּאָלקאָווניק, דער קאָמאַנדיר פונעם צעשמעטערטן פייַנטלעכן באַטאַליאָן.

— אַף וואָס פאַר אַ שפּראַך ריידן די מענטשן? — האָט ער געפרעגט באַ דעם איבערזעצער.

דערהערט, אַז דאָס איז אַ ליטווישער טייל פון דער סאָוועטישער אַרמיי און אַז די סאָלדאַטן ריידן ליטוויש, האָט ער זיך זייער פאַרוווּנדערט און ניט געוואָלט גלייבן. אונדזער איבערזעצער, דער סערזשאַנט מייער וואַרשאַווסקי, האָט, ווייַזט אויס, באַשלאָסן אָנצוטאָן דעם היטלעריסט נאָך אַ גרעסערע „האַנאָע" און האָט צוגעגעבן, אַז דער קאָמאַנדיר פון באַטאַליאָן, פאַר וועמען ער שטייט, איז אַ ייִד פון קאָוונע, קען אַליין גוט דייַטש און אויב ער, דער דייַטשישער פּאָדפּאָלקאָווניק, וויל, קען ער זיך ווענדן צום מאַיאָר, ס'הייסט צו מיר, דירעקט, אָן דער הילף פונעם איבערזעצער.

דער היטלעריסט האָט אינגאַנצן פאַרלוירן דאָס לשון. געקומען צו־זיך איז ער ערשט אין שטאַב פון דער דיוויזיע. אַף דער פראַגע, וויאַזוי מע האָט אַזוי לייַכט צעקלאַפּט זייַן מיליטער־טייל, האָט ער געענטפערט:

— מיך האָבן אַרומגערינגלט טויזנט אויטאָמאַטלער, וועלכע זייַנען, ווי די שיידים, אַריבער די זומפּן. איך האָב געהאַט בלויז קנאַפּע זעקס הונדערט מאַן.

אונדזער דיוויזיע־גענעראַל האָט זיך צעלאַכט. ער האָט דאָך גוט געוווּסט, אַז מיר זייַנען בעסאַכאַקל געווען הונדערט זיבעציק „שיידים".

טיף אין האַרבסט 1944 זייַנען מיר דערגאַנגען ביז נעמאַן, האַרט באַ דער אַלטער דייַטשישער גרענעץ. ליטע איז שוין פּאַקטיש געווען באַפרייַט. געבליבן איז אָפּצוראַמען פון סוינע די האַפן־שטאָט קלייַפּעדע. די אָפּטרעטנדיקע דייַטשן האָבן זיך געריסן פון דאָרט קיין מיזרעך־פּרייסן, צו דער שטאָט טילזיט (איצט סאָוועטסק), קעדיי איבער די דאָרטיקע בריקן אַריבערגיין דעם נעמאַן. אַ גאַנצע אָפּטרעטנדיקע עסעס־דיוויזיע האָט זיך אָנגעשטויסן אַף אונדזער באַטאַליאָן. ס'האָט זיך צעפלאַקערט אַ קאַמף ניט אַף לעבן, נאָר אַף טויט. גענוג צו זאָגן, אַז דער וואַלד, וווּ מיר זייַנען געשטאַנען, איז בעמעשעך אַ מעסלעס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צעאַקערט פעלד.

און דאָך האָבן מיר די פאַשיסטן ניט דורכגעלאָזט. דאָס האָט זיי נאָך ווילדער געמאַכט. זיי האָבן אַף אונדז געשיקט זייערע „טיגרען" און „פערדינאַנדן". ניט ווייַט פונעם אָרט, וווּ איך האָב זיך געפונען, איז אומגעקומען דער גאַנצער פערסאָנאַל פון אונדזערן א שווערן קוילנוואַרפער. די היטלעריסטן האָבן דערשפּירט, אַז דער דורכגאַנג איז פרייַ, און האָבן זיך געלאָזט אַהער. כ'האָב זיך א וואָרף געטאָן צום קוילנוואַרפער און גענומען קאָסיען די פאַשיסטן. מייַן געהילף איז געפאַלן, איך בין פאַרוווּנדעט געוואָרן, אָבער ניט אַפּגעלאָזט דאָס געווער. דער דראַנג פונעם סוינע איז אויך דאָ אָפּגעשטעלט געוואָרן.

ווי לאַנג וועלן מיר זיך אָבער קאָנען האַלטן? עס גייען אויס די קויכעס. עס גייען אויס די קוילן און סנאַריאַדן. און די היטלעריסטן שפּאַרן און שפּאַרן.

ס'האָט אופגעהערט זיך וויצלען דער שטענדיק פריילעכער פּאָדפּאָלקאָווניק כאַכלאָוו. ס'איז בעעמעס געוועזן ניט פריילעך. פלוצעם דערהער איך, ווי עמעצער פרעגט:

— וווּ איז דער מאַיאָר ווילענסקי?

— מיר לעבן! — האָט אָנשטאָט מיר אויסגערופן כאַכלאָוו.

צו אונדז האָט געפּויזעט אַן ארטילעריסט, דער קאָמאַנדיר פון א דיוויזיאָן שווערע האוביצעס. ער האָט באַקומען דעם באַפעל אונדז ארויסצוהעלפן. מייַן פאַרבינדלער פּאַוולאָוו, א מאָרדווין, האָט מיר שפּעטער א גליקלעכער איבערגעגעבן, אַז דער דאָזיקער דיוויזיאָן איז אַן עמעסער „אינטערנאַציאָנאַל". אונדז צוהילף זייַנען געקומען פאַרשטייער פון פופצן נאַציאָנאַליטעטן.

די עסעסאָווצעס האָבן זיך ניט דורכגעריסן. מיר האָבן זיי פאַרניכטעט. קיין שום קראַפט אין דער וועלט האָט ניט געקאָנט ברעכן אונדזער אַנטשלאָסנקייַט.

א סאַך סאָלדאַטן, סערזשאַנטן און אָפיצערן זייַנען פאַר דער שלאַכט באַם נעמאַן באַלוינט געוואָרן. צווישן די פיר, וואָס האָבן באַקומען דעם טיטל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד, בין איך אויך געווען.

די לעצטע טעג פון דעקאַבער 1944. מיר האָבן זיך געשלאָגן אין לעטלאַנד, וווּ עס האָט געדאַרפט ליקווידירט ווערן די קורלענדישע גרופּירונג פון די היטלעריסטן. אין איינעם א קאַלטן און כמורנעם נאָכמיטיק איז צו אונדז אין ערדשטיבל אַרייַן דער געהילף פונעם אַרמיי־קאָמאַנדיר, אַן עלטערער גענעראַל, און געפרעגט, וווּ איז דער קאָמאַנדיר פון פּאָלק. איך האָב געטראָגן א וואַטאָווקע אַפן אָפיצערישן מונדיר, און מייַן ראַנג האָט דער גענעראַל ניט געזען. כ'האָב זיך פאָרגעשטעלט, אָפּגעראַפּאָרטירט. איך בין דאַן אַלט געווען סאַכאַקל 25 יאָר, און אין דער וואַטאָווקע האָב איך אויסגעזען נאָך ייִנגער. דער גענעראַל האָט לעכאַטשילע זיך פאַרוווּנדערט און, ליבלעך שמייכלענדיק, געבעטן אים ווייַזן „מייַן ווירטשאַפט". א פּאָר שאָ זייַנען מיר אַרומגעקראָכן איבער די טראַנשייען, באַקוקט אונדזערע פּאָזיציעס, אָפּגעשאַצט די לאַגע. דאַן זייַנען מיר ווידער אַראָפּ אין ערדשטיבל, זיך געזעגנט מאַכן געוויסע אויספירן פון דער אינספעקציע.

ווען איך האָב אויסגעטאָן די וואַטאָווקע און דער גענעראַל האָט דערזען מייַנע אויסצייכענונגען, האָט ער פּאָטערלעך א זאָג געטאָן:

— מיר דאַכט, מייַן ליבער, אַז אָרדענס האָסטו שוין גענוג. זאָלן איצט אַנדערע פאַרדינען אָרדענס, און דיך וועלן מיר שיקן זיך לערנען. אין אַקאַדעמיע.

די מאָסקווער מיליטערישע אַקאַדעמיע אַף פרונזעס נאָמען האָב איך פאַרענדיקט שוין אין די יאָרן פון שאָלעם. ס'איז מעקוייֶם געוואָרן דער טרוים פונעם אורייניקל פון „וועלוול דעם אייביקן סאָלדאַט"...

כ'בין איצט א פּאָלקאָווניק און איך בין גליקלעך דערמיט, וואָס איך קאָן אַלע מייַנע קויכעס און קענטעניִשן אָפּגעבן אונדזער סאָציאַליסטיש היימלאַנד.

ג. קעניג

שעף־רעדאַקטאָר פון דער פאַריזשער „נייַער פּרעסע״, געוועזענער שלאַכטמאַן פון דער פראַנצויזישער אַרמיי ביים צווייטן וועלט־קריג.

אונדזערע באַפרייַער

אַנגעהויבן האָט זיך עס פלוצלינג. אינמיטן דער נאַכט האָבן אונדז אופגעוועקט טויבע אָפּהילכן פון קאַנאָנען־שאָסן. מיר זייַנען אַרויס פון די באַראַקן. ווייַט, גאָר ווייַט, האָבן זיך באַמערקט גאַנץ קליינע ליכטלעך, אָן אָפּשייַן פונעם פראָנט־פייַער.

אינדערפרי איז שוין געווען קלאָר: די סאָוועטישע אַרמיי דערנעענטערט זיך צו דער פויליש־מיזרעך־פּרייַסישער גרענעץ. די דייַטשן אין לאַגער לויפן אַרום צעטומלטע, פאַרלוירענע. די וואַך אַרום האָהענשטיין ווערט פאַרשטאַרקט. מע נעמט אין בעהאָלע אַרויספירן די אַרכיוון, די אייַדעס פון טויזנטער פאַרברעכנס.

וואָס פאַרזאָרגטער און אויסגעצויגענער עס זייַנען די פּנעמער פון די נאַצים, אַלץ מונטערער, אַלץ פריילעכער זייַנען די קריגסגעפאַנגענע.

מיטאַמאָל אַן אַליאַרעם: עס קומען אָן אַוויִאָנען. די דייַטשן לויפן אַראָפּ אין די שוצגראָבנס. זיי שרייַען צו אונדז, זיך צו באַהאַלטן. קיינער טראַכט אָבער נישט דאָס צו טאָן. מיר ווייסן, אַז דאָס זייַנען אייגענע. איבערן לאַגער פון האָהענשטיין באַווייַזט זיך אַ גרופּע סאָוועטישע אַוויִאָנען. מיר באַגריסן זיי. די סאָוועטישע קריגסגעפאַנגענע וואַרפן אינדערלופטן זייערע היטלען. די אַוויִאָנען לאָזן זיך אַראָפּ נידעריק, בייגן אָן די פליגלען. זיי ענטפערן אָף אונדזערע באַגריסונגען.

זיי האָבן אונדז דערקענט.

די אַוויִאָנען פליִען ווייַטער. די עסעס־לייַט שפרינגען אַרויס פון די גריבער און נעמען זיך יאָגן נאָך די רוסישע געפאַנגענע, זיך נויקעם זייַענדיק אין זיי מיט קלעפּ סייַ פאַר די סאָוועטישע אַוויִאָנען, סייַ פאַר דער מאַניפעסטאַציע.

אונדז, פראַנצויזן, טרייַבן זיי אַרייַן אין די באַראַקן.

— איר וועט דרייַ טעג נישט קאָנען אַרויס פונדאַנען! — דראָען זיי אונדז.

די געשרייען פון די היטלעריסטן, זייערע דראָונגען און קלעפּ זייַנען אָבער נישט בעקויעך צו פאַרטונקלען אונדזער פרייד.

אַ גאַנצן טאָג רוישט אין די באַראַקן, ווי אין אַ בינשטאָק. מע זינגט, מע טאַנצט. דער פראַנצויזישער שאַרפזין קומט צום אויסדרוק אָף הונדערטער אויפאַנים, דורך אימפּראָוויזירטע ווערטלעך און וויצן אָפּן כעזשבן פון אונדזערע „היטער״, וועמעס סאָף עס איז שוין אַזוי נאָענט.

וואָס פאַר אַ פריידיקער טאָג: אונדזערע באַפרייַער דערנעענטערן זיך!

צומאָרגנס נעמען אָנקומען די ערשטע פאַרטיעס עוואַקויִרטע. אָפּן וועג לעבן לאַגער ציִען זיך אָנצאָליקע לאַסט־אויטאָס און פויערישע וועגענער. די דייַטשן אַנטלויפן אין גרויס מעהומע. עס לויפן צוזאַמען מיט זיי, אין נאָך גרעסערער שרעק, אוקראַיִנישע פאַשיסטן, וולאַסאָווצעס.

דער לאַגער איז פול מיט נייַע טויזנטער געפאַנגענע, געקומענע פון די גרענעץ־קאָמאַנדאָס. זיי דערציילן וועגן שנעלן סאָוועטישן פאָרויסמאַרש. עס ווערט פאַר אונדז קלאָר, אַז מיר וועלן שוין דאָ לאַנג נישט בלייַבן. אַ טאָג שפּעטער הייבט זיך טאַקע אָן די עוואַקואַציע פון האָהענשטיינלאַגער. צומערסטן געפאַנגענע זייַנען אָן שיך, אין צעריסענע מאַנטלען. זיי וועלן דאַרפן דורכמאַכן אַ לאַנגן וועג, באַ די פראָסט און שנייען פון מיזרעך־פּרייַסישן ווינטער, אין האַלץ־שיך אָדער לאַפּטשעס און האַלב־נאַקעט.

עס ראָיעט אין לאַגער מיט דייַטשן פון קאָל־האַמינים: עסעס, געסטאַפּאָ־לייַט און סאָלדאַטן פון דער „ווערמאַכט״, אין אויסגעריבענע מונדירן, שמוציקע, מיט ווילד־באַוואַקסענע פּנעמער, וואָס דריקן אויס פּאַכעד און אונטערטעניקייַט. דאָס קומען זיי פון די פראָנט־ליניעס אין אַ מייַמעד, וואָס פּאַסט גאָרנישט פאַר דעם „שטאָלץ״ פון דער „העכערער ראַסע״...

די דײַטשן באַלאַגערן דעם פראַנצויזישן „באַקליידונג־מאַגאַזין"; ראַבירן די נײַע שיך, וועש און קליידונג, וואָס געפינען זיך דאָרט זינט יאָרן און זײַנען קיינמאָל נישט אַרויסגעגעבן געוואָרן, ווערנדיק געהאַלטן צום „ווײַזן", אין פאַל, ווען עס וועט אַראָפּקומען אַ קאָמיסיע פון זשענעווע פונעם אינטערנאַציאָנאַלן רויטן קרייץ... די געפאַנגענע פלעגט מען דאַקעגן אַרויסגעבן אַלטע שמאַטעס און האָלץ־טרעפּעס.

מיר, אַ גרופּע פראַנצויזישע געפאַנגענע, וואָס אַרבעטן אין דאָזיקן מאַגאַזין, ניצן אויס דעם טומל און וואַרפן אַרויס דורך די פענצטערלעך פון מאַגאַזין — שיך, העמדער, הויזן און מאַנטלען פאַר די דרויסן־שטייענדיקע פראַנצויזישע און סאָוועטישע כאַווײרים.

ענדלעך הייבט זיך אָן דאָס פאַרלאָזן דעם לאַגער. נאַציס מיט רעוואָלווערן אין די הענט טרײַבן צונויף די געפאַנגענע. עס ווערט פאַר אונדז קלאָר, אַז עס איז אומעגלעך אין לאַגער גופא זיך אַנטקעגנצושטעלן דער עוואַקואַציע מיט וועלכער־ס'ניט־איז אויסזיכט אויף דערפאָלג. מיר באַשליסן עס צו טאָן אויפן וועג.

דער לאַגער־טויער פאַרמאַכט זיך הינטער אונדז. מיר געפינען זיך אויפן הויפּט־שאָסיי, באַוואַכטע דורך די דײַטשישע סאָלדאַטן און עסעס־לײַט. דער שאָסיי איז איבערגעפּראָפּט מיט מיליטערישע אויטאָס און פויערישע וועגענער. מע באַוועגט זיך זייער לאַנגזאַם.

דערווײַל באַווײַזן זיך אויפן הימל עטלעכע צענדליק סאָוועטישע אַוויאָנען. עס דערהערט זיך אַ גוואַלדיקער אופרײַס. דאָס האָט אַ באָמבע געטראָפן אינעם דײַטשישן אָפיצערן־הויז אין דער שטאָט האָהענשטיין, נישט ווײַט פונעם הינדענבורג־דענקמאָל בײַ טאַנענבערג.

מיר ניצן אויס די בעהאָלע צווישן אונדזערע „באַוואַכער", קעדיי צו דערמעגלעכן די „פאַרדעכטיקע", וואָס ווערן געפירט באַזונדער און זײַנען צום שטרענגסטן געהיט — די „געשפּערטע" — צו אַנטלויפן אין די אַרומיקע וועלדער אָדער, צום ווייניקסטנס, זיך אויסצומישן מיט די אַנדערע. פיל סאָוועטישע געפאַנגענע פאַרשווינדן אויך. דער אוילעם הייבט אָן ווערן שיטערער.

אַזוי מאַרשירן מיר אַ גאַנצן טאָג, אַ נאַכט און נאָך אַ טאָג. מיר דערנעענטערן זיך צו דער שטאָט מאָרונגען, אין דער ריכטונג צו עלבינג און קעניגסבערג.

די וועגן ווערן אַלץ מער פאַרשטאָפּט מיט ריזיקע מאַסן דײַטשן, וואָס שטויסן זיך אין דער גרעסטער אומאָרדענונג. צום שאָפּלדיקסטן זעען אויס די ווערמאַכט־סאָלדאַטן, וואָס קומען אָן פון מיזרעך. זייערע מונדירן זײַנען צעקנייטשט, קויטיק, צעריסן. זיי שלעפּן קוים די פיס. און די אויגן זייערע זײַנען אָנגעפילט מיט אימע. שיין זעט זי אויס, די גײַוועדיקע היטלער־אַרמיי!..

„די סאָוועטן קומען" — די דאָזיקע ווערטער טראָגן זיך איבער מיט דער גיכקײַט פון אַ לאַווע, אַנטוואַרפנדיק אַ גרויליקע שרעק אויף די אַלע, וואָס הייבן אָן צו באַנעמען, אַז די שאָ פון באַצאָלונג פאַר זייערע פאַרברעכנס האָט געשלאָגן, אַז די מעכטיקע שטראָפנדיקע האַנט איז אויסגעשטרעקט צו זיי און זיי וועלן באַלד דאַרפן אָנהייבן אָפּגעבן אַ דין־וועכעזשבן פאַר די פאַרפײַניקטע קינדער, פאַר די פאַרמוטשעטע פרויען, פאַר די מיליאָנען אומשולדיקע מענטשן, וועלכע זיי האָבן אין מעשעך פון יאָרן געגאַזט און געברענט.

„די רויטע אַרמיי דערנעענטערט זיך" — די דאָזיקע ווערטער פילן אָן מיט וואַרעמקײַט די הערצער פון די געפאַנגענע. די שאָ פון דערלייזונג קומט אָן נאָך אַזויפיל יאָרן פון פײַן, דערנידערונג און פאַרשקלאַפטקײַט.

„וואָס גיכער צו דער ווײַסל!"... — כאַוערן איבער אומאופהערלעך צו זיך אין דער שטיל און צו זייערע שוטפים אויפן הויכן קאָל די אַלע אָפיצערן, די געסטאַפּאָ־לײַט, די פריצים, די נאַציטוער. „וואָס שנעלער צו דער ווײַסל", קעדיי זיך אַריבערצוכאַפּן אויף יענער זײַט, קיין פּאָמערן, און פון דאָרט — נאָך ווײַטער צו מײַרעוו... „וואָס שנעלער צו מײַרעוו"... בעסער אַרײַנפאַלן צו די אַמעריקאַנער און ענגלענדער, ווײַל שוין דעמלט האָבן אָט די באַנדיטן געפילט, אַז אין יענער זײַט וועט מען זײַן פיל מילדער צו זייערע פאַרברעכנס...

„וואָס פאַמעלעכער זיך רוקן פאָרויס, אָפּשטיין אויפן וועג, נישט לאָזן זיך אַריבערפירן איבער דער ווײַסל... בלײַבן דאָ נאָך אַ טאָג, נאָך צוויי — און מיר זײַנען געראַטעוועט, מיר זײַנען פרײַ!.." — גיבן איבער פון מויל צו מויל די טויזנטער שקלאַפן פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס די עסעס און „געסטאַפּאָ" טרײַבן פאָרויס.

■

עס איז דורכגעפאָרן אַ גרויסער לאַסט־אויטאָ מיט דײַטשישע אָפיצערן פון הויפּט־לאַגער. אויפן אויטאָ זײַנען געלעגן וואַליזעס און זעק מיט אָנגערויבטע זאַכן. עס האָבן זיך אויך געפונען אויפן אויטאָ אייניקע פראַנצויזן — די שאָפערן פון לאַגער.

ווען דער לאַסט־אויטאָ האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, האָבן מיר אָפּגערעדט מיט די

פראנצויזישע שאָפערן, אז זיי זאָלן אַלץ טאָן, דער אויטאָ זאָל נישט קאָנען ווײַטער פאָרן. א פערטל שאָ שפּעטער איז טאַקע געשען מיטן אויטאָ א „פּאַרפּאַל". דער מאָטאָר איז קאַליע געוואָרן. די מאַשין איז געבליבן שטיין.

די דײַטשישע אָפיצערן זײַנען געווען אויסער זיך פון אופרעגונג. זיי האָבן געשריגן און געשאָלטן. די אײַלעניש איז בא זיי געווען זייער גרויס... עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. דער לאַסט־אויטאָ האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. די אָפיצערן האָבן באַפוילן די פראנצויזן צוצו־וואַרטן ביז מע וועט זיי שיקן הילף, און אליין זײַנען זיי אַרוף אַף א צווייטן אַדורכפאָרנדיקן אויטאָ און גיך פאַרשוווּנדן געוואָרן.

אין דער סומאַטאָכע זײַנען מיר דערווײַל געבליבן הינטערשטעליק פונעם עוואַקואַציע־צוג. מיר האָבן בלויז דערוף געוואַרט. אין א ווײַלע אַרום האָבן מיר שוין פאַרנומען א פויערישע הײַזקע באַם ראַנד פון וועג, א פינף קילאָמעטער אַף צאָפן פון מאַרונגען. מיר האָבן אויך באַוויזן מיטצו־נעמען פון אויטאָ אַראָפּ א גאַנצן זאַק מיט פראנצויזישע סיגאַרעטן (נישט קיין ערזאַץ, נאָר די עמעסע בלאָע „גאַלואַז" פון פאַרן קריג, וואָס מיר האָבן שוין קנאַפּע פינף יאָר נישט געריכערט) און טאַבאַק. מיר האָבן דערנאָך פאַרטיילט די סיגאַרעטן, דעם טאַבאַק צווישן די געפאַנגענע.

דער אָוונט איז צוגעפאַלן. די שיסערײַ ווערט אַלץ העפטיקער. ביימער אַרום שטייען אין פלאַמען. אין דער גרעסטער צעטומלונג לויפן דײַטשישע סאָלדאַטן, אוועקוואַרפנדיק דאָס געווער.

מיטאַמאָל ווערט שטיל. בלויז אין וואַלד הילכן פון צײַט צו צײַט אָפּ שאָסן. און אָט הערט זיך דאָס מעכטיקע גערויש פון שווערע טאַנקען אַפן שאָסיי.

מיר עפענען די טיר, גייען אַרויס אַפן הויף — און דערזעען פאַר זיך צוויי יונגע רוסישע טאַנקיסטן מיט מאַשין־געווער אין האַנט.

— פראַנצוסקי! — רופן אויס אייניקע כעוורע מיטאַמאָל.

— אַהאַ, פראַנצוזי? — באַטראַכטן אונדז די טאַנקיסטן נעענטער. — זדראַוסטוויטיע...

מע פאַלט די סאָוועטישע אַרמייער אַפן האַלדז. בא אייניקע שטייען טרערן אין די אויגן.

— און דײַטשן זײַנען דאָ פאַראַן דערנעבן? — פרעגט איינער פון די טאַנקיסטן.

מיר דערקלערן, אז די דײַטשן זײַנען אַנטלאָפן.

— ניטשעוואָ, מירן זיי אָניאָגן, — צעלאַכן זיך האַרציק די טאַנקיסטן. זיי בעטן וואַסער און אײַלן זיך צוריק צו זייערע טאַנקען...

— די מאַשינען וואַרטן... נאָ בערלין! — שרײַען זיי פרייליך צו אונדז.

זי האָט געדויערט סעקונדעס, אָט די באַגעגעניש. עס האָט אויסגעזען ווי א כאָלעם.

קוים דערוואַרט זיך אַפן פרימאָרגן, זײַנען מיר אַרויס אין דרויסן. גרופּעס פראנצויזן זײַנען געשטאַנען און אַף שטומלאָשן זיך אויסגעשמועסט פּרײַנטלעך מיט רויטאַרמייער. א יונגער סאָוועטישער קאַפּיטאַן האָט גערעדט אַף א דײַטש, וואָס איז מאָדנע געווען דורכגעפלאָכטן מיט העברעיִשע ווערטער...

— פונוואַנען קענט איר דײַטש? — פרעג איך אים.

— קיין דײַטש קען איך טאַקע נישט. איך קען יידיש. כ'בין פון קיִעוו. כ'בין א ייִד...

עטוואָס שפּעטער זײַנען מיר, עטלעכע פראנצויזישע געפאַנגענע, גערופן געוואָרן אין שטאַב, וואָס האָט זיך געפונען אין א דערבײַיִק הויז. עס האָט אונדז אופגענומען דער פּאָלקאָווניק.

— איר זײַט פרײַ! — האָט אונדז דער הויכער סאָוועטישער אָפיצער געזאָגט און אונדז מעכאַבעד געווען מיט וואָדקע. — איר קאָנט איצט אוועק אין דער ריכטונג פון וואַרשע, פונוואַנען מע וועט אײַך אָפּשיקן אין אײַער לאַנד. מע וועט אײַך באַזאָרגן מיט פערד־און־וועגענער.

אין א פּאָר שאָ אַרום געפינען מיר זיך שוין אַפן וועג צוריק קיין מאַרונגען. עס ציִען זיך מאַכנעס פראנצויזן, וועלכע גייען בא דער זײַט פון די וועגענער, אַף וועלכע עס ליגן זייערע זאַכן. די אימפּראָוויזירטע בלאָ־ווײַס־רויטע פאָן פלאַטערט הויך. פון אַלע זײַטן פאָרן אָן — אַף פויערישע וועגענער, פלאַטפאָרמעס, פריציִשע ברישקעס, שליטנס — גרופּעס פּאָליאַקן, באַ־פרײַטע סאָוועטישע געפאַנגענע, טשעכן, סערבן. אַלע מיט זייערע פאָנען. הילכיקע, פריידיקע געזאַנגען טראָגן זיך און מישן זיך אויס אין דער לופט.

רויטאַרמייִשע אָפּטיילן אַף טאַנקען און לאַסט־אויטאָס באַגריסן אונדז פרייִלעך. אין די פאַרשיידנסטע שפּראַכן און אַף אָנצאָליקע אויפאַנים דריקן די באַפרײַטע אויס זייער אומענדלעכע דאַנקבאַרקײַט די באַפרײַער.

די זון האָט וואַרעם געלויכטן אין דאָזיקן ווינטער־טאָג און דער שניי אונטער אונדזערע פיס האָט ווי צוגעסקריפּעט צום טאַקט פון אונדזער געזאַנג. א העלע, אומבאַשרײַבלעכע פרייד האָט באַהערשט אַלעמענס הערצער, די פרייד פון צום טויט פאַרמישפּעטע שקלאַפן, וואָס האָבן צוריקגעוווּנען זייער לעבן און זייער פרײַהײַט.

גוויִעס־אײדעס

דער שרײַבער איליא ערענבורג האָט אונדז געגעבן די מעגלעכקײַט צו באַקאַנען זיך מיט זײַן מילכאָמע־אַרכיוו.

מיר ברענגען דאָ עטלעכע בריוו פון דעם דאָזיקן אַרכיוו. געשריבענע אין ברען פון דער מילכאָמע, אונטערן פרישן אײַנדרוק פון דעם געזעענעם און איבערגעלעבטן, צווינגען זיי פאַרגעסן, אַז עס זײַנען שוין אַריבער צוואַנציק יאָר, זינט דאָס סאָוועטישע פאָלק, די גאַנצע פרײַהייטליבנדיקע מענטשהײַט האָט געפּײַערט דעם זיג איבערן בלוטיקן פאַשיזם. פון די בריוו טוט אַ ווייע מיטן אָטעם פון דער גרויזאַמער מילכאָמע. דערשטוינטע, דערזעען מיר די אָפענע קוואָרים, וווּ עס זײַנען לעבעדיקערהייט באַגראָבן געוואָרן אומשולדיקע אייפעלעך, זקיינים, מוטערס מיט קינדער אויף די הענט.

אין די בריוו ווערט דערציילט ניט נאָר וועגן גאַזלאָנאָיע און פאַרברעכנס, דאָס זײַנען גוויִעס־אײדעס וועגן מעסירעסנעפעש, גרויסמוט און געוואַגטקײַט פון סאָוועטישע מענטשן, וועגן ווידערשטאַנד, וועגן העלדישקײַט אין קאַמף.

דער העלדנטאַט פון ווערע יאָסיפּאָווּנע

(לאַפּאַווּשי, ראָוונער געגנט)

מיר האָבן אַרויסגעשלײַדערט די דײַטשן פון אַ באַקוועמער פּאָזיציע אויף אַ בערגל און, מאַמעש רײַטנדיק אויף זיי, זיך אַרײַנגעריסן אין דעם באַפעלקערטן פּונקט.

פרײדיק האָבן אונדז באַגעגנט די אײַנוווינער. איבערשלאָגנדיק איינער דעם אַנדערן, גענומען דערציילן וועגן די אַכזאָריעס פון די פאַשיסטן. צו אונדז איז צוגעגאַנגען די בירגערין קראַסאָווע ווערע יאָסיפּאָווּנע און האָט אונדז אײַנגעלאַדן צו זיך. מיר האָבן דערזען אַ שרעקלעך בילד — אין צימער זײַנען געזעסן זעקס מענטשן — זעקס שאָטנס...

מיט טרערן אין די אויגן האָט ווערע יאָסיפּאָווּנע גענומען דערציילן:

— אָט די מענטשן האָב איך אויסגעהיט פון די דײַטשן אַנדערהאַלבן יאָר. ווען די דײַטשן זײַנען געקומען, האָט מען אָנגעהויבן מאַכן אַבלאַוועס אויף ייִדן, יעדער ייִד האָט געדאַרפט טראָגן אויפן אָרבל אַ באַנד. דערנאָך האָט זיך געביטן דער קאָמענדאַנט, האָט ער געהייסן טראָגן אַ גרעסערן באַנד, אַז מע זאָל זען פון דער ווײַטן. דער אַנדערער קאָמענדאַנט האָט שוין געהייסן אָנשטאָט דעם באַנד טראָגן אַ ברייטע סטענגע אויף דער ברוסט.

אײנגיכן האָט מען אָנגעהויבן פאַרניכטן ייִדן מאַסנווײַז. אין דער שטאָט דובנע האָט מען זיי צונויפגעטריבן אויף אַ פּלאַץ. וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען, איז ניט צו דערציילן — מע האָט די ייִדן געטריבן קאָלי־סטרוי, באַ זקיינים האָט מען אַרויסגעריסן די בערד און דערנאָך געצוווּנגען טאַנצן, זינגען, טפילע טאָן. די ייִדן האָט מען געצוווּנגען גראָבן גריבער און זיך אַרײַנלייגן אין זיי רייענווײַז, דערנאָך האָט מען געשאָסן, פיל פון זיי האָט מען באַגראָבן לעבעדיקערהייט. פון אָנהייב זײַנען דערשאָסן געוואָרן 90 מאַן. קינדער האָט מען גענומען פאַר די פיס און געפּלעט די קעפּלעך, דערטרונקען אין וואַנעס, דערשטיקט.

אין שטעטל דעמידאָווקע האָט מען געמאַכט אַ ספּעציִעלן לאַגער, אַרומגעצאַמט מיט שטעכדראָט און אַרײַנגעטריבן אַהין אַן ערעך 3700 ייִדן. דאָרט האָט מען זיי טאָג נאָך טאָג אומגעבראַכט. מיר איז אויסגעקומען פיל מאָל צוזען דעם דאָזיקן שוידער. איינמאָל האָב איך באַגעגנט אַ באַקאַנטן — דעם דאָקטער אַבראַם עמאַנויִלאָוויטש גרינצווײַג, באַ וועלכן איך האָב זיך אַמאָל געהיילט, איך האָב אים פאָרגעלייגט העלפן ראַטעווען זיך. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז ניט אַליין. באַנאַכט האָב איך אויף אַ פור אַריבערגעפירט זיי צו זיך, אין כוטאָר, וווּ איך האָב זיי אויסבאַהאַלטן. ס'איז אָבער געווען אַ שווערע זאַך, און איך האָב באַשלאָסן מאַכן אַן אונטערערדישע באַהעלטעניש. גאַנצע נעכט נאָכאַנאַנד האָב איך בישטיקע פון אַלעמען געגראָבן און כ'האָב געמאַכט אַ קעלער, וווּ איך האָב אויסבאַהאַלטן אַלעמען, ווען איך האָב אַרויסגעפירט פון טויט־

לאַגער. וועגן דעם האָט קיינער ניט געוווּסט, כּוץ מײַן טאָכטער אירינע. די דײַטשן האָבן עטלעכע מאָל געמאַכט אַבלאַווּעס, אָפילע אונטערזוכונגען, נאָר מײַן געהיימניש איז געבליבן א געהיימניש. מיר איז געווען זייער שווער. באַנאַכט פלעג איך טראָגן עסן אין קעלער, אַרײַנלאָזן פרישע לופט. דאָס אַלץ האָט געדראָט מיט געפאַר. נאָר מיר ביידע, איך און מײַן טאָכטערקע, האָבן אָפּגעהיט אונדזער סאָד. מיר האָבן געהאָפט, אַז אײַנגיכן וועט זיך אומקערן אונדזער אַרמיי און דער פאַשיסט וועט אײַנעמען א מיסע־מעשונע. דאָס לעבן פון אונדזערע סאָוועטישע מענטשן איז אונדז געווען זייער טײַער. און אָט זײַט איר געקומען. די דאָזיקע מענטשן האָבן צום ערשטן מאָל פאַר אַנדערהאַלבן יאָר דערזען די ליכטיקע שײַן.

אין צימער זיצן זעקס מענטשן — צוויי שוועסטער גאַרינגאָט, מאַריע, 21 יאָר אַלט, אַנע — 18 יאָר. זיי זײַנען ניט ענלעך אַף קיין מיידלעך פון זייער עלטער. דאַרע־קוואַרע, פאַרשוואַרצטע, קוים וואָס זיי ברענגען אַרויס א וואָרט, אין די אויגן — טרערן פון פרייד. זיי גלייבן נאָך אַלץ ניט, אַז זיי זײַנען געראַטעוועטע. די שוועסטער גאַרינגאָט האָבן ניט קיין עלטערן. די דײַטשן האָבן זיי דערשאָסן.

מיכל סעפּ איז אַלט 20 יאָר, זײַנע שוועסטער איטע — 14 יאָר, עטל — 15 יאָר און דער ברודער יאַנקל — 10 יאָר. די עלטערן זײַנען אומגעבראַכט געוואָרן. דער צוואַנציקיאָריקער מיכל איז ענלעך אַף א זאָקן. קוים וואָס ער רעדט. דער קליינער יאַנקל קאָן ניט אַרומגיין, ער קוקט אַף אונדז צעכושט. אונדזערע הערצער זײַנען נאָך מער איבערפולט געוואָרן מיט האַס צו דעם דרײַפאַך פאַרשאָלטענעם פאַשיסט. אָט זיצן אַנטקעגן אונדז זעקס מענטשן; יעדערער פון זיי האָט, פּונקט ווי אַלע, געהאַט זײַן לעבן, און זיי איז אויסגעקומען איבערצולעבן אַזעלכע יעסורים.

ווערע יאָסיפאָוונע זאָגט:

— כאַווײרים! דאָס זײַנען דאָך ניט אַלע, וועמען איך האָב געראַטעוועט דאָס לעבן. אין א צווייטן קעלער זײַנען פאַראַן נאָך פיר מענטשן.

און די באַלעבאָסטע איז אַוועק מיט אונדז. אין פאָדער־צימער האָבן מיר זיך אַראָפּגעלאָזן אין א שמאָלן ברונעם, מיר זײַנען דורכגעגאַנגען איבער א פינצטערן געשלענגלטן קאָרידאָר און בא דער קנאַפּער שײַן דערזען נאָך פיר מענטשן. דאָס איז געווען דער דאָקטער פון דעם דובנער שפּיטאָל אַבראַם עמאַנוילאָוויטש גרינצווײַג, זײַן פאָטער עמאַנויל און די מוטער אַנע יאַקאָוולעוונע. דאָ איז אויך געווען די פרוי פונעם דובנער אַפּטייקער אַנע לוואָוונע אַלייניק.

מיר האָבן זיי געהאָלפן אַרויסגיין פון קעלער. צו זייער פרייד איז קיין שיר ניט געווען. זיי האָבן פון גאַנצן האַרצן געדאַנקט אונדז און ווערע יאָסיפאָוונע, וועלכע האָט זיי געראַטעוועט.

מיר האָבן באַשלאָסן אָנצושרײַבן וועגן דעם, כּדי מע זאָל עס אָפּדרוקן און דאָס גאַנצע לאַנד אונדזערס זאָל וויסן וועגן דעם העלדנטאַט פון ווערע יאָסיפאָוונע און איר 16־יאָריק טעכטערל אירינקע.

מיט שלאַכט־גרוס

גוואַרדיע־קאַפּיטאַן לעווטשענקאָ
גוואַרדיע־קאַפּיטאַן באָריסאָוו
גוואַרדיע־לייטענאַנט טשעסנאָקאָוו

פעלד־פּאָטשט 39864. דעם 20 מאַרט 1944.

אין יעקאַטערינאָפּאָל[1]

דעם דאָזיקן בריוו זאָלסטו ניט פאַרלירן. דאָס איז אַלץ, וואָס איז געבליבן פון אונדזער ליבן יעקאַטערינאָפּאָל — מײַן בריוו, כורוועס, קוואָרים פון אונדזערע לאַנדסלײַט און דאָס מיידעלע סאָניע. דאָרט, ווו מיר זײַנען געוואַקסן, זיך געלערנט, געליבט, — וואַקסט גראָז, און די נאָענטע ליגן אין דער ערד.

ניטאָ מער יעקאַטערינאָפּאָל, עס האָבן אים אויסגעהאַרגעט די דײַטשן. ס'איז געבליבן נאָר דאָס מיידעלע סאָניע.

ווען איך בין געקומען צו אונדז אין שטעטל, — דאָס איז געווען דעם 9 מײַ 1944, — האָב איך ניט געפונען אונדזער הויז. א פּוסט אָרט... איך בין אַרומגעגאַנגען צווישן די כורוועס, געזוכט מענטשן, נאָר קיינעם ניט געפונען, אַלע זײַנען צעשאָסן געוואָרן. קיינער האָט מיך ניט באַגעגנט, קיינער האָט ניט דערלאַנגט קיין האַנט, קיינער האָט ניט באַגריסט מיטן ניצאָכן.

---

[1] א שטעטל אין אוקראַיִנע.

דערנאָך האָב איך באַגעגנט סאָניע דיאַמאַנט. זי איז איצט אַלט פופצן יאָר, זי איז לעבן געבליבן אַלפּי־נעס. די דײַטשן האָבן זי דרײַ מאָל געפירט שיסן. זי האָט מיר דערציילט וועגן דער טראַגעדיע פון יעקאַטערינאָפּאָל.

עס זײַנען געקומען צו פאָרן עסעסאָווצעס, עס האָבן זיך אָנגעהויבן אָבלאַוועס, רויבערײַ, פּאָגראָמען. אַלע ייִדן האָט מען פאַרשפּאַרט אין ספּעציעלע לאַגערן. אין זווענינגאָראָדקע איז געווען א לאַגער פאַר ניט־אַרבעטפייִקע. דאָרט האָבן זיך געפונען זקיינים, קראַנקע, פרויען מיט וויג־קינדער און קינדער ביז פערצן יאָר.

ווער עס האָט געקענט אַרבעטן, איז אַרײַנגעפאַלן אינעם לאַגער לעבן דער סטאַנציע.

דעם 6 סענטיאַבער 1941 האָט מען אין יעקאַטערינאָפּאָל צעשאָסן די ערשטע פּאַרטיע: קאָמוניסטן, קאָלווירטישע אַקטיוויסטן, א סאַך ייִדן.

אַלע, וואָס זײַנען געווען אין זווענינגאָראָדקער לאַגער, האָט מען געשאָסן אין אַפּרעל 1942.

די אַכציקיאָריקע כאַנע לערנער האָט מען געשאָסן דערפאַר, ווײַל זי איז צו אַלט און מאַניע פיינבערגס אייפעלע — עס איז אַלט געווען סאַכאַקל א כוידעש, — דערפאַר, ווײַל עס איז צו יונג.

אין דעם לאַגער בא דער סטאַנציע האָט מען לאַנג געפּײַניקט, געצוווּנגען אַרבעטן 18—20 שאָ א מעסלעס, זיך איזדעקעוועט. די מיידלעך האָט מען פאַרגוואַלדיקט. די אַלטע לײַט — געשמיסן מיט ריטער. דער סאָף איז געווען, אַז הארבסט 1943 האָט מען אַלעמען צעשאָסן — פון יעקאַטערינאָפּאָל, שפּאָלע, זווענינגאָראָדקע — 2000 מענטשן.

דו געדענקסט דעם אַלטן פאַבריקמאַכער אזריל פּריצמאַן? ער איז אַלט געווען 76 יאָר. פאַרן טויט האָט ער א געשריי געטאָן: „שיסט אין מיר! מײַנע זין וועלן נעקאָמע נעמען". ער האָט פינף זין אפן פראָנט. און דער באַנדער גאַליקאָוו, 80 יאָר איז אים געווען, זיי האָבן אים פאַרוווּנדעט. ער האָט זיך אופגעהויבן, זיך באַוואַשנדיק מיט בלוט, און האָט א דונער געטאָן: „מענוואַלים. שיסט נאָך! מיט איין קויל וועט איר מיך ניט אוועקלייגן!" אַכט און צוואַנציק קרויווים האָט גאַליקאָוו אפן פראָנט — זין, אייניקלעך, איידעמס, פּלימעניקעס.

אַווּרעמל וויטריגאָן איז געווען שווער פאַרוווּנדעט. קוים א לעבעדיקער, האָט ער זיך דער־קליבן צו יעקאַטערינאָפּאָל. האָבן זיי אים דערהאַרגעט.

אונדזער ערשטער קאָלווירטניק, דער אַלטער מענדל אינגער, האָט שטאָלץ באַגעגנט דעם סוינע. דאָס איז געווען דער ערשטער טאָג, וואָס די דײַטשן זײַנען אַרײַן. מענדל איז אַלט געווען זיבעציק יאָר. ער האָט אפילע ריידן מיט זיי ניט געוואָלט, מע האָט אים גלײַך דערשאָסן.

איך בין געווען בא די קוואָרים, און פונקט ווי איך וואָלט זיך געזעגן מיט מײַנע קרויווים, מיט מײַנע לאַנדסלײַט. זיי האָבן צו מיר גערעדט פון אונטער דער ערד: „זאָלסט נעקאָמע נעמען." איך האָב צוגעזאָגט. צוויי מאָל אין לעבן האָב איך געשווירן טרײַ צו זײַן מײַן פאָלק: דאָס ערשטע מאָל, אַז מע האָט מיר אָנגעטרויט מײַן גרויזאַמע שלאַכט־מאַשין, דאָס צווייטע מאָל — בא די קוואָרים פון יעקאַטערינאָפּאָל.

הײַנט האָב איך באַקומען א צווייטן אָרדען, דער דריטער וועט זײַן — פאַר יעקאַטערינאָ־פּאָלער נעקאָמע. איך בעט דיך זייער, א קאָפּיע פון מײַן בריוו שיק בלומע פּיאַטיגאָרסקען, איך בין ניט בעקויעך מער צו שרײַבן...

אווראָם גראַנאָווסקי

ווידערשטאַנד

אין אָסטראָג[1] האָבן די ייִדן באַגעגנט די דײַטשישע טאַליאָנים מיט א באָרעכהאַבע פון אויטאָמאַטן.

אין פּראָסקוראָוו האָט די שיסערײַ געדויערט עטלעכע שאָ. די ייִדן האָבן דערהאַרגעט דרײַ עסעסאָווצעס און פינף פּאָליצײַען. אין אָוונט האָבן זיך בא די ייִדן געענדיקט די פּאַטראָנעס. עט־לעכע יונגעלײַט האָט זיך אײַנגעגעבן אַרויסרײַסן און זיי זײַנען אוועק אין וואַלד.

אין יאַרמאָלינעץ[1] האָבן זיך די ייִדן קעגנגעשטעלט צוויי טעג. געוווּער איז געווען צוגעגרייט פאַרפריִער, מע האָט עס געבראַכט איניינעם מיט די שטוב־זאַכן. געווען איז עס אינעם „וואָיעני גאָראָדאָק"[2]. דעם ערשטן פּאָליצײַ, וועלכער האָט זיך אהין אַרײַנגעריסן, קעדיי אָפּצוקלײַבן א פּאַרטיע פאַרורטיילטע, האָבן די ייִדן דערהאַרגעט, זײַן פייגער אַרויסגעוואָרפן דורכן פענצטער.

---

[1] אָסטראָג, יאַרמאָלינעץ — שטעטלעך אין אוקראַיִנע.

[2] מיליטערישע שטעטל.

עס האָט זיך אָנגעהויבן א שיסעריי, דערביי זיינען דערהארגעט געוואָרן נאָך עטלעכע פּאָליציי־ען. אף מאָרגן זיינען אָנגעקומען לאסט־אווטאָמאָבילן מיט פּאָליציי־ען פון די שכיינעסדיקע ראיאָנען. ערשט אין אָוונט, ווען בא די ייִדן האָבן זיך געענדיקט די פּאטראָנעס, האָבן זיך די פּאָליציי־ען אריינגעריסן אין יישעוו. די שכיטע האָט געדויערט דריי טעג.

אין איינציקע היי־זער פונעם „וואָיעני גאָראָדאָק" זיינען געווען פאלן פון זעלבסטמאָרד. א פאָטער האָט ארויסגעוואָרפן פון פענצטער צוויי קינדער, און אליין אראָפּגעשפּרונגען צוזאמען מיטן ווייב. א מיידל האָט, שטייענדיק באם פענצטער, געשריִען: „זאָל לעבן די רויטע ארמיי!"

יע. לאנצמאן.

בריוו פון קינדער

1

די דייטשן האָבן פארשפּארט אלע ייִדן אין איין אָרט, אזוי האָבן זיי געלעבט א כאדאָשים צוויי. דערנאָך זיינען געקומען די דייטשן און האָבן אָנגעהויבן ארויסטרייבן די ייִדן. איין פאשיסט איז צוגעגאנגען צום שוסטער, יענער האָט אים דערלאנגט מיטן האמער איבערן קאָפּ, און דער דייטש איז געפאלן. דעם שוסטער האָט מען דערשאָסן. די איבעריקע ייִדן האָט מען אריינגעזעצט אין מאשינעס און אוועקגעפירט דערהארגענען. ווען מע האָט געפירט, איז איין פרוי אראָפּגע־שפּרונגען פון דער מאשין און אנטלאָפן.

מע האָט געבראכט די ייִדן אין שפּיטאָל און דאָרט דערהארגעט.

וו. וואָראָביאָוו, 4־טער קלאס.

2

די מערדער האָבן זיך איזדעקעוועט איבער די ייִדן, געשלאָגן מיט בייטשן. ווען מע האָט זיי געפירט שיסן, האָט איינע א פרוי ארויסגעשטופּט איר קינד. מענטשן האָבן עס געוואָלט נעמען, נאָר די דייטשן האָבן ניט געלאָזן, אוועקגעשלעפּט צו דער גרוב און דערהארגעט. און די מוטער איז אנטלאָפן אין וואלד, ביז אין אָוונט איז זי געווען אין וואלד, דערנאָך איז זי געקומען — געזוכט איר ייִנגעלע, האָבן זי די דייטשן געשאָסן.

ליובע מאיאָראָווע, 3־טער קלאס.

3

אין 1941, ווען די דייטשן האָבן פארנומען אוקראיִנע, האָבן זיי אינעם שטעטל קאלינאָווקע, וויניצער געגנט, אלע ייִדן אוועקגעטריבן אף ארבעט. זיי האָבן אונדז געפּייניקט און געשלאָגן מיט נאהייקעס. עסן האָבן זיי אונדז געגעבן בלעטער פון ביימער און גראָז. דריי ייִדן האָט מען איינגעשפּאנט אין א פור, זיי זאָלן שלעפּן פופציק דייטשן. זיי האָבן ניט געקענט, האָט מען זיי דערהארגעט.

אין 1942 האָט מען אונדז פארשפּארט אין געטאָ, מיר האָבן ניט געקענט פון דאָרט ארויס־גיין. דאָרט זיינען א סאך פון אונדז געשטאָרבן פון הונגער. דערנאָך האָט מען אונדז ארויסגע־טריבן אפן סטאדיאָן. די יונגע האָט מען דערהארגעט, די זקיינים און קינדער אוועקגעפירט אין וואלד. דאָרט האָט מען אונדז ארומגערינגלט, געשריגן „יודע", גענומען הארגענען. די קינדער האָט מען געוואָרפן אין גרוב אריין, איך בין אנטלאָפן, נאָך מיר האָט זיך געיאָגט א דייטש. איך האָב ארופגעקלעטערט אף א בוים, ער האָט מיך ניט באמערקט. איך האָב געזען, ווי מע האָט געהארגעט אלע ייִדן און דריי טעג האָט געברויזט דאָס בלוט אף דער ערד. איך בין דעמלט אלט געווען 10 יאָר, איצט איז מיר 12.

ניוניע דאָקטאָראָוויטש.

4

אין 1941, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע, זיינען געקומען אין מאָלעוו די דייטשן און פארשפּארט אלע ייִדן אין טויט־לאגער פּעטשאָרע, טולטשינער ראיאָן. זיי האָבן זיך איזדעקע־וועט איבער אונדז. מיינע עלטערן האָבן זיי דערשאָסן. אונדז האָט מען געטריבן אף ארבעט. די מיידלעך האָבן געגראָבן טאָרף מיט די הוילע הענט, מיר האָבן געארבעט פון פיר אזייגער פאר־

טאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט. איינמאָל האָבן מיר דערהערט, ווי זיי ריידן צווישן זיך: אַט וועט זיך ענדיקן דער זומער־סעזאָן און אַלע ייִדן וועט מען דערהאַרגענען. מיר זײַנען אַנטלאָפן, וווּהין די אויגן טראָגן. נאָך אונדז האָט מען זיך געיאָגט און פֿיל פֿון אונדז האָט מען דערהאַרגעט. מיך האָט געראַטעוועט איינער אַן אוקראַינער, ער האָט מיך גענומען צו זיך און באַהאַלטן. עמעצער האָט אים פֿאַרמאַסערט. איז געקומען אַ דײַטש מיך צו שיסן, אָבער דער אוקראַינער האָט זיך אָנגעהויבן שלאָגן מיט אים, און איך בין אַנטלאָפֿן אויף דער רומענישער טעריטאָריע.

ראָזע לינדוואַר, 15 יאָר.

5

דעם 9 יולי 1941 זײַנען צו אונדז אין שטעטל באַריטשאַני געקומען די דײַטשן. אונדז האָט מען אַרויסגעשיקט קיין בעסאַראַביע אינעם לאַגער סוכאַרקע. פֿון דאָרט — קיין אוקראַינע, אינעם לאַגער קאָפּײַגאָראָד. די מאַמע און דער טאַטע זײַנען געשטאָרבן. איך און מײַן שוועסטער זײַנען געבליבן יעסוימים. איך בין אַלט אינגאַנצן 12 יאָר, נאָר איך האָב אַזויפֿיל איבערגעלעבט, אַז ס'איז ניט צו באַשרײַבן.

א דאַנק דער רויטער אַרמיי פֿאַר דעם, וואָס זי האָט באַפֿרײַט דאָס פֿאָלק!

ראָכל ראָזענבערג.

6

איך בין געבוירן געוואָרן אין דער שטאָט ליפּקאַני אין בעסאַראַביע. ווען אין 1940 איז צו אונדז געקומען די רויטע אַרמיי, האָט זיך אונדז געלעבט זייער גוט. איך האָב זיך געלערנט אין שול אויף סאַמע פֿינפֿן. איבער דער מילכאָמע איז אונדזער לעבן צעבראָכן געוואָרן. די דײַטשן האָבן אונדז אַרויסגעשיקט קיין אוקראַינע. זיי האָבן אונדז געטריבן, געשלאָגן, און מענטשן זײַנען געפֿאַלן פֿון הונגער, ווי די פֿליגן. אין 1942 איז געשטאָרבן דער טאַטע, אין צוויי טעג אַרום די מאַמע. איך בין געבליבן מיטן ברודערל. אַלט בין איך דרײַצן יאָר.

כײַע האַנטווערקער.

מוישע טײַף

דער סטאַרשינאַ צאַלע שיק

(פון זעלנערשן בלאָקנאָט)

אוי, עס בושעוועט א ווינט,
עס הוליעט א זאווייע.
עס לױפט צו דעם קאַמבאַט געשווינד
דער סטאַרשינאַ פון באטארייע.
— עפּנט, עפּנט, קאָמאַנדיר! —
קלאַפּט ער האַסטיק אין דער טיר. —
נײַס האָב איך פאר אײַך געבראַכט,
גיכער, גיכער, ניט געטראַכט...
טוט א שפּרונג אוף דער קאָמבאַט
און א כאַפּ דעם אוטאָמאַט,
דעם בינאָקל און שינעל...
— וועלכע נײַס? ענטפער, שנעל!
וואָס, דעם סוינעס א דעסאַנט?
— גוטע נײַס, לייטענאַנט!
— אויב גוטע נײַס ברענגסטו מיר,
וואָס זשע שטייסטו בא דער טיר?
נו קאָרשט, צאַלע, קום אַרײַן,
זעץ זיך, טרינק א גלעזל ווײַן...
זאָג זשע, וועלכע נײַס האָט
דער סטאַרשינאַ — „סאָלדאַטסקער גאָט״?
— גייט א טאַנץ אפּריער,
וועל איך אײַך דערפּרייען...
— האָסט א בריוול מיר געבראַכט? —
צאַלע לאַכט.
— וואָס, א „צונג״ געפּאַקט באַנאַכט? —
צאַלע לאַכט.
— א מאַטאַנע פון מײַן קאַלע?
זאָג זשע גיכער! ענטפער, צאַלע!
וואָס איז דאָרט בא דיר פאַראַן?
— א שפּאַגל־נײַינקער באַיאַן!
טוט א שפּרונג דער לייטענאַנט,
דריקט צום האַרצן צאַלעס האַנט...
— צאַלע־דושע, צאַלע־ברען,
האָסט אליין טאַקע געזען?
ענטפער, רייד זשע גיכער!

— כ׳האָב אליין אים ניט געזען,
נאָר איך ווייס אָף זיכער:
מ׳האָט פון מאָסקווע הײַנט געבראַכט
פאַר אונדזער פּאָלק מאַטאַנעס —
פולע צוויי וואַגאָנעס.
— זאָטל אָן מײַן פערד אפגיך,
אין פעלד איז א זאווייע,
יאָג אין פּאָליטאָטדעל אפגיך,
אין וועלדל, לעם אסווייע...

— — — — — — — — — — — — —

אוי, עס בושעוועט א ווינט,
עס הוליעט די זאווייע,
ניט עס בילן דאָ קיין הינט,
ניט קיין העגער קרייען...
היי, ווער טראָגט זיך אָף א פערד
אזש די גריווע פלאַטערט?
א מינסקער ייִנגל — צאַלע שיק! —
דער סטאַרשינאַ בא די סאָלדאַטן.
א באָכערל א קלײנינקער,
א פלינקער, ווי א האָז,
אלץ דערוויסט ער זיך אפּריער,
אלץ דערשמעקט ער מיטן נאָז.
וואָס דו ווילסט, וועט ער דיר קריגן,
וואָס דו ווילסט, וועט ער דערזען,
אײַ, איז דאָס א ייִנגעלע,
א ייִנגעלע — א צינגעלע,
א מאַזיק און א ברען!
אונטער ערד א באָד — א כאַטע — צאַלע!
די סאָלדאַטן זײַנען זאַטע — צאַלע!
ווי די שפּיגלען די האַרמאַטן — צאַלע!
אונדזער מאַמע, אונדזער טאַטע — צאַלע!
צאַלע־דושע, צאַלע־בראַט,
צאַלע — זאָלאָטאַ סאָלדאַט.
ריידן אלע, ווייסן אלע,
א באַיאַן וועט ברענגען צאַלע.

װאָס איז, ברידער, א באיאַן
פאַר א פויער פון ריאַזאַן?
דאָס איז קאָרן, היי און וויקע,
דאָס איז פעלדער זילבער־גריקע,
דאָס איז בלינעס, דאָס איז שמאַלץ
און כאַזיירימלעך אין זאַלץ.
דאָס איז פּוטער, דאָס איז האָניק,
דאָס איז אַלץ! אַלץ! אַלץ! —
דאָס איז, ברידער, א באיאַן
פאַר א פויער פון ריאַזאַן.
היי, דוניִי, דוניַי, דוניַי־דו,
דו מיַין מאַמע מיַינע — דו,
דו מיַין מאַמע, מיַין ראַסיי,
היַידאַ, פערדעלעך, אַף שניי!
דאָס איז, ברידער, א באיאַן
פאַר א פויער פון ריאַזאַן.

— — — — — — — — — — — — —

װוּ איז צאַלע? צאַלע פליט!
שיט א שניי, און שיט, און שיט...
פעסטער, צאַלע, האַלט די צוים,
ניט צעקלאַפּ זיך אָן א בוים.
ס׳איז באַגינען א סאַקאָנע,
זאָלסט דערטראָגן די מאַטאָנע...
גייט א שאָ. א צווייטע. דריטע.
דער פרימאָרגן טוט א ציטער.
ווערט שוין שטילער די זאַווײ,
וואַרט די גאַנצע באַטאַרײ.
אין בינאָקלען קוקן אַלע:
עפשער ווייַזט זיך ערגעץ צאַלע?
עפשער דאָרטן פונעם וואַלד
וועט ער זיך באַוויַיזן באַלד?
נאָך א שאָ. און נאָך א שאָ.
ווי אין וואַסער —
ניין!
ניטאָ!
דער קאָמאַנדיר באַם טעלעפאָן:
— „דאָן“! „דאָן“! ענטפער, „דאָן“!
ס׳פרעגט דער „פינפטער“ פון „קובאַן“,
צאַלע שיק איז דאָ געוועזן?
צאַלע שיק ט׳איר ניט געזען?
— צאַלע שיק האָט מען געזען.
— צאַלע שיק איז דאָ געוועזן.
— ער האָט באַקומען א באיאַן?
— יאָ, באַקומען א באיאַן!

ווער זשע דען באַקומען וועט,
אויב ניט ער, דער פלינקער שעד?!
וואָס, ניטאָ אים אין „קובאַן“?
— ניין, ניטאָ אים אין „קובאַן“!
קלינגט צום שאָכן דער קאָמבאַט:
— „אַראַראַט“! „אַראַראַט“!
ס׳פרעגט דער „פינפטער“ פון „קובאַן“,
צאַלע שיק איז דאָ געוועזן?
צאַלע שיק ט׳איר ניט געזען?
— ניט געוועזן. ניט געזען.
דער קאָמאַנדיר מיט א פאַרדראָס
שפּיַיט אַרויס דעם פּאַפּיראָס:
עך, צאַלע, צאַלע, מאַטערסט מיך,
טראַסצע טוואָיו מאַטערי!..
נאָך א שאָ. און נאָך א שאָ.
ווי אין וואַסער —
ניין!
ניטאָ!
פּלוצעם זעט ער אין בינאָקל,
ווי עס קוקט זיך אום דערשראָקן —
יאָ! געוויס! זיַין טריַיער פערד —
גראָבט דעם שניי אויף ביז דער ערד.
רופט אים דער קאָמבאַט: קאָס־קאָס־קאָס...
פליט דאָס פערדל ווי א שאָס,
פליט ער א פאַרשייַטער,
אָן א זאָטל, אָן א רייַטער!
— צען סאָלדאַטן! גליַיך נאָך מיר! —
דונערט אויס דער קאָמאַנדיר.

— — — — — — — — — — — — —

וואָס אין וועלדל איז געשען,
זאָלן קינדס־קינדער ניט זען.
צאַלע ליגט אין בלוט אַף שניי,
און ניט וויַיט — פאַשיסטן צוויי.
לעם א בוים — א דריַי־פיר שפּאַן,
ליגט דער דורכגעשאָסענער באיאַן...
קוקט אַף צאַלען דער קאָמבאַט:
עך, צאַלע־דושע, צאַלע־בראַט,
צאַלע — זאָלאָטאָ סאָלדאַט...

— — — — — — — — — — — — —

אוי, װוּ ביסטו, צאַליקל?
װוּ איז ער, דיַין קיוּוער?
זאָל מיַין ליד אַף אייביק זיַין
דיַין הייליקע מאַציִיווע...

שמועל גאָרדאָן

פֿרילינג

ראָמאַן

XV

די מעלדונג אפן נאָמען פונעם רעקטאָר פון דעם געאָלאָגישן אינסטיטוט איז נאָך דערווייַל געלעגן בא אלעקן, כאָטש ס'איז ניט געווען דער טאָג, ער זאָל עטלעכע מאָל ניט דורכגיין פארבייַ דער ברוינער טיר מיטן שילדל אונטערן גלאָז: „אופנאם־צימער“. ער איז זי יעדעס מאָל פארבייַגעגאנגען, די הויכע שווערע טיר, ווי אייַנער, וועמען ס'האָט אף א ווייַלע אָפגעלאָזט דער קראנקער צאָן און ער איז גרייט זיך אייַנריידן, אז ער האָט שוין ניט וואָס צו טאָן דאָרטן, אינעם צאָן־קאבינעט. ס'וועט אזוי אויך דורכגיין.

א געוויסן סמאַך אזוי צו קלערן האָט ער, אייגנטלעך, געהאט, אלעק. שוין באלד דרייַ וואָכן, אז ער טראָגט זיך אום מיט דער מעלדונג, און דער פאָטער האָט אים וועגן דעם אפילע מיט קיין וואָרט ניט דערמאָנט. קלערן אָבער, אז דער פאָטער האָט אין אלץ פארגעסן, האָט אלעק, פארשטייט זיך, אויך ניט געקאָנט, און דערפאר האָט ער אויך איצט, ווי מיט דרייַ וואָכן צוריק, געהאלטן אין איין אָנעמען און אָפּוואַרפן פארשיידענע באשלוסן.

דער ערשטער באשלוס זייַנער, ווי נאָר ער איז ארויס פונעם פאָטערס קאבינעט, איז געווען: די מינוט זיך אופהייבן און אוועקפאָרן, קיינער זאָל ניט וויסן וווּהין. וואָס האָט אים דעמלט אָפּגעהאלטן? נאָר אינדערפרי איז שוין בא אים געווען גרייט אן אנדער באשלוס: זיך איבערקלייַבן

פאָרזעצונג. זע „סאָוועטיש היימלאנד“, נומ. 4 פארן 1965 יאָר.

אין צוזאמענוווינונג און לעבן אף דער סטיפּענדיע. בלויז אף דער סטיפּענדיע, און שוין! אין עטלעכע טעג ארום איז ער געווען זיכער, אז ער וועט טאָן אזוי: אינעם הויף פונעם אינסטיטוט, בישכיינעס מיט די אלטע געבײַדעס, בויט זיך א נײַער קאָרפּוס. ער וועט גיין אהין ארבעטן. ווי וועט זיך עס פילן דער פאַרוואַלטער פון דער מיליטערישער קאַטעדרע, דער פּאָלקאָווניק וועניאַמין זאכאריעוויטש סיוועך, ווען ער וועט יעדן אינדערפרי טרעפן דאָ זײַן זון שלעפּן ציגל, גראָבן גריבער, קלעטערן מיט עמער ליים איבער די רישטעוואַניעס. דער דאָזיקער אײַנפאַל — גיין ארבעטן אף דער בויונג — איז אים אף אזויפיל געווען געפעלן, אז ער איז אפילע אַרײַן אין קאָנטאָר צום פּראָראַב זיך דערוויסן, וויפל אן ערעך קאָן ער דאָ פאַרדינען, און צי וועט מען אים געבן א צוזאמענוווינונג. „זאָל ער וויסן, דער טאַטע! זאָל ער וויסן“. נאָר פּונקט דעמלט, ווען ער האָט געהאלטן, אז דאָס איז שוין דער סאמע־סאמע ענדגילטיקער באַשלוס, האָט ער גאָר באַשטימט גיין אין וואָיענקאָמאַט, מע זאָל אים שיקן אין א סאַפּיאָרן־טייל. ער וועט באַווײַזן אזא העלדנטאַט, אז דער גאַנצער קלאַס וועט צו אים נאָך קומען זיך אַנטשולדיקן, און זי, שעווע... ס׳מאַכט ניט אויס, וואָס אים פעלט נאָך א יאָר ביז צום פּריזיוו. און אויב דער וואָיענקאָם וועט אים אָפּזאָגן, וועט ער זיך ווענדן צום מיניסטער און בעטן, מע זאָל אים נעמען אין ארמיי און שיקן נאָר אין א סאַפּיאָרן־טייל. פאַנאַנדערמינירן סקלאַדן געווער, וואָס די דײַטשן האָבן פאַרגראָבן, איז, דאַכט זיך, עטוואָס געפערלעכער, ווי נאָכקוקן, אז אין טראָליײבוס זאָל מען ניט אַרײַנקריכן צו עמעצן אין רידיקול.

נאָר אויך דער באַשלוס איז, פּונקט ווי אַלע פריערדיקע, געווען ניט דער לעצטער און ניט דער ענדגילטיקסטער. די דאָזיקע ניט־אַנטשלאָסנקײַט האָט זיך פריער פון אַלץ גענומען דערפון, וואָס אַלעק האָט ביז איצט ניט באַמערקט בײַ די שטוביקע עפּעס אזוינס, וואָס זאָל אים אונטערײַלן אָפּגעבן די מעלדונג. די הייסע מינוט, ווען ער איז גרייט געווען אף אַלץ, איז שוין אַדורך, ווי זי איז, קענטיק, שוין אַדורך אויך פאַר זײַן פאָטער.

אפילע מאַרע, וועלכע האָט שוין פאָשעט ניט געקאָנט ניט אונטערקוקן און אונטערהערן, האָט אויך ניט געוווּסט, וואָס מיט אַלעקן טוט זיך. מעגלעך דערפאַר, וואָס זי איז די לעצטע צײַט געווען פאַרנומען מער מיט זיך, ווי מיט צוקוקן זיך צו יענעם. ס׳האָט זי שוין ניט אזוי געקימערט, וואָס דער פאָטער האָט צו איר פּלוצעם געענדערט די באַציִונג, ווי דאָס, וואָס זי קאָן ביז איצט ניט דערגיין, וועגן וואָס האָבן זיי עס דעמלט גערעדט, דער פאָטער מיט אַלעקן. און אז זיי האָבן גערעדט אויך וועגן איר, אין דעם איז זי קימאַט געווען זיכער. זי האָט עס אַרויסגעזען אי פון אַלעקס שווײַגן, אי פון דעם פאָטערס פאַרופן זיך, אז ער איז פאַרנומען, קוים האָט זי געפּרוּווט פאַרפירן מיט אים א געשפּרעך.

פאַר דער גאַנצער צײַט, זינט דעם אָוונט, ווען זי איז געקומען צו אים אף דער קאַטעדרע מיט די נײַסן, וואָס זי האָט באַווּיזן צונויפקלײַבן וועגן אַלעקן און שעווען, האָט ער זי בלויז איין־און־אײנציק מאָל אַרײַנגערופן צו זיך אין קאַבינעט. זי האָט אים געטראָפן אַרומשפּאַנען איבערן טעפּיכל מיט די בלוי־גרינע קאַנטן, דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן צום דיל, ווי ער וואָלט דאָ עפּעס פאַרלוירן און וויל, זי זאָל עס אים העלפן אָפּזוכן. פּלוצעם איז ער געבליבן שטיין און אף א קאָל אויסגעשריִען:

— וואָס איז דאָס?

— הא? — האָט מאַרגאַריטע פון אומגעריכטקײַט א ציטער געטאָן.

— דאָס האָסטו מיר אוועקגעלייגט אפן טיש?

— הא? יאָ, איך, — האָט מאַרגאַריטע נאָך מער דערשראָקן אויסגעשטאַמלט. — וואָסי, פּאַפּאָטשקע? ניט ריכטיק באַרעכנט? די מאַמע...

— די מאַמע דײַנע פאַרנעמט זיך דער טײַוול ווייסט מיט וואָס! מיט נאַרישקײַטן פאַרנעמט איר זיך! — ער האָט א כאַפּ געטאָן פונעם טיש די עטלעכע כעזשבוינעס, וועלכע ברײַנע האָט אים מיט מאַרגאַריטען איבערגעשיקט אהער פון דער דאַטשע, און זיי צעפליקט אף פּיץ־פּיצלעך. — איך זאָל אָט די נאַרישע כעזשבוינעס אײַערע מער קיינמאָל ניט זען בײַ זיך אפן טיש! פאַרשטאַנען?! פאַרשטאַנען, פרעג איך?

— פאַרשטאַנען, — האָט מאַרגאַריטע צעטומלט געענטפערט, כאָטש זי האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס דער פאָטער וויל פון איר.

— מיר גייט ניט אָן, ווי האַלטן דאָרט בײַ אײַך די פּרײַזן אף ציבעלעס און קרויט. פאַרשטאַנען?! איך פרעג בײַ אײַך קיין כעזשבן ניט, וויפל און אף וואָס האָט איר אויסגעגעבן געלט. פאַרשטאַנען?!

— פאַרשטאַנען.

ער האָט בעקיוון טומלדיק אַרויסגערוקט דאָס טיש־קעסטל, מאַרגאַריטע זאָל זען, אז ער האַלט עס ניט פאַרשלאָסן, אַרויסגענומען פון דאָרט א פּעקל געלט און דערלאַנגט דער טאָכטער.

— וויפֿל איז דאָ, פּאָפּאָטשקע?

— כ׳ווייס ניט און כ׳וויל ניט וויסן!

מאַרגאַריטע האָט אויסגעצויגן דעם לאַנגן האַלדז, ווי ס׳וואָלט איר פֿאַרפֿעלט לופֿט, און ברייט צעעפֿנט די אויגן.

— כ׳ווייס ניט און כ׳וויל ניט וויסן. פֿאַרשטאַנען?! און דער מאַמען דײַנער גיב איבער, אַז איך האַלט ניט דאָס געלט אונטער קיין שלאָס און פֿרעג בײַ איר ניט קיין כעזשבן. פֿאַרשטאַנען, פֿרעג איך דיך?!

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין פּאָטערשטול, אַרײַנגענומען דעם קאָפּ אין די הענט און, לײַכט אונטערוויגנדיק זיך, ווי פֿון ווייטעק, שטיל און אַקשאָנעסדיק געפֿרעגט און איבערגעפֿרעגט:

— וויאַזוי, וויאַזוי האָט עס געקאָנט געשען?

— ווען דער טראָליי־בוס, וואָס גייט קיין מנעווניקי, האָט פֿאַרקערעוועט אויפֿן כאַראָשאָווער שאָסיי, — האָט מאַרגאַריטע, אַ גליקלעכע און אַ צופֿרידענע, וואָס דער פּאָטער פֿרעגט זיך נאָך אויף איינצלהײַטן פֿון דער געשעעניש, אָנגעהויבן דערציילן, נאָר וועניאַמין זאַכאַריעוויטש האָט זי איבערגעשלאָגן און, ווי פֿריִער, שטיל און אַקשאָנעסדיק ווידער און ווידעראַמאָל געפֿרעגט:

— וויאַזוי, וויאַזוי איז עס אַלץ געשען?..

מאַרגאַריטע האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס ווענדט ער זיך ניט צו איר, און, ווי זי זאָל זיך וועלן אין דעם איבערצײַגן, אַנשוויגן געוואָרן און, סקריפּענדיק מיט די טופֿליעס אויף די הויכע דינע, ווי שפּילקעס, אָפּצאַסן, זיך געלאָזט צו דער טיר.

וועניאַמין זאַכאַריעוויטש האָט עס ניט באַמערקט. ער איז איצט געווען ווײַט פֿון דאַנען. אין פּאָגרעבישטשע איז ער געווען, אין אַ שטעטל הינטער קאַזאַטין, אויפֿן אַנדערן טאָג נאָכן פּאָגראָם.

...די זון האָט נאָך געהאַלטן אין פֿאַרגיין, ווען דער רויטאַרמייִשער אָטריאַד איז נאָך אַ דויערנדיקער שלאַכט בײַ דער שכײַנעסדיקער סטאַנציע טעטיִעוו אַרײַנגעטראָטן קיין פּאָגרע־בישטשע. פֿינצטערע, פֿאַרכוישעכטע פֿענצטער האָבן דערשראָקן אַרויסגעקוקט פֿון אונטער די אָנגערוקטע דעכער, און פֿון די שמאָלע קרומע געסלעך האָבן זיך געצויגן צו דער איין־און־איינ־ציקער ברוקירטער גאַס לאַנגע שאָטנס, וואָס האָבן זיך ווי געבעטן: „שטילער, שטילער, מענטש דו. בײַ אונדז זײַנען הײַנט געווען צו עטלעכע לעווײַעס אין יעדן שטיבל. נעכטן איז געווען שאַבעס, זײַנען די הרוגים אָפּגעלעגן אַ טאָג בײַ די שוועלן, אין די ריוועס, אין די הויפֿן. טוט אויס די שיך און זעצט זיך מיט אונדז שיווע. טרעט ניט איבער די געסלעך — די ערד האָט נאָך ניט באַוויזן אײַנזאַפּן דאָס בלוט. און אַז איר וועט אָנקומען צו די קוזניעס בײַם טײַך, איז פֿאַרנייגט די קעפּ פֿאַר די, וואָס האָבן מיט עטלעכע ביקסן, מיט קאַצאָווישע העק און באַלעגאָלישע דרענגלעך זיך קעגנגעשטעלט זעליאָנען און זײַנען אומגעקומען. די געהאַרגעטע און שווער פֿאַרווונדעטע „סאַמאָאָבאָראָנצעס“[1] האָבן די זעליאָנאָווצעס צעהאַקט אויף שטיקער, אַז עלטערן זאָלן ניט דערקענען זייערע קינדער און קינדער זייערע עלטערן. אין איין קייווער האָט מען זיי געבראַכט הײַנט צו קוורע... ווו זײַנען די אָנגעצונדענע ליכט נאָך די הרוגים? זוכט זיי ניט אין די פֿענצטער, קוקט זיך אײַן אין די אויגן פֿון די לעבנגעבליבענע...“

און נאָך האָט זיך אים דעמלט אויסגעוויזן, דעם נײַנצניאָריקן קריוקאָווער באָכערל אינעם צעריסענעם העמדל און אין די אויסגעקרימטע סאָלדאַטישע שיך, אַז די שאָטנס פֿון די טויטע געסלעך גייען אים נאָך און זײַנען מיט אים אַרײַן אין הויף פֿון דער גרויסער אָפּגעברענטער מיל, ווו דער רויטאַרמייִשער אָטריאַד האָט זיך אָפּגעשטעלט.

אינמיטן דער נאַכט האָבן די טויט־שטילע געסלעך זיך פּלוצעם אויפֿגעכאַפּט מיט אַ יעלאָלע, און אין די פֿאַרכוישעכטע פֿענצטער האָבן זיך גענומען ווײַזן בלייכע פֿלעמלעך פֿון אָנגעצונ־דענע קאַנעצלעך און ליכט.

ניט די וואַך בײַם טויער פֿון דער מיל, ניט די פּאַטרולן האָבן ניט געקאָנט ענטפֿערן דעם קאָ־מאַנדיר, וואָס איז פּלוצעם געשען. איז דער קאָמאַנדיר אַליין אוועק איבער די באַנאַכטיקע געס־לעך, און צווישן די רויטאַרמייער, וואָס ער האָט מיטגענומען מיט זיך, איז געווען אויך ער, בּיניאָמין סיווער.

דער קאָמאַנדיר מיט די רויטאַרמייער האָבן זיך אײַנגיכן אומגעקערט צוריק, נאָר ער, ביני־יאָמין, איז אוועק ווײַטער איבער די געסלעך, עפּשער איז דאָ נאָך ערגעץ פֿאַרבליבן אַ שטוב, ווו מע ווייסט נאָך ניט, אַז אין שטעטל זײַנען אַרײַן די רויטע און אַז מע מעג זיך שוין אויס־וויינען אויף אַ קול און אָנצינדן ליכט נאָך די קדושים.

פֿון אַ פֿאַררוקט שטיבל האָט זיך צו אים דערטראָגן אַ פֿאַרשטיקט קינדערש געוויין:

— ווו איז די מאַמע? כ׳וויל צו דער מאַמען.

---

[1] אָנטיילנעמער פֿון זעלבשוץ.

סיוועך האָט לײַכט אָנגעקלאַפּט אין פֿענצטער:

— כ׳בין א רויטאַרמייער. מע קאָן צו אײַך אַרײַן?

דאָס מיידל, וואָס האָט אים געעפֿנט די טיר, האָט א טיפֿן זיפֿץ געטאָן און מיט א געוויין צוגעפֿאַלן צו דעם ייִנגעלע אַפֿן בעט.

— דיאַדינקע, שיס ניט, — האָט אויסגעשריִען דאָס ייִנגעלע און מיט ביידע הענטלעך זיך אײַנגעקלאַמערט אינעם מיידל.

— האָב ניט מוירע, ייִנגעלע. איך בין א רויטאַרמייער.

ער איז צוגעגאַנגען צום בעט און אוועקגעלייגט די האַנט דעם מיידל אַפֿן אַקסל.

— ס׳איז אײַער ברודערל?

דאָס מיידל האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— וויין ניט, ייִנגעלע. — און קעדיי אײַנגאַנצן בארויִקן דאָס קינד, האָט ער אוועקגעשטעלט די ביקס אין ווינקל באַם פֿענצטער.

ביז טיף אין דער נאַכט איז ער אָפּגעזעסן אינעם שטיבל מיטן ליימענעם דיל און דערציילט דעם מיידל מיט די פֿאַנאַנדערגעפֿלאָכטענע צעפּ און גרויסע טרויעריקע אויגן וועגן דער לעצטער שלאַכט מיט די זעליאָנאָווצעס, וועגן זײַן שטעטל קריוקאָוו באַם דניעפּער.

גאַנצפֿרי איז ער ווידער געקומען צו גיין, ווידער דאָ אָפּגעזעסן עטלעכע שאָ, און איידער ער האָט נאָך פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס קאָן ער זיך ניט צעשיידן מיט אָט דעם מיידל, וואָס איז געזעסן אַנטקעגן אים און ווי פֿאַרשטיינערט און האָט געשוויגן, האָט ער פֿאַרפֿירט מיט איר א רייד, זי זאָל דערווײַל אַריבערפֿאָרן מיטן ברודערל צו זײַנע עלטערן קיין קריוקאָוו:

— דאָרט איז רויִקער. פֿאָרט אַן אַרבעטער־שטעטל. אָט, אַז מירן א סאָף מאַכן צו די באַנדעס און אײַנשטעלן די סאָוועטן...

די דרויסן־טיר האָט זיך שטיל געעפֿנט, און אַף דער שוועל האָט זיך באַוויזן אַן עלטערער פּוכלעכער ייִד מיט א קורץ געלבלעך בערדל און מיט האַלב־פֿאַרמאַכטע אויגן, ווי ער זאָל האַלטן אין רעכנטן דאַוונען. א פּיר געטאָן מיט דער האַנט איבער דער מעזוזע, האָט ער נאָך מער צוגעמאַכט די אויגן און שווער אַרויסגעזיפֿצט:

— באָרוך דאַיען עמעס. אַן ערלעכער ייִד געווען רעב שויעל. א קאַפּצן, נעבעך, נאָר אַן ערלעכער ייִד... און די מאַמע דײַנע, אונדז צו לענגערע יאָר, געווען א צאַדייקעס. אײַ־אײַ־אײַ, ריבוינע־שעל־אוילעם...

דערזען זיצן אין א ווינקל אַן אומבאַקאַנטן מענטשן מיט א ביקס, איז דער אַלטער אַנשוויגן געוואָרן און געבליבן שטיין אַף דער שוועל.

— גייט אַרײַן. ס׳א רויטאַרמייער.

— כ׳זע, אַז ס׳א רויטאַרמייער. נאָר הײַנטיקע צײַטן... — ער האָט א ווונק געטאָן צום מיידל: — א ייִד?

— א ייִד, א ייִד, — האָט סיוועך געענטפֿערט און זיך אופֿגעהויבן פֿונעם טאַפּטשאַן.

דער אַלטער איז צוגעגאַנגען צום אויוון, אָפּגערוקט דאָס בלעך.

— קומט אַהער. איר זעט? דער טשאָלנט שטייט נאָך ניט געריִרט. א שיינעם שאַבעס האָבן מיר דאָ געהאַט. פֿײַן אָפּגעבענטשט ראַשכוידעש עלעל! — ער האָט זיך אַליין דערשראָקן פֿאַרן אייגענעם קאָל און אָנגעהויבן ריידן שטילער. — און ווו האָט איר געהאַלטן שאַבעס, ווען דאָ האָבן זיך געגאָסן טײַכן בלוט? איר, דער ייִד מיט דער ביקס. בא אונדז איז דאָך איצט, ראַכמאָנע־ליצלאָן, איין באַיִס אַשער איין שאָם מעס, ניטאָ בא אונדז די שטוב, ווו ס׳זאָל ניט זײַן קיין מעס. און צוליב וועמען, מיינט איר, לײַדן מיר? צוליב אַזעלכע, ווי איר! ייִדן זאָלן זיך געוועזן ווייניקער מישן, וואָלטן אָט די ביידע קינדער, נעבעך, ניט געבליבן קיין יעסוימים! ווי ניקאָלקע איז ניט געווען שלעכט, אָבער קיין זעליאָנע, מיט קיין גריגאָריעוו, מיט קיין מאַרוסקע און מיט אַנדערע שווארצע יאָר, יימאַך שמאָם ווזיכראָם, האָבן מיר פֿונדעסטוועגן אַף זיך ניט געהאַט. ווען וועט זיך דאָס סאָפּקאָלסאָף אַלץ ענדיקן און מיט וואָס וועט זיך דאָס אַלץ ענדיקן?

— מיט סאָוועטנמאַכט וועט זיך עס ענדיקן.

— מיט וואָס ס׳זאָל זיך דאָרט ניט ענדיקן, אַבי ס׳זאָל זיך שוין ענדיקן. אײַ, האָבן מיר דאָ געהאַט א שאַבעס! דער היגער פּאַרעץ אונדזערער זאָל מיך מיט דער מישפּאָכע ניט געווען אויסבאַהאַלטן בא זיך, וואָלטן מיר מיסטאָמע שוין אויך געווען דאָרט, ווו רעב שויעל מיט הינדעץ. בא אײַך, ווי איך האָב געהערט, זײַנען פּריצים ניט איבעריק כאַשעוו, וויל איך אײַך טאַקע בעטן, ווי א ייִדן וויל איך אײַך בעטן, אַז איר זאָלט זיך מיט אונדזערן באַגיין מענטשלעך. פּריִער פֿון אַלץ איז מענטשלעכקײַט. ווי נאָר איך האָב דערהערט, אַז איר זײַט אַרײַן אין שטעטל, האָב איך זיך אומגעקערט. כ׳רעכן צונויפֿקלײַבן דאָס ביסל האָב־און־גוטס און זיך דערווײַל אַריבער־

פעקלען אין שטאָט. אין שטאָט איז מען פּאָרט מער זיכער מיטן לעבן. ווי זאָגט איר, יונגערמאַן? — און ווידער צומאַכנדיק די אויגן, געזאָגט דעם מיידל: — ווייסט, וואָס כ׳האָב דיך געוואָלט פרעגן, טאָכטערקע? כ׳האָב שאַבעס אינדערפרי פאַרן פּאָגראָם געבראַכט אַהער באַהאַלטן אַ ביסל זאַמדצוקער, געמיינט, כ׳ווייס... צו אַזעלכע עוויוינים, ווי איר, וועט דער מאַלעך־האַמאָוועס ניט פאַרבלאָנדזשען. די גרויסע אַשירעס, וואָס רעב שויעל דער שטריקלדרייער האָט געקאָנט האָבן... איז גיי, ריכט זיך, אַף אַזאַ בראָך...

דאָס מיידל האָט געקוקט אַף אים מיט פאַרשטאַרטע אויגן.

— אָט דאָ, אין בעט, האָט די מאַמע דײַנע, אָלעהאָ־האַשאָלעם, עס פאַרוקט. דאַכט זיך, אַז אונטער דער פּערענע.

— איז גיט, זײַט מויכל, אַ קוק.

דער אַלטער איז צוגעגאַנגען צום בעט, אַף וועלכער ס׳איז געלעגן דאָס יִינגל, ארונטערגערוקט די האַנט אונטער דער פּערענע, און ווי ער האָט ניט געפּרוווט אויסבאַהאַלטן אין זיך די פרייד, וואָס דאָס רויטע געקווייטלטע ציכל מיטן פּודל זאַמדצוקער איז געלעגן ניט גערירט, האָט זי אָבער ארויסגעשפּאַרט פון אים, די פרייד, פון די האַלב־צוגעמאַכטע אויגן, פון די ברייטע נאָזלעכער, פון דער שטים, מיט וועלכער ער האָט זיך אָנגערופן צום מיידל:

— אַזאַ צאַדייקעס, ווי דײַן מאַמע, אונדז צו לענגערע יאָר, איז הײַנטיקע צײַטן גאָרניט צו געפינען.

שטייענדיק שוין בײַ דער טיר מיטן ציכל זאַמדצוקער אונטערן אָרעם, ווי מיט אַ טאַלעסזעקל, האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— אַ גלאָז האָסטו? אַ, אָט איז זי.

ער האָט פאַנאַנדערגעשנורעוועט דאָס ציכל, אָנגענומען אַ גלאָז זאַמדצוקער און אוועקגעשטעלט אַפן טיש.

— נאַ, וועסט מאַכן דעם קינד אַ זיסע גלאָז טיי.

דאָס מיידל האָט זיך אופגעהויבן, צוגעגאַנגען צום טיש און ארײַנגעשיט דעם צוקער צוריק אין ציכל.

— מע דאַרף ניט, אַ דאַנק.

...שוין דורך אַזויפיל יאָר, און ביז איצט געדענקט ער דעם בליק, מיט וועלכן ברײַנע האָט דעמאָלט ארויסבאַגלייט פון שטוב דעם יִדן מיטן זאַמדצוקער. וואָס האָט אים דאָ איצט פּלוצעם דערמאָנט אין דעם אַלעמען? די צעפּליקטע שטיקלעך כעזשבוינעס, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אַפן דיל? ווי האָט ער עס פריִער ניט באַמערקט, אַז יעדעס מאָל, ווען ברײַנע טראָגט ארײַן אין קאַבינעט דעם כעזשבן און לייגט ארויס אַפן שרײַבטיש די רעשט — די זילבערנע און קופּערנע מאַטבייעס, — קוקט זי אַף אים, דאַכט זיך, מיטן זעלבן בליק, ווי דעמאָלט אַפן יִדן מיטן זאַמדצוקער אונטערן אָרעם...

אַ דויערנדיקער קלונג פונעם טעלעפאָן האָט אים אומגעקערט די אויסערלעכע רויִקײַט, מיט וועלכער ער האָט זיך שטענדיק געוויזן פאַר מענטשן. ער האָט אראָפּגענומען דאָס טרײַבל און פריידיק אויסגעשריִען:

— נעכעמיע עליעוויטש? ביטע, ביטע. וואָס? קומען צו אײַך? מיטן גרעסטן פאַרגעניגן. כ׳פּאָר גלײַך ארויס. — און, אוועקלייגנדיק דאָס טרײַבל, פאַרוואונדערט אַ קוק געטאָן אַף מאַרען, ווי ער זאָל זיך וועלן דערמאָנען, ווען איז זי אַהער געקומען און נאָך וואָס איז זי אַהער געקומען.

מאַרגאַריטע האָט אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און איז שטיל ארויס פונעם קאַבינעט. אין אַ ווײַלע ארום האָט זי שוין פאַרגעסן אין די צעפּליקטע שטיקלעך כעזשבוינעס, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אַפן דיל, ס׳איז איר שוין ניט אָנגעגאַנגען, נאָך וואָס האָט דער פאָטער זי ארײַנגערופן, איר איז איצט בלויז אָנגעגאַנגען, ווער איז אָט דער נעכעמיע עליעוויטש, מיט וועמען דער פאָטער אירער האָט זיך אַזוי דערפרייט.

•

XVI

דער ערשטער שניי איז ווי דער ערשטער פרילינגדיקער רעגן. ער ברענגט מיט זיך עפּעס אַזוינס, וואָס לאָזט ניט אײַנזיצן אין שטוב. ס׳ציט אין דרויסן ארויס, ס׳ווילט זיך אונטערשטעלן דאָס פּנים אונטערן שניי און כאַפּן מיט עטוואָס צעעפנטע ליפּן די ערשטע שנייעלעך. ס׳איז געווען נאָך זייער פרי, ווען אַלעק האָט זיך אופגעכאַפּט. אַ זויבערע ווײַסקײַט האָט זיך געלויכטן פון די אראָפּגעלאָזטע גאַרדינען, פון די טאַפּעטן, פונעם באַלקן. ער האָט אופגעעפנט די פאָרטקע פונעם פענצטער און ביזן סאַמע אַקסל ארויסגערוקט אין דרויסן די נאַקעטע האַנט. עטלעכע מינוט איז ער אַזוי געשטאַנען אין די טרוסיקעס און געקוקט, ווי דער שניי פאַלט אַף די דעכער,

אפן ברוק, אף דיביימער, אף די טויבן, וואָס האָבן זיך שורעסווײַז אויסגעזעצט אָף די קאַרניזן פון די פענצטער, אף די באַלקאָנען.

צונויפגעשאַרט א הויפן שניי, האָט אַלעק שטײַף פאַרמאַכט די אויגן און א שאָט געטאָן דעם שניי זיך אפן לײַב.

— אך, גוט! — האָט ער, ווי באַם אײַנוואַשן זיך מיט קאַלטער וואַסער נאָך די אינדער־פריִענדיקע פיזקולטור־איבונגען, פריילעך א פאָרשקע געטאָן און אַראָפּגעשפרונגען פונעם פענצטער.

דער ערשטער שניי האָט דעם אכצניאָריקן אַלעקן פאַרוואַנדלט מיטאַמאָל אין א קליין פאַר־שײַט ייִנגל. און פונקט, ווי די קינדער, וואָס וועלן באַלד דורכלייגן אין הויף און אין סקווער דעם ערשטן שליטוועגס און אָנפילן דעם פרימאָרגן מיט זייערע הילכיקע קינדערשע געשרייען, אַזוי האָט אַצינד אַלעק אָנגעפילט דעם צימער מיט הילכיקע קלאַנגען. ער האָט ניט געטראַכט וועגן דעם, אַז צו ענדע טאָג און, מעגלעך, נאָך פריִער, וועט אָט דער פוכקער פריש אויסגעפאַלענער שניי אָנווערן די זויבערע ווײַסקײַט צי עפּשער אינגאַנצן אַראָפּ, די ביימער וועלן זיך ווידער טרייסלען פון קעלט מיט זייערע נאַקעטע טונקעלע צווײַגן און די דעכער און באַלקאָנען וועלן צוריק באַקומען זייער וואָכעדיקן אויסזען. און ווי האָט ער געקאָנט וועגן דעם איצט טראַכטן, אַז די גאַנצע שטוב איז פאַרגאָסן מיט העלער יאָמטעוודיקער ליכט און ער פילט פון דעם אַזאַ לײַכטקײַט, אַז, דאַכט זיך, צעשפּרייט נאָר די הענט, וועסטו נעמען שוועבן. מיט צעשפּרייטע הענט איז ער אַרומגעלאָפן פון איין צימער אינעם אַנדערן און געשריִען אָף א קאָל: „דער ערשטער שניי! דער ערשטער שניי!“, ווי ער וואָלט פאַרגעסן, אַז אויסער אים איז איצט דאָ מער קיינער ניטאָ, אַז אַלע זײַנען נאָך אף דער דאַטשע, פונוואַנען מע וועט פריִער ווי אין א כוידעש אַרום מיסטאָמע ניט איבערפאָרן אין שטאָט.

— —

פון זינט א קאָנסיליִום פון דאָקטוירים האָט פעסטגעשטעלט, אַז בא וועניאַמין זאַכאַריע־וויטשן איז סטענאָקאַרדיִע, פאָרט די מישפּאָכע פריִער פון די אָקטיאַבער־יאָמטויווים ניט אַריבער אין שטאָט. דאָס דריטע יאָר שוין, ווי מע באַגעגנט דעם ערשטן שניי אף דער דאַטשע.

פאַר אַלעקן זײַנען אָט די צוויי־דריטהאַלבן כאַדאָשים געווען די גליקלעכסטע אין יאָר. קיינער האָט אים ניט געפרעגט, וווהין ער גייט, צו וועמען ער גייט, מיט וועמען ער גייט. ער האָט פאַרשפּאָרט אויסהערן פון מאַרען דאָס צעטל באַמערקונגען, וועלכע זי האָט שטענדיק געהאַט אים צו מאַכן, און ווענדן זיך יעדעס מאָל צו איר נאָך א דערלויבעניש גיין אף אַן אויס־לענדישן פילם. אין די דאָזיקע כאַדאָשים האָט ער זיך געפילט ווי א פויגל, וואָס מע האָט אַרויסגעלאָזט פון שטײַג. און אין דעם פאָטערס אָנוועזנהײַט האָט מאַרע אים טאַקע אַנדערש ניט גערופן, ווי „דער פרײַער פויגל“.

אין דער דאָזיקער צײַט איז די „פּאָבעדע“ געווען, דאַכט זיך, מער אין זײַן רעשוס, ווי אין דעם פאָטערס. ער איז אַרומגעפאָרן פון שול אף דער דאַטשע, פון דער דאַטשע אין שול, אפן סטאַדיִאָן און אין טעאַטער, און אַז ס'פלעגט זיך אים פאַרגלוסטן אַמאָל בלײַבן נעכטיקן אין שטאָט, האָט ער בלויז געדאַרפט באַצײַטנס אָנקלינגען דעם פאָטער צי דער שוועסטער אף דער אַרבעט. צוטראַכטן א טערעץ איז געווען ניט איבעריק שווער: דאָס איז בא אים הײַנט א רע־פּעטיציע פונעם דראַמאַטישן קרײַז, דאָס א זיצונג פון דער רעדקאָלעגיע, צוגאָב־לימודים...

מיטן פאָטער איז אים געוויינלעך געווען גרינגער זיך צו דערליידן ווי מיט מאַרען, וועלכע איז ביכלאַל געווען קעגן דעם, מע זאָל אים לאָזן אין שטאָט אָן איר אופזיכט. זי האָט געפאָדערט, מע זאָל אף דער דאָזיקער צײַט אים אַריבערפירן צו איר אין שול. דער פאָטער איז אף דעם ניט אײַנגעגאַנגען.

— ער איז דאָך שוין ניט קיין קינד, וואָס מע דאַרף אים פירן פאַרן הענטל און אכטונג געבן נאָך יעדן טראָט. איך אין זײַנע יאָרן בין שוין געווען א זעלבשטענדיקער מענטש.

ווי טײַער זיי זײַנען אים אָבער ניט געווען, אָט די צוויי־דריטהאַלבן האַרבסטיקע כאַדאָשים, זײַנען פונדעסטוועגן אים נאָך מער ליב געווען די זונטיקדיקע טעג, ווען ער פלעגט צוזאַמען מיטן פאָטער גרייטן די דאַטשע צום ווינטער: אַרײַנשטעלן די צווייטע ראַמען, פאַקלעווען די ווענט, פאַריכטן די הרובעס, קריכן אפן דאַך צוקלאַפּן א בלעך, אָנזעגן און אָנהאַקן האָלץ, זיך אייסעקן אין סעדל אַרום די ביימער און קוסטעס... דער פאָטער האָט ליב געהאַט די אַלע אַרבעטן אָפּטאָן אַליין און צו דעם צוגעוווינט אויך אים. דאָס אייסעקן זיך אין סעדל, אין הויף איז אַלעקן געווען אַזוי טײַער, אַז ער וואָלט גיכער דורכגעלאָזט א שפּיל פון זײַן באַליבטער פוטבאָל־קאָ־מאַנדע „ספּאַרטאַק“, איידער א זונטיקדיקן טאָג אף דער דאַטשע. נאָכן געשפּרעך אָבער, וואָס ער האָט דעמלט באַנאַכט געהאַט מיטן טאַטן, איז ער מער ווי צוויי מאָל אין דער וואָך אף דער

דאטשע ניט געפאָרן, כאָטש ס׳זײַנען געשטאַנען לינדע, זוניקע טעג און ס׳האָט דאָרט אַף אים געוואַרט אָן אַ שיר אַרבעט, נאָך וועלכער ער האָט אין די שילערישע יאָרן, דוכט זיך, אַזוי ניט געבענקט, ווי איצט. אָבער אָן דעם פאָטער האָט ער ניט געוואַגט עפּעס טאָן. און דער פאָטער, ווי נאָר ער, אַלעק, קומט אַף דער דאַטשע, איז אָדער ער פאַרשפּאַרט זיך אין קאַבינעט, אָדער ער פאָרט אַוועק אין שטאָט. קלאָר: דער טאַטע וויל זיך מיט אים פּאַשעט ניט באַגעגענען און ווי אַרויסגעשטעלט אַ באַדינג: ניט קומען אַף דער דאַטשע דעמאָלט, ווען ער איז דאָרט. אַלעק האָט אים נאָכגעגעבן און קימאַט אופגעהערט קומען, פאַרענטפערנדיק זיך פאַר דער מוטער, אַז ער איז לעצטנס שטאַרק פאַרנומען.

דערפון, וואָס דער פאָטער האָט אים פאַר דער גאַנצער צײַט קיין איין מאָל ניט דערמאָנט וועגן דער מעלדונג, האָט אַלעק געמאַכט אַן אויספיר, אַז דער גאַנצער באַרויגעז זײַנער אַף אים איז איצט, ווײַזט אויס, ניט דערפאַר, וואָס ער האָט ניט אויסגעפילט זײַן באַפעל, נאָר וואָס צוליב אים, אַלעקן, האָט ער אַף דער הייסער מינוט באַפוילן אַזוינס, פון וואָס ער אַליין איז שוין גרייט זיך אָפּזאָגן.

אַזוי האָט געטראַכט אַלעק ביז מיט עטלעכע טעג צוריק, ווען מאַרע איז געקומען אים זאָגן, אַז דער פאָטער האָט איבערגעגעבן, ער זאָל אופהערן אַרומפאָרן הין און צוריק, ניטאָ ביכלאַל וואָס זיך צו שלעפּן אַף דער דאַטשע. דער פאָטער האָט אים, הייסט עס, געגעבן אָנצוהערן, אַז ער האָט גאָרנישט ניט פאַרגעסן, און אויב ער האָט אים ביז אַהער ניט אונטערגעײַלט, ער זאָל אָפּגעבן די מעלדונג, איז עס נאָר דערפאַר, וואָס ער וויל, אַז ער, אַלעק, זאָל אַליין קומען צו דעם באַשלוס.

אינעם זעלבן טאָג, ווען מאַרע האָט אים איבערגעגעבן דעם פאָטערס ווערטער, האָט אַלעק אַרויסגענומען פון דער שפּאָרקאַסע דאָס געלט, וואָס דער טאַטע האָט אים אונטערגעטראָגן צום אַכצעטן געבורטסטאָג, און צוזאַמען מיטן נומער פון דער ריי אַף אַ „מאָסקוויטש“, אַף וועלכן ער האָט זיך מיט אַ צײַט צוריק געהאַט פאַרשריבן, אָפּגעשיקט דעם טאַטן דורך דער פּאָטשט אַפן אַדרעס פון דער דאַטשע. אינעם זעלבן טאָג האָט ער אויך איבערגעשריבן די מעלדונג, אַוועקגעשטעלט אַ נײַע דאַטע. צום ערשטן מאָל פאַר דער גאַנצער צײַט האָט ער געפּרוּווט פאַר זיך אויסקלאָרן, וואָס האָט אים ביז איצט געשטערט אָנצוגעבן די מעלדונג. די האָפענונג, אַז מיט דער צײַט וועט דער פאָטער אים מוחל זײַן? די מעגלעכקײַט האָבן אַן אייגענע מאַשין, אַ באַזונדער צימער אין אַ הויז פון דער ערשטער קאַטעגאָריע און אַ צימער אין אַ צווייִשטאָקיקער דאַטשע, וואָס גייט אַרויס מיטן פענצטער אין אַ געדיכטן סאָד? ער האָט אַלץ איבערגערעכנט, כאָטש ער האָט גוט געוווּסט, אַז דער איינציקער אָפּהאַלט איז געווען שעווע.

וואָס מער ער האָט, נאָך דעם, ווי שעווע האָט אים דעמאָלט אין שפּיטאָל אומגעקערט דאָס בריוול, זיך געפּרוּווט אײַנריידן, אַז ער קאָן זייער לײַכט בא זיך פּועלן אינגאַנצן ניט טראַכטן וועגן איר, — אַלץ מער האָט ער וועגן איר געטראַכט. ער האָט בייס די לעקציעס געקאָנט פלוצעם נעמען מאָלן בא זיך אין העפט איר בילד, און געמאָלט זי אַזאַ, ווי זי האָט זיך אים פאַרגעדענקט פונעם לעצטן אָוונט אין דער לאָזשע פונעם גרויסן טעאַטער: דער קאָפּ עטוואָס אָנגעבויגן אָן אַ זײַט, די קײַלעכיקע אַקסלען, פון וועלכע ס׳האָט נאָך געאָטעמט מיט זומערדיקער זון, אַראָפּגעלאָזט, און די גרויסע קאַרע אויגן ברייט צעעפנט. אים פלעגט אָבער זעלטן געלינגען איבערגעבן דעם שמייכל, וואָס האָט זיך דעמאָלט אַרויסגעלויכטן פון אירע אויגן און געמאַכט ליכטיקער דאָס מאַטעווע געזיכט, דעם לאַנגן שלאַנקן האַלדז און די עטלעכע קוים באַמערקבאַרע זומער־שפּרענקעלעך.

ער האָט אינמיטן די לעקציעס געקאָנט אויך פלוצעם נעמען שרײַבן איר אַ בריוול, וויסנדיק אָפּריִער, אַז ער וועט עס ניט אָפּשיקן, אַז ער וועט עס צערײַסן, נאָך איידער ער וועט דערשרײַבן די לעצטע שורעס. די דאָזיקע בריוו האָבן זיך שטאַרק אונטערשיידט פון יענע, וועלכע ער האָט איר געהאַט איבערגעגעבן אין שפּיטאָל. יענע בריוו זײַנען געווען אַ סאַך קירצער, צוריקגעהאַלטענער. אַפילע דער קסאָוו איז געווען אַן אַנדערער, אַ מער רויִקער און דײַטלעכער, דאָס האָט באַדאַרפט אויסבאַהאַלטן, ווי שווער ס׳קומט אים אָן צונויפשטעלן אָט די קורצע בריוולעך. ס׳איז געוויס געווען נאַריש שיקן בריוו, אַף וועלכע מע באַקומט ניט קיין ענטפער, ער האָט אָבער גאָרנישט געקאָנט מיט זיך מאַכן און פאָרגעזעצט איר שרײַבן, פונקט ווי ער האָט פאָרגעזעצט גיין אין שפּיטאָל.

אָט דאָרטן, אונטער די פענצטער פונעם רויטן כירורגישן קאָרפּוס, טיף אין הויף, האָט ער צום ערשטן מאָל דערפילט, אַז שטייענדיק אַף איין אָרט, קאָן דאָס האַרץ מיטאַמאָל נעמען שלאָגן אַ סאַך שטאַרקער, ווי בייסן לויפן אַרויף־אַ־באַרג, און אַז אין אַ פרישן לויטערן באַגינען קאָן אַמאָל אויספעלן לופט צום אָטעמען. אָט דאָרטן, אונטער די פענצטער פונעם שפּיטאָל, נאָך איי־דער אין זײַנע העפטן האָבן זיך אָנגעהויבן באַווײַזן די אָנגעמאָלטע און איבערגעשטרײַכטע ציי־

כענונגען, ווי זי זיצט לעבן אים אין לאָזשע פֿונעם גרויסן טעאַטער, נאָך אײדער ער האָט איר אָנגעהויבן שרײַבן די ניט־אָפּגעשיקטע בריוו, האָט ער שוין געוווּסט, אַז ער וועט ניט אָנגעבן די מעלדונג, ביז וואַנען ער וועט ניט זען שוועדן.

נאָך דעם, ווי דער פּאָטער האָט קלאָר און דײַטלעך געגעבן אים אָנצוהערן דורך מאַרגאַריטען, אַז ער קלײַבט זיך ניט ענדערן זײַן באַשלוס, האָט אויך ער, אַלעק, באַשלאָסן: ער וועט אַרײַן צו איר אין פּאַלאַטע און אַליין אָפּגעבן איר דעם בריוו, וועלכן ער האָט באַלד נאָך מאַרגאַריטעס אַוועקגיין זיך געזעצט שרײַבן.

דאָס מיידל מיט די צוויי קורצע צעפּלעך און פֿאַרשלאָפֿענע אויגן, וועלכע פֿלעגט אין באַשטימטע שאָען זיך ווײַזן אינעם אָפּנאַם־צימער פֿונעם כירורגישן קאָרפּוס מיט אַ גרויסן געפּלאָכטענעם קויש אין דער האַנט, האָט שוין געקענט קימאַט אַלע באַזוכער. צונויפֿקלײַבנדיק אין קויש די פּאַקעטן און בוטלען, וואָס די קרויווים האָבן געבראַכט פֿאַר זייערע אייגענע אין די טעג, ווען מ׳האָט ניט צוגעלאָזט צו די קראַנקע, האָט דאָס מיידל איטלעכן צוגעזאָגט אויסקלאָרן אַלץ, וואָס מע האָט בײַ איר געבעטן. בלויז אים, אַלעקן, האָט זי קיינמאָל גאָרנישט ניט צוגעזאָגט, כאָטש ער האָט זי וויפֿל מאָל שוין געבעטן, זי זאָל זיך דערוויסן, צי באַקומט שוועסטער איזגור בריוו דורך דער פּאָטשט און צי לייענט זי זיי. דאָס מיידל פֿלעגט בײַ אים נעמען דעם פּאַקעט פֿאַר שוועסטער אַזוי, אַז ער האָט גלײַך געזען, אַז פֿון איר וועט ער זיך גאָרנישט דערוויסן, פּונקט ווי שוועסטער וועט זיך בײַ איר ניט דערוויסן, ווער ברענגט עס איר די פּאַקעטן פֿרוכטן, די שאַכטלעך שאָקאָלאַד־קאָנפֿעטן.

דאָס מאָל, נאָך אײדער ער האָט באַוויזן צומאַכן הינטער זיך די טיר, האָט דאָס מיידל אים געזאָגט:

— אײַערע האָט מען נאָך מיט עטלעכע טעג צוריק אויסגעשריבן פֿון שפּיטאָל.

— כ׳ווייס, כ׳ווייס, — האָט אַלעק געענטפֿערט, אַליין ניט פֿאַרשטייענדיק, וואָס ער רעדט, און אַרויס אין הויף.

— מנעווניקי, צוויי־און־דרײַסיקסטער קוואַרטאַל! — האָט ער זיך אָנגערופֿן צום שאָפֿער פֿון טאַקסי און מיט אַ קלאַפּ צוגעמאַכט הינטער זיך דאָס טירל פֿון דער מאַשין.

דעם גאַנצן וועג האָט ער געטראַכט נאָר וועגן איין זאַך: ווי וועט אויסזען זײַן באַגעגעניש מיט שוועדן, און אַפֿילו ניט באַמערקט, ווי די מאַשין איז פֿונעם ברייטן כאַראָשאָווער שאָסיי אַרײַנגעפֿאָרן אין די שטילע קוואַרטאַלן פֿון די פֿריש־אויסגעפּאַרבטע פֿינפֿשטאָקיקע הײַזער.

— וועלכער קאָרפּוס? — האָט, אויסדרייענדיק צו אים דעם קאָפּ, געפֿרעגט דער שאָפֿער.

— וואָס? — אַלעק האָט אויסגעווישט מיט דער האַנט דאָס פֿאַרהויכטע גלאָז פֿונעם טירל. — דאַכט זיך, אַז דאָ איז עס. יאָ, טאַקע דאָ. — און איז אַרויס פֿון מאַשין.

— כאַווער, פֿון אײַך קומט...

— זעט, גאָר פֿאַרגעסן. אַנטשולדיקט, ביטע. — און צעצאָלט זיך מיטן שאָפֿער.

די דרײַ־פֿיר מאָל, וואָס ער איז געווען בײַ שוועדן נאָך דעם, ווי זי איז אַריבערגעפֿאָרן אַהער פֿונעם שטויביקן געסל אויף דאַראָגאָמילאָווע, האָט ער דאָ שטענדיק געבלאָנדזשעט. מע זאָל געווען געבן דעם פּאָטער זײַנעם אַ דירע ניט אויף דעם ברייטן ראַשיקן מאָזשײַסקער שאָסיי, נאָר ערגעץ דאָ, אין מנעווניקי, האָט אַלעק יעדעס מאָל געטראַכט, וואָלט ער מיסטאָמע קיינמאָל דעם וועג צו זיך אַהיים ניט געטראָפֿן; אַז אַלע גאַסן זעען דאָ אויס, ווי זיי זאָלן זײַן פֿון איין לענג און פֿון איין ברייט, אַלע הײַזער פֿון איין הייך, מיט איינע און די זעלבע באַלקאָנדלעך און געדיכט אָנגעפּיקעוועטע אַנטענעס, ווי צלאָמים, אויף די פֿלאַכע דעכער.

ווי ער האָט דאָ שטענדיק ניט געבלאָנדזשעט, האָט ער דאָך באַלד, ווי ער איז אַרויס פֿון טאַקסי, דערזען, אַז דאָס איז ניט דער קוואַרטאַל, וועלכן ער דאַרף. עפּעס זײַנען דאָ די הײַזער אַנדערש צעשטעלט, די באַלקאָנען אַנדערש פֿאַרפּוצט, און אויף וויפֿל ער געדענקט, זײַנען אין דעם צוויי־און־דרײַסיקסטן קוואַרטאַל ניט געווען אַזוי פֿיל ביימלעך און קלומבעס. עפּשער האָט די מאַשין אים צוגעפֿירט פֿון דער אַנדערער זײַט גאַס, וווּ ער איז נאָך קיינמאָל ניט געווען? זיך איבערצײַגט, אַז ס׳איז ווירקלעך אַזוי, איז ער אַפֿילו געווען צופֿרידן. פֿאַר די צען—פֿופֿצן מינוט, וואָס ער האָט דאָ צו גיין, וועט ער פֿאַר זיך נאָכאַמאָל איבערכאַזערן אַלץ, וואָס ער קלײַבט זיך איר זאָגן, באַרויִקן זיך, דאָס האַרץ זאָל אַזוי ניט קלאַפּן. ער איז געגאַנגען ניט געײַלט, באַטראַכט, ווי ער וואָלט געציילט די טריט, געקוקט אַלץ אויף אַרופֿצו, צו די פֿאַריסענע שנאָבלען פֿון די הייבקראַנען אונטערן בלויען אָונטיקן הימל.

פּלוצעם האָט ער דערפֿילט אַזאַ מאָדנע שוואַכקײַט אינעם גאַנצן קערפּער, אַז ער האָט אויסגעשטרעקט די הענט, ווי ער זאָל זיך וועלן אָן עפּעס אָנכאַפּן, און האָט שטײַף צוגעמאַכט די אויגן. ער האָט ניט באַנומען, וואָס קומט מיט אים פֿאָר און וואָס וועט זײַן, אַז ער וועט זיי אָניאָגן. עפּעס האָט זיך אָנגעוואַלגערט אויף אים מיט אַזאַ שווערקײַט, קוים וואָס ער האָט איבער־

געשטעלט די פיס. און דאָך איז די שטרעקע צווישן אים און באָריסן, וועלכער האָט געפירט שעווען אונטער דער האַנט, געוואָרן אַלץ קלענער און קלענער. ער האָט זיך געהאַלטן נעענטער צו די הײַזער, ער זאָל יעטווידע רגע קאָנען פאַרשווינדן אין אַן אַרײַנגאַנג און פון דאָרטן נאָכשפּירן, ווי זאָרגזאַם און צאַרט באָריס פירט עס זי אונטער דער האַנט, און ווי נידעריק זי האַלט עס אָנגעבויגן דעם קאָפּ צו זײַן אַקסל. איר האַנט ליגט געוויס איצט אין זײַנער, און ער קלײַבט אײַנציקווײַז איבער אירע דינע פינגער.

צוזאַמען מיטן ווייטעק, וואָס האָט אים פאַרקלעמט דאָס האַרץ, פאַרשלאָגן דעם אָטעם, האָט זיך אין אים פאַרקליבן אַ געפיל פון האַס און קינאה צו באָריסן. דורך איר, דורך שעווען, האָט ער צום ערשטן מאָל פאַר זײַנע אַכצן יאָר אַנטדעקט אין זיך דאָס געפיל פון ליבע, און דורך אים, באָריסן, דאָס געפיל פון האַס און קינאה. „יעדער מענטש איז לויט דער נאַטור אַ כײַע און אַן אויסוווּרף. נאָר ניט יעדן איינעם איז געגעבן די מעגלעכקײַט אַנטפּלעקן עס אין זיך און עס אַרויסווײַזן. גיט אים אָבער נאָר אַזאַ מעגלעכקײַט, וועט איר זען, ווער דער מענטש איז". אין וועלכן אויסלענדישן פילם האָט ער עס געהערט? ער געדענקט בלויז, אַז אין קינאָ איז ער געווען צוזאַמען מיט באָריסן און אַז באָריס האָט זיך נאָכדעם אַף אים געבייזערט, וואָס ער האָט אים פאַרשלעפּט אַף דעם דאָזיקן פילם, און זיך געקליבן אָנשרײַבן אין צײַטונג, מע זאָל מער אַזעלכע פילמען ניט דעמאָנסטרירן. איז ווי זשע קומט עס, וואָס באָריס, וועלכן ער האָט געהאַלטן פאַרן סאַמע ריינסטן, פאַרן סאַמע ערלעכסטן, פאַרן סאַמע טרײַסטן, זאָל אים אַזוי שוואַרץ מאַכן אין שעוועס אויגן? איצט איז אים שוין קלאָר, פאַרוואָס שעווע האָט ניט געענטפערט אַף זײַנע בריוו. דאָס האָט באָריס ניט דערלאָזט. באָריס מיינט מיסטאָמע, אַז אַלעק ווייסט ניט וועגן דעם, אַז ער פלעגט יעדן טאָג קומען צו שעווען אין שפּיטאָל, אָפּזיצן עטלעכע שאָ בײַ איר בעט... וועגן וואָס האָבן זיי געקאָנט דאָרטן ריידן? פאַרשטייט זיך, אַז וועגן אים. באָריס האָט אָנגערעדט דאָרט אַף אים און דערמיט זיך דערשלאָגן, אַז שעווע זאָל באָריסן פאַרבעטן צו זיך אַהיים און פאָרשטעלן פאַר איר מאַמען ווי דעם נאָענטסטן פרײַנט. קומט, הייסט עס, אויס, אַז ער, אַלעק, האָט געגעבן באָריסן די מעגלעכקײַט זיך אַנטפּלעקן און זיך באַווײַזן, ווי ס'האָט וועגן דעם גערעדט דער העלד אין יענעם אויסלענדישן פילם... באָריס זאָל זיך ניט געווען אַרײַנמישן, וואָלט שעווע שוין לאַנג אין אַלץ פאַרגעסן. ווען ניט באָריס, וואָלט דער פאָטער זײַנער, אַלעקס, זיך קיינמאָל ניט דערוווּסט, וואָס איז געשען אין טראָלייבוס.

ער האָט אָבער אויך וואָס צו דערציילן וועגן באָריסן. זאָל ער ניט מיינען, באָריס, אַז ער האָט איר ניט וואָס צו דערציילן וועגן אים...

וואָס קלענער ס'ווערט די שטרעקע צווישן זיי און אים, אַלץ שטילער און פאָרזיכטיקער גייט ער זיי נאָך. ער האָט אַפילע אויפגעשטעלט דעם קאָלנער פונעם האַרבסטיקן מאַנטל, אָנגערוקט דאָס היטל, אײַנגעהאַלטן דעם אָטעם. מיטאַמאָל האָבן זיי זיך אויסגעדרייט צו אים. אַלעק האָט קוים באַוויזן אַרײַנלויפן אינעם נאָענטסטן אַרײַנגאַנג און האַסטיק זיך אויפהייבן אַפן פינפטן שטאָק. ער איז ניט געווען זיכער, אַז זי וווינט ניט אין דעם קאָרפּוס. נאָר אַז איר דירע איז ניט אַפן ערשטן און ניט אַפן לעצטן שטאָק, דאָס האָט ער פאַרגעדענקט, און דערפאַר האָט ער רויִק געקאָנט דאָ שטיין און אַרויסקוקן דורכן פאַרהויכטן פענצטער אַף דער אָוונטיקער גאַס. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט בײַם לעצטן אַרײַנגאַנג פונעם אַנטקעגנדיקן הויז. אַלעק האָט זיך אַראָפּגעלאָזט מיט אַ שטאָק נידעריקער, נאָכדעם האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אַפן דריטן שטאָק, פון דריטן אַפן צווייטן. זיי זײַנען אַלץ נאָך אָבער געשטאַנען.

עמעצער האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער דרויסן־טיר. מע איז געגאַנגען אַהער. אַלעקן איז בלויז געבליבן אויפהייבן זיך צוריק אַפן פינפטן שטאָק. ס'האָט געדויערט ניט מער ווי אַ מינוט, נאָר ווען ער האָט ווידער אַ קוק געטאָן אין פענצטער, האָט ער באָריסן מיט שעווען שוין בײַם אַרײַנגאַנג ניט געזען. אַלעק האָט זיך דערפילט אַזוי מיד און אָפּגעשוואַכט, אַז ס'איז שוין אים געווען אַלצאיינס, צי זיי האָבן זיך צעשיידט, צי באָריס איז אַרײַן צו איר.

ווען ער האָט אין אַ שאָ אַרום זיך אַרײַנגעוואַלגערט אין בעט, איז ער געווען אין אַזאַ צושטאַנד, אַז ער האָט זיך ניט געקאָנט דערמאָנען, וויאַזוי האָט ער זיך דערקליבן אַהיים.

— —

צוזאַמען מיט דער זויבערער ווײַסקײַט פונעם ערשטן שניי, וואָס האָט אָפּגעלויכטן אַף די גאַרדינען, אַף די ווענט, אַפן באַלקן, האָט אים אויך אויפגעוועקט פון שלאָף אַ געפיל פון יאָמטעווודיקײַט און פאַרוואַנדלט אין אַ גליקלעך, פאַרשײַט קינד. ס'זײַנען אים מיטאַמאָל ענג געוואָרן די גרויסע געראַמע צימערן, איבער וועלכע ער האָט זיך אומגעטראָגן הין און צוריק, עס איז אים נידעריק געווען דאָס פענצטער, אַף וועלכן ער איז אַרופגעשפּרונגען: צו נאָענט דער האָריזאָנט מיט דעם נאָך ניט אינגאַנצן פאַרגאַנגענעם שטיקל לעוואָנע; ס'איז אים מיטאַמאָל קליין געוואָרן די ראַכ־

וועס פון דער ערד, די הייך פונעם הימל, און ער אַליין האָט זיך געפילט צו קליין אויף אַרײַנמען אין זיך די ליכטיקייט און יאָמטעוודיקייט פונעם שנייִיקן קאַיאָר. ס׳זאָל ניט זײַן אַזוי פרי, וואָלט ער איצט אָנגעקלונגען אַלע זײַנע באַקאַנטע. ער וואָלט זיך מיסטאָמע ניט אײַנגעהאַלטן און אָנגעקלונגען אויך באָריסן. „באָרקע, — וואָלט ער אים געזאָגט, — וואָס שלאָפסטו? טו נאָר אַ קוק אין דרויסן!“.

ווי קליינלעך און נישטיק האָט עס געדאַרפט אויסזען נעכטן, ווען ער איז זיי נאָכגעגאַנגען פונדערווײַטנס און געוואָלט אויסגעפינען אין באָריסן אַזוינס, מיט וואָס ער זאָל אים נאָכדעם קאָנען דערנידעריקן אין שעוועס אויגן.

ס׳קאָן זייער זײַן, אַז די יאָמטעוודיקע פרייד פונעם הײַנטיקן קאַיאָר נעמט זיך פון דעם, וואָס ער שפּירט איצט ניט אין זיך אַפילע קיין סימען פון האַס און קינע צו באָריסן. זײַן נאָכשלעפּן זיך נאָך זיי, דאָס שטיין באַם פאַרהויכטן פענצטער פונעם פינפטן שטאָק האָט אים איצט אויסגעזען ווי אַ ווײַטע געשעעניש.

אונטער דער הויכער קרישטאָלענער וואַזע אויפן טישל האָט ער דערזען אַן אָפענעם קאָנווערט מיט צוויי בילעטן אין לושניקאָווער ספּאָרט־פּאַלאַץ אויפן ווינער באַלעט „אײַז־רעוויו“ און אַ צעטעלע דערבײַ: „אַזוי ווי איך בין פרײַטיק זייער פאַרנומען, לאָז איך די בילעטן איבער דיר. שטעלסט זיך ניט פאָר, ווי שווער ס׳איז צו קריגן בילעטן אויפן ווינער באַלעט, אַפילע מיר. מאַרע“.

אַלעק האָט זיך אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט זיך געריכט דאָ דערזען מאַרגאַריטען. איז זי, הייסט עס, נעכטן נאָך דער אַרבעט געוועזן דאָ. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף די בילעטן. זעקסטער סעקטאָר, עלפטע רײ. פאַרשטענדלעך. זי האָט באַשטעלט בילעטן פאַרן פאָטער, נאָר אַזוי ווי איר איז ניט געלונגען קריגן קיין ערטער אין דער דריטער צי אין דער פערטער רײ, האָט זי זיי אָפּגעגעבן אים. ער מעג נאָך דערווײַל זיצן אויף אַזעלכע ווײַטע ערטער. נאָר פאַרוואָס האָט זי אים איבערגעלאָזט צוויי בילעטן? ער זאָל אײנעם פאַרקויפן, צי אײַנלאַדן עמעצן מיט זיך? וועמען?

דער זייגער איז נאָך געווען פאַר זעקס. פריִער ווי אין אַ פּאָר שאָ אַרום וועט ער קיינעם ניט קענען קלינגען. האָט ער זיך צוריק פאַרקליבן אונטער דער קאָלדרע און גלײַך אײַנגעשלאָפן מיט יענעם גליקלעכן שמייכל, מיט וועלכן עס שלאָפן אײַן קינדער, וואָס האָבן זיך אָנגעשפּילט אויף דער פרישער לופט.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין געווען גרויסער טאָג. ער האָט זיך אָבער ניט געאײַלט אָנטאָן און איז עטלעכע מינוט נאָך געלעגן מיט ברייט צעעפנטע אויגן, ווי אַ מענטש, וואָס ווייסט ניט, וויאַזוי און מיט וואָס פאַרפילן דעם טאָג. ער האָט ניט גערעכנט, אַז אים וועט אָנקומען אַזוי שווער צו פאַרגעסן, אַז ער דאַרף גיין אויף די לעקציעס, און זיך צוגעוווינען צום געדאַנק, אַז ער איז שוין ניט קיין סטודענט. הײַנט, אומבאַדינגט הײַנט וועט ער אָפּגעבן די מעלדונג.

דער אָפענער קאָנווערט מיט די צוויי בילעטן, וואָס איז געלעגן אויפן טיש, האָט אים דערמאָנט, אַז ער האָט זיך געקליבן עמעצן אָנקלינגען. איצט אָבער זײַנען שוין אַלע פון לאַנג אין אינסטיטוט און אויף דער אַרבעט.

ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פונעם בעט און זיך גענומען אָנטאָן. שעווע איז זיכער איצט אַליין אין שטוב.

שוין שטייענדיק אין מאַנטל, האָט ער אַראָפּגענומען דאָס טרײַבל און אָנגעקלונגען צו איר אויף דער אַלטער וווינונג. ער האָט געוווּסט, אַז מע וועט אים פון דאָרטן ענטפערן: „די איזגורס האָבן זיך איבערגעקליבן אין אַ נײַער דירע. בײַ זיי איז נאָך ניטאָ קיין טעלעפאָן, מיר קאָנען אײַך געבן זייער נײַעם אַדרעס“. דאָך האָט ער אָנגעקלונגען און געבעטן צורופן שעווען צום טעלעפאָן. ס׳איז אים ליב געווען הערן, ווי עמעצער אין טרײַבל רופט אָן איר נאָמען.

אינעם גרויסן פאַרשנייטן הויף האָט ער באַגעגנט עטלעכע אָנגעפּעלצטע קינדער מיט שליטעלעך.

— זעץ זיך נאָר אָקאָרשט, — האָט אַלעק פריילעך אויסגעשריִען צו אַ ייִנגעלע פון אַ יאָר פיר־פינף אין אַ קורץ ווײַס פעלצל און, אײַנגעשפּאַנט זיך אינעם שליטעלע, זיך געלאָזט לויפן איבערן פאַרשנייטן הויף.

XVII

צוקומענדיק נעענטער צו דעם געלבלעכן פינפשטאָקיקן הויז מיט די שמאָלע באַלקאָנדלעך און אָנגעפּיקעוועטע אַנטענעס, האָט אַלעק זיך פּלוצעם געכאַפּט, אַז ער מאַכט נאָך באָריסן, אַז ער גייט שוין אויך, ווי יענער, דעם קאָפּ אַ ביסל אָן אַ זײַט, שפּרינגט עטוואָס אונטער און פּאָכעט, ווי באַם מאַרשירן, מיט די הענט. ער איז אַפילע אַ פּאָר מאָל אַראָפּ אויפן ברוק און, ווי

באַריס, אַ שמיץ געטאָן מיטן פוס אַ בלעכענע פושקע פון קאָנסערוון, אַ שערבל, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אויפן וועג...

די זון איז אַזוי אומגעריכט אַרויס פון די וואָלקנס, אַז ער האָט קוים באַוויזן אָפּקערן די אויגן פונעם פינקלענדיקן שניי. דער פרישער פּוכקער שניי אויפן ברוק האָט אָפּגעלויכטן מיט אַ בלויליכער שײַן און איז ענלעך געווען אויף אַנגעזייפטן שוים. זאָל נאָר אַ ווינט טאָן אַ ווינטל, וועלן נעמען פליען צו דער זון דורכזיכטיקע ליווערע זייפן־בלאָזן. צוזאַמען מיט זיי וואָלט ער זיך, דאַכט זיך, אויך אָפּגעריסן פון דער ערד, אַזוי לײַכט און גרינג האָט ער זיך מיטאַמאָל דערפילט באַם אַרײַנגאַנג אין הויז. ער איז געשטאַנען אויף די דרויסנדיקע טרעפלעך און אַרויפגעקוקט צו דעם מענטשן אין דער האַלב גלעזערנער קאַבינע פונעם הייבקראַן, פונוואַנען, ווי אים האָט זיך אויסגעוויזן, ס'איז געווען נעענטער צום הימל, ווי צו דער ערד. ער וואָלט אויך געוואָלט איצט זײַן אויף די רישטעוואַניעס און באַגלײַך מיט אַלעמען דאָרט פון מאָל צו מאָל אונטערזינגען: „ראַז, דוואַ, ווזיאַלי! יע־שטשאָ ווזיאַלי!“. און זאָל זיך אים געווען איצט מאַכן אונטער דער האַנט אַ לאָפּעטע, וואָלט ער זיך געשטעלט וואַרפן דעם שניי פון די דעכער!

דאָס איז געווען ניט בלויז אַ נאַטירלעכע באַדערפעניש פון אַ געזונטן יונגן מענטשן עפּעס צו טאָן, ניט שטיין מיט צונויפגעלייגטע הענט, — אייגנטלעך, איז הײַנט דאָך דער ערשטער טאָג, וואָס ער גייט ניט אין אינסטיטוט און זיצט ניט איבער די ביכער, — ער האָט איצט פּאַשעט געהאַט אַ נאַטירלעכע באַדערפעניש טאָן גוטס, און דאָס איז געווען קענטיק פונעם שטילן, גוט־מוטיקן שמייכל אויף זײַן געזיכט, אין זײַנע אויגן, וואָס האָט דערמאָנט אָן יענעם באַזונדערן שמייכל, וועלכן ס'רופט אַרויס בײַ אַ פאַרבײַגייער דאָס קליינוואַרג פון אַ קינדערגאָרטן. די יאָמ־טעוודיקײַט, מיט וועלכער ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פאַרטאָג, האָט ער נאָכדעם דעם גאַנצן וועג געזוכט צו געפינען בײַ די פּאַסאַזשירן פונעם טראָליידבוס, וואָס האָט אים אהער געבראַכט, בײַ די מענטשן, וואָס ער האָט באַגעגנט אין גאַס, בײַ דעם מאַשיניסט אין דער האַלב־גלעזערנער קאַ־בינע פונעם הייבקראַן, בײַ די אַרבעטער אויף די רישטעוואַניעס. ער איז געווען זיכער, אַז מיטן זעלבן געפיל האָט זיך הײַנט אויפגעכאַפּט אויך שעווע און, ווי ער, פאַרגעסן אַלץ, וואָס איז געשען אין יענעם פּריהאַרבסטיקן אָוונט. ס'האָט זיך אים שוין אַפילו געדוכט, אַז זי וואַרט, ער זאָל הײַנט קומען. אַ מענטש קאָן דאָך לאַנג זיך ניט בייזערן. אײַנגעאָטעמט אַ פולע ברוסט מיט לופט, איז ער אַרויפגעלאָפן אויפן דריטן שטאָק און אַ דריק געטאָן דאָס גלעקל.

קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן. צי דען האָט ער זיך בלויז נאָר צוגעריירט צום גלעקל? ער האָט דאָך אָבער דײַטלעך געהערט דעם קלונג. ער הערט אים נאָך ביז איצט אין זיך. ער האָט ווידער טיף אײַנגעאָטעמט די לופט, ווי באַם פּאַרוועטן זיך, ווער וועט לענגער זיך האַלטן אונטערן וואַסער, און שטײַף אַ קוועטש געטאָן דאָס גלעקל. ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז זײַן האַרץ קלאַפּט שטאַרקער, ווי די שווערע פעסטע טריט פון יענער זײַט טיר. די טריט זײַנען געווען ניט אירע. אין דער אויפגעעפנטער טיר האָט ער דערזען פאַר זיך אַן אומבאַקאַנטן מאַנצבל.

— אַנטשולדיקט, כ'האָב, ווײַזט אויס, פאַרפּלאָנטערט דעם אַדרעס, — האָט אַלעק גע־זאָגט. — וועלכער קאַרפּוס איז עס?

— כ'ווייס אַליין ניט, — האָט דער מאַנצבל אַ קנייטש געטאָן די אַקסלען, — איך בין ניט קיין היגער. שאַ, אָט גייט, דאַכט זיך, עמעצער, וועלן מיר פרעגן.

פונעם אייבערשטן שטאָק האָט זיך אַראָפּגעגליטשט אויף דער פּאַרענטשע אַ ייִנגל.

— ייִנגעלע, וועלכער קאַרפּוס איז באַ אונדז?

— דער עלפטער! — און היפּערנדיק טרעפלעך, האָט דאָס ייִנגל זיך געלאָזט לויפן אַראָפּ.

— מאָדנע, — האָט אַלעק פאַרלוירן זיך אָפּגערופן, — שוין זשע האָב איך פאַרבלאָנדזשעט?

— צו וועמען, אייגנטלעך, דאַרפט איר? — האָט דער מאַנצבל אים מיטפילנדיק געפרעגט.

— צו די איזגורס.

— אָט פון דעם האָט איר געדאַרפט אָנהייבן. קומט, קומט אַרײַן. און צו וועמען פון די איזגורס דאַרפט איר? ציוויע נעכעמיעוונע איז אויף דער אַרבעט.

— און שעווע? — האָט אַלעק שטיל געפרעגט.

— אַך, שעווע? זי וועט מיסטאָמע באַלד קומען. זי איז אַוועק אין פּאָליקליניקע אויף אַ פּערעוויאַזקע.

מעגלעך, אַלעק וואָלט אויך דאָס מאָל ניט באַמערקט, אַז דער באַלקן איז דאָ אַ נידעריקער, ווען דער מאַנצבל, וואָס איז געשטאַנען קעגן אים, זאָל ניט געווען זײַן אַזוי הויך.

— זיך מיסטאָמע געלערנט צוזאַמען מיט שעווען? ניטאָ דער טאָג, מע זאָל זי ניט קומען געווירע ווערן.

— אַ פײַן דירעלע באַ אײַך.

— אַ? נו, פאַרשטייט זיך. איר ווױנט אויך אין אַ נײַער דירע?

— זײַט איר, הייסט עס, שוועס...

— יאָ, יאָ, שוועס זיידע. וואָס קוקט איר אַזוי? — ער האָט אַרײַנגענומען אין דער האַנט דעם רײַן אויסגעגאָלטן קין און פאַרהויבן דעם קאָפּ. — איר ווייסט ניט, אַז הײַנטיקע צײַטן איז געוואָרן אַ מאָדע אַף יונגע זיידעס? מע איז שוין אָבער ווײַט ניט אַזוי יונג, ווי ס'ע דוכט זיך. פֿון זײַן יונג ביז ייִנגערן זיך איז פֿאַלג מיך אַ גאַנג.

— זײַט איר, הייסט עס, שוועס זיידע? שוועס האָט מיר דערציילט וועגן אײַך. כ'האָב נאָר פֿאַרגעסן, ווי מע רופֿט אײַך.

— מיך? נעכעמיע עליעוויטש. און אײַך, יונגערמאַן?

— אַלעקסאַנדער.

— און מיט וואָס באַשעפֿטיקט מען זיך עס? באַ אײַך, ווי מיר האָבן געהערט זאָגן, איז דאָ געוואָרן אַ מאָדע זיצן באַ טאַטע־מאַמע אַף קעסט.

— איך קלײַב זיך ווערן אַ שאַכטיאָר.

— אין מאָסקווע זײַנען פֿאַראַן שאַכטעס?

— איך פֿאָר קיין דאָנבאַס.

— וואָס עפּעס גראָדע קיין דאָנבאַס? פֿאַרוואָס, לעמאָשל, ניט קיין אינטאַ? אײַ, דאַרף מען דאָרט איצט מענטשן, און טאַקע יונגע מענטשן, סאָלדאַטן, ווי מע זאָגט עס, וועלכע שטעלן זיך ניט אָפּ פֿאַר קיין פּופּציקגראַדוסדיקן פֿרעסטל מיט אַ ווינטל נאָך דערצו, מאַמעש מעקאַנע צו זײַן. הײַנט דאָס שליטלען זיך נאָך דער אַרבעט פֿון די טעריקאָניקעס. אַ פּאַכעד, זאָג איך אײַך, אַ קוק צו טאָן. אײַ, סאַראַ כעוורע זײַנען דאָרט!

— ווי האָט איר געזאָגט, אינטאַ?

— אינטאַ, יאָ, אינטאַ. קיינמאָל ניט געהערט? כ'האָב פֿאַר דער מילכאָמע אויך ניט געהערט. מיר האָבן פֿאַר דער מילכאָמע ביכלאַל אַ סאַך זאַכן ניט געהערט. — ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי ער זאָל זיך אָפּשטויסן פֿון אַן אַנגעלאָפֿענער כוואַליע, וואָס האָט אים געדראָט מיטשלעפּן מיט זיך, און באַהאַלטן די טונקעלע אויגן אונטער די אויסגעברענטע ווײַעס.

אַלעק האָט עס ניט באַמערקט. ער האָט אויך ניט באַמערקט די טיפֿע קנייטשן, וואָס האָבן זיך אויסגעטיילט אַף נעכעמיעס פֿאַרווינטיקטן און פֿאַרברויינטן פּאָנעם. ער האָט באַטראַכט די פֿאָטאָגראַפֿיעס און סטאַטועטקעס אַפֿן קאָמאָד, די ביכער אַף דער עטאַזשערקע, דעם צימער, אין וועלכן עס וווינט שוועס.

— ווּהין גייט באַ אײַך אַרויס דער באַלקאָן? — האָט אַלעק געפֿרעגט, ווי ער וואָלט דאָ געווען צום ערשטן מאָל. ער איז צוגעגאַנגען צו דער גלעזערנער טיר און זיך אײַנגעקוקט אין יעדן פֿאַרבײַגייענדיקן, וואָס האָט זיך באַוויזן אַנטקעגנאיבער אַפֿן טראָטואַר.

נעכעמיע איז אויך צוגעגאַנגען צו דער טיר פֿונעם באַלקאָן, אַ קוק געטאָן אַף די שיטערע קנוילן רויך, וואָס זײַנען געשוועמען אונטער די וואָלקנס, און זיך אָנגערופֿן:

— ס'וועט נאָך הײַנט זײַן אַ שיינער טאָג.

דערפֿילט אַף זיך אַלעקס פֿאַרכידעשטן בליק, האָט ער צוגעגעבן מיט אַ שמייכל:

— אַז מע איז אַזויפֿיל יאָרן אַ ווײַנגערטנער אַפֿן סטעפּ, ווערט מען בעמיילע אַ מייוון אַף אַ וועטער.

— אינטאַ איז שטאַרק ווײַט פֿונדאַנען? — האָט אַלעק פֿאַרטראַכט געפֿרעגט.

— שײַעך ווײַט. הײַנטיקע צײַטן איז דאָך אַמעריקע שוין אויך ניט ווײַט. פֿאַר פֿיר־פֿינף שאָ איז מען אין אינטאַ, און מיטן צוג איז אויך ניט מעסוקן. צוויי־דרײַטהאַלבן מעסלעס. וויי־וויי, וווּ דער מענטש שפּאַרט עס נאָר ניט אָן! זיך פֿאַרקלײַבן אין דער טונדרע, אונטער די סאַמע האַריי־כוישעך, אַזש אַפֿן פּאָליאַר־קרײַז, ווו צוועלף כאָדאָשים איז ווינטער און דאָס איבעריקע זומער, ווי מע זינגט דאָרט אין אַ לידל, און זיך שטעלן בויען אַ שטאָט. הײַנט וואָס פֿאַר אַ שטאָט! אַ קראַסאַוויצע. מײַנער אַ זון וווינט דאָרט. שוועס אַ פֿעטער, הייסט עס. ער אַרבעט אין אַ שאַכטע, אַ פּראָכאָדטשיק איז ער, ס'הייסט אַ ראַזוועדטשיק. מיט איין וואָרט, אַ שאַכטיאָר. און געווען איז ער אָט ווי איך, אַ קאָלווירטניק. פֿאַר דער מילכאָמע, הייסט עס. האָט די מילכאָמע אים פֿאַרוואָרפֿן אַהין. עט! — און ווידער אַ פּאָך געטאָן מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט ווידער זיך אָפּשטויסן פֿון אַ כוואַליע, וואָס האָט געדראָט אים פֿאַרשלעפּן מיט זיך.

אויך דאָס מאָל האָט אַלעק עס ניט באַמערקט. ער האָט אויך ניט באַמערקט, ווי נעכעמיע איז אַוועקגעגאַנגען פֿונעם באַלקאָן און, אָנשפּאַרנדיק זיך אין דער וואַנט ווי אין אַ הרובע, שטיל גענומען זינגען עפּעס אַ ניגן. אַלעק האָט נאָך אַלץ אַרויסגעקוקט אין גאַס.

— כ'האָב מוירע, אַז כ'וועל זיך אַף איר הײַנט ניט דערוואַרטן.

— כ'פֿאַרשטיי טאַקע אויך ניט, וואָס זאַמט זי זיך עס דאָרט הײַנט אַזוי לאַנג. ניט אַנדערש... כ'ווייס. — און אומגעריכט פֿאַר אַלעקן אַ פֿרעג געטאָן: — וואָס איז עס פֿאַר אַ באָכער?

— ווער? — האָט אלעק פארכידעשט איבערגעפרעגט.

— נו, אָט דער, וואָס איז מיט איר דעמלט געפאָרן אין טראָלייבוס. דו, הער נאָר! דערלאָזן, מע זאָל איר דערלאנגען מיט אַ מעסער אין זײַט. ווי איז, כאָלילע, ווען דער מערדער זאָל איר געווען דערלאנגען עטוואָס העכער. דו, הער נאָר! זיך ניט אָנעמען פאר אַן אייגענעם מענטשן. בא אונדז איז זיך אויך אמאָל פארלאָפן אַן ענלעכע געשיכטע. ס׳איז שוין אין דעם אַ קײַמעלאָן פון אַ יאָר דרײַסיק, טאקע אינעם ערשטן זומער, וואָס מיר האָבן זיך באזעצט אפן קרימער סטעפ, איז עס געווען. אָט דעמלט, קאָן מען זאָגן, האָב איך צום ערשטן מאָל אין לעבן דערפילט דעם עמעסן טאַם פון וואסער. אָן עסן, ווייס איך לויט זיך, קאָן מען ווי־ניט־איז אויסקומען אַ טאָג, אָן צוויי, און דרײַ אויך. נאָר אָן וואסער, ווען די זון ברענט און סארפּעט, אַז סע שפּאַלט זיך מאַמעש די ערד... און קיין ארטעזיאַנער ברונעם, ווי איר פארשטייט אליין, גראָבט מען ניט אויס פאר איין טאָג און אפילע ניט פאר קיין וואָך. קיין בולדאָזערס, קיין עקסקאוואטאָרס, ווי הײַנטיקע צײַטן, זײַנען נאָך דעמלט ניט געווען. פלעגן מיר פאָרן נאָך וואסער אין די ווײַטע רוסישע דערפער. געווען אויך נאָענטע דערפער, גרויסע דײַטשישע כוטאָרס, האָט מען אָבער אופגעהאנגען דאָרט אף די קרענעצעס צו זיבן שלעסער. פארשפּאַרט פון אונדז די וואסער. אָט גאזלאָנים, באלעגופים! מיר זײַנען דעמלט, ווי איר פארשטייט אליין, געווען אַ קאַפּעלע יינגער און קיין שטארק שרעקעוודיקע זײַנען מיר אויך ניט געווען. פלעגן מיר זיך צונויפקלײַבן אַ מאַן אכט־צען און אָנפליִען אינמיטן דער נאכט אף אַ קרענעצע. געווען צווישן אונדז איינער אַ סאַפּאָזשניקאָוו, וואָס האָט מיט אַ צוועקל געקאָנט אופעפענען דעם קליגסטן שלאָס און פון זײַנעם אַ קוק האָט בא יענעם געקאָנט פארקילט ווערן דאָס בלוט. צי די דײַטשישע כוטאָראנעס האָבן ניט געהערט, ווי מיר פלעגן זיך פאָרען בא דער קרענעצע, צי זיי האָבן מוירע געהאַט פאר אונדזערע פויסטן און דרענגלעך, נאָר געזען האָבן מיר זיי ניט. שאַ, שטיל. פארגלוסט זיך אָבער איין־מאָל אונדזער סאַפּאָזשניקאָוון באווײַזן די דײַטשישע כוטאָראנעס, אַז ער האָט ניט מוירע פאָרן צו זיי נאָך וואסער אפילע אינמיטן העלן טאָג. צו אים איז צוגעשטאנען איינער אַ לייבל רעוווזין, אויך אַ ייִד אַ גוואַר. אָנגעשעפּט פולע פעסלעך וואסער, האָבן זיי זיך געלאָזט צוריק. זיי האָבן נאָך ניט באוויזן ארויספאָרן אין אָפענעם סטעפּ, ווי די דײַטשישע כוטאָראנעס האָבן זיי אָנגעיאָגט און אראָפּגעשלעפּט פונעס פעסל סאַפּאָזשניקאָוון. דערזען, מע שלאָגט סאַפּאָזשניקאָוון, האָט לייבל אויסגעשפּאנט דאָס פערד און איז אנטלאָפן. איר פארשטייט, אנטלאָפן! איבערגעלאָזט אַ מענטש אין אַן אייס־צאָרע. מיר האָבן אָט דעם לייבל רעוווזין מיט קיין פינגער ניט אָנגערירט. איין זאַך נאָר: מיר האָבן אים אופגעהערט באמערקן. קיינער פון אונדז האָט ניט געוואָלט מיט אים ארבעטן, קיינער איז ניט איבערגעטראָטן די שוועל פון זײַן שטוב. בעקיצער, ער האָט זיך געמוזט אופהייבן און פארלאָזן דאָס דאָרף.

אלעקן האָט זיך מיטאמאָל אויסגעוויזן, אַז אָט דער הויכוווקסיקער, ברייטפּלייציקער נעכעמיע מיטן אָפּגעברענטן, פארווינטיקטן געזיכט, וועלכער שטייט אנטקעגניבער בא דער וואנט, מאכט בלויז אַן אָנשטעל, אַז ער ווייסט ניט, ווער איז דאָס באָכערל, וואָס איז דעמלט געפאָרן מיט זײַן שוועסטער אין טראָלייבוס. ער שטייט, אפּאָנעם, און ווארט, אַז אלעק זאָל זיך אליין אָנרופן. אלעק האָט נאָך טיפער פארגראָבן דאָס פארפלאמטע פּאָנעם אינעם אלבאָם מיט די פאָטאָגראפיעס, וועלכן ער האָט אראָפּגענומען פון דער עטאזשערקע. ער האָט פונסנײַ איבערגעמישט יעדער זײַטל, נאָר זײַן בילד, וואָס ער האָט געשענקט שוועסן, ווען זיי האָבן פארענדיקט די שול, האָט ער ניט געפונען.

— כ׳וועל זיך, אפּאָנעם, הײַנט ניט דערוווארטן, — האָט אלעק, אוועקלייגנדיק דעם אלבאָם צוריק אף דער עטאזשערקע, נאָכאמאָל אַ זאָג געטאָן.

— זי וועט קומען באלד, ווארט צו.

דאָס, וואָס נעכעמיע האָט אים צוגערעדט ווארטן, איז פאר אלעקן געווען נאָך איין באווײַז, אַז יענער פירט דאָ מיט אים אַ באהאלטענע שפּיל.

— פונוואנען נעמט זיך דאָס אלץ? פון אומגיין פוסט־און־פּאס? — האָט נעכעמיע, צוגייענדיק צו אלעקן, געפרעגט. — וואָרעם אָט דאָס באָכערל, ווי איך ווייס, שטאמט פון אַ גאָר פײַנער מישפּאָכע. דער פאָטער זײַנער איז אַ פּאָלקאָווניק, וואָס איז אָפּגעווען אף דער מילכאָמע פונעם ערשטן ביזן לעצטן טאָג. זייער אַ ווילער מענטש. ער איז דאָ בא אונדז אַ פּאָר מאָל געווען, געקומען מעוואקער־כוילע זײַן שוועסן. ער וויל, איך זאָל אים זאָגן, פונוואנען נעמט זיך, וואָס בא אים איז אויסגעוואקסן אזאַ זון. וואָס קאָן איך אים דערויף ענטפערן? וואָס, אשטייגער, וואָלט איר אים אף דעם געענטפערט? זאָגט מיר נאָר, איר זײַט אַ ייִד?..

— אַ ייִד. ס׳איז אײַך דען ניט אלצייגס?

— כאָלילע, ווער זאָגט עס? אָבער וויסן פונדעסטוועגן מאכט ניט אויס.

— צוליב וואָס?

— צוליב וואָס, פרעגט איר? ווי זאָל איך אײַך זאָגן... מיינט ניט, אַז עס גייט מיר אָן, צי איר רעדט ייִדיש, צי ניט. ניט אין דעם גייט עס. אַ מענטש, — האָט געהאַט אַמאָל געזאָגט אונדזער פאַרטאָרג, — איז ווי אַ צווײַג אויף אַ בוים. דער בוים וואַקסט טאַקע אינעם זעלבן וואַלד און אויף דער זעלבער ערד, ווי אַלע אַנדערע ביימער, אָבער יעדער בוים, פאַרשטייט איר מיך, האָט זיך זײַנע וואָרצלען, זײַן קרוין, און דאָס דאַרף יעדערער געדענקען. עמעס טאַקע, עס מאַכט זיך, אַז ווען דער מענטש טוט גוטס, פאַרגעסט מען דערמאָנען, פון וועלכן בוים ער שטאַמט; טוט ער אָבער שלעכטס, ווערן זיך באַלד געפינען אַזעלכע, וואָס וועלן זאָגן, אַז שולדיק איז דער גאַנצער בוים מיט אַלע זײַנע צווײַגן און וואָרצלען. דאָס איז ניט נאָר בענעגייע אונדז, ייִדן, אַליין. איצט פאַרשטייט איר מיך, פאַרוואָס כ׳האָב אײַך געפרעגט, ווער איר זײַט און פאַרוואָס יעדער מענטש דאַרף וויסן און געדענקען, פון וועלכע וואָרצלען ער שטאַמט? דער מענטש טאָר ניט טראַכטן נאָר וועגן זיך, אָט ווי דאָס באָכערל דעמלט אין טראָלייבוס. פריִער פאַר אַלץ דאַרף דער מענטש טראַכטן וועגן יענעם, איר מעגט עס אים טאַקע איבערגעבן. וואָס, איר גייט טאַקע אוועק?

באַם מינדסטן שאָרך אויף די דרויסנדיקע טרעפּ האָט אַלעק דערשראָקן זיך אומגעקוקט צו דער טיר, צי איז עס ניט דער פאָטער.

— איז וואָס, אייגנטלעך, זאָל איך איבערגעבן שוועון? — האָט נעכעמיע געפרעגט, אײַנשליסנדיק די שײַן אין קאָרידאָרל.

— הם, הם... גאָרניט. כ׳בין פּאָשעט געקומען זי געווירע ווערן. כ׳וועל זיך אָן אַנדערשמאָל ארײַנכאַפּן.

— נו גוט. לייגט עס אָבער אויף לאַנג ניט אָפּ, וואָרעם זי פאָרט דאָך אוועק.

— וווּהין?

— צו מיר אין קאָלווירט.

— אויף לאַנג? — האָט אַלעק שטיל געפרעגט.

— כ׳ווייס? ווי עס וועט איר געפעלן. ענדיקן אַן אינסטיטוט קאָן מען דאָרט אויך, און צווייטנס, ווו איז דאָס געזאָגט געוואָרן, אַז אַלע דאַרפן עס ענדיקן אינסטיטוטן? מיט וואָס, זאָגט מיר, איז שלעכט זײַן, לעמאָשל, אַ ווײַנגערטנער? אַז איך גיי עס מיר אַרויף פאַרטאָג אויפן ווײַנגאָרטן, ווען גאָט אַליין, ווי מע זאָגט עס, שלאָפט נאָך, און די לופט איז קיל, פריש, דורכזיכטיק, נו, מאַמעש נעם און טרינק זי, איז וואָס זאָל איך אײַך זאָגן?.. כ׳ווייס ניט, צי איז פאַראַן נאָך עפּעס שענערס, און בעסערס, און געזינטערס, ווי אַרבעטן אויף אַ ווײַנגאָרטן. זי וועט אַליין ניט וועלן פון דאָרטן אוועקפאָרן, און איבעראַיאָר, אַז מירן דערלעבן, וועל איך זי מיטנעמען מיט זיך קיין אינטאַ. זאָל זי אָנקוקן אַ וועלט, זען, ווי ס׳לעבן מענטשן. אונדזער קאָלווירט מיט אינטאַ זײַנען לעצטנס געוואָרן שטיקלעך קרויווים, טאַקע דורכן זון מײַנעם, דורך שעוועס פעטער, הייסט עס. ער איז דאָרט אַ מיטגליד פון שאַכטקאָם, האָט ער צונויפגעשאַדכנט זײַן שאַכטע מיט אונדזער קאָלווירט, געגומען איבער אונדז שעפטום. אָט קומט פון זיי צו אונדז אַ דעלעגאַציע, אָט שיקן זיי אונדז ארײַן אַ וואַגאָנדל געהילץ, אַ פּאָר וואַגאָנעס קוילן. קומט אָבער האַרבסט, בלײַבן מיר אויך ניט קיין באַלכויוועס. מיר פירן זיי אוועק אַ וואַגאָן מיט די בעסטע קאַוועגעס און ווײַנטרויבן: מוסקאַט, אַליגאַטע, ריסלינג...

אַלעק האָט ניט אויסגעהערט ביזן סאָף, וואָס פאַר אַ סאָרטן ווײַנטרויבן פירט דער דזשאַנקאָיער קאָלווירט אַ מאַטאָנע די שאַכטיאָרן פון אינטאַ. ער איז אַפּגיך אַרויס פון שטוב. שוין ווײַט פונעם הויז האָט ער באַמערקט, אַז ער איז אַוועק אין דער פאַרקערטער ריכטונג, צו „סערעבריאַני באָר“, וואָס האָט זיך געזען פונדערווײַטנס הינטער די הויך־פאַרהויבענע שנאָבלען פון די הייבקראַנען.

ער האָט זיך אומגעקערט צוריק, צום הויז, פונוואַנען ער האָט נעכטן אין אָוונט נאָכגעשפּירט נאָך באָריסן און שוועון. איצט האָט ער געדאַרפט אַכטונג געבן, ער זאָל זיך ניט באַגעגענען מיטן פאָטער און ניט דורכלאָזן שוועון.

אומשפּאַנענדיק אַזוי הין און צוריק איבערן שמאָלן טראָטואַר, האָט ער צוגעטראַכט פאַר־שיידענע מיטלען, די צײַט זאָל גיכער דורכגיין. דאָס האָט ער אָפּגעמאַכט מיט זיך, אַז ער וועט ניט אַ קוק טאָן אויפן זייגערל, ביז ער וועט ניט דורכלייענען מאַיאַקאָווסקיס „לינקן מאַרש“ און דעם ערשטן קאַפּיטל פון טוואַרדאָווסקיס „וואַסילי טיאָרקין“, וואָס ער האָט דעקלאַמירט אויפן אַרויסלאָז־אָוונט אין שול. דאָס האָט ער גענומען ציילן אין ענגליש ביז דרײַ הונדערט, נאָכדעם ביז זעקס הונדערט. נאָכדעם האָט ער גענומען ציילן אויף צוריק. אַז עס איז אים נימעס געוואָרן, האָט ער אָנגעהויבן קאָמבינירן די אויסיעס אויף די שילדן, ס׳זאָלן זיך באַקומען וואָס מער נײַע ווערטער. ער האָט זיך אַזוי ארײַנגעטאָן אין אָט דער שפּיל, אַז ער האָט שיִר ניט דורכגעלאָזט שוועון. זי איז געגאַנגען ניט געײַלט, די הענט פאַרוקט אין די קעשענעס פונעם קורצן העלן

מאנטל, דעם קאַפּ, ווי שטענדיק, פאַרוואָרפן אַף אַרויף, און, ווי שטענדיק, האָט זי אים אויס־געזען שלאַנקער, בייגעוודיקער, שענער פון אַלע מיידלעך, וועלכע ער האָט ווען־ניט־איז באַ־געגנט. ער האָט זיך אַזוי פאַרלוירן, אַז ווען זי איז שוין געשטאַנען האַרט אַנטקעגן אים, האָט ער, ניט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ, בלויז שטיל, ווי פאַרטרויענדיק אַ סאָד, געזאָגט:

— אַ גוט־מאָרגן.

דאָס איז געווען אַלץ, וואָס ער האָט געזאָגט פון די איינגעכאַזערטע ווערטער, מיט וועלכע ער האָט זיך געקליבן זי באַגעגענען און וואָס האָבן געדאַרפט זי איבערצייַגן, אַז ער איז גרייט אַנערקענען זיין שולד, אַז ער איז איר מוחל, וואָס זי האָט אים פאַר אַ טראַלייבוס מיט מענטשן אַזוי באַליידיקט, און אַז ער האָט זיך פריִער גאָר ניט פאַרגעשטעלט, ווי שטאַרק ער האָט זי ליב.

— איך האָב אַף פּריִיטיק צוויי בילעטן אין לוזשניקי אַפן ווינער „אייַז־רעוויו".

שעווע האָט אַ פּיר געטאָן מיט די ברעמען, ווי זי זאָל זיך דאַרפן עפּעס דערמאָנען, און געשוויגן.

— איך פאָר אינגיכן אַוועק. אַף שטענדיק. — ער האָט זי צאַרט אָנגענומען פאַרן עלנבויגן.

שעווע האָט לייַכט באַפרייַט איר האַנט פון זייַנער און אופגעהויבן אַף אים די אויגן. ערשט איצט האָט ער דערזען, ווי שטאַרק זי האָט זיך געענדערט. די שטריכן פון איר פּאָנעם זייַנען געוואָרן שאַרפער, בוילעטער, און דאָס האָט זי געמאַכט אי דערוואַקסענער, אי שענער. בלויז דער בליק איז געווען פונקט אַזאַ פאַרנעפּלטער, ווי שטענדיק, ווען זי האָט אַף אים געקוקט. אַלעק האָט זי ווידער אָנגענומען פאַר דער האַנט און איבערגעכאַזערט:

— איך פאָר אַוועק. וועסט מיר שרייַבן?

— צוליב וואָס?..

— שעווא...

— צוליב וואָס? — האָט זי קעגן איר אייגענעם ווילן קאַלט און שטרענג געפרעגט.

אַלעק האָט אַף אַ מיליטערישן אויפן זיך האַסטיק אויסגעדרייט און איז אַוועק. נאָר די טריט, מיט וועלכע ער האָט זיך דערווייַטערט פון דעם געלבלעכן פינפשטאָקיקן הויז, זייַנען אין אַ מינוט אַרום געוואָרן שטילער, לאַנגזאַמער, ווי ער וואָלט געוואַרט, זי זאָל אים אַ רוף טאָן צוריק.

XVIII

אין עטלעכע שאָ אַרום איז אַלעק געזעסן אין דעם הויכן און לענגלעכן אופנאַם־צימער פון־נעם געאָלאָגישן אינסטיטוט און אַלע ווײַלע אַרייַנגעקוקט אין דער איבערגעשריבענער מעלדונג, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט. פון צייַט צו צייַט איז ער צוגעגאַנגען צו דער גרויסער מאַפּע, וואָס איז געהאַנגען לעבן פענצטער, אָפּגעזוכט צווישן די געדיכט־אָנגעפּיקעוועטע קרייַ־זעלעך און ליניעס באַם קאַרסקער יאַם די פאַרוואָרפענע סטאַנציע אינטאַ און פאַרגלייַכט דעם ווייַטן וועג אַהין מיטן קורצן וועג קיין דאָנבאַס.

דאָס מיידל מיטן פלאַקסענעם קאָפּ האָר און מיט די העלע ווייַעס, וואָס איז געזעסן באַם טישל מיט די אָנגעשטעלטע טעלעפאָנען, האָט אופגעהערט זיך פאַנאַנדערקלייַבן, וועלכער טעלע־פאָן עס קלינגט. זי איז צוליב דעם אַרייַנגעקומענעם סטודענט זיך עטלעכע מאָל דורכגעגאַנגען צום ביכער־שראַנק, ער זאָל זען, סאַראַ שטײַפע און שלאַנקע פיס זי האָט און ווי לייַכט און שפּילעוודיק זי שטעלט זיי איבער. ס'איז איר קנאַפּ אָנגעגאַנגען, וואָס קאָנען דאַרטן וועגן איר טראַכטן די באַזוכער און וואָס באַטייַט דאָס שמייכלען זייערס. זי האָט געוואָלט געפעלן ווערן דעם אַרייַנגעקומענעם סטודענט מיט די גרויסע פאַרקלערטע אויגן. זי איז געווען פון יענע מייד־לעך, וואָס זוכן אָנצוקומען אַף אַזעלכע שטעלעס, וווּ מע קאָן גיכער געפינען אַ כאָסן. דאָס סאַמע פּאַסיקסטע אָרט פאַר דעם — איז זייַן אַ סעקרעטאַרשע באַ אַ דירעקטאָר: מע איז שטענדיק אַרומגערינגלט מיט מענטשן, יעדערער זוכט אייַנשטעלן באַקאַנטשאַפט, און ווו באַגעגענען זיך נאָך אַזויפיל יונגעלייַט, ווי אין אַן אינסטיטוט?..

דאָס, וואָס די באַזוכער האָבן דערזען גלייַך, ווי אַלעק איז אַהער אַרייַן, האָט ער ערשט אָנ־געהויבן באַמערקן נאָך דעם, ווי דאָס מיידל האָט ניט זייער העפלעך געענטפערט עמעצן אין טעלעפאָן: „ניין, ניין. יעלענע דמיטריִעוונע נעמט הייַנט ניט אויף. יעלענע דמיטריִעוונע איז אין מיניסטעריום, קלינגט אָן סאָף וואָך", — און אוועקלייגנדיק דאָס טרייַבל, זיך אָנגערופן צו אים מיט איר ווייכער און דאָך ניט אָנגענעמער שטים:

— אייַך וועט יעלענע דמיטריִעוונע אופנעמען. אייַער פאַמיליע איז, דאַכט זיך, סיווער? זייער אַ קענטלעכע פאַמיליע, זייער. כ'קאָן זיך אָבער ניט דערמאָנען פונוואַנען און ווו... אייַער ריי איז נאָך אָט דעם בירגער.

— אַנטשולדיקט. נאָך אָט דעם כאַווער גיי איך. ס'איז מײַן ריי, — אַ מיידל אין ברילן און מיט אַ קינדערש פּאַריסן נעזל האָט זיך איבערגעזעצט נעענטער צו דער טיר פונעם קאַבינעט.

— ביטע, כ'האָב ניט קעגן.

אויב די סעקרעטאַרשע מיטן הויך־אויפגעשלאָגענעם קאָפּ האָר און מיט דער מאַניר אַרויס־שטעלן פון אונטערן טישל די שטײַפע, שלאַנקע פיס, האָט אים דערמאָנט אין מאַרען, וואָס האָט אויך, אָט ווי די סעקרעטאַרשע, זיך נאָך געמיידלט און דערבײַ געמיינט, אַז אַלץ איז אָפּהענגיק נאָר פון איר, אַז זי זאָל נאָר, הייסט עס, ווילן, קאָן זי נאָך אין זיך פאַרליבן יעטווידן מאַנצבל, האָט דאָס מיידל אין די ברילן און מיטן קינדערש פּאַריסן נעזל אים דערמאָנט אַ שילערן פונעם זעקסטן צי זיבעטן קלאַס, וואָס אַז מע באַגעגנט זי אין קאָרידאָר, טוט מען זי נאָך אַ שלעפּ פאַר די צעפּלעך.

אין אופּנאַם־צימער איז אַרײַנגעקומען אַ מיליטערמאַן.

— באַ זיך? — האָט ער אַ פרעג געטאָן די סעקרעטאַרשע, וואָס האָט, ווי נאָר ער איז אַרײַנגעקומען, באַהאַלטן די אַרויסגעשטעלטע פיס און צוגעגעבן איר געזיכט אַ באַזונדערס פרײַנטלעכן אויסדרוק.

— ביטע, וואַדים טימאָפייעוויטש. יעלענע דמיטריִעוונע איז באַ זיך.

— נו, דאָס איז שוין אָף גאַנצע צוויי שאָ, — האָט זיך אָנגערופן איינער פון די באַזוכער, אַ מאַנצבל מיט אַ קורץ אונטערגעשוירן בערדל, — ניט געדאַרפט געווען אים דורכלאָזן. וויפל קאָן מען וואַרטן?

— ווען מען ניט דורכלאָזן! — האָט פאַרכידעשט איבערגעפרעגט דאָס מיידל אין די ברילן. — דעם סעקרעטאַר פון פאַרטקאָם?

— יאָ, יאָ, דאָס איז אונדזער נײַער סעקרעטאַר, — האָט באַשטעטיקט די סעקרעטאַרשע, וואָס האָט שוין ווידער אַרויסגעשטעלט פון אונטערן טישל אירע שטײַפע, שלאַנקע פיס, — מע זאָגט, ער איז זייער אַ ווויליער מענטש.

ערשט ווען דער מיליטערמאַן איז פאַרשוווּנדן הינטער דער ברוינער טיר פונעם קאַבינעט, האָט אַלעק זיך דערמאָנט, אַז דאָס איז דאָך דער מאַיאָר, וואָס איז געווען באַ אים אָפּן געבורטס־טאָג. דער מאַיאָר האָט אים געוויס דערקענט און וועט זיך שוין איצט בעקיוון פאַרהאַלטן באַם רעקטאָר. עפּשער אָפּלייגן אָף אַן אַנדערשמאָל צי איבערגעבן די מעלדונג דורך דער סעקרעטאַרשע?

אַלעק האָט זיך איבערגעזעצט צום פענצטער. אויב דער מאַיאָר וועט אַזוי גיך ניט אַרויסגיין, וועט ער אָפּטרעטן זײַן ריי און בעטן די סעקרעטאַרשע, זי זאָל אים פאַרשרײַבן אָף אַן אַנדערש־מאָל. איז פּאַרט זי, הייסט עס, אַוועק, שעווע. און באָריס? ווי האָט ער עס נעכטן ניט באַמערקט, אַז צווישן איר און באָריסן... אים, אַלעקן, וואָלט זי דאָך קיינמאָל ניט דערלויבט אַרומשפּאַצירן מיט איר אונטער דער האַנט פאַרבײַ די פענצטער פון זייער שטוב, אַז די מוטער זאָל עס זען. ווײַזט אויס, אַז באָריס איז געוואָרן אַן אָפּטער אַרײַנגייער צו זיי און שעוועס מוטער נעמט אים שוין מיסטאָמע אוף ווי אַן אייגענעם. ניין! ער איז ניט באָריס! באָריס מיינט, אָפּאָנעם, ער ווייסט ניט, ווער עס האָט אויפגעהויבן דעם גאַנצן טומל און צוליב וואָס איז דער טומל. מע דאַרף דאָך עס קענען! לויפן אָנריידן אָף אים אַפילע איר זיידן, מע זאָל אים נאָכדעם פאַרגלײַכן מיט עפּעס אַ רעווחין, וועלכן מע האָט פאַרטריבן פון דאָרף!.. און אין ראַיקאָם איז באָריס נאָך ניט געלאָפן?

— כאַווער סיווער, אײַער ריי.

אַלעק האָט זיך אויפגעהויבן פון בענקל, דורכגעפירט מיט דער האַנט איבער דעם לאַנג ניט געשוירענעם קאָפּ האָר און אַרײַן אין קאַבינעט.

שטייענדיק נאָך אין דער טיר, צווישן די שווער אַראָפּהענגענדיקע פּליושענע פּאָרטיערעס, האָט אַלעק זיך צוגעקוקט צו דער פרוי מיט די אָרדען־בענדלעך אָפּן שוואַרצן זשאַקעט, וועלכע זיצט באַם טיש, און אַ טראַכט געטאָן, אַז זי איז ווייניק וואָס ענלעך אָף יענער יעלענע דמיטריִעוונע, וועגן וועלכער דער פאָטער האָט דערציילט אין שטוב. אַלעקן האָט זיך פאַרגעדענקט, ווי דער טאַטע האָט זיך אָפּגעזאָגט ענטפערן דער מאַמען, צי איז יעלענע דמיטריִעוונע טאַקע ווירק־לעך אַזאַ אָנגעזעענע און וויכטיקע פּערזאָן. „איך פּאַרוועד דיר שטעלן אַזעלכע פראַגעס, — האָט דער טאַטע זי איבערגעשלאָגן, — איך פּאַרוועד דיר ריידן וועגן די, וואָס ווערן געשיקט פון אויבן. פאַרגעדענק עס איינמאָל פאַר אַלעמאָל“.

אַלעקן האָבן זיך אויך פאַרגעדענקט די אָוונטן, ווען די מוטער פלעגט זיך איבערקוקן מיט מאַרען און, סאָפּקאָלסאָף, אויך אים, אַלעקן, פאַרטרויען דעם סאָד, אַז יעלענע דמיטריִעוונע רופט מאָרגן אַרויס דעם פאָטער צו זיך, און ווער ווייסט, מיט וואָס וועט זיך דאָס ענדיקן. דער פאָטער פלעגט נאָכדעם קומען און זאָגן: „אומזיסט זיך נערווירט. זי איז דאָס מאָל געווען אין אַ גוטער שטימונג“. ער, אַלעק, איז דאָך אָבער ניט אָפּהענגיק פון איר. ווייניקער פון אַלץ קאָן אים איצט

אָנגיין איר שטימונג. און אויב ער האָט דאָך זיך צו איר צוגעקוקט אַזוי אויפמערקזאַם, איז עס בלויז דערפאַר, וואָס ער האָט לעצטנס ביכלאַל זיך אויפמערקזאַם צוגעקוקט צו אַלץ און צו אַלעמען און געוואָלט אַלץ פאַרשטיין און באַזיניקן.

אַלעק איז צוגעגאַנגען צום טיש מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, ווי ער זאָל מיט דעם וועלן געבן אָנצוהערן, אַז אויף אים ווירקט ניט די גרייס און די הייך פונעם רײַך־אויסגעשטאַטן קאַבינעט, די אָנגעשטעלטע טעלעפאָנען אויפן טיש, דער פילפאַרביקער טעפּיך אויפן דיל, די בילדער אין די גרויסע און שווערע באַגילדעטע ראַמען אויף די ווענט.

די גרויסע באַגילדעטע ראַם, וואָס האָט פאַרנומען קימאַט אַ האַלבע וואַנט און אין וועלכער ס'איז געווען אײַנגעפאַסט וואַסנעצאָווס „גיבוירים", האָט אויסגעגעבן, אַז אויך אין די איבעריקע שווערע באַגילדעטע ראַמען אויף די ווענט זײַנען נאָך ערשט ניט לאַנג געהאַנגען אַנדערע בילדער, און צווישן זיי געוויס אויך דאָס בילד „דער פרימאָרגן פון אונדזער היימלאַנד". אויפן דאָזיקן בילד, וואָס איז אויך געהאַנגען בײַ זיי אין שול, און אויך אין אַ באַגילדעטער ראַם, איז געווען אָנגעמאָלט אין דעם גאַנצן וווּקס דער מענטש אינעם ווײַסן קיטל, אין די ווײַכע נידעריקע שטיוול, מיט דער ליולקע אין דער האַנט, און אַנטקעגן, אויפן ווײַטן האָריזאָנט, — אַ וואַלד מיט קוימענס, גלײַך, ווי אויסער אים און אויסער דעם רויך פון זײַן ליולקע און פון די שטאַרצנדיקע קוימענס צום הימל, וואָלט שוין ניט געווען אויף דער ערד, ווער ס'זאָל אַרויס באַגעגענען דעם אויפגאַנג פון דער זון. פּוסט אַרום און אַרום: ניט קיין מענטש, ניט קיין פויגל, ניט קיין גרעזל.

— דיִאַלעקטיק.

אַלעק האָט זיך אומגעקוקט, אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער מאַיאָר, וואָס איז געזעסן בײַ אַ זײַטיק טישל און זיך דורכגערעדט מיט עמעצן אין טעלעפאָן, האָט עס געזאָגט ניט אַזוי אין שײַכעס מיטן געשפּרעך, וואָס ער האָט געפירט, ווי אין שײַכעס מיט דעם, וואָס ער, אַלעק, האָט דאָ נאָרוואָס געהאַט געטראַכט.

די פרוי, וואָס איז געזעסן בײַם שוואַרצן פּאָלירטן טיש מיט די נידעריקע געשניצטע פיסלעך, האָט, ניט אומקוקנדיק זיך אויף אים, גענומען די מעלדונג, וועלכע אַלעק האָט איר דערלאַנגט. דער פאַרשניצטער צווייפאַרביקער בלײַשטיפט, וועלכן זי האָט אין מעשעך פונעם אויפנאַם ניט אַרויסגעלאָזט פון דער האַנט, האָט ווי אַ וואָגשאָל זיך געוויגט צווישן אירע מילך־ווײַסע פולבלעכע פינגער. אַלעקן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ניט פון איר, נאָר פון אָט דעם בלוי־רויטן בלײַשטיפט איז אָפּהענגיק דער גוירל פון יעדערן, וואָס קומט צו איר אָן. ער קאָן זיך צופעליק אויסדרייען, דער פאַרשניצטער צווייפאַרביקער בלײַשטיפט, ניט מיט דעם עק, און דעמלט וועט שוין זײַן אוממעגלעך עפּעס צו ענדערן.

— איז וואָס, אייגנטלעך, פאַרלאַנגט איר? — האָט יעלענע דמיטריִעוונע געפרעגט, ניט אָפּרײַסנדיק די אויגן פון דער מעלדונג.

— אומקערן מיר די דאָקומענטן.

— וועלכע דאָקומענטן?

— דעם אַטעסטאַט, די מעטריקע...

דער בלײַשטיפט האָט מיטאַמאָל אָפּגעהערט זיך וויגן צווישן אירע פולבלעכע פינגער, אויף אַזויפיל אומדערוואַרט איז פאַר איר געווען דער ענטפער. בײַ אַזעלכע קאָנקורסן געפינט זיך אַ סטודענט, וואָס וויל אַליין אַוועקגיין פון אינסטיטוט...

— נו, גוט. — דער בלײַשטיפט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער מעלדונג מיט דער רויטער זײַט, און דאָס, האָט אַלעק געוווּסט, באַטײַט, אַז די ביטע איז באַפרידיקט.

— וואָס מאַכט אײַער פאָטער? — האָט אַלעקן אַ פרעג געטאָן דער מאַיאָר, וואָס האָט געענדיקט דעם פאַרצויגענעם טעלעפאָן־געשפּרעך. — גיט אים איבער אַ גרוס. דאָס איז וועניאַמין זאַכאַריעוויטשעס זון, — האָט ער דערקלערט יעלענע דמיטריִעוונען.

— וואַרט נאָר צו, — זי האָט אַ קוק געטאָן אין דער מעלדונג און אויפגעהויבן אויף אַלעקן אירע קאַלטע, גרויע אויגן. — איר זײַט וועניאַמין זאַכאַריעוויטשעס זון? איז וואָס האָט איר עפּעס פּלוצעם באַשטימט אָפּנעמען די דאָקומענטן? אײַך געפעלט ניט אונדזער אינסטיטוט?

— איך האָב באַשטימט פאָרן אַרבעטן.

יעלענע דמיטריִעוונע האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דעם מאַיאָר.

— וועניאַמין זאַכאַריעוויטש פאָרט אין ערגעץ ניט אַוועק, — האָט ער געענטפערט אויף איר פרעגנדיקן בליק. — איר ווייסט, וווּ עס געפינט זיך דער פאַרטקאָם? — האָט ער זיך געווענדט צו אַלעקן. — וואַרט דאָרטן, ביטע, צו אויף מיר, כ'וועל באַלד קומען.

— און די מעלדונג מײַנע?

— אַלץ וועט זײַן אין אָרדענונג.

אויך איצט, שוין נאָך דעם, ווי ער האָט אָנגעגעבן די מעלדונג, האָט זיך אַלעקן אַלץ נאָך

ניט געגלייבט, אַז ער גייט טאַקע ווירקלעך אַוועק פונעם אינסטיטוט. ס'איז אים שווער געווען זיך פאָרשטעלן, אַז אין איינעם פון די נאָענטסטע טעג וועט ער זיך אַרײַנזעצן אין צוג, דער צוג וועט אָפּגיין פונעם פּעראָן און ס'וועלן נעמען פאַרבײַלויפן אַף צוריק די הויכע פּלאַטפאָרמעס, די היימישע גרינע וואַגאָנען פון דער עלעקטריטשקע: אַז, מעגלעך, נאָך הײַנטיקע וואָך וועט ער זיך אופכאַפּן ניט בא זיך אינעם צימער מיט די בלויע טאַפּעטן און מיט די ביזן דיל אַראָפּהענגענדיקע גאָבעלענעווע שטאָרעס אַף די פענצטער, ניט בא זיך אַפן ברייטן טשעכישן דיוואַן, נאָר ערגעץ אין אַ קאַלטן, ניט־היימלעכן צימער אַף אַ שמאָל אײַזערן בעטל, אַף וועלכן ס'זײַנען מיסטאָמע ביז אים שוין געשלאָפן ווער ווייסט וויפל מענטשן; אַז ס'וועט מער ניט וואַרטן אַף אים, ווען ער וועט אופשטיין, קיין קאַפּעלנער וואַש־צימער מיט אַ צוגעגרייטער וואַנע, אין עס־צימער אַפן טיש וועט ניט זײַן אָנגעגרייט קיין פרישטיק, און קיינער וועט ניט שטיין איבער אים און זיך בעטן, ער זאָל אויסטרינקען נאָך אַ גלעזל קאַווע, אופעסן נאָך אַן אַפּעלסין; אַז צוזאַמען מיטן פּעראָן וועלן אויך פאַרשווינדן אָט די ברייטע מירמלנע טרעפּ, איבער וועלכע ער איז צען מאָל אַ טאָג געלאָפן אַראָפּ און אַרוף, די נײַנטע אַודיטאָריע מיט די אָנגעהאַנגענע באַלקאָנדלעך, ווי לאָזשעס אין טעאַטער, דער לאַנגער און ליכטיקער קאָרידאָר, איבער וועלכן ער דרייט זיך איצט אום; אַז ער וועט זיך שוין ניט קאָנען אַרײַנזעצן אינעם צוואַנציקסטן טראָליבוס, וואָס גייט קיין מנעווניקי... אייגנטלעך, וואָס האָט ער אַהין צו פאָרן? אַלץ, וואָס זי האָט אים געהאַט צו זאָגן, האָט זי דאָך אים שוין הײַנט געזאָגט. אַלץ?

ער האָט ניט באַוויזן אופשטעלן אין זיקאָרן די איינצלהײַטן פון זײַן הײַנטיקער באַגעגעניש מיט שעווען — ער האָט דערזען גיין אַף די טרעפּ וואַדים טימאָפייעוויטשן.

דער מאַיאָר האָט אים פאַרבעטן צו זיך אין קאַבינעט, אים אַוועקגעזעצט אַנטקעגנאיבער זיך, באַם טיש. אַלעקן איז שווער געווען זיך אָנשטויסן, וואָס האָט דער מאַיאָר געקאָנט אַזוינס דערציילן יעלענע דמיטריִעוונען וועגן אים, וואָס ער האָט זיך אַזוי לאַנג בא איר געזאַמט. דאָס, וואָס וואַדים טימאָפייעוויטש איז אַרײַן אינעם אופנאַם־צימער אַקוראַט דעמלט, ווען ס'איז אונטערגעקומען אַלעקס ריי, און דאָס, וואָס ער האָט אים פאַרבעטן צו זיך, האָט אַרויסגערופן בא אַלעקן אַ חשד, אַז דעם מאַיאָר איז, דאַכט זיך, אַלץ באַוווּסט, נאָר ווער האָט עס אים געקאָנט דערציילן, אויב ניט באָריס?

— איר האָט שוין הײַנט געגעסן מיטיק?

אַלעק האָט זיך אומגעקוקט, ווי ער וואָלט זיך ריכטן זען עמעצן שטיין הינטער זיך. זײַענדיק אַלץ נאָך ניט זיכער, אַז דער מאַיאָר האָט זיך געווענדט צו אים, האָט ער שטיל איבערגעפרעגט:

— ווער, איך?

ס'האָט אַ קלונג געטאָן דער טעלעפאָן. אַלעק האָט אויסגעוואַרט, ביז וועטשעריאַ האָט פאַרענדיקט ריידן, און, אָנכמורענדיק דעם שטערן, געענטפערט:

— יאָ, כ'האָב שוין געגעסן.

— אַלציינס, אַלציינס.

אַלעק איז געווען קימאַט זיכער, אַז דער „אַלציינס, אַלציינס“ האָט ניט קיין שײַכעס צו דעם, צי האָט ער שוין געגעסן מיטיק צי ניין. גיכער פון אַלץ איז עס מיסטאָמע געזאָגט געוואָרן אין צוזאַמענהאַנג מיטן טעלעפאָן־געשפּרעך, וואָס דער מאַיאָר האָט ערשט געהאַט, אָדער מיט דעם, וואָס ער פאַרצייכנט איצט אַפן טיש־קאַלענדאַר. און ווײַל אַלעק האָט זיך איצט געפונען אין אַ צושטאַנד, ווען אַלץ ווערט מיטאַמאָל פאַרדעכטיק, האָט זיך בא אים פּלוצעם אַרויסגעכאַפּט:

— איך וועל הײַנט קאָנען אַרויסבאַקומען מײַנע...

— איין רעגע. כ'וועל נאָר אָנקלינגען אַהיים.

אויך אין דעם האָט זיך אַלעקן געוואָלט אײַנזען אַזוינס, וואָס זאָל באַשטעטיקן, אַז דער מאַיאָר האָט אים צו מעלדן עפּעס זייער וויכטיקס און ער זוכט בעקיוון אויס פאַרשיידענע טערוצים אַף אָפּציִען דעם געשפּרעך.

— ווי אַף צולאָכעס איז קיינער ניטאָ אין דער היים. זיך מיסטאָמע ווידער פאַרהאַלטן אַף אַ זיצונג. אָך, אָט די זיצונגען! נאָר גאָרנישט, — דער מאַיאָר האָט אַוועקגעלייגט דאָס טרײַבל און זיך אופגעהויבן, — קומט. קאַרטאָפליעס קאָנט איר שיילן? כ'מיין, אַז איר זײַט ניט פון יענע יונגעלײַט, וועלכע האָבן שוין שטענדיקע טישלעך אין „אַראַגווי“ צי „סאַוואָי“ און האָבן דורכגעשטודירט די מעניו פון די מאָסקווער רעסטאָראַנען בעסער, ווי די קייפל־טאַבעלע. פאַרשטייט זיך, אַז קאָטלעטן דעוואָלײַ זײַנען עטוואָס באַטאַמטער, ווי טרוקענע הירזשענע קאַשע, נאָך וועלכע מיר אין אונדזערע צײַטן פלעגן דערצו נאָך דאַרפן אָפּשטיין אין דער ריי. מיר האָבן אָבער קיינמאָל דערפון קיין וועזן ניט געמאַכט.

ארויסגייענדיק אַף דער ברייטער און רוישיקער מאָכאָוואַיאַ, האָט וואַדים טימאָפּייעוויטש געפרעגט:

— מירן צופאָרן צי עפּשער דורכגיין זיך צופוס? איך ווין אין ראַיאָן פון פּושקין־פּלאַץ. ס'איז אַן ערעך אַ צוואַנציק — פינף און צוואַנציק מינוט גאַנג פונדאַנען. — און ער האָט פאַרפירט מיטן שווייַגנדיקן און פאַרטראַכטן אַלעקן אַ געשפּרעך, וואָס האָט ניט געהאַט דעם מינדסטן שייַכעס צו דער מעלדונג, וועלכע אַלעק האָט איבערגעלאָזט באַם רעקטאָר אַפן טיש.

— זעט נאָר, סאַראַ ריי עס שטייט צום טראָליייבוס! כ'וואָלט אַ באַלן געוועגן פרעגן אָט יענעם יונגנמאַן, וווהין פאָרט ער עס. כ'בין זיכער, אַז ניט וויַיטער פון די ניקיטסקע טויערן. אַז איך דערזע אין טראָליייבוס צי אין אויטאָבוס אַ יונגנמאַן, אַף וועמען ס'פאַרשפּיליעט זיך שוין ניט דאָס רעקל, גלוסט זיך מיר ארויסזעצן אים פון וואַגאָן און אַ קאָמאַנדעווע טאָן: „שאַגאָם מאַרש!".

צו וואָס דערציילט ער עס אים? וואָס פאַר אַ שייַכעס האָט עס צו זייַן אוועקגיין פון אינסטיטוט? וואָס פאַר אַ שייַכעס האָט זייַן מעלדונג צו דעם ענגלישן אַפאָריזם, וועלכן דער מאַיאָר ראָט אים צו פאַרגעדענקען. אַז „דעם פרישטיק זאָל ער אופעסן אַליין, דעם מיטיק צעטיילן מיט זייַנע פרייַנט און די וועטשערע אָפּגעבן זייַנע סאָנים". וואָס פאַר אַ שייַכעס האָט זייַן מעלדונג צו דעם, וואָס אייניקע יונגעלייַט מייַדן אויס גיין צופוס, באַגרענעצן זיך ניט אינעם עסן און פאָרן נאָכדעם אין די סאַנאַטאָריעס נעמען „שאַרקאָ־דוש". ס'קאָן דאָך ניט זייַן, אַז דער מאַיאָר זאָל סטאַם אַזוי פאַרפירן מיט אים די דאָזיקע רייד. עפּעס שטעקט דאָך אין דעם. דאָס גרייט ער אים צו, ווייַזט אויס, צו דעם געשפּרעך, וועלכן ער קלייַבט זיך מיט אים פירן בא זיך אין שטוב: אַזאַ אויפן פון פירן אַ געשפּרעך הייסט בא אַזעלכע, ווי זייַן פאָטער, „אַרטפּאָדגאָטאָווקאַ".

וואַדים טימאָפּייעוויטש וועטשעריאַ האָט ווי ניט באַמערקט אַלעקס פאַרכידעשטע בליקן, זייַן קנייטשן מיט די אַקסל, זייַן צעשטרייטקייַט און, אָנוויַיזנדיק אַף דער לאַנגער ריי, וואָס האָט זיך אויסגעשטעלט לעבן דער שאַשליטשנע אַפן ראָג פון ניקיטסקע טויערן, געפרעגט:

— איר ווייסט, וויפל שאָ אָט די באָכערימלעך און מיידלעך וועלן דאָ אָפּשטיין אונטער דער טיר, ביזוואַנען אין דער שאַשליטשנע וועט זיך באַפרייַען אַ טישל? כ'פאַרשטיי, אַ מענטש איז הונגעריק און האָט ניט קיין אַנדער ברייִרע, ווי נאָר אויסשטיין אין דער ריי. אָט ווי מיר, אין אייַערע יאָרן, פלעגן שטיין לעבן די פאַרמאַכטע גאָרקיכן, צו וועלכע מיר זייַנען געווען צוגעפּעסטיקט. איצט אָבער, ווען מיר האָבן שוין לאַנג פאַרגעסן, וואָס הייסט עס אַ פאַרמאַכטע גאָרקיך, און ווען פאַר צען—פופצן מינוט קאָן מען אָפּעסן, ווו נאָר מע וויל, וועט זיך קיין הונגעריקער מענטש ניט אוועקשטעלן אַף אַ פאָר שאָ הינטער דער טיר וואַרטן, ביז ס'וועט זיך באַפרייַען אַ טישל. אַזוינס קאָן זיך דערלויבן נאָר דער, וואָס ווייסט פאָשעט ניט, וווהין אַהינטאָן די צייַט. פון דעם טאַקע נעמט זיך דאָס אומשלעפּן זיך ביז האַלבער נאַכט איבער די רעסטאָראַנען, דאָס אָפּזיצן שאָענלאַנג אין די שאַשליטשנעס בא אַ גלעזל קאָניאַק, דאָס צוטראַכטן רעקלעך מיט אָפּגעשניטענע לאַצן, הייזעלעך, וואָס די פיס קריכן אין זיי קוים־קוים אַרייַן, טופליעס מיט דער טייַזול ווייסט וואָס פאַר אַ לאַנגע נעזער, דאָס כאַדאָשימלאַנג זיך ניט שערן. טוט אָן אַזאַ איינעם אַ ריאַסע, וועט איר אים דאָך ניט אונטערשיידן פון אַ גאַלעך. אָט דאָס איז דער סטיל פון דער נייַער צייַט? איך געהער, פאַרשטייט איר אַליין, ניט צו די, וואָס זעען נאָר די שאָטנדיקע זייַט. אַז איך עפן אויף אינדערפרי די צייַטונג און לייען וועגן אונדזער יוגנט אַף די זאַוואָדן, אַף דער צעלינאַ, צי אַז איך גיי דורך אין אָוונט פאַרביַי דער קאָנסערוואַטאָריע און זע, ווי יונגע באָכערים און מיידלעך יאָגן זיך נאָך יעדן פאַרבייַגייענדיקן, צי האָט ער ניט צופעליק קיין איבעריקן בילעט אַפן סימפאָנישן קאָנצערט, בין איך גרייט פאַרגעסן דאָס הייַפעלע רעסטאָראַן־„נעדאָראָסלען", ווי עס רופט זיי מייַן יינגערער באָכער. אין אַלע צייַטן האָבן עלטערן געהאַט טייַנעס צו קינדער און קינדער צו עלטערן, נאָר וואָס פאַר אַ טייַנעס קאָנען איצט זייַן בא אונדז איינער צום אַנדערן? איך רייד, פאַרשטייט זיך, ניט וועגן אָט די דאָזיקע שאַשליטשנע יינגעלעך און מיידעלעך, וואָס ווייסן אַליין ניט, וואָס זיי ווילן, וואָס פעלט זיי און וואָס זוכן זיי?.. און זיי, די דאָזיקע יינגעלעך און מיידעלעך, דערלויבן זיך נאָך ריידן אין נאָמען פון דער גאַנצער יוגנט. מיט וואָס פאַר אַ רעכט?!

אַלעק האָט געשוויגן, און ניט ווייַל ער האָט ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן. ס'איז אים פּאָשעט אויסגעקומען מאָדנע, וואָס דער באַיאָרטער וואַדים טימאָפּייעוויטש ווענדט זיך צו אים נאָך אַן ענטפער. אַף וויפל ער געדענקט, האָט דער פאָטער זיך צו אים קיינמאָל ניט געווענדט ווי צו אַ דערוואַקסענעם. אין דעם פאָטערס אָנוועזנהייַט האָט ער זיך שטענדיק געפילט מאָדנע קינדעריש, און אין דער אָנוועזנהייַט פון אָט דעם מאַיאָר האָט ער זיך גלייַך דערפילט ווי אַ דערוואַקסענער; ער וואָלט זיך איצט ניט פאַרוווּנדערט, ווען דער מאַיאָר זאָל אים פרעגן אַ מיינונג וועגן רעקטאָר, וועגן די דאָצענטן צי וועגן די פּראָפעסאָרן אַפילע. ווען וואַדים טימאָפּייעוויטש האָט אים אַפן ראָג גאַס אָנגעוויזן אַף אַ הויך ארומגעצאַמטן מויערל מיט ברייטע פאַרהאַנגענע פענצ־

טער, האָט אַלעק פֿאַרשטאַנען, אַז דער מאַיאָר איז מיט דעם אויסן ניט אַזוי אים ווײַזן, ווו האָט די לעצטע יאָרן געוווינט אײנער אַ באַרימטער קינסטלער, ווי דעם הויכן פּאַרקן, מיט וועלכן מע האָט אַרומגעצאַמט דאָס דאָזיקע מויערל. אין דעם האָט אַלעק זיך איבערצײַגט, ווען וואַדים טימאָפֿייעוויטש האָט אָפּן ראָג פֿון יוזשינער געסל זיך אָפּגעשטעלט בײַ אַ שמאָל דרײַשטאָקיק הויז מיט געלבלעכע אָפּגעקראָכענע ווענט און מיט אַ דורכגעלעכערטן הילצערן דאַשעק איבערן אַרײַנגאַנג.

אַ טונקל לעמפּל האָט באַלויכטן די שמאָלע אויסגעקרימטע שטײנערנע טרעפּ, אײנעם פֿרישן זויבערן שנײ בײַם אַרײַנגאַנג זײַנען געשטאַנען צוויי בלומען־טעפּלעך. וואַדים טימאָפֿייעוויטש האָט ברייטער צעעפֿנט די דרויסן־טיר און געבליבן שטײן ווי אַ סאָלדאַט אויף דער וואַך.

— אויף די דאָזיקע טרעפּ איז אויסגעקומען גײן וולאַדימיר איליטשן. דאָ האָט אין טויזנט נײַן הונדערט זעקסטן יאָר געוווינט דער ערשטער איבערזעצער פֿון „קאַפּיטאַל“ סקוואָרצאָװ־סטעפּאַנאָװ. ס׳איז אין ערגעץ ניט פֿאַרצײכנט. וועגן דעם געדענקט אָבער דאָס פֿאָלק. איר וועט דאָ איצט שטענדיק זען בײַם אַרײַנגאַנג בלומען־טעפּלעך און קרענץ. דאָס ברענגען אַהער די אײַנוווינער פֿונעם געסל. אינגיכן וועט אויפֿן דאָזיקן הויז אויך הענגען אַ מעמאָריאַל־ברעט, ס׳איז שוין דאָ אַ באַשטימונג.

דאָס שמאָלע יוזשינער געסל מיט די דרײַ־ און פֿירשטאָקיקע הײַזער, געבויט ווי טורעמס פֿון מיטלאַלטערלעכע פֿעסטונגען, איז אַלעק דורכגעגאַנגען מיט שטילע, אײַנגעהאַלטענע טריט. אַזוי איז ער צום ערשטן מאָל אַרײַנגעגאַנגען דורך די באַראָװיצער טויערן אין קרעמל. ער האָט שטיל איבערגעכאַזערט פֿאַר זיך: „מיטן זעלבן טראָטואַר איז געגאַנגען לענין, פֿאַרבײַ די זעלבע הײַזער, אונטער די זעלבע פֿענצטער איז געגאַנגען לענין“. און דערבײַ איז ער געווען זיכער, אַז דעמלט איז אויך געווען אַזאַ שטילער אָוונט מיט אַזאַ הויכן, אויסגעבלויטן הימל.

— און אָט איז, אַזוי צו זאָגן, מײַן רעזידענץ, — האָט, ברייט צעעפֿענענדיק די שמאָלע דרויסן־טיר פֿונעם דריטהאַלבנשטאָקיקן מויערל אינעם שכײנעסדיקן פּאַלאַשאָווער געסל, זיך אָנגערופֿן וועטשעריאַ. — יאָ, שיר ניט פֿאַרגעסן, אַז מיר געהערן מיט אײַך צו צוויי פֿאַרשײדענע דוירעס. אונדזער דאָר איז געוווינט צו געוויינלעכן בראַנפֿן, און איר, פֿאַרשטייט זיך, טרינקט מיסטאָמע נאָר קאָניאַק. יאָ?

— וואָס איר וועט באַפֿוילן.

— אָ, אין אײַך לאָזט זיך שוין פֿילן דער מיליטערמאַן. וויבאַלד אַזוי, איז שאַגאָם מאַרש! — און ווי פֿאַרוועטנדיק זיך, ווער וועמען, געגומען לויפֿן מיט די שמאָלע געדרייטע טרעפּ, וואָס האָבן זיך לײַכט געוויגט אונטער די טריט.

XIX

שיילן קאַרטאָפֿל איז אַלעקן ניט אויסגעקומען. אין קיך האָט שוין געבאַלעבאַטעוועט וואַדים טימאָפֿייעוויטשעס פֿרוי טאַיִסיע אַנדראָנאָװנע, וואָס איז געקומען אַהיים מיט עטלעכע מינוט פֿאַר זיי.

— ע, טײַערינקע, נעמסט דאָך בײַ אונדז אָפּ דאָס ברויט, — האָט וועטשעריאַ זיך אָנגערופֿן צו זײַן פֿרוי, וואָס האָט זיך באַוויזן אין דער אָפֿענער טיר פֿון דער קיך אין אַ קורצן געקווײטלטן פֿאַרטעך מיט אַ האַלב אָפּגעשײלטער קאַרטאָפֿל אין דער האַנט, — אַבי כ׳האָב צוגעזאָגט דעם גאַסט אונדזערן אים מעכאַבעד זײַן מיט שיילן קאַרטאָפֿל. וואָס? דערקענסט אים ניט? ס׳איז דאָך וועניאַמין זאַכאַריעוויטשעס באָכער, דער יוביליאַר, אַלעק.

אַלעק האָט זיך העפֿלעך פֿאַרנייגט.

— איר זײַט, דאַכט זיך, בײַ אונדז דאָס ערשטע מאָל?

— ווען דו זאָלסט וויסן, ווי מיר זײַנען הונגעריק, טאַיִסינקע...

— כ׳קאָן אײַך דערווײַל געבן עפּעס איבערכאַפּן.

— איבערשלאָגן דעם אַפּעטיט? ע, ניין. שוין אַזויפֿיל געליטן, וועלן מיר צולײַדן נאָך אַ ביסל. ווי זאָגט איר, אַלעקסאַנדער, אַלעקסאַנדער... וועניאַמינאָוויטש. סקלעראָז. — און אַרײַנפֿירנדיק דעם גאַסט אין פֿאָדערשטן צימער, האָט וואַדים טימאָפֿייעוויטש זיך געווענדט צו דער פֿרוי: — ווו זײַנען עס ליאָניע מיט וואַלענטינען? אויף וויפֿל מיר איז באַוווּסט, איז דער „אַרבעטער־קלאַס“ ניט אַזאַ גרויסער ליבהאָבער פֿון פֿאַרזאַמלונגען, זיצונגען, באַראַטונגען, אָט ווי איר.

— ווער, אַשטייגער, איז עס אָט דער איר?

— אַ מײַסטער, מײַן טײַערע טאַיִסיע, איז שוין ניט קײן רײנער פּראָלעטאַריער. ס׳איז אַ מין מעטיס, האַלב־פּראָלעטאַריער, האַלב־אינטעליגענט. אַלנפֿאַלס, ווען איך זאָל דיר ניט קלײַנ־

גען, טרעף איך דיך קיינמאָל ניט אין צעך. אָדער דו ביסט אַף א זיצונג, אָדער אַף א באַראַטונג.

— אָדער אין יעליסייעווער מאגאזין.

— און, פאַרשטייט זיך, פאַרגעסן קויפן קאָניאַק.

— קאָניאַק?

— כ׳האָב דאָך אייַך פריִער געוואָרנט, — האָט וועטשעריא זיך אָנגערופן צו אַלעקן, וועלכער האָט אַף אים געקוקט מיט פאַרכידעשטע אויגן, — אז בא מיר איז אן אָפּגעשטאַנענע מישפּאָכע. דו, הער נאָר! ניט וויסן, אז דער איצטיקער יונגער דאָר טרינקט נאָר קאָניאַק און בלויז „פיר שטערנדלעך“.

— כאַוועו מאַיאָר...

— איך ווייס, אז איר זייַט א מענטש א דיסציפּלינירטער, דערצויגן, אזוי צו זאָגן, אין מיליטערישן גייַסט, און וועט טרינקען אַלץ, וואָס מע וועט אייַך באַפוילן. אָבער וואָס הייסט ניט וויסן, אז דער יונגער דאָר האַלט נאָר פון קאָניאַק.

— וואַדים טימאָפייעוויטש...

טאַיִסיע אַנדראָנאָוונע איז ארויסגעגאנגען פונעם צימער, פעסט צוּמאַכנדיק הינטער זיך די טיר, ווי זי וואָלט מיט דעם געבן אָנצוהערן דעם מאַן, אז ער האָט זיך ניט מער וואָס אויסצובאַהאַלטן און קאָן אָנהייבן ריידן מיטן גאַסט אָן אָט דעם לוסטיק־שטיפערישן טאָן.

די צווייצימערדיקע דירע איז אָבער געווען אזוי געבויט, אז ווי שטיל מע זאָל ניט ריידן אין עקסטן צימער, דערגרייכט דער געשפּרעך טיילווייַז אויך אין קיך. האָט טאַיִסיע אַנדראָנאָוונע זיך טאַקע פאַרוווּנדערט, וואָס דער געשפּרעך ווערט דאָרט צווישן זיי פאַרגעזעצט אַלץ נאָך אינעם לוסטיק־שטיפערישן טאָן. זי האָט אים אָבער צו גוט געקענט, איר וואַדימען, זי זאָל זיך לאָזן פאַרפירן און גלייבן, אז ער איז גאָרנישט אויסן געווען מיט אָט דעם אייַנלאַדן וועניאַמין זאַכאַריעוויטשעס באַכער צו זיך אהיים, אז ער האָט אים פּאָשעט סטאַם אזוי פאַרבעטן צו זיך אַף וואַרמעס. צי איז עפּעס ניט פאָרגעקומען צווישן וואַדימען מיט וועניאַמין זאַכאַריעוויטשן? דער געדאַנק, אז וואַדים האָט געקאָנט פאַרבעטן אַלעקן צו זיך, קעדיי בא אים עפּעס זיך דערוויסן וועגן סיוועריַן, איז איר געווען אַף אזויפיל דערווידער, אז זי האָט זיך געצוווּנגען ניט טראַכטן מער וועגן דעם.

— וואָס מיר קאָן אייַנפאַלן... — האָט זי, פאָרענדיק זיך בא דער פּליטע, א זאָג געטאָן אזוי, אז מע האָט געקאָנט אזש דערהערן אין עקסטן צימער.

דעם געשפּרעך האָט אָנגעהויבן אַלעק.

— כ׳האָב זיך ניט פאָרגעשטעלט, איר זאָלט ווינען אין אזא דירע, — האָט אַלעק געזאָגט, ווען זיי זייַנען אריַינגעקומען אינעם צימער מיטן קליינעם שמאָלן פענצטערל און מיט די אָנגעאַנגעענע צוגאָב־באַטאַרייעס אַף דער וואַנט, פון וועלכער ס׳האָט געצויגן מיט פייַכטער קעלט.

— איר האָט, אפּאָנעם, גערעכנט, אז אַלע ווינען שוין בא אונדז אין נייַע הייַזער.

— ניין, אָבער...

— ווי קומט עס, ווילט איר פרעגן, וואָס א מאַיאָר, א געוועזענער פראָנטאָוויק און א סעקרעטאַר פון א פּאַרטיי־קאָמיטעט נאָך דערצו, זאָל ווינען אין א דירע מיט א פינצטערער קיך, אָן א וואַנע־צימער און ניט האָבן אפילע פאַר זיך קיין שטיקל קאַבינעטל? — ער האָט ארויפגעלייגט אַלעקן די האַנט אַפן אַקסל און צוגעפירט צום פענצטערל, וואָס גייט ארויס אין הויף. — איר זעט, ווי עס לעבן נאָך מענטשן? איז וואָס פאַר א רעכט האָב איך גיין פאָדערן אן אַנדער דירע, ווען מענטשן, ווי איר זעט, ווינען נאָך אפילע אין קעלערס. ערן־וואָרט, אז עס וואָלט ניט געשאַט אריבערפּעקלען אהער, אין די קעלערס, כאָטש אַף א שטיקל צייַט, יענע, וואָס קוקן קיינמאָל ניט אריַין אהער.

— אַף אונדזער הויז איז בייס דער מילכאָמע געפאַלן א באָמבע, — האָט אַלעק, ווי פילנדיק זיך שולדיק, וואָס ער ווינט אין א נייַ הויז, שטיל געענטפערט.

— ווער רעדט וועגן אזעלכע, ווי וועניאַמין זאַכאַריעוויטש? אזעלכע, ווי אייַער פאָטער, האָבן פאַרדינט, מע זאָל זיי באַזעצן, ווי מע רופט עס, אין פּאַלאַצן. איך ווייס, וואָס איז אזוינס פיר יאָר אָפּזייַן אַפן שלאַכטפעלד. איך רעד וועגן די, וואָס האָבן אָנגעבויט שלעסער מיט טורעמלעך אַף די דעכער, באַצירט די מויערן מיט געצאַצקעטע באַלקאָנען, לאָזשעס, גאַלערייעס, און דער טייַוול ווייסט נאָר וואָס... און צוליב וואָס האָט מען עס באַדאַרפט אָנבויען אונטער דער ערד קייזערלעכע פּאַלאַצן אָנשטאָט געוויינלעכע מעטראָ־סטאַנציִעס, ווי מע בויט איצט? בויען פּאַלאַצן אונטער דער ערד, ווען אייניקע מענטשן ווינען נאָך אין קעלערס! מע דערציילט, אז ווען איינער אונדזערער א דירעקטאָר פון ניט קיין גרויסן זאַוואָד האָט אריַינגעפירט צו זיך אין קאַבינעט אן אויסלענדישן פאַבריקאַנט און אים געפרעגט, ווי געפעלט אים דער קאַבינעט, די אויסשטאַטונג, האָט יענער געענטפערט: „אַף אונדזערע אונטערנעמונגען וועט איר אזוינע פּראַכטפולע קאַבי־

נעטן זיכער ניט באַגעגענען. מיר, אַז מיר בויען, דאַרפֿן מיר דאָך אַרויסלייגן דאָס געלט פֿון דער אייגענער קעשענע. איר אָבער בויט דאָך ניט פֿאַר אײַער אייגן געלט, איז פֿאַרוואָס זאָלט איר זיך ניט דערלויבן אַזאַ לוקסוס!" ניין, ניט אַלע, ווײַזט אויס, האָבן באַנומען, וואָס פֿאַר אַ באַדײַט עס האָבן פֿאַר אונדזער לאַנד און פֿאַר דער וועלט, יאָ, פֿאַר דער וועלט, די באַשלוסן פֿון אונדזער פּאַרטיי נאָכן פֿינפֿטן מאַרט פֿונעם דרײַ־און־פֿופֿציקסטן יאָר.

אַלעק האָט געקוקט אויף וואַדים טימאָפֿייעוויטשן מיט ברייט צעעפֿנטע אויגן. קיינער האָט נאָך מיט אים קיינמאָל אַזוי ניט גערעדט. ווען ער פֿלעגט, בלעטערנדיק באַם פֿאָטער אין קאַבי־נעט די ענציקלאָפּעדיעס, זיך אָנשטויסן אויף ביאָגראַפֿיעס פֿון רעוואָלוציאָנערן, רײַזנדער, שרײַ־בער, מיליטערלײַט, געלערנטע, וואָס זײַנען באַוווּסט געוואָרן אין עלטער פֿון עטלעכע און צוואַנציק יאָר, האָט זיך אים עפּעס קיינמאָל ניט געגלייבט, אַז ער איז שוין אַלט אַכצן יאָר. הײַנט האָט ער צום ערשטן מאָל דערפֿילט זײַנע אַכצן יאָר. וואַדים טימאָפֿייעוויטש האָט עס אים ווידעראַמאָל געגעבן צו דערפֿילן מיט דער פֿראַגע, וועלכע ער האָט אים געשטעלט:

— איר זײַט אײַנשטימיק מיט מיר?

אַלעק האָט ניט געקאָנט אויסבאַהאַלטן די האַפֿערדיקײַט זײַנע, ווען ער האָט אים געענט־פֿערט:

— פֿאַרשטייט זיך, אָבער ניט מיט אַלץ.

— אַשטייגער?

— אָט איז בײַ אונדז אין קלאַס געווען איינער אַ יעגאָזשין, סעריאָזשע יעגאָזשין...

— עפּשער וואָלט איר איבערגעגאַנגען אַהער, — האָט פֿונעם שכיינעסדיקן צימער זיך אָנ־גערופֿן טאַיִסיע אַנדראָנאָוונע, — דער מיטיק איז שוין בײַ מיר גרייט.

באַם עסן האָט טאַיִסיע אַנדראָנאָוונע זיך געווענדט צו אַלעקן:

— אַנטשולדיקט, וואָס כ'האָב אײַך איבערגעשלאָגן, איר האָט, דאַכט זיך, געוואָלט עפּעס דערציילן.

— וועגן סעריאָזשע יעגאָזשינען? — אַלעק האָט זיך אַ רעגע פֿאַרטראַכט, ווי ער זאָל זיך דאַרפֿן דערמאָנען, וואָס האָט ער זיך געקליבן דערציילן. — אָט זאָגט, ס'איז ריכטיק, וואָס אַזעל־כע, ווי באָריס לאַגונאָוו, אַ געבוירענער אַ מאָסקווער, וווינט אין אַ קאָמונאַלער דירע און אין אַ שלעכטן צימער נאָך דערצו, און די יעגאָזשינס, וועלכע זײַנען געקומען קיין מאָסקווע ערשט נאָך דער מילכאָמע, וווינען שוין אין אַ באַזונדערער דירע מיט אַלע באַקוועמלעכקײַטן?.. פֿאַר־וואָס קומט עס זיי?

— ווען איז עס דאָס זיי? — האָט געפֿרעגט טאַיִסיע אַנדראָנאָוונע.

— נו, אָט די, וואָס זײַנען אָנגעפֿאָרן קיין מאָסקווע בייס דער מילכאָמע, נאָך דער מילכאָמע. מע האָט זיך אַרײַנגעקליבן אין קעלערס, אין באַראַקן, און איצט באַקומען זיי אין דער ערשטער ריי נײַע דירעס.

— און ווען, אַשטייגער, וואָלט איר פֿאַרגעלייגט געבן אין דער ערשטער ריי נײַע דירעס?

— נו, פֿאַרשטייט זיך, אַז די מאָסקווער. באַרקע לאַגונאָוו איז אַ געבוירענער אַ מאָסקווער, איז קומט אים אַ דירע אין דער ערשטער ריי. פֿאַרוואָס דאַרפֿט איר וווינען אין אַ שלעכטער דירע, און יעגאָזשין...

— מיר זײַנען אויך ניט קיין מאָסקווער. פֿאַר דער מילכאָמע האָבן מיר געוווינט אין קאָמ־סאָמאָלסק־אָפֿן־אַמור...

פֿון אירע ליכטיקע אויגן איז מיטאַמאָל פֿאַרשוווּנדן דער מילדער, גוטמוטיקער שמייכל. זי האָט זיך דערמאָנט אינעם געשפּרעך אויף סיוועס דאַטשע, ווען בראָניסלאַווע סאָלאָווע האָט, אַרײַנקומענדיק פֿון קיך מיטן פּאָלומעסעק געפֿילטע פֿיש, אַ זאָג געטאָן צו ווענִיאַמין זאַכאַריע־וויטשן: „סאָפּקאָלסאָף האָסטו, דאַכט זיך, פֿאַרדינט, אַז דײַן זון זאָל ניט דאַרפֿן פּאַטערן אומזיסט צוויי־דרײַ יאָר...". דעמאָלט, ווי איר האָט זיך אויסגעוויזן, איז אַלעקן געווען דערווידער, וואָס די מוטער האָט אַזוינס געזאָגט. זי האָט באַמערקט, ווי ניט צופֿרידן ער האָט אַ קנייטש געטאָן די אַקסלען. איצט, דוכט זיך, טראַכט ער שוין ווי זײַן מוטער. ער מאַכט אויך אונטערשיידן...

— מיר זײַנען ניט קיין געבוירענע מאָסקווער, — האָט זי איבערגעכאַזערט, אומקוקנדיק זיך אויף וואַדימען, ווי זי זאָל זיך נייטיקן, ער זאָל עס באַשטעטיקן. ס'האָט זי געוווּנדערט וואַדימס פֿאַראַקשנט שווײַגן, זײַן ווענדן מאַכן דעם אײַנדרוק, אַז ער איז שטאַרק פֿאַרטאָן אינעם עסן. זי וועט נאָכדעם זיך דורכריידן מיט אים, פֿאַרוואָס ער האָט אײַנגעלאַדן אַ מענטשן צו מיטיק און זי וועגן דעם פֿריִער ניט געוואָרנט. נאָר צוליב וואָס ער האָט אים אײַנגעלאַדן, וועט זי אים ניט פֿרעגן, זי איז געווווינט, ער זאָל איר אַליין אַלץ דערציילן.

— ווו זײַנען עס אַזוי שפּעט אונדזערע „נאַראָדניקעס"? — האָט וואַדים טימאָפֿייעוויטש

מיטאמאָל געפרעגט, ניט באַנעמענדיק, וואָס קוקט אַזוי אַף אים זײַן טאַיסיע און פאַרוואָס האָט עס דער גאַסט פּלוצעם אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— דאָס רופט ער אַזוי אין אַ שפּאַס אונדזערע זין.

— וואָס עפּעס אין אַ שפּאַס? און וואָס איז עס ביכלאַל פאַר אַ פאַרענטפערן זיך? כ'האָב, דאַכט זיך, קיינעם ניט באַליידיקט. נאַראָדניק איז אַ באַליידיקונג? פאַרוואָס טאָר איך ניט אָנרופן נאַראָדניקעס די, וועלכע פאַרלאָזן די קאַבינעטן, די דירעס מיט וואַנעס און מיט הייסער וואַסער און לאָזן זיך אַוועק אין דער טײַגע, אין דער טונדרע, אַף דער צעלינאַ, אין די שאַכטעס? אָדער נעם אונדזער וואַלענטינען מיט ליאָניען, וואָס זײַנען נאָכן פאַרענדיקן די שול אַוועק אַרבעטן אַף אַ זאַוואָד, און ניט צוליב סטאַזש, ווי דו ווייסט.

איז אָט צוליב וואָס איר וואַדים האָט פאַרבעטן צו זיך אַהיים וועניאַמין זאַכאַריעוויטשעס זון! ער וויל אים באַקענען מיט וואַלענטינען און ליאָניען. דאָס האָט וועניאַמין זאַכאַריעוויטש אים, אַפּאָנעם, געבעטן וועגן דעם. און איר האָט שוין איצט גאָר אַנדערש אויסגעזען דער געשפּרעך, וועלכן וואַדים האָט דעמלט געפירט מיט זײַן שעף אַף דער דאַטשע און וועלכן, ווי ס'ווײַזט זיך אַרויס, ער קלײַבט זיך איצט פאָרזעצן מיט זײַן זון.

— מיר דוכט, וואַדים, — האָט זי געזאָגט, — אַז מיר האָבן מיט דיר דעמלט ניט אינגאַנצן ריכטיק פאַרשטאַנען וועניאַמין זאַכאַריעוויטשן. וועניאַמין זאַכאַריעוויטש, ווי מיר שײַנט, האָט געהאַט אין זינען גאָר עפּעס אַנדערש, ווען ער האָט דאָס אַרײַנגעקומענע באָכערל אָנגערופן נאַראָדניק. מיר, אַשטייגער, האָט עס דערמאָנט איינעם אַ דיספּוט, וואָס אונדזער פּאָלטאַווער קינדערהיים האָט דורכגעפירט אין צוויי־ צי אין דרײַ־און־צוואַנציקסטן יאָר. אַף מאָרגן נאָכן דיספּוט און נאָכן קאָנצערט, וואָס מיר האָבן געגעבן, זײַנען געקומען עטלעכע יִינגעלעך און מיידע־לעך בעטן, מע זאָל זיי נעמען צו אונדז אין קינדערהיים, זיי ווילן מער ניט וווינען מיט זייערע עלטערן — די נעפּמאַנעס. געווען צווישן זיי אַפילע איינער אַ יעשיוועבאָכער. ער שטייט מיר ביז איצט פאַר די אויגן: אַ באָכערל מיט גאָלדענע געקרײַזלטע לאָקן, מיט אַ קײַלעכיק פּענעמל און מיט אַזעלכע גרויסע, שוואַרצע אויגן, אַז ס'האָבן זיך קימאַט ניט אַרויסגעזען די ווײַסלעך. ס'איז ניט דורך קיין דרײַ טעג, און די אַלע יִינגעלעך און מיידעלעך האָבן זיך אומגעקערט צו זיך אַהיים. ס'האָבן זיי ניט פאַרשמעקט אונדזערע פּײַקעס ברויט, אונדזער געקעכטס, ניט געפעלן געוואָרן, ווײַזט אויס, וואָס מע דאַרף אַליין פאַרבעטן דאָס בעט, אַליין וואַשן דעם דיל, שיילן קאַרטאָפל, אַרבעטן אין די וואַרשטאַטן. פאַר די מיידלעך איז בײַ אונדז אין קינדערהיים געווען אַ שנײַדער־וואַרשטאַט און פאַר די יִינגלעך אַ שוסטערשער. אָט וואָס וועניאַמין זאַכאַריעוויטש האָט געהאַט אין זינען, ווען ער האָט דאָס אַרײַנגעקומענע באָכערל דעמלט געפרעגט, צי איז ער ניט קיין נאַראָדניק. באָריס, דאַכט זיך, רופט מען דאָס באָכערל?

— יאָ, באָריס, — האָט אַלעק שטיל געענטפערט, ריכטנדיק זיך, אַז באַלד וועט זי אים פרעגן, וואָס איז געשען צווישן אים מיט באָריסן, און ער האָט, אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין, גענומען וויקלען אַפן פינגער אַ שטײַפן פאָדעם, וואָס ער האָט אַרויסגעצויגן פונעם טישטעך.

— אומזיסט נעמסטו זיך, טײַערינקע, אַזוי אָן פאַר וועניאַמין זאַכאַריעוויטשן, ווען ער אַליין, ווי איך בין זיכער, האָט שוין לאַנג זיך פון דעם אָפּגעזאָגט. בײַ אונדז איז דאָך דעמלט ניט גע־גאַנגען קיין רייד וועגן אַזוינע, וואָס לויפן איבער אַף צוויי־דרײַ טעג פון איין סאָציאַלן קלאַס אין אַ צווייטן, ווי ס'האָט געטראָפן בײַ אײַך אין פּאָלטאַווע מיט די נעפּמאַנישע קינדער. די רייד איז דאָך געגאַנגען וועגן אַזעלכע, ווי אונדזער וואַלענטין און ליאָניע. וועניאַמין זאַכאַריעוויטש האָט דאָך ניט געגלייבט, אַז זיי זײַנען אַוועק אַפן זאַוואָד ווערן פּאָשעטע אַרבעטער.

— און אַז איך בין אַוועק ווערן אַ שוסטער, דעמלט, ווען פאַר מיר, פאַר אַ דערצויגלינג פון אַ קינדערהיים, זײַנען געווען אָפן אַלע טירן, דאָס גלייבט ער אויך ניט?

— אָט דאָס, זעסטו, גלייבט ער שוין גראָדע יאָ. די צײַט, זאָגט ער, איז דאַן געווען אַן אַנדערע, אַ ראָמאַנטישע, און מיר, זאָגט ער, זײַנען געווען אַנדערע. ראָמאַנטיקער.

דערפילט אַף זיך אַלעקס פאַרכידעשטע בליקן, האָט טאַיסיע אַנדראָנאָווגע זיך צו אים אָנגערופן:

— וואָס? אײַך גלייבט זיך ניט, אַז איך בין געווען אַ שוסטער? און אַ גוטער שוסטער דערצו. איצט, אַז מע באַגעגנט אַ מיידל אַ שטוקאַטור, אַ מוליער צי עפּעס פון אַן אַנדער מאַנצבילשער מעלאָכע, פאַרוווּנדערט עס שוין קיינעם ניט. ווער, אַשטייגער, וועט זיך וווּנדערן, וואָס בײַ אונדז אַף דער שוך־פאַבריק אַרבעטן מער פרויען, ווי מאַנצבילעך? אָבער מיט אַ דרײַסיק—פינף און דרײַסיק יאָר צוריק? וואָס הייסט אַ מיידל נעמט און ווערט אַ שוסטער? איצט זעט עס מיר אַליין אויס אַ ביסל ווילד. דרייען דראַטוועס, שלעפּן פון מויל די הילצערנע פלעקלעך איז, פאַרשטייט זיך, אַן אַרבעט ניט פאַר קיין פרוי. אָבער דעמלט האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך קער איבער מיט דעם אַ וועלט. איך בין געווען בײַ זיך שטאָלץ ניט ווייניקער פון יענע קאָמסאָמאָלקעס,

וואָס האָבן צום ערשטן מאָל אָנגעטאָן אַ שינעל. אונדזער דאַר איז אַף אונדזער אויפן געוועזן אַ ראָמאַנטישער. אײַער דאַר איז אַף אײַער אויפן ראָמאַנטיש. איר האָט אונדז אַף וואָס מעקאַנע זײַן, מיר האָבן אײַך אַף וואָס מעקאַנע זײַן, און ביכלאַל זײַנען מיר איינער דעם צווייטן גאָרנישט פאַרבליבן שולדיק. ווי זאָגסטו, כאַוועך סעקרעטאַר?

— אַ שאָד פונדעסטוועגן, וואָס דו האָסט ניט פאַרענדיקט קיין פעדאַגאָגישן אינסטיטוט, — האָט וואַדים טימאָפּייעוויטש אַ זאָג געטאָן. — איר רייכערט? — האָט ער זיך געווענדט צו אַלעקן, אַרויסלייגנדיק אַפן טיש אַן אָנגעהויבן פּעקל „בעלאָמאָר".

— דערוויַיל נאָך ניט.

— מאָלאָדטשינאַ, — און אַרויסלאָזנדיק אַ קנויל העל־בלויען רויך פונעם אָנגעצונדענעם פּאַפּיראָס, איבערגעכאַזערט: — מאָלאָדטשינאַ, וואָרעם הונדערט פּופציק גראַם בראָנפן איז פאַרן געזונט ווייניקער געפערלעך, ווי איין אויסגערייכערטער פּאַפּיראָס. אַזוי האָב איך געהערט פון איינעם אַ דאָקטאָר. — ער האָט זיך פאַרצויגן און, פאַרזשמורענדיק עטוואָס די אַנטראַציט־שוואַרצע אויגן, אַ שמייכל געטאָן. — פונדעסטוועגן וואָלט איך גיכער אײַנגעגאַנגען, אַז מײַנע כּעוורע זאָלן אויסרייכערן צו פּעקלעך „בעלאָמאָר" אַ טאָג, איידער טרינקען... איר ווילט אַ קוק טאָן אַף מײַנע כּעוורע?

די טיר פונעם שכיינעסדיקן צימער, וווּהין וועטשעריאַ האָט אַרײַנגעפירט אַלעקן אים ווײַזן די פאָטאָגראַפּיעס פון זײַנע זין, איז געבליבן שטיין אָפן. זאָל אַלעק, הייסט עס, ניט מיינען, אַז ער זוכט אַן אויסרייד בלײַבן מיט אים אויג אַף אויג.

אַז וואַדים טימאָפּייעוויטש קלײַבט זיך מיט אים ניט פאַרפירן קיין רייד וועגן זײַן מעלדונג, האָט אַלעק דערפילט אויך אין דעם, ווי דער מאַיאָר האָט ניט געײַלט גענומען בלעטערן צוזאַ־מען מיט אים דעם אַלבאָם מיט די פאָטאָגראַפּיעס. פון צײַט צו צײַט האָט ער אָנגעוויזן אַף אַ בילד: „דאָס בין איך".

אין דעם יונגן באַכערל מיטן אָנגערוקטן היטל אַפן שטערן און אינעם קורצן וואַטאָוון לײַבל, וועלכער האָט אַף איין בילד אַרומגעהאַקט די צווײַגן פון אַן אומגעוואַלגערטן בוים, אַף אַ צווייטן — אויסגעשעפּט וואַסער פון אַ גראָבן, אַף אַ דריטן — געפּלאָסטערט אַ טראָטואַר, איז ווירקלעך שווער געווען דערקענען וואַדים טימאָפּייעוויטשן, וואָס איז איצט געזעסן לעבן אים און מיט אַ באַזונדער בענקשאַפט זיך אײַנגעקוקט אין די צעקנייטשטע, בלייכע פאָטאָגראַפּיעס פון יענע ווײַטע יאָרן, ווען אַפן ברעג פון אַמור, וווּ עס שטייט איצט די ערשטע קאָמיוגישע שטאָט אינעם לאַנד קאָמסאָמאָלסק, האָט נאָך גערוישט די טײַגע. און אָט זעט ער אים שטיין אַף אַ פאַרשנייטן פעלד אין אַ קורץ ווײַס פעלצל מיט צוויי קליינע שטערנדלעך אַף די פּאָגאָנעס. אַלעק מישט איבער עטלעכע זײַטלעך מיט בילדער פון אומבאַקאַנטע מענטשן, מערסטנטייל מיליטערישע.

— איר האָט מיך דאָ ניט דערקענט?

אַלעק קוקט זיך לאַנג אײַן אינעם קאַפּיטאַן מיטן אויסגעצערטן, פאַרוואַקסענעם פּאָנעם, וועלכער שטייט מיט אַ גרופּע מיליטערלײַט באַ אַ האַלב כאָרעווע הויז מיט אַ דײַטשישער שילד.

דער אַלבאָם האָט אַלעקן אַזוי פאַרינטערעסירט, אַז אים איז שוין ניט אָנגעגאַנגען, צוליב וואָס האָט דער מאַיאָר אים געבראַכט צו זיך אַהיים.

— טאַיִסינקע, קום נאָר אַהער, — האָט וואַדים טימאָפייעוויטש אַ רוף געטאָן די פרוי, וואָס האָט זיך געייסעקט אין פאָדערשטן צימער, — דערקענסט אָט דעם באַכער? אַנו, קוק זיך נאָר גוט אײַן. ס'איז דאָך אַרקע קאַנעל. נו, דער סטודענט פונעם פילאָלאָגישן פאַקולטעט, וואָס איז אַוועק פונעם דריטן קורס און געקומען בויען קאָמסאָמאָלסק. אַ העלדישער באַכער געווען. אַן עכטער סאָלדאַט. איצט איז ער אַ באַוווּסטער געלערנטער אין לענינגראַד, אַ דאָקטאָר פון וויסנשאַפטן.

אַלעק האָט זיך אײַנגעקוקט אינעם הויכן באַכער אין די ברילן, מיטן פאַרקלערטן שמייכל אַפן לענגלעכן געזיכט, וועלכער האָט געלאָשן קאַלך אין אַ גרויסן פירקאַנטיקן בעקן.

— וואָס וואָלסטו, אַשטייגער געזאָגט, טאַיִסינקע, ווען אונדזער ליאַניען צי וואַליען פאַלט מיטאַמאָל אײַן אַריבערפאָרן, לאָמיר זאָגן, קיין אוראַל, קיין סיביר צי אַפן ווײַטן מיזרעך? אַרי־בערפאָרן אַף שטענדיק...

— וואָס עפּעס פּלוצעם?

— דאָס איז שוין אַן אַנדער פראַגע. איז וואָס וואָלסטו זיי געזאָגט?

— מיר דאַכט, זיי זײַנען שוין ביידע ניט קיין ברעקלעך קינדער.

טאַיִסיע אַנדראָנאָוונע האָט גיכער דערפילט, ווי באַנומען, אַז וואַדים פרעגט עס אין שײַכעס מיט סיווערס באַכערל. זי האָט אַ קוק געטאָן אַף וואַדימען, ווי זי וואָלט געוואָרט, ער זאָל איר אונטערזאָגן, וואָס דאַרף זי ענטפערן דערויף, און, ווענדנדיק זיך שוין ניט אַזוי צום מאַן, ווי צו אַלעקן, געפרעגט:

— וואָס איז עס? סטאַם אַזוי אַ קאַפּריז?

— לאָמיר זאָגן, עס הייבט זיך אָן פון אַ קאַפּריז, — וואַדים טימאָפּייעוויטש האָט געציילט די ווערטער, — לאָמיר זאָגן, זיך צעאַמפּערט אין דער היים צי מיט אַ מיידל, נו, מאַלע וואָס עס קאָן פּאַסירן, ווען מע איז יונג.

אַלעק האָט אויפגעהערט זען די בילדער אין אַלבאָם. באַלד וועט דער מאַיאָר מיסטאַמע איר דערציילן, וואָס בּאָריס האָט אָף אים אָנגערעדט.

— נו, און נאָכדעם, לאָמיר זאָגן, — האָט וואַדים טימאָפּייעוויטש פאַרגעזעצט, — וואַקסט עס איבער אין אַ פּרינציפּ. האָסט מיך פאַרשטאַנען? אַ סך זאַכן הייבן זיך דאָך, אייגנטלעך, אָן פון אַ קלייניקייט. אַ טייַך — פון אַ ריטשקעלע, אַ שטאָט — פון אַ געוויינלעך הילצערן פּלעקל, אַ ליבע — פון אַ צופעליקן בליק. נו, מיט איין וואָרט, אַ מענטש האָט באַשטימט נאָך פון דער פריִער יוגנט זיך שאַפן אָן אייגענע ביִאָגראַפיע...

„אָן אייגענע ביִאָגראַפיע, אָן אייגענע ביִאָגראַפיע...“ — האָט אַלעק עטלעכע מאָל איבערגע־כאַזערט אין זיך, ווי מע כאַזערט איבער בייס די עקזאַמענעס סטראָפעס פון אַ ליד צי אַ טעאָרעמע, וואָס מע וויל זיך דערמאָנען. דאָס האָט אים דאָך געזאָגט דער פאָטער דעמלט באַנאַכט בּאַ זיך אין קאַבינעט. האָט וואַדים טימאָפּייעוויטש, הייסט עס, זיך דערוווּסט אַלץ בּאַ זיין פאָטער. בּאַ זיין פאָטער, און ניט בּאַ באָרקען. „ניט בּאַ באַר־קען, ניט בּאַ באַר־קען“, — האָט אַלעק דייַט־לעך דערהערט, ווי ס׳קלאַפּן אויס די שלייפן.

— ניט איר קלייַבט זיך עס שאַפן אָן אייגענע ביִאָגראַפיע? — האָט טאַיִסיע אַנדראָנאָוונע געפרעגט אַלעקן.

— יאָ, איך! — האָט אַלעק שטאָלץ געענטפערט און זיך באַמיט צוגעבן זיין געזיכט דעם אויסדרוק פונעם הויכן באַכער אין די ברילן, וואָס האָט פאַרלאָזט דעם דריטן קורס פונעם פילאָלאָגישן פאַקולטעט און געקומען בויען קאָמסאָמאָלסק־אַפן־אַמור.

אָט דאָ האָט טאַיִסיע אַנדראָנאָוונע ערשט באַנומען, פאַרוואָס וואַדים האָט פאַרבעטן צו זיך וועניאַמין זאַכאַריעוויטשעס באַכערל און זיך אַוועקגעזעצט מיט אים בּלעטערן דעם אַלבאָם. ער האָט אינעם באַכערל, וואָס האָט באַשטימט פאַרן זיך שאַפן פון דער פריִער יוגנט אָן אייגענע ביִאָגראַפיע, דערזען זיך, זיין דורכגעגאַנגענע יוגנט. זי האָט דערפילט, אַז זיי ווילן איצט בלייַבן אַליין. האָט זי אויסגעפונען אַ טערעץ און אַרויס פון צימער, שטיל צומאַכנדיק נאָך זיך די טיר.

— אייַער מעלדונג איז בּאַ מיר! — וואַדים טימאָפּייעוויטש האָט דורכן העל־בלויען רויך פונעם פּאַפּיראָס געקוקט אָף אַלעקן. — דער רעקטאָר האָט זי שוין אונטערגעשריבן. נאָר דאָס מאַכט ניט אויס. איר קאָנט זי יעדן טאָג אָפּנעמען צוריק. — ער איז זיך דורכגעגאַנגען איבערן צימער מיט ברייטע טריט. — אייַער קאָנפליקט מיטן פאָטער קאָן ניט זיין קיין סיבע צו פאַר־לאָזן דעם אינסטיטוט. איר ווילט, וועל איך זיך מיט אייַער פאָטער דורכריידן.

— איך האָב מיט אים איצט ניט קיין קאָנפליקטן.

— און וואָס אָנבאַלאַנגט דעם באַשלוס פון אייַערע כאַווירים, מיין איך, אַז מיר וועט זיין ניט איבעריק שווער זיך צונויפריידן מיט זיי... זיי קענען אייַך ניט פון נעכטן און וועלן פאַרשטיין, אַז מער וועט אַזוינס מיט אייַך ניט געשען. און בּיכלאַל, זאָלט איר וויסן, האַלט איך ניט פון פאָרן אויסקויפן זינד, פון פאָרן צוליב עמעצן עפּעס באַוויַזן און דערווייַזן... אַז מיר זייַנען געפאָרן בויען קאָמסאָמאָלסק, זייַנען מיר ניט געפאָרן אויסקויפן קיין זינד, און די, וואָס פאָרן איצט אָף דער צעלינאַ... מיט איין וואָרט, אייַער מעלדונג איז בּאַ מיר.

— ווען קאָן איך אָפּנעמען די דאָקומענטן?

וואַדים טימאָפּייעוויטש האָט אַ קנייטש געטאָן די אַקסלען:

— דעמלט, ווען איר וועט ענדגילטיק באַשליסן.

— כ׳האָב שוין באַשלאָסן.

— ענדגילטיק?

— יאָ, ענדגילטיק.

— הם... הם... גוט... איז וווּהין, הייסט עס? אַך, יאָ, קיין קאָמי, אָף די שאַכטעס.

ער איז צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן, אַראָפּגענומען דאָס טרייַבל און עס באַלד צוריק אַוועקגעלייגט.

— גלייַכער אָנשרייַבן. מאָרגן וועל איך אָפּשיקן אין סווערדלאָווער ראַיקאָם פון קאָמיוג מייַן רעקאָמענדאַציע. איר זייט אַ קאָמיוגיסט און דאַרפט פאַרשטיין, אַז דאָ גייט ניט אין די עטלעכע הונדערט רובל וועג־הויצאָעס, וואָס איר וועט באַקומען אָף דער קאָמיוגישער פּוטיאָווקע. עס גייט אין דעם, איר זאָלט אָנקומען אַהין ניט ווי קיין צופעליק פאַרבלאָנדזשעטער פּאַסאַזשיר, וואָס זוכט גליקן, נאָר ווי אַ שלאַכטמאַן, וואָס איז געשיקט געוואָרן פון שטאַב. פאַר אַזעלכע, ווי איר, וואָס הייבט ערשט אָן זיין אייגענע ביִאָגראַפיע, איז עס זייער וויכטיק. ביז גאָר וויכטיק.

האָט דערבײַ אין זינען, אַז יעדן מענטשן קומט אָפּט אויס אַליין זײַן דער קאָמאַנדיר איבער זיך און אַליין זײַן דער סאָלדאַט. איז זעט, אַז דער קאָמאַנדיר זאָל שטענדיק זײַן באַטראַכט, ווען ער גיט אָפּ דעם באַפעל, און דער סאָלדאַט זאָל קיינמאָל ניט אונטערפירן זײַן קאָמאַנדיר. זע! גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז הײַנט שפּילט „דינאַמאָ" מיט „ספּאַרטאַק". נו פאַרשטייט זיך, אַז מײַנע בײדע „פּראָלעטאַריער" זײַנען דאָרט. איר זײַט אויך אַ ליבהאָבער פון כאָקיי? וויפל איז עס איצט דער זייגער? אָ, נאָך פרי. דעם עמעס געזאָגט, וואָלטן מיר הײַנט געדאַרפט מיט אײַך נעמען צוביסלעך קאָניאַק. נאָר, נישקאָשע, מירן אונדזערס ניט דורכלאָזן, און דערווײַל עפּשער צו גלעזלעך טיי? טאַיִסינקע, זײַ אונדז מעכאַבעד מיט אונדזער ווײַטמיזרעכדיקן געטראַנק, מיט שטאַרקער טיי.

...אנטקעגן דער פּאַראַדנע, פונוואַנען אַלעק איז אַרויסגעגאַנגען, איז געשטאַנען און ווי געוואַרט אויף אים אַן אָנגעשאַרפטע האַלבע לעוואָנע. האַרט פאַרבײַ אים זײַנען, האַלטנדיק זיך פאַר די הענט, דורכגעלאָפן אַ באָכער מיט אַ מיידל. „צי ווייסן זיי, — האָט אַלעק אַ טראַכט געטאָן, — אַז מיטן זעלבן טראָטואַר, פאַרבײַ די זעלבע הײַזער, אונטער די זעלבע פענצטער איז דאָ געגאַנגען לעניִן, און מעגלעך, אַז דעמאָלט איז אויך געווען אַזאַ לינדער און שטילער אָנהייב־ווינטערדיקער אָוונט? צי ווייסן וועגן דעם די קינדער, וואָס לויפן דאָ אום און שפּילן זיך אויפן ברוק?"...

אָנשטאָט פאַרקערעווען צו דער אַרקע, וואָס פירט אויף דער גאָרקי־גאַס, האָט אַלעק זיך געלאָזט גיין מיטן אַראָפּבאַרגיקן יוזשינער געסל.

באַם אַרײַנגאַנג פונעם געלבלעך־גרויען דרײַשטאָקיקן מויערל מיט די אויסגעקרימטע שטיינערנע טרעפּ איז אַלעק געבליבן שטיין, ווי אַ סאָלדאַט אויף דער וואַך. צווישן די צוויי בלומען־טעפּלעך אויפן פרישן זויבערן שניי זײַנען אײַנגעוויקלט אין אַ דורכזיכטיק צעלאָפאַן זעקעלע געלעגן לעבעדיקע בלומען.

XX

אויף קיין איינער פון די מעטראָ־סטאַנציעס, וועלכע שעווע איז דורכגעפאָרן, איז ניט געווען אַזוי ליכטיק און טומלדיק, ווי דאָ, אויף „ספּאָרטיוונאַיאַ". די אָנגעגאָסענע שײַן אין די הויכע קרישטאָלענע וואַזעס אויף די ווײַסע קאַפּלנע ווענט, אַרומגעצוימטע מיט גרינע פּאַסן, האָט איר מיט עפּעס דערמאָנט אין דער יאָמטעוודיקייט פונעם קאָלאָנען־זאַל אין די טעג פון די ווינטער־קאַניקולן. אויך די פּאַסאַזשירן, וואָס זײַנען יעדע צוויי־דרײַ מינוט אַרויסגעשטיגן פון די גרינלעך־בלויע וואַגאָנען, האָבן איר אויסגעזען יאָמטעוודיק, און דער טומל אינעם הויכן ראַכוועסדיקן וועסטיביול און אויף די עסקאַלאַטאָרס — אינגאַנצן ניט ענלעך צום טומל אויף אַלע אַנדערע סטאַנציעס אין די זעלבע אָוונטיקע שעהען פון „פּיק". דער טומל אויף „ספּאָרטיוונאַיאַ" האָט גיכער דערמאָנט אין אַ צושויער־זאַל פאַרן אופהייבן דעם פאָרהאַנג. און פונקט ווי שעווע וואָלט געווען זיכער, אַז אַלע, וואָס שטײַגן דאָ אַרויס, זײַנען דורכויס צושויער, האָט זי שיר ניט יעדן איינעם באַגעגנט מיט דער פראַגע, צי האָט ער ניט צופעליק קיין איבעריקן בילעט אויפן ווינער „אײַז־רעוויו".

פאַר דער קנאַפּער שאָ צײַט, וואָס זי האָט צוזאַמען מיט אַ סאַך אַזעלכע, ווי זי, באַגעגנט די גרינלעך־בלויע עקספּרעסן, האָט זי שוין ניט איין מאָל געביטן דאָס אָרט. פון אָנפאַנג איז זי געשטאַנען באַם סאַמע עק צוג, נאָכדעם איז זי איבערגעגאַנגען אַלץ נענטער צום עסקאַלאַטאָר, ביז זי האָט זיך ענדלעך דערקליבן צום סאַמע פאָדערשטן וואַגאָן, פונוואַנען זי איז שוין ניט אָפּגעטראָטן, ניט ווײַל זי האָט געהאָפט, אַז דאָ וועט איר מער אָפּגליקן, נאָר ווײַל פונדאַנען האָט זי אויך געקאָנט זען די, וואָס זײַנען געשטאַנען אויף די טרעפּלעך פונעם עסקאַלאַטאָר. יעדעס מאָל, ווען איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז צווישן די פּאַסאַזשירן דערזעט זי אַלעקן, האָט די שײַן אין די הויכע קרישטאָלענע וואַזעס אָנגעווירן איר פײַערלעכע יאָמטעוודיקייט, און ווי טומלדיק אַרום איר איז ניט געווען, האָט זי דײַטלעך געהערט דאָס אָפּטע און שטאַרקע קלאַפּן פון איר האַרץ. זי האָט זיך געפרעגט, וואָס וואָלט געווען, ווען זי זאָל אים ווירקלעך באַגעגענען. און כאָטש זי האָט זיך אָנגעשטרענגט צוגעבן איר געזיכט אַ קאַלטן, גלײַכגילטיקן אויסדרוק, האָט זי אָבער פּאָרט ניט געקאָנט זיך באַפרײַען פונעם שמייכל, וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין אירע אויגן אונטער די פאַרבויגענע וויִעס. אַלעק וואָלט זיך, פאַרשטייט זיך, באַלד אָנגעשטויסן, נאָך וואָס איז זי אַהער געקומען, און וואָס פאַר אַן אויסדרוק איר פּנים זאָל ניט האָבן, וואָלט ער זי סײַווי אוועקגעפירט פונדאַנען, און דאָרט, אינעם ספּאָרט־פּאַלאַץ, זיצנדיק לעבן איר, ווי דעמאָלט אין לאָזשע פונעם גרויסן טעאַטער, וואָלט ער ניט אַרויסגעלאָזט איר האַנט פון זײַנער... און באָריס? וואָס וואָלט איר אויף דעם געזאָגט באָריס?

— איר זוכט א בילעט?

שעווע האָט ניט באַוויזן ענטפערן, ווי עמעצער איז אונטערגעלאָפן און אַרויסגעכאַפּט פון אונטער די הענט דעם בילעט, וועלכן מ'האָט איר פאַרגעלייגט.

זי האָט ווידער גענומען פרעגן אַף אַ בילעט, נאָר שוין אָן יענער האַפערדיקייט, מיט וועלכער זי האָט עס געטאָן פריִער. ענדלעך האָט זי פאַרלאָזט די פּלאַטפאָרמע און אָן דער מינדסטער האָפענונג קריגן אַ בילעט זיך אומגעדרייט הין און צוריק איבערן טומלדיקן וועסטיביול, פון מאָל צו מאָל אָפּשטעלנדיק זיך לעבן אַ גרופּע יוגנטלעכע, וואָס האָט אונטערגעזונגען: „ווער האָט אַן איבעריקן בילעט אַפן ווינער „אײַז־רעוויו“? ווער האָט אַן איבעריקן בילעט אַפן ווינער „אײַז־רעוויו“?“

די ווײַזערס פונעם גרויסן עלעקטרישן זייגער איבערן אַרײַנפאָר אינעם טונקעלן מעטראָ־טונעל האָבן זיך שוין דערנעענטערט צו דער שאָ, ווען מע וועט אינעם איבערגעפולטן ספּאָרט־פּאַלאַץ אויסלעשן די שײַן. ס'זאָל איר אַפילע איצט געלינגען קריגן אַ בילעט, וואָלט זי סײַווי פאַרשפּעטיקט צום אָנהייב. און דאָך איז זי ניט אָפּגעטראָטן פון די באַכערים און מיידלעך, וואָס האָבן מיט אַ באַזונדער אײַנגעשפּאַרטקייט זיך אַלץ געיאָגט נאָך די אַרויסשטײַגנדיקע פּאַסאַזשירן. זי איז נאָכדעם צוזאַמען מיט די באַכערים און מיידלעך געשטאַנען באַם אַרויסגאַנג פון מעטראָ, באַ די סטאַנציעס פון די אויטאָבוסן און טראָלייבוסן, באַ די אָנגעפּאַרענע טאַקסי און צוזאַמען מיט זיי זיך געלאָזט לויפן צום העל־באַלויכטענעם ספּאָרט־פּאַלאַץ.

באַ יעדן טראָט האָט די פּריש־פּאַרהיילטע וווּנד געלאָזט זיך פילן — אַ שטאָך געטאָן, ווי מיט נאָדלען. שעווע האָט פון ווייטעק פאַרביסן די ליפּן, זיך אָפּגעשטעלט און ווידער גענומען לויפן, האַלטנדיק צעשפּרייט די הענט, זי זאָל ניט פאַרלירן דאָס גלײַכגעוויכט אַף די שנייִ־הרודעס.

פּלוצעם האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זי זעט אים שטיין אינמיטן טראָטואַר מיט צוויי בילעטן אין דער האַנט. לעבן אים איז מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן אַ שלאַנק מיידל מיט בלאָנדע האָר, מיט טונקל־בלויע אויגן, און אָט זיצן זיי שוין האַרט־צוגעטוליעט איינער צום אַנדערן. ער קלײַבט איבער אירע פינגער, גלעט זיי, טראָגט זיי אונטער צו די ליפּן...

שעווע איז געבליבן שטיין, זיך אומגעקוקט, גלײַך זי זאָל וועלן זיך דערמאָנען, ווי קומט זי פּלוצעם אַהער. זי האָט שווער אָפּגעאָטעמט. וואָס וועט שוין זײַן, אַז זי וועט אַרײַן אין ספּאָרט־פּאַלאַץ און איר אַף אַן עמעס זען זיצן מיט „יענער“, זען, ווי זײַן האַנט ליגט באַ „יענער“ אַף דער קני אין דעם דינעם אָנגעצויגענעם זאַק... און ווען זי טרעפט אים דאָ איינעם אַליין, וואָלט זי דען צוגעגאַנגען צו אים?

זי האָט ווידער פאַרגעסן, וואָס דער דאָקטער האָט איר אָנגעזאָגט, ווען מע האָט זי אויסגעשריבן פונעם שפּיטאָל, און זיך געלאָזט ווײַטער לויפן. זי האָט שוין איצט מער ניט געפילט דעם שטײַפן ווינט, וואָס האָט געבלאָזן פונעם טײַך, די הרודעס שניי אונטער די הויכע דינע קנאַפּל, ניט באַמערקט דעם כווישעך, וואָס האָט זיך געשפּרייט איבערן פאַרשנייטן אָוונטיקן פעלד.

די פּילצאַליקע טירן פונעם פּאַלאַץ זײַנען שוין געווען פאַרמאַכט. באַ יעדער טיר זײַנען געשטאַנען צו עטלעכע באַכערים און מיידלעך, וואָס זײַנען מיט נאָך מער אימפּעט, ווי אין מעטראָ, אָנטקעגנגעלאָפן יעדן איינעם, וואָס האָט זיך דערנעענטערט אַהער.

שעווע האָט אויסגעקליבן דעם סאַמע ווײַטן אַרײַנגאַנג. ווי נאָר זי איז געבליבן אַליין, האָט זי לײַכט אָנגעקלאַפּט אין טיר.

קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן. צוזאַמען מיט די פּאַרטוויבטע קלאַנגען פונעם אָרקעסטער האָט זיך פון צײַט צו צײַט דערהערט אין דרויסן אַ הילכיק פּאַטשן מיט די הענט.

זי האָט ווידער אָנגעקלאַפּט, שוין עטוואָס שטאַרקער.

אין דער האַלב־געעפנטער טיר האָט זיך באַוויזן אַ שטרענג מאַנצבלש פּאַנעם:

— דאָס האָט איר געפּויקט?

— ניין, ניין... — האָט שעווע פאַרלוירן געענטפערט.

ווי לאַנג עס ציט זיך די צײַט, ס'איז ערשט דורך צען מינוט, ביזן איבעררײַס איז נאָך געבליבן העכער אַ שאָ. ניין, זי וועט ניט וואַרטן. ס'איז אָבער אַוועק נאָך צען מינוט, און זי איז אַלץ נאָך געשטאַנען, אונטערטראַגנדיק אַלעמאָל דאָס האַנטזייגערל צום אויער. מיטאַמאָל איז איר אײַנגעפאַלן פאַרלייגן דעם בילעטיאָר איר האַנטזייגערל פּאַר אַ מאַשקן. זי וועט בלויז אַ קוק טאָן אין צושויער־זאַל, און שוין. ווײַטער פון דער פּערטער צי פינפטער ריי זיצט ער דאָך מיסטאַמע ניט. און וויפל דאַרף באַ איר געדויערן דורכלויפן מיטן בליק איבער פיר־פינף רייען?

ס'האָט לײַכט אַ סקריפּע געטאָן די טיר.

— וואָס, איר שטייט נאָך אַלץ? נו, נו, — דער שטרענגער בילעטיאָר האָט אַ שאָקל געטאָן

מיטן קאָפּ און ברייטער צעעפֿנט די טיר. — אך, יוגנט, יוגנט! נו גייט שוין אַרײַן. זיצן איז ניטאָ ווו. ס׳וועט אײַך אויסקומען שטיין אינעם דורכגאַנג.

— אוי, א דאַנק, א גרויסן דאַנק, — און א פֿאַרסאָפּעטע איז זי אוועקגעלאָפֿן צום גאַרדעראָב אָפּגעבן דעם מאַנטל.

שטייענדיק אויף די אונטערשטע טרעפּלעך פֿונעם סעקטאָר, וואָס אַנטקעגן דעם אָרקעסטער, האָט שעווע זיך דערמאָנט, אַז פֿון צעטומלטקייט האָט זי ניט אָפּגעגעבן דעם בילעטיאָר די אָנגעגרייטע צען רובל. דאָס געלט איז בא איר געבליבן ליגן אין קעשענע פֿונעם מאַנטל. זי וועט עס אים אָפּגעבן באַם אַוועקגיין. דאָס ערשטע מאָל שטייט איר פֿאָר צו טאָן אַזאַ זאַך. זי וואָלט, דוכט זיך, געלאָזט זיך קאָסטן דרײַ־פֿיר מאָל אַזויפֿיל, מע זאָל זי נאָר באַפֿרײַען פֿון דעם. סאָפּקאָלסאָף וועט זי טאָן אַזוי: זי וועט צומאַכן די אויגן, זיך אָפּקערן און, שטייענדיק שוין אין דער טיר, וועט זי אים אַרײַנשטופּן דאָס געלט און אַנטלויפֿן. דאָס וועט זײַן דער ערשטער פֿאַרברעכן, וואָס זי וועט באַגיין אין לעבן, און שולדיק אין דעם וועט זײַן אַלעק, וועמען זי זוכט דאָ איצט אַרום אין די אָנגעפּיקעוועטע רייען, וועלכע גרייכן אַזש ביזן באַלקאָן, פֿונוואַנען עס שטויבט זיך א פּילפֿאַרביקע שײַן, וואָס פֿאַרוואַנדלט דעם גרויסן גליטש אין א צעבליט זומערדיק פֿעלד.

די פֿרישע קילקײַט, וואָס ציט פֿונעם גליטש, ברענגט צו טראָגן דעם אַראָמאַט פֿון בלומען, און שעווע וווּנדערט זיך ניט, ווען זי דערזעט מיטאַמאָל פֿאַר זיך א העל באַלויכטן פֿעלד מיט טולפּאַנען און זון־רויזן. זיי וויגן זיך, ווי פֿון א לײַכט אָנגעלאָפֿן ווינטל. אָט גייען זיי זיך צונויף, אָט גייען זיי זיך פֿאַנאַנדער. און דאָס שאָרכען פֿון די גליטשערס, וואָס זעען זיך קוים אַרויס פֿון אונטער די פּילפֿאַרביקע קליידער פֿון די טענצערנס, דערמאָנט מיט עפּעס דאָס מורמלען פֿון א פֿאַרכאַלעמט טײַכל אין סטעפּ.

שעווע רײַסט ווידער אָפּ די אויגן פֿון דער אַרענע און קוקט זיך אײַן אין די פֿאַרגאַפֿטע פּענעמער פֿון די מענטשן אין די אַנטקעגנדיקע סעקטאָרס, אַריבערפֿירנדיק דעם בליק פֿון איין ריי צו דער צווייטער, ביז זי דערקלײַבט זיך ווידער צום באַלקאָן. דער רויש פֿון די פּראָזשעקטאָרס אונטערן באַלקאָן איז ענלעך אויפֿן רויש פֿון א געדיכטן זומערדיקן רעגן. פֿון צײַט צו צײַט ווערט ער פֿאַרטויבט דורכן אָרקעסטער און פֿון די הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן.

זי עפֿנט שטיל אויף הינטער זיך די טיר, לאָזט זיך אַראָפּ אין פּוסטן פֿאָיע, גייט דורך אויף די שפּיץ פֿינגער קימאַט ביזן צענטן סעקטאָר און שלײַכט זיך אַרײַן אַנטקעגן דעם אָרט, ווו זי איז פֿריִער געשטאַנען. זי לויפֿט דורך מיטן בליק איבער די רייען, וואָס זי האָט פֿריִער ניט געקאָנט זען, און ווידער ווײַזט זיך איר אויס, אַז זי זעט אַלעקן, אַז זי האָט אים עטלעכע מאָל שוין געפֿונען, נאָר יעדעס מאָל אין אַן אַנדער ריי, אין אַן אַנדער סעקטאָר.

דער באָכער, וואָס איז געזעסן ניט ווײַט פֿון איר, איז ניט געווען ענלעך אויף אַלעקן, און דאָך האָט זי אויפֿגעציטערט און ווי פֿון ווייטעק צוגעמאַכט די אויגן: זײַן האַנט איז געלעגן אויף דער קני פֿונעם מיידל, וואָס האָט זיך געטוליעט צו אים...

אָט אַזוי, מיט קימאַט צוגעמאַכטע אויגן, לאָזט זי זיך אַראָפּ עטלעכע טרעפּלעך נידעריקער. זי קאָן ניט פֿאַרשטיין, וואָס בייזערט מען זיך אַזוי דאָ אַלע אויף איר, מע איז דאָך ניט אין „מכאַט“, ווו מע ציטערט דורכלאָזן א וואָרט, צי אין גרויסן טעאַטער, ווו אין דער מוזיק איז דער באַלעט קיין באַלעט ניט. דאָ איז די מוזיק, ווי ס׳גיט זיך איר אויס, קנאַפּ וואָס פֿאַרבונדן מיט דעם, וואָס ס׳קומט פֿאָר אויפֿן גליטש, אָפּטמאָל שטערט זי אַפֿילע.

אָט איז אינעם איבערגעפֿולטן פּאַלאַץ געוואָרן שטאָק פֿינצטער. שעווע ווייסט שוין: דאָס קלײַבט מען זיך מיט עפּעס איבעראַשן. מיט עטלעכע מינוט צוריק האָט מען איבעראַשט מיט די רײַכע, פֿאַרביקע קליידער, מיט די זיך לויכטנדיקע רייפֿן אויף די קעפּ. דער שרויט פֿון די פֿײַקלען, דער איבערוף פֿון די טרומייטן און קלאַרנעטן האָבן ווי אָנגעזאָגט, אַז באַלד וועט באַווײַזן ווערן א פֿריילעכער, טומלדיקער קאַרנאַוואַל. און ווײַל שעווע האָט זיך טאַקע אויף דעם געריכט, האָט זי גאָר פֿון אָנפֿאַנג ניט באַמערקט דעם בלייכן קרײַז, וואָס איז אַרויסגעשווומען פֿונעם כווישעך, און דאָס שלאַנקע פּאָרל, וואָס האָט לײַכט, קימאַט ווי ניט צורירנדיק זיך מיט די גליטשערס צום אײַז, געלאָזט זיך לויפֿן איבער דער אַרענע. דער לויכטנדיקער קרײַז האָט ניט אַרויסגעלאָזט פֿון זיך דאָס פּאָרל. ער האָט מיט זיי צוזאַמען זיך אומגעטראָגן איבער דער גרויסער אַרענע, אָפּוואַרפֿנדיק אויפֿן אײַז זייערע לאַנגע שוועבנדיקע שאָטנס. שעווע האָט זיך שוין ניט געקאָנט פֿאָרשטעלן דעם דאָזיקן באָכער מיטן מיידל ניט אויף קיין גליטשערס, ווי מע קאָן זיך ניט פֿאָרשטעלן שוואַנען אָן פֿליגל. און יעדעס מאָל, ווען זיי האָבן זיך דורכגעטראָגן פֿאַרבײַ איר, האָט זי דערוואַרט, אַז אָט וועלן זיי נעמען שוועבן אינדערלופֿטן.

שעווע לאָזט זיך אַראָפּ נאָך מיט א טרעפּל נידעריקער, און כאָטש זי זעט ניט די פּענעמער פֿון די טענצער, איז זי זיכער, אַז בא ביידן זײַנען גליקלעכע, שײַנענדיקע אויגן, ווי דעמלט בא איר מיט אַלעקן, ווען זיי זײַנען געזעסן באַם פֿאַרהויכטן פֿענצטערל פֿונעם טראָלייבוס...

ענדלעך האָט דער באָכער אָנגעיאָגט דאָס מיידל. שעווע קוקט, ווי צאַרט ער נעמט זי אַף די הענט, ווי שטאָלץ ער הייבט זי אויף איבערן קאָפּ. פאָרזיכטיק און צאַרט לאָזט ער זי נאָכדעם אַראָפּ, און גליקלעכע, וואָס זיי זײַנען יונג, שיין און שלאַנק, טראָגן זיי זיך אום, מיטן אויג ניט צו כאַפּן, איבער דעם העלן, ראַכוועסדיקן גליטש. נאָר וואָס איז פּלוצעם געשען? פאַרוואָס איז דער קרײַז אַרום זיי געוואָרן נאָך קלענער און בלייכער, ווי פריִער? וואָס איז געשען, וואָס דער באָכער, וועלכער האָט נאָרוואָס אַזוי צאַרט, אַזוי זאָרגזאַם און שטאָלץ געטראָגן דאָס מיידל אַף די הענט, האָט זי פּלוצעם אַזוי ווילד אָנגעכאַפּט פאַר די פיס און גענומען דרייען אַרום זיך, ווי ער וואָלט וועלן זי ווײַט אַפּשלײַדערן פון זיך? וואָס באַטײַט דאָס שאַלן פון די טרומייטן, דער שרויט פון די פײַקלען, וואָס האָט זיך אַרײַנגעריסן אין דער פאַרטײַעטער שטילקײַט?

צי דען זײַנען זיי מיט דעם אויסן בלויז נאָר באַווײַזן די שלאַנקײַט און בייגעוודיקײַט פון קערפּער?

אַז ס׳איז ווירקלעך אַזוי, האָט זי זיך איבערצײַגט, ווען אַף דער אַרענע איז אַרופגעלאָפן אַן אַנדער פּאָרל. איצט האָט שעווע שוין אופגענומען דאָס יאָגן זיך איינער נאָכן צווייטן, דאָס צאַרטע האַלטן זיך פאַר די הענט ווי א געוויינלעכע פאָרשטעלונג אין צירק.

אונטער דער שטאַרק העלער ליכט, וואָס האָט זיך א גאָס געטאָן פונעם באַלקן, פון די ווענט, האָט דער ראַכוועסדיקער צושויער־זאַל פונעם ספּאָרט־פּאַלאַץ מיט זײַנע רויטע, געלע, ברוינע בענקלעך און יאָמטעוודיק־פאַרפּוצטע באַזוכער א בלענד געטאָן מיט א מישמאַש פון קאָלירן. שעווע האָט פאַרשטאַנען, אַז איצט, אין אַנטראַקט, איז אָפּזוכן עמעצן קימאַט אומעגלעך. דאָך האָט זי פאָרגעזעצט זוכן אַלעקן צווישן די, וואָס האָבן זיך געשטויסן צום אַרויס־גאַנג, און צווישן די, וואָס זײַנען געבליבן זיצן אַף זייערע ערטער. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו דער אַרומגעצוימטער אַרענע, פון וועלכער ס׳האָט געצויגן מיט א פרישער אָנגענעמער קעלט. קלוימערשט א טאַפּ טאָן מיט דער האַנט דאָס אײַז, און זיך שוין דאָרט פאַרהאַלטן ביזן סאָף פונעם אַנטראַקט. אויב ער איז אין זאַל, וועט ער זי איצט זיכער דערזען. ער וועט, פאַרשטייט זיך, צו איר ניט צוגיין. „זי“ וועט אים ניט לאָזן, און כאָטש שעווע האָט ניט געהאַט דעם מינדסטן באַגריף, ווער איז אָט די „זי“, האָט זיך איר פאָרגעשטעלט, אַז זי מוז זײַן א שלאַנקע, א וווּקסיקע, מיט טונקל־בלויע אויגן און העל־בלאָנדע האָר.

בא דער פּאָרענטשע פון דער אַרענע האָבן עטלעכע יוגנטלעכע פאַרפירט א געשפּרעך וועגן דער פאָרשטעלונג. איינער פון זיי, א דאַרער, אויסגעצויגענער באָכער אין ברילן, האָט אַלץ געטײַנעט, אַז די קלאַסיק איז שוין פון לאַנג פאַרעלטערט געוואָרן. און ווען ער, צום בײַשפּיל, זאָל זײַן א דיכטער, א מוזיקער, א קינסטלער און מע זאָל וועגן זײַנס א ווערק זאָגן, אַז ס׳איז קלאַסיש, וואָלט ער עס טייקעף פאַרניכטעט.

— מיט וואָס האָט אונדז אַזוי אַנציקט דער ווינער „אײַז־רעוויו“? נאָר מיט דעם, וואָס ער האָט ניט קיין שום געמיינזאַמס מיט די אַלטמאָדישע באַלעטן „שוואַנען־אָזערע“, „זשיזעל“... דער גרויסער טעאַטער מיט זײַן „שוואַנען־אָזערע“ — דאָס איז פאַר אונדזערע עלטערן. איז זאָלן זיי גיין אַהין, און מיר, די יוגנט, וועלן גיין אַהער. ניט אַזוי?

— ניין, — האָט שעווע זיך אַרײַנגעמישט.

— וואָס? אײַך איז עפּשער ניט געפעלן דער באַלעט?

— איר ווילט זאָגן דער אַטראַקציִאָן? ווי אַן אַטראַקציִאָן איז ער מיר, פאַרשטייט זיך, געפעלן.

דער באָכער האָט אויסגעטאָן די ברילן און אָנגעשטעלט אַף שעווען זײַנע גרויסע אומ־רויִקע אויגן.

— אויב איר מיינט, אַז באַווײַזן די פיזישע שיינקײַט פונעם מענטשלעכן קערפּער איז בלויז נאָר אַן אַטראַקציִאָן, זײַט איר אינגאַנצן ניט באַקענט מיט דער נײַער קונסט. וואָס איז אײַך, אייגנטלעך, דאָ ניט געפעלן? וואָס זיי האָבן ניט באַוויזן, ווי מע קלײַבט צונויף בוימוואָל אַף די פעלדער? די נײַע קונסט...

די לעצטע ווערטער זײַנען שוין צו שעווען ניט דערגאַנגען. דער אוילעם, וואָס האָט א שפּאַר געטאָן פון פּאָיע אין צושויער־זאַל, האָט אַוועקגעשלעפּט מיט זיך דעם דאַרן באָכער אין די ברילן. שעווע האָט זיך פאַרקליבן אַף די אייבערשטע טרעפּלעך און ווידער געזוכט אַלעקן אינעם שטראָם מענטשן, וואָס האָבן דורך אַלע אַרײַנגאַנגען און דורכגאַנגען געאײַלט אין זאַל. איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי האָט אים געזען אַרײַנגיין, נאָר אין דער זעלבער רעגע האָט זיך איר שוין געדוכט, אַז זי האָט אים דערזען גאָר אין אַן אַנדער אָרט.

ווי נאָר די שײַן האָט זיך אויסגעלאָשן און ס׳האָט זיך דערהערט דער באַקאַנטער רויש פון די פּראָזשעקטאָרס, איז שעווע אַרויסגעגאַנגען. זי האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט אַזוי מיד, אַז זי

האָט זיך קוים דערקליבן צום גאַרדעראָב. ס'איז איר שוין געווען אַלצייינס, צי אַלעק איז דאָ אַליין, צי מיט „איר"...

— וואָס גייט עס מיר אָן? — האָט זי געזאָגט אַף א קאָל, צורעכט מאכנדיק פאַרן שפּיגל די צעשויבערטע האָר. — נו, וואָס גייט עס מיר אָן?

זי האָט דערזען אין שפּיגל די גלעזערנע קאבינע פון א טעלעפאָן־אויטאָמאט אין א ווײַטן ווינקל פונעם טונקעלן פאָיע און גענומען פיבערדיק איבערקלײַבן אין קעשענע דאָס מינץ, ביז זי האָט אָפּגעזוכט א גילדן. שווע האָט זיך האַסטיק געלאָזט צום אויטאָמאט, אַראָפּגעלאָזט די מאטבייע, אַראָפּגעכאַפּט דאָס טרײַבל און אויך אַזוי האַסטיק גענומען דרייען דעם דיסק. אומגעהייער לאַנג האָט איר אויסגעזען די צײַט, ביז אין טרײַבל האָט אָנגעהויבן צעצויגן און אײנטאָניק הודען. זי האָט געוווּסט, אַז ס'איז קיינער ניטאָ, אַז די סיוועַרס זײַנען נאָך אַף דער דאַטשע און אַז ער... דאָך האָט זי אָנגעקלונגען... דאָס ערשטע מאָל זינט יענעם אָפּדערנאַכט האָט זי אָנגעקלונגען צו אים.

פּלוצעם האָט דער אויטאָמאט א ציטער געטאָן, ווי ס'וואָלט זיך אינווייניק אין אים עפּעס אָפּגעריסן. זי האָט דערהערט אין טרײַבל אַלעקס שטים. ס'איז געשען אַזוי אומגעריכט, אַז זי האָט פון פאַרלוירנקײַט צוגעדעקט מיט דער האַנט דאָס טרײַבל, דאַכט זיך, שוין נאָך דעם, ווי ס'האָט זיך בא איר אַרויסגעריסן א פאַרשטיקטער געשריי. ס'איז אָפּגעגאַנגען א רעגע, זי זאָל זיך אָפּרופן אַף זײַן נאָכאַנאַנדיקן „אַל־לאָ, אַל־לאָ". מוירע האָבנדיק, אַז ס'קאָן אַזוי געשען, האָט זי אופגעהאַנגען דאָס טרײַבל און, אײַנהאַלטנדיק דעם אָטעם, אַף די שפּיץ פינגער אַרויס פון קאַבינע.

א גליקלעכע און שײַנענדיקע איז זי דורכגעלאָפן די פאָיע, און ווען זי האָט, אַרויסגייענדיק, אַרײַנגערוקט אין האַנט דעם בילעטיאָר א צעקנייטשט געלט־פּאַפּירל, האָט זי אַפילע ניט א קוק געטאָן, צי איז עס דער זעלבער בילעטיאָר, וואָס האָט זי אַהער דורכגעלאָזט.

(פאָרזעצונג קומט)

מוישע אלטמאַן — 75 יאָר

צווישן די ייִדישע שרײַבער, וואָס האָבן אַף אונדזער סאָוועטישער ערד זיך געראַטעוועט פונעם נאַציזם, זיך אײַנגעבירגערט אין אונדזער סוויווע און אַרײַנגעטראָגן אַ וואָגיקן צושטײַער אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, איז מוישע אַלטמאַן געוויס איינער פון די כאַשעווסטע און באַדײַטנדיקסטע.

„בעסאַראַבער אָלימפּ" האָט אַמאָל כ.־נ. ביאַליק אָנגערופן דאָס בעסאַראַבער שטעטל ליפּקאַן, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַזוינע שרײַבער, ווי יעהודע שטיינבערג, עליִעזער שטיינבאַרג, מוישע אַלטמאַן און יאַנקעוו שטערנבערג. פון די דאָזיקע פיר זײַנען עליִעזער שטיינבאַרג, יאַנקעוו שטערנבערג און מוישע אַלטמאַן טאָמיד געגאַנגען צוזאַמען און געווירקט אין איין און דער זעלבער צײַט.

דער אייגנאַרטיקער ראָמאַניסט, אָריגינעלער נאָוועלן־שרײַבער און עסייִסט מוישע אַלטמאַן איז געקומען צו אונדז שוין ווי דער מעכאַבער פון „בלענדעניש" (אַ גרעסערע דערציילונג), „די ווינער קאַרעטע" (אַ באַנד דערציילונגען), „מעדרעש פּינכעס" און „שמעטערלינגען" (ראָמאַנען). אין די דאָזיקע באַוווסטע בעלעטריסטישע ווערק, ווי אין זײַנע גײַסטרײַכע עסייען, האָט אַלטמאַן געבראַכט, כוץ אַן אייגענעם נוסעך, אויך אַ גרויסע שרײַבערישע קולטור. אַ ביז גאָר מערקוויר־דיקער קאָמפּלעקס איז מוישע אַלטמאַנס אומיטלבאַרע מײַסעדיקײַט און ראַפינירטע דערציי־לערישקײַט, פאָלקסטימלעכקײַט און אינטעלעקטואַליזם, ליריק און געדאַנקלעכקײַט, באַדנדיקער שטייגער און פּראָבלעמאַטיק.

אַלטמאַנס מײַסטערשאַפט איז אָבער ניט קיין פאַרגליווערטע. ווײַל וואָס איז אַלטמאַנס שאַפונג אין זײַן סאָוועטישן פּעריאָד — דער באַנד דערציילונגען „וואָרצלען", זײַנע לעצטע נאָוועלן, זײַנע „בלאָקנאָטן", — אויב ניט אינהאַלט־ און פאָרם־באַנײַונג? אין די ראַמען פון אַ באַגריסונג איז אונדז ניט געגעבן אַרײַנלאָזן זיך אין אַן אַנאַליז פון אַלטמאַנס שאַפונג, ווי אויך פאַנאַנדער־וויקלען דעם שנור פון זײַן שעפערישער ביִאָגראַפיע, וואָס הייבט זיך אָן פון שרײַבן לידער, צו וועלכע ער קערט זיך ווידער אום אין די עלטערע יאָרן אין זײַן דראַמאַטישער פּאָעמע „ייִפּסאָכס טאָכטער". דאָ איז קעדײַ צו באַמערקן, אַז גראָד אין רײַפן עלטער איז אַלטמאַן, דער גאָטס־גע־בענטשטער דערציילער, אָנגעקומען צו דראַמאַטורגיע. אין די טעג, ווען מיר פײַערן דעם 75־טן געבורטסטאָג פון מוישע אַלטמאַן, ציִען מיר די אויפמערקזאַמקײַט אַף זײַן פּיעסע „מאָניש" (פאָלקס־שפּיל לויט י.־ל. פּערעצעס מאָטיוון), וואָס מיר פאַרעפנטלעכן מיט אַ באַזונדערער באַ־פרידיקונג אין הײַנטיקן נומער „סאָוועטיש היימלאַנד", וועלכער איז געבונדן מיט י.־ל. פּערעצעס 50־טן יאָרצײַט.

אַלטמאַנס „מאָניש" איז ניט קיין אינסצענירונג, ניט קיין צונויפגעשטוקעוועטע פּיעסע פון פּערעצעס מאָטיוון סטאַם, נאָר אַ זעלבשטענדיק דראַמאַטיש ווערק, וואָס כוץ זײַן קינסטלערישער באַדײַטונג, האָט עס אויך אַ ליטעראַטור־פאָרשערישע ווערט. מיר זעען אין דער פאָלקס־שפּיל „מאָניש" אַלטמאַנס פאַרסאַכאַקלדיקן קוק אַף פּערעצעס שאַפונג און אירע גרונט־פּראָבלעמען ביכלאַל.

מיר ווינטשן אײַך, טײַערער מוישע אַלטמאַן, געזונט און אַריכעס־יאָמים, מיר ווילן און האָפן אײַך נאָך לאַנג זען צווישן די בויער פון אונדזער סאָוועטישער ליטעראַטור.

רעדקאָלעגיע און רעדאַקציע
פון „סאָוועטיש היימלאַנד".

מוישע אלטמאַן

מאַניש

(לויט די מאָטיוון פון י.־ל. פּערעץ)

א פאָלקס־שפּיל אין פיר אקטן און זיבן בילדער

פּערזאָנען:

בראכיע — שטאָט־גוויר.
דוואירע — זײַן צווייט ווײַב.
איציק — זײַן זון.
פּערעלע — זײַן טאָכטער.
אווראמל — בראכיעס זײַדענער איידעם.
באָרעד־איציק — זײַן צווייטער איידעם, א גראָבער ברודער.

מאַניש, שאָלעם, יעקל, מוישל (זייער יונג, רעדט „בראָדעריש“, דה. רעדט ארויס דעם רייש, ווי א האלבן כאָף) — קלויזניקעס.

שמאריע דער משולעך — דינט בא בראכיען.
ריווקע — א דינסט בא בראכיען.

יויעל קלעזמער און זײַנע זין.
ייִסראָעל — שאמעס.
מענדל ברײַנעס — שטאָט־באַלעבאָס, אנגלאָמאַן.
ברײַנע — זײַן ווײַב.
ראָוו.
פײַנשטיין — לערער, מאסקיל, פּאָעט.
סאָרע — מאַנישעס מוטער.
כאנעלע — זײַן שוועסטער.

לייזער, מוישע — באדכאָנים.

רוועלע — שאדכן.
אזריִעל — בראכיעס מעכוטן.
מילנער (אָן א נאָמען).
קלויזניקעס, באטלאָנים, קאצאָווים, באַלמעלאָכעס.

ערשטער אקט

דאָס ערשטע בילד

שול־הויף אין א שטעטל פון ווײַסרוסלאנד (קאָן אויך זײַן פון פּוילן). מע זעט טײלן פון א קלויז, אין הינטערגרונט גייט דער הויף אריבער אין יויעל קלעזמערס הייפל. ווען דער פאָרהאנג גייט אוף, זעט מען אף דער בינע בראכיען, זײַן זון און איידעמס, דעם ראָוו, מענדל ברײַנעס, ייִסראָעל שאמעס, קלויזניקעס (כוץ מאַנישן און שאָלעמען) און ססאם ייִדן. איבער דער בינע הענגט א לעוואָנע פון דער ערשטער דעקאדע. מע איז מעכאדעש די לעוואָנע. שמאריע שלאָפט אף א באנק לעבן קלויז. עס איז זומער־צײַט.

בראכיע (לעשט אוים דאָס ליכט). פ־ף... א גוטע־וואָך, ראָוו. א גוטע־וואָך, ייִדן. זון און איידעמס. א גוטע־וואָך, טאטע (שווער). א גוטע־וואָך, ראָוו. א גוטע־וואָך, ייִדן.
ראָוו. א גוטע־וואָך, רעב בראכיע. א גוטע־וואָך, ייִדן.
קלויזניקעס. א גוטע־וואָך, רעבע. א גוטע־וואָך, רעב בראכיע...
בראכיע. א גוטע־וואָך... א געזונטע וואָך... (אָפּ מיטן זון, איידעמס און אנדערע.)

עס בלײַבן דער ראָוו, מענדל ברײַנעס, ייִסראָעל שאמעס, קלויזניקעס.

ראָוו (צו די קלויזניקעס). קינדער, איר וועט אײַך זעצן לערנען. איר וועט אָנהייבן מאַסעכטע סויטע[1]... יעקל, דו וועסט פירלייענען... ווו איז ערגעץ מאַניש, שאָלעם?
יעקל. מאַניש...
מוישל (כאפּט אויס). זיי זײַנען אין בעסמעדרעש...

[1] מאסעכטע סויטע — די געמאָרע, אין וועלכער סע האנדלט זיך וועגן א פרוי, וואָס האָט געזינדיקט.

ר אָ ו ו (צום שאַמעס). יִסראָעל, זאָלסט ניט זשאַלעווען קיין ליכט... רעב בראַכיע האָט צוגעזאָגט צו געבן וואַקס... איר גייט, רעב מענדל?

מ ע נ ד ל (שטאַרק פּאַרקוקט אַף דער לעוואָנע). אַ לעוואָנע! קיין איַינהאָרע!..

י ע ק ל (איראָניש). אַן ענגלישע לעוואָנע, אַ, רעב מענדל?

ר אָ ו ו (שמייכלט). שטיל, דו שקאָץ... קומט, רעב מענדל... אַ גוטע־וואָך.

מ ע נ ד ל (אין גאַנג). אַ גרויסער מאַיאָסעניק דער יעקל...

ר אָ ו ו. אַ שאַרפער קאָפּ... אַ ליטוואַק.

מ ע נ ד ל. אָבער צו אונדזער מאַנישן, מיין איך, קומט ער ניט.

ר אָ ו ו (אין באַוווּנדערונג). מאַ־ניש!.. (ביידע אָפּ.)

י ע ק ל (מיט דעם זעלבן זשעסט, וואָס דער ראָוו). מאַ־ניש!..

מ ו י ש ל. דו, מע מעג דען נאָכקרימען?

י ע ק ל. „מאַ־ניש"... וואָס עפּעס „מאַניש"... די בעסטע „טעג" באַ בראַכיען עסט מאַניש... קומט אַ פרעמדער אוירעך, שטעלט מען זיך אויס מיט מאַנישן... און מאַ־ניש...

י ִ ס ר אָ ע ל ש אַ מ ע ס. גייט, זעצט זיך לערנען... אַ שאָד די ליכט.

ק ל ו י ז נ י ק. רעב בראַכיע האָט צוגעזאָגט צו געבן וואַקס.

י ִ ס ר אָ ע ל. בראַכיעס וואַקס און יִסראָעלס הענט... (אָפּ אין קלויז.)

י ע ק ל. קומט, כעוורע, קוועטשן די באַנק... מירן אָנהייבן מאַסעכטע סוטע. מוישל, דו ווייסט, וואָס סע הייסט אַ סוטע?

מ ו י ש ל (נאַיִוו, זינגעוודיק). איך ווייס... אַז אַן איישעס־איש איז מעזאַנע, הייסט זי אַ סוטע...

י ע ק ל. און וואָס הייסט מעזאַנע זיַין, ווייסטו? (די באָכערים לאַכן. מוישל — פאַרשעמט.) זעסט, מוישל, אַ סוטע איז ניט קיין שוטע!.. (געלעכטער, כוץ מוישלען. אַלע אָפּ אין קלויז.)

עס הערט זיך פידל־שפּילן פון יויעלס הייפל. עס קומען אַן: מ אַ נ י ש, ש אָ ל ע ם און פ יַ י נ ש ט י י ן. זיי בלײַבן שטיין, הערן זיך איַין אין דער מוזיק.

פ יַ י נ ש ט י י ן. אַ גוטער פידלער... אַ קינסטלער...

ש אָ ל ע ם. אָבער אַ שיקער...

מ אָ נ י ש (נערוועז). ש־ש־ש...

פ יַ י נ ש ט י י ן. אַן אימפּראָוויזאַציע...

ש אָ ל ע ם. וואָס הייסט עס, פאַניע פיַינשטיין?

פ יַ י נ ש ט י י ן. דאָס איז... אַזאַ מין שאַפונג, וואָס קומט אומגעריכט, פון היספּיַילעס, פון באַגיַיסטערונג. ערגעץ אין די טיפעניש האָט זיך עס אָנגעקליבן אומבאַמערקט, און מיטאַמאָל ברעכט עס אויס, ווי אַ געזאַנג, ווי אַ זעונג... ווי... נעווּע... אַלע קויכעס זיַינען וואַך... די פאַנטאַזיע.

ש אָ ל ע ם. נעווּע?..

מ אָ נ י ש (נערוועז). ש־ש־ש־ש...

דאָס שפּילן הערט אויף.

פ יַ י נ ש ט י י ן. אַ שאָד... אופגעהערט... אַזוינס וואָלט מען באַדאַרפט פאַרשריַיבן.

עס קומט צו י ו י ע ל ק ל ע ז מ ע ר.

י ו י ע ל. אַ גוטע־וואָך, פאַניע פיַינשטיין.

פ יַ י נ ש ט י י ן. אַ גוטע־וואָך, רעב יויעל. וואָס האָט איר געשפּילט?

י ו י ע ל. איך ווייס אַליין נישט וואָס... עפּשער... ראַכמאָנעס.

פ יַ י נ ש ט י י ן. ראַכמאָנעס? אַף וועמען?

י ו י ע ל. איך ווייס אַף וועמען? עפּשער אַף זיך?.. עפּשער אַף דער לעוואָנע?..

ש אָ ל ע ם. אַף דער לעוואָנע?

י ו י ע ל. בראַכיע בענטשט די לעוואָנע... (לאַכט ביטער.) טפו!..

פ יַ י נ ש ט י י ן. איך זע, איר האַלט שטאַרק פון בראַכיען...

י ו י ע ל. פון זיַין שענק האַלט איך. גיט ער שוין אָבער ניט אַף באַרג, דער קעלעוו...

ש אָ ל ע ם. פאַניע פיַינשטיין, וואָס איז דאָס פאַר אַ מינהעג מעכאַדעש צו זיַין די לעוואָנע, שפּרינגען אנטקעגן איר? עס מוז דאָך האָבן אַ טאַם.

פ יַ י נ ש ט י י ן. אַלצדינג האָט זיַין טאַם. איך מיין, אַז דאָס איז שיראַיִם פון גאָר אַמאָל, ווען ייִדן, אָדער איוורים, זיַינען נאָך געווען נאָמאַדן, דאָס הייסט וואַנדער־שוואַטים און געצנדינער...

ש אָ ל ע ם. ייִדן געצנדינער?

מאַניש. וואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקן?

פּייַנשטיין. יאָ, געצנדינער... מע האָט געוואָנדערט אין דער גרויסער מידבער. באַנאַכט. קיק פּייַער ווייסט מען נאָך ניט צו מאַכן אָדער מע האָט ניט מיט וואָס. מע הערט דאָס געהויל פון ווילדע כייַעס... מע איז פול מיט שרעק... און מיטאַמאָל — די לעוואָנע... ליכטיק ווערט!.. איז די לעוואָנע זייער באַשיצערן, זייער גאָט... מע זינגט איר לידער, מע טאַנצט לעקאָוועד איר... מעגלעך, אַז דאָס שפּרינגען איז אַ נעבעכדיקער אָפּקלאַנג פון יענע טענץ... (קוקט אָפּן זייגער.) מע דאַרף גיין. אויב מע דערזעט אייַך מיט מיר, זייַט איר אָפּגעקאַכט. איר גייט, רעב יויעל?

יויעל. ניין, פאַניע פּייַנשטיין. אונדזערע וועגן צעגייען זיך. איר גייט צו ליכט און צו טענץ... און איך — צו בראַנפן... גייט געזונטערהייט.

פּייַנשטיין. אַ גוטע נאַכט. (אָפּ.)

שאָלעם (קוקט נאָך מיט קינע). וויפל דער מענטש ווייסט!.. און מיר?.. מיר קוועטשן די באַנק... אַן אָקס האָט געשטויסן אַ קו... אַן איישעס איש האָט מעזאַנע געווען... (זיפצט.) און דאָס לעבן גייט אוועק... (אָפּ אין קלויז.)

יויעל. אַ ווילער באָכער!.. אַ ראַכמאָנעס.

מאַניש. יאָ...

יויעל. וואָס טוסטו, מאָנישל? האָסט עפּעס אָנגעשריבן נייַס?

מאַניש. אָנגעשריבן. רעב יויעל... נאָר ווער דאַרף עס?

יויעל. מע דאַרף עס, מאָנישל. דו דאַרפסט עס. איך דאַרף עס... אַז עס שרייַבט זיך, הייסט עס, אַז מע דאַרף עס... אָנו, לאָמיך הערן.

מאַניש (לייענט י.־ל. פּערעצעס ליד). מייַן האַרץ גייט אויס נאָך דיר... ווי אַ פיש, אַרויסגענומען פון וואַסער, לעכצט צוריק צום טייַך, אַזוי לעכצט מייַן האַרץ צו דיר...

זיי האָבן ניט באַמערקט, אַז שמאַריע האָט זיך אויפגעכאַפּט, הערט זיך צו.

שמאַריע. דאָס האַרץ... דאָס האַרץ... אוי, שפּרינצע... שפּרינצע... דאָס האַרץ...

יויעל און מאַניש (איבעראַשט). איר, רעב שמאַריע?

שמאַריע (לאַכט זקייניש). איך... איך... ווער דען? שוין אָפּגעדאַוונט מייַרעוו?

מאַניש. שוין לאַנג אָפּגעדאַוונט און אַהיים געגאַנגען...

שמאַריע. אַזוי... נו, מיילע... אַ קלייַנער אומגליק... וועט מיר אויספעלן איין מייַרעוו צו זעקס און צוואַנציק טויזנט... וואָס זאָגסטו, יויעל?

יויעל. ווו שלאָפט איר, רעב שמאַריע?

שמאַריע. ווו זאָל איך שלאָפן?.. בא מייַן באַלעבאָס שלאָף איך... בא בראַכיען... לעבן דער קיך שלאָף איך... איך לעבן דער קיך, און ריווקע — אין דער קיך. אַ שוימער... כע־כע!

יויעל. און עסן?.. עסן עסט איר?

שמאַריע. אַוודע עס איך... פאַרוואָס זאָל איך ניט עסן?.. דווירעלע, זאָל זייַן געזונט, אַ טייַערע ייִדענע, זאָל איר גאָט געבן געזונט, שאַרט מיר אַלע מאָל אונטער אַ קיכל, אַ בוימלבולקע... „עסט, רעב שמאַריע“... אוי, שפּרינצע, שפּרינצע!.. ווען זי לעבט מיר...

מאַניש. און פּערעלע?

שמאַריע. פּערעלע?.. אַ טייַער קינד... זאָל איר גאָט געבן געזונט... טראָגט מיר אַלע מאָל אונטער אַ גלאָז וואַרעמע מילך... „טרינקט, רעב שמאַריע“... כע־כע, ווען בראַכיע זעט עס!.. אוי, שפּרינצע...

יויעל. פון די קינדער האָט איר עפּעס?

שמאַריע. די קינהער... ווו זייַנען די קינדער?.. צעזייט... ראַסייע איז גרויס... אוי, שפּרינצע, שפּרינצע! ווען זי לעבט מיר!..

יויעל. איר בענקט נאָך שפּרינצען, רעב שמאַריע?

שמאַריע. אוי, בענקט זיך!.. דאָס האַרץ! דאָס האַרץ!

יויעל. יאָ, דאָס האַרץ. קומט, רעב שמאַריע, כ׳ל אייַך צופירן.

שמאַריע. גיי, גיי, יויעל... איך וועל נאָך אַ ביסל שטיין מיט מאָנישלען...

יויעל. אַ גוטע נאַכט.

מאַניש. רעב יויעל...

יויעל. איך ווייס, איך ווייס, מאָנישל... ווילסט, איך זאָל ניט טרינקען... איך קען ניט, מאָנישל... אַ וואָרעם טאָטשעט מיך... פאַרפאַלן. (אָפּ.)

מאַניש (קוקט אים נאָך). אַ וואָרעם טאָטשעט... יעדערער האָט זיך זייַנעם... איר ווילט מיר עפּעס זאָגן, רעב שמאַריע?

שמאַריע (לאַכט אַלץ אַזוי זקייניש כיטרע). אַ צעטעלע... פון פּערעלען... נאָך נעכטן גע־

געבן, כ'האָב פאַרגעסן... (גיט אים איבער.) ס'איז ניט קאַלט געוואָרן... כע־כע... אוי, שפּרינצע! (אָפּ.)

מאַניש פּרובירט לייענען באַם לעוואָנע־ליכט. באַמערקט נישט, אַז פּאַזע וואַנט, פאַרזיכטיק קומט אָן ר י וו ק ע.

ר י וו ק ע. מאַנישל... מאַנישל...

מ אַ נ י ש (ציטערט אויף). וואָס? ווער?..

ר י וו ק ע. מאַנישל... קום אַהער צו מיר... איך וויל דיר עפּעס זאָגן... קום אַהער... איך בעט דיך... מאַנישל...

י ע ק ל (וועלכער האָט אין אָפענעם קלויז־פענצטער שוין א צײַט נאָכגעשפּירט, פּאַקט ריווקען באַ אַן אַקסל). אַ, ריווקעלע!.. אײַך דאַרף מען... מיר לערנען אײַער מעסעכטע, מעסעכטע סויטע!..

א געראַנגל. ריווקע רײַסט זיך אויס און אַנטלויפט.

י ע ק ל (צו מאַנישן). אַ, מאַניש! דער ראָוו האָט געפרעגט אַף דיר. ער האָט געזאָגט: „מאַ־ניש!..“

שטומע סצענע צווישן מאַנישן און יעקלען.

(פ אַ ר ה אַ נ ג)

דאָס צווייטע בילד

דאָס זעלבע אָרט. יויעלס הייפל נעענטער צו דער בינע. קלויז־פענצטער אָפן. מיטיק־צײַט. אין יויעלס הייפל — ז ײַ נ ע ז י ן און ל ײ י ז ע ר ב א ד כ ן. מע שטימט אָן די אינסטרומענטן. מע הערט באַזונדערע מוזיקאַלישע פּראַזעס.

ל ײ י ז ע ר ב א ד כ ן. כעוורע, ביז ווען וועלן מיר שטיין אַזוי און רימפּלען?

ע ר ש ט ע ר. נישטאָ ס'טאַטעלע...

צ ו ו ײ י ט ע ר. קער מיסטאַם זײַן אין קרעטשמע.

ל ײ י ז ע ר. מיט וואָס? נישטאָ א גראָשן!

ד ר י ט ע ר. אָדער ער ליגט אין קרעטשמע, אָדער ער שליאָנדרעט אַרום אין פעלד... אין פעלד, זאָגט ער, ווערט אים גרינגער.

ע ר ש ט ע ר. און דאָ פאַרלירן מיר אין כאַסענע נאָך דער אַנדערער... אַז מע איז מיט אים קיינמאָל ביט זיכער, צי ער וועט שפּילן.

ד ר י ט ע ר. אָדער ער סוידעט זיך מיטן מעשוגענעם קלויזניק, מיט מאַנישן. ער שעפּט, זאָגט ער, בא אים נעגינע.

צ ו ו ײ י ט ע ר. און דער באַכער קען אפילע קיין קײלע אין דער האַנט ניט האַלטן.

ל ײ י ז ע ר. א געפּיל אין נעגינע האָט ער.

ד ר י ט ע ר. אַנומלטן קומט ער אַהיים מיט א נײַס, ער ווייסט שוין, וואָס אים פעלט! מאַניש האָט עס אים געזאָגט... יאַמטעוו... (לאַכט.)

ל ײ י ז ע ר. און געמאַכט א ניגן, אַף מיר אַזא יאַר... (צום יינגסטן, וואָס האָט געשוויגן די גאַנצע צײַט.) אַנו, כאַימקע, טו נאָר אַ שפּיל... איך וועל צוברומען. סײַווי שטייען מיר ליידיק.

כאַימקע שפּילט. די איבעריקע ווערן מיטגעריסן.

ל ײ י ז ע ר (זינגט).

יאַמטעוו, יאַמטעוו, יאַמטעוו.
יאַמטעוו וועלן מיר נעמען...
אוי, אוי, אוי, יאַמטעוו!
יאַמטעוו! יאַמטעוו! יאַמטעוו!
לאָמיר גיין אין אַלע גאַסן
און דאָרט שרײַען יאַמטעוו.
אוי, אוי, אוי, יאַמטעוו!

יאַמטעוו, יאַמטעוו, יאַמטעוו!
אוי, אוי, אוי, יאַמטעוו,
יאַמטעוו, יאַמטעוו, יאַמטעוו.
ווארפט אַראָפּ פון זיך די יאָכן,
לאָמיר מאַכן יאַמטעוו...
אוי, אוי, אוי, יאַמטעוו!
יאַמטעוו, יאַמטעוו, יאַמטעוו.

עס קומט אָן י ו י ע ל. גייט צו צום אָפענעם קלויז־פענצטער. אַלע הערן אויף שפּילן. אַיין כאַימקע זעצט פאָר זײַער שטיל.

י ו י ע ל (אין פענצטער אַרײַן). מאַנישל, דו ביסט דאָ?

מ אַ נ י ש (אין פענצטער). כ'בין דאָ, רעב יויעל...

יויעל. ביסט אליין, מאַנישל?

מאַניש. אליין, רעב יויעל. זיי זײַנען געגאַנגען עסן.

יויעל. פאַרוואָס גייסטו ניט?

מאַניש. עס ווילט זיך ניט, רעב יויעל...

יויעל (סקעפּטיש). עס ווילט זיך ניט... וואָס זשע טוסטו?

מאַניש. וואָס זאָל איך טאָן? איך לערן.

יויעל. יאָ... לערן, מאַנישל, לערן. לערנען איז גוט... ווען איך קען לערנען...

מאַניש. קענט איר דערפאַר שפּילן.

יויעל (ביטער). שפּילן... כ׳האָב אַמאָל עפּעס געקענט... איצט קען איך שוין ניט... סע שפּילט זיך ניט, מאַנישל.

מאַניש. מע דאַרף שפּילן, רעב יויעל. מע דאַרף! מע טאָר ניט אופהערן! איז אומעטיק, שפּילט מען א פרייליכס, און די פרייד איז גווינער די אומעטיקײַט. שפּילט, רעב יויעל... שפּילט וואָס מער... אפילו די אומעטיקײַט אליין, אז מע שפּילט זי גוט אויס, ווערט פון איר א פרייד... שפּילט, רעב יויעל...

יויעל. כ׳האָב געפּרוווט, מאַנישל... איך קען ניט מער... אפילו בראַנפן העלפט מיר שוין ניט... קוק, מאַנישל, ארום, קוק! זע! וואָס זאָל איך זיי שפּילן? צו וואָס גאַרן זיי? נאָך וואָס לעכצן זיי? נאָך שיטערן קרופּניק? נאָך א ציבעלע מיט א הערינג?.. זאָל איך זיי דאָס אויסשפּילן? די ציבעלע מיטן הערינג? דעם קרופּניק?.. א, מאַנישל?

מאַניש. ניין, רעב יויעל! ניט דאָס... שפּילט זיי אויס א גרויסע בענקשאַפט... שפּילט זיי אזוי, זיי זאָלן דערפילן, אז די גאַנצע וועלט איז זייערע. אזוי שפּילט, רעב יויעל!

יויעל. איך קאָן ניט, מאַנישל... עפּעס איז אין מיר פאַרברענט געוואָרן, אש איז געבליבן... אש... א שוואַרצער נעפּל הענגט איבער מיר... אַמאָל, אַמאָל טוט זיך נאָך א פונק א צעגלי און ווערט באַלד אויסגעלאָשן... א נעפּל איבער מיר. א נעפּל אין מיר... פינצטער איז מיר, מאַנישל...

מאַניש. טראַכט מען פון ליכטיקײַט... טראַכט מען פון שניי!

יויעל. שניי!

מאַניש. שניי! א גרויסע, ליכטיקע וועלט, א פרישע, א קלאָרע, ראַכוועס אָן א ברעג, אָן אָפּגעוועלט, א פרײַע, א רויִקע! אָן ערשט געבוירענע!.. אזוי שפּילט, רעב יויעל!

ערשטער זון. טאַטע!

יויעל. הערסט, מאַנישל? מײַן וואָכעדיקע וועלט רופט מיך... האָט צו מיר טײַנעס... קרופּניק וויל זי...

צווייטער. טאַטע!

יויעל. אזוי, מאַנישל, פאַרפאַלן.

מאַניש אָפּ אין קלויז. יויעל גייט צו צו זײַנע זין. כאַים הערט אוף שפּילן.

יויעל (צו כאַימען). שפּילסט יאָמטעוו, כאַימקע... שפּיל, שפּיל, זונעניו... יאָמטעוו איז גוט!

דריטער זון. און וואָס פיסקעווען אינדערוואָכן? א?

יויעל בלײַבט שטיין באַטריבט. פּויזע.

לייזער. יויעל, ווו שליאָנדערסטו? ווו ווערסטו פאַרפאַלן?

יויעל. ס׳איז מיר פינצטער, לייזער, פינצטער.

ערשטער זון. גיי צו מאַנישן, צום מעשוגענעם קלויזניק גיי, ער וועט דיר ליכטיק מאַכן!

יויעל. שטיל, דו!.. (צו לייזערן.) איך האָב מיט מאַנישן גערעדט. (כעוורע, כוץ כאַימען, לאַכן). ער האָט מיר געזאָגט, וואָס מיר פעלט... „רעב יויעל, — האָט ער געזאָגט, — שפּילט שניי!“

אלע (כוץ כאַימען). שניי!

יויעל. שניי... וואָס איז? ווײַל איצט איז זומער? זומער בענקט מען נאָך שניי, ווינטער — נאָך גרינס, נאָך עפּל.

ערשטער. נאָך ווײַן...

יויעל. מע בענקט נאָך דעם, וואָס מע האָט געהאַט און פאַרלוירן... נאָך דעם, וואָס מע האָט ניט.

ערשטער זון. דעם טאַטן גלוסט זיך שניי מיט עפּל, און דער מאַמען דאַרט דער קאָפּ, ווו נעמט מען אף אָנבײַסן...

יויעל (טרויעריק). די מאַמע...

לייזער. הער אויס, יויעל... מיר פארלירן איין כאסענע נאָך דער אנדערער. איצט וועט גיין אזא כאסענע, וואס מע טאָר זי ניט פארלירן. בראַכיע האָט א שידעך געטאָן מיט דער מיזינקע.

יויעל (קוקט זיך ארום). מיט פערעלען?!

לייזער. מיט פערעלען...

יויעל (פאר זיך אליין). פערעלע דווירעלעס איז א קאלע געוואָרן...

לייזער. יויעל... ביסט דאָך אמאָל געווען א גאנצער שמעלקע מיט דווירען... עפשער פויעלסטו דורך איר, מע זאָל אונדז געבן די כאסענע.

יויעל (אויך ווי פריִער). פערעלע דווירעלעס...

לייזער ווינקט זיך איבער מיט די יונגע.

לייזער. כאָסנס־צאַד וועט מיסטאם ברענגען מיט זיך זײַנע קלעזמער. אוואדע גוזיקן...

יויעל. גוזיקן?..

לייזער. גוזיקן... (ווינקט זיך איבער מיט די זין.)

יויעל. גוזיק... איניינעם אמאָל געשפּילט... איך האָב געשפּילט בעסער, הײַנט קנאקט ער מיט דער בײַטש... (זיפצט.) לייזער... האָסט נישט א ביסל...

לייזער. בראנפן?.. ס'איז דאָ. (שלעפּט ארויס א פלאַש מיט א גלעזל.)

יויעל (גיסט אָן). הייסט עס, פערעלע דווירעלעס... לעכאיִם, לייזער! (גיסט אָן.) טרינק, כאַימקע. שעם זיך ניט... א קלעזמער דארף אמאָל באַנעצן די נעשאָמע... טרינק... נו, לייזער, האָסט דאָך צוגעזאָגט צו מאכן עפּעס נײַס!

לייזער. ס'איז דאָ... א וואָלעך.

יויעל. א וואָלעך... לאָמיר הערן. כעוורע, לייגט צו אָן אויער.

לייזער (זינגט).

אשריי האָיש אשער לוי האָלאך,
אז ווייל איז דעם מענטשן,
וואס קען טאנצן א וואָלעך!
דער וואָלעך איז טרויעריק און
צוקער־זיס,
די דײַגעס פון קאָפּ פארטרײַבט
מען מיט די פיס...
איַי!
איַי־איַי־איַי!

היי־היי־היי!
מיטן קעפּל א דריי,
טיק־טאַק־טאַק,
מיטן פיסל א קנאַק,
צוויי צוריק און פאָרויס דרײַ,
איַי!
איַי־איַי־איַי!
היי! היי, היי!

יויעל. ס'איז נישקאָשע, איצט דארף מען עס נעמען אף אונדזער לאָשן, אף קלעזמער־לאָשן. כעוורע, געכאַפּט?.. נעמט די קיילים!

מע שפּילט.

יויעל (אנטוישט). ס'איז ניט דאָס... א, לייזער? ס'איז ניט דאָס. (טרינקט נאָכאמאָל אויס.) כעוורע, פונעם אָנהייב!.. (מע שפּילט.) ניין... ס'איז ניט דאָס... (טראכט א ביסל.) כאַימקע, זון, גיי רוף מיר אהערצו מאָנישן.

דריטער זון. דעם מעשוגענעם?

יויעל. שטיל, מײַן פּסוילעס!.. גיי, כאַימקע.

כאַים ברענגט מאָנישן.

מאָניש. איר האָט מיך גערופן, רעב יויעל?

יויעל. אנו, לייזער... (לייזער זינגט.) כעוורע... (מע שפּילט.) עס גייט ניט... ס'איז ניט דאָס... וואס זאָגסטו, מאָנישל?

מאָניש. ס'איז דערפאר, רעב יויעל, ווײַל זיי זעען נאָך ניט.

ערשטער זון. וואס זען?

יויעל. שטיל!.. זאָג, מאָנישל.

מאָניש. מע דארף דערזען. און אז מע דערזעט, הערט מען אויך בעסער... מע דארף דער־זען דעם גאנצן טרויער פון אונדזער לעבן. דעם דאַלעס, די דאכקעס. מע דארף דערזען דעם שנײַדער אָן א שטאָך ארבעט, דעם שוסטער מיט דער אָל אָן דעם שטיוול, דעם קאַוואַל אין דער ליידיקער קוזניע, דעם עלנטן קרעמער מיטן האַלבן צענדליק הערינג... מע דארף דערזען אונד־

זערע פארכווישעכטע מאמעס, פארעלטערטע פאר דער צײַט... מע קוקט אַף קינדער און מע זעט נישט קיין טאכלעס... דאָס דאַרף מען דערזען. אונטער דעם טרויער טליעט די בענקשאַפט, די בענקשאַפט נאָך א בעסער און שענער לעבן. און פון ביידע, פונעם טרויער מיט דער בענקשאַפט, ווערט א ניגון... און דעם ניגן ווילט זיך אויסטאנצן... מע באהעפט זיך. מע ווערט א קלאל, ווערט מען שטארקער, איז מען גויווער דעם טרויער, מע טאנצט!.. א פינגער טאנצט, אן אקסל טאנצט, א ברעם פון אויג טאנצט! (זינגט באהארצט.)

אשריי האִיש אשער לוי האַ־אַלעך,

אז ווויל איז דעם מענטשן, וואָס קען טאנצן א וואַלעך...

ל י י ז ע ר (פארכידעשט). ערשט איצט פארשטיי איך אליין...

י ו י ע ל. נו, כעוורע! (מע שפילט.) זיסער, געשמאקער, שטארקער!.. פארמאכט די אויגן, וועט איר בעסער זען!.. זיסער, טיפער, שטארקער... נאָך זיסער... אז ווויל איז דעם מענטשן... זיסער, זיסער, געשמאקער... פערעלע דווירעלעס האָט כאסענע... זיסער.

מ אַ נ י ש (איבעראשט). רעב יויעל!

י ו י ע ל (פארטיפט אין שפיל). שטארקער! נאָך זיסער! פערעלע דווירעלעס האָט כאסענע!

מ אַ נ י ש (כאַפט אים אַן פאר דער האנט). רעב יויעל! שפילט ניט! מע דאַרף ניט! (אנט־לויפט ביז צום קלויז־פענצטער. שטייט מיטן קאָפּ אין פענצטער.)

ז י ך (כוץ כאימען). מעשוגע!

י ו י ע ל (קוקט אין מאַנישעס זײַט. זיפצט). מעשוגע?.. און איך פארשטיי.

(פ אַ ר ה א נ ג)

צווייטער אקט

דאָס ערשטע בילד

בא מאַנישן אין דער היים.

כ א נ ע ל ע (זיצט איבער וועש. נייט און זינגט.)

געפלויגן, געפלויגן די גאָלדענע פאווע אריבער די ווײַטסטע יאמען
און האָט פארלוירן די גילדענע פעדער פון דער הארציקער מאמען.

ס אָ ר ע (קומט פון קיך־טיר). כאנעלע, כ'ל א לויף טאָן צו די בראכיעס. מע האָט מיך שוין צווי מאָל געשיקט רופן. מע נעמט הײַנט אָן פערעלען כאסענע־האלבאָשע, וויל דווירעלע, איך זאָל זײַן די מיוונטע.

כ א נ ע. וואָס זשע גייט עס מיר אָן?

ס אָ ר ע. בא די בראכיעס איז מען הײַנט טארעד, און מאַנישל קאָן בלײַבן אומגעגעסן. און ער וועט דאָך ניט אויסזאָגן. אז ער וועט קומען, מאַך אים עפּעס עסן. ער האָט אזוא שלעכט פּאָנעם.

כ א נ ע. איך קאָן באשטיין, ער זאָל אינגאנצן ניט גיין אהין. ער מעג עסן אין דער היים.

ס אָ ר ע. זינדיקסט, כאנעלע. אנדערע זײַנען אים מעקאנע. ער האָט, דאנקען גאָט, נע־סיִעס כיין.

כ א נ ע. מעקאנע... ווער ס'איז אים מעקאנע, זאָל עס אליין האָבן.

ס אָ ר ע. האָסט מיר צו א מודרע קעפל. אוואדע פון שאָלעמען געהערט.

כ א נ ע. און אז פון שאָלעמען, איז וואָס?

ס אָ ר ע. ווּעסטו אים עפּעס מאכן? אוי־ווא, פארגעסן פארמאכן דעם אויוון! (אָפּ אין קיך.)

כ א נ ע. כ'ל מאכן... (זינגט.)

אזוי ווי ס'איז ביטער, מײַן טײַערע מוטער, א פויגל אָן א נעסט,
אזוי איז ביטער, מײַן טײַערע מוטער, בא שווער און שוויגער אַף קעסט.

מ ע נ ד ל ב ר י ײַ נ ע ס (קומט ארײַן, זוכט די מעזוזע). א גוט־העלף! די מאמע איז נישטאָ?

ס אָ ר ע (צוריק פון קיך). א גאַסט, רעב מענדל! זיצט, רעב מענדל!

מ ע נ ד ל. ווער האָט צײַט צו זיצן? האיום קאָצער וועהאמלאָכע מערובע, דער טאָג איז קורץ, און ארבעט, אוי ארבעט!

ס אָ ר ע. וואָס מאכט עפּעס אײַער ברײַנע?

מענדל. וואָס זאָל זי מאַכן? גאָרנישט... אין קראָם זיצט זי. ליגט באַרעך־האַשעם צוביס־לעך... (ער פאַרקוקט זיך, ווי כאַנעלע גייט.)

כאַנע. וואָס קוקט איר, רעב מענדל?

מענדל. איך קוק... אַ נאָדל... דאַכט זיך, וואָס? גרויס, זאָגט מען, ווי אַ נאָדל. און אַזאַ סייכלדיקע זאַך...

כאַנע. אַן ענגלישע נאָדל...

סאָרע קנייפּט זיך די באַקן, ווינקט כאַנען, זי זאָל שווייַגן.

מענדל. טאַקע? איך האָב אויך אַזוי געמיינט. אַלע סייכלדיקע זאַכן קומען דאָך פון ענג־לאַנד. אוי, ענגלאַנד!

כאַנע. שטרוי קומט אויך פון ענגלאַנד. סע וואַקסט באַ אונדז, שיקט מען עס אַהין, און דאָרט מאַכט מען לעכעלעך, און סע קומט צוריק.

מענדל. הערסט אַ מייַסע! ס'איז מיר אין קאָפּ אַרייַן ניט געקומען.

סאָרע. האָט ניט קיין פאַריבל, רעב מענדל, איך מוז אַ לויף טאָן צו די בראַכיעס.

מענדל. יאָ, טאַקע, מאַכשאָוועסן, ווו איז ערגעץ מאַניש?

סאָרע. ווו זאָל ער זייַן? אָדער אין קלויז, אָדער באַ בראַכיען באַם עסן.

מענדל. לוי האָ ווועלוי האָ. ער איז ניט אין קלויז און ניט באַ בראַכיען.

סאָרע (דערשראָקן). וואָס הייסט? ווו זשע איז ער? כאַנעלע!

כאַנע. וואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקן? ער וועט זיך אָפּזוכן, דער שאָדן.

מענדל. איר הערט, סאָרעשע? ס'איז ניט מייַן טעווע צו ריידן כאַלילע שלעכטס, נאָר עס שטייט געשריבן: אין אוינשין עלאָ אים קי מאַזהירין[1]. מע באַדאַרף באַצייַטנס פאַרכאַפּן, עס זאָל כאַלילע ניט זייַן קיין אומגליק. מאַניש איז ניט דער מאַניש, וואָס פריִער.

סאָרע. רעב מענדל, וואָס רעדט איר? וואָס זאָגט איר?

מענדל. איר ווייסט, סאָרעשע, אַז איך בין אייַך כאַלילע ניט קיין סוינע. און מיט קאַלמע־נען אַלעוו־האַשאַלעם זייַנען מיר געווען עמעסע גוטעפרייַנט. איך האָב געהאָפּט, אַז פון מאַנישן וועלן מיר האָבן גרויס נאַכעס. דעם ראָווס מיידל. אַ באַסיעכידע... איבער הונדערט און צוואַנ־ציק יאָר...

כאַנע. איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר וועט מען שוין עפּשער קיין ראָוו ניט באַדאַרפן...

סאָרע (צעוויינט זיך). כאַנע!

מענדל. סאָרע! ס'איז באַ אייַך אַ סרייפע! עס ברענט! מע טאָר באַ אייַך די שוועל ניט אַריבערטרעטן! (לאָזט זיך צו דער טיר. קומט אים אַנטקעגן ברייַנע.)

ברייַנע. מענדעלע! האָסט פאַרגעסן דאָס שאַרפּעלע! קענסט זיך, כאַלילע, פאַרקילן. (וויקלט אים אַרום דעם האַלדז.)

מענדל. ברייַנע! זאָלסט זאָגן די קינדער, זייער פוס זאָל דאָ ניט זייַן. דו הערסט? עס ברענט דאָ!

ברייַנע. נו, שאַ־שאַ, מענדעלע, זייַ זיך ניט מעראַגעז. גיי אין בעסמעדרעש אַרייַן און דאַכט ניט קיינעם אַ וואָרט. (צו כאַנען.) אייַ, דו שיקסע, שוין מיסטאַמע אָנגעפּלאַפּלט נאַריש־קייַטן. גיי, גיי, מענדעלע, און קיינעם ניט אַ וואָרט. כאַנעלע איז אַ יעסוימע. גיי, מענדעלע.

מענדל (קוקט אָף דער מעזוזע). איך ווייס ניט, צי די מעזוזע איז אַ קאָשערע. (טוט אַ זיפץ, לאָזט זיך גיין.)

ברייַנע. גיי, גיי, מענדעלע, ווועסט אָפּקושן אין בעסמעדרעש... (צו סאָרען.) וואָס ווייַנט איר, נאַרישע יידענע? נו, האָט זי גערעדט נאַרישקייַטן. אַלע קינדער הייַנט ריידן נאַרישקייַטן. וואָס האָסטו געזאָגט, שיקסע?

כאַנע (לאַכט). כ'האָב געזאָגט, אַז איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר וועט מען שוין עפּשער קיין ראָוו ניט באַדאַרפן.

ברייַנע. דאָס איז גאָר? דאַרף מען דערפאַר וויינען? אויך מיר אַן אייסעק! איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר! אַז מירן דערלעבן, וועלן מיר זען. נעם, כאַנעלע, לייג אוועק די אַרבעט. קום אַריבער. די קינדער בענקען נאָך דיר.

עס גייט אַרייַן שמאַריע.

שמאַריע. סאָרעשע, דווירעלע האָט אייַך זייער געבעטן.

סאָרע. די מינוט, רעב שמאַריע! (אָפּ.)

ברייַנע. וואָס מאַכט איר, רעב שמאַריע?

---

[1] אין עונשין אלא אם כי מזהירין — מע דאַרף וואָרענען, אײדער מע באַשטראָפט.

שמאריע. א דאנק, בריינעלע, וואס זאל איך מאכן? גארנישט מאך איך. מיין באלעבאס איז בארעך־השעם געזונט. כע־כע.

ברײַנע. רעב שמאריע, עפשער קומט איר אריין טרינקען א גלעזל ציקאריע?

שמאריע. ווו האב איך צייט? מיר נעמען היינט אן כאסענע־מאלבושים... מיר... כע־כע... אוי, שפרינצע...

ברײַנע. קומט, קומט, רעב שמאריע. נישקאשע, מע וועט דארטן צוווארטן (צו כאנעלען) קום, שיקסע, קום אריבער. מענדעלע איז אין בעסמעדרעש. און סיווי, זיין קאס... גלייב מיר, ער האט שוין פארגעסן. ער איז דאך מער אין ענגלאנד, ווי הי... קומט, רעב שמאריע. (אפ מיט שמאריען.)

כאנע לייגט צונויף דאס וועש, קוקט אין שפיגעלע. עס קומען אן מאניש און שאלעם.

מאניש. כאנעלע, די מאמע איז נישטא?

כאנע. אוועקגעגאנגען צו די בראכיעס. מע נעמט אן פערעלען כאסענע־האלבאשע, האט מען זי גערופן פאר א מיוונטע. דיר מאכן עפעס עסן?

מאניש. ניין, כאנעלע, איך בין ניט הונגעריק. גיי, גיי א ביסל ארויס.

כאנע אפ.

שאלעם. וואס ביסטו אזוי צעטראגן?

מאניש. איך בין ניט צעטראגן.

שאלעם. ביסט ניט צעטראגן און הערסט ניט, וואס מע רעדט צו דיר?

מאניש. וואס?

שאלעם. מע דארף אוועק פונדאנען! מע דארף פאלגן פיינשטיינען. מע דארף זיך צושלאגן קיין זשיטאמיר אדער קיין ברעסלוי.

מאניש. מיט וואס?

שאלעם. פיינשטיין...

מאניש. ער איז אליין אן ארעמאן!

שאלעם. ער וויל פארזעצן זיין גילדענעם זייגער און געבן אף הויצאעס. אויך בריוו.

מאניש. פאר, שאלעם! איך קאן נאך ניט.

שאלעם. קאנסט ניט? פארוואס קאנסטו נישט? שווער זיך אפצורייסן פון דער באנק? פון יעקלען, פון בראכיעס קעסט?

מאניש. שאלעם!

שאלעם. הער מיך אויס, מאניש. ווייסט, דו ביסט מיר ווי א ברודער. אבער אויך מיר געפעלן ניט דיינע שירים. פארוואס? וויל רעדסט נאר פון זיך, פון דיין הארץ. א הארץ פון א מעשוירער דארף קלאפן פאר אלעמענס הערצער. און דער קאפ דארף אויך האבן דערביי א כיילעק. א מעשוירער דארף זיין אן איש־מילכאמע. ער דארף וועקן, רופן. מע דארף דאס לעבן, אונדזער יידיש לעבן, איבעראנדערשן, עס באנייען. מאניש, איך באשולדיק ניט קיינעם, אבער... מיר האבן שוין צופיל קלויזניקעס און קרעמער און פיינע יידן. מע האט פארגעסן דעם געבאט פון אונדזערע אלטע כאכאמים: האב ליב די מעלאכע און פיינט דאס ראבאנעס... און איך האב מוירע, אז די האסקאלע וועט נאר מאכן נייע זיידענע יונגעלייטלעך. מאניש, א נייע וועלט קלאפט אין טיר, א וועלט פון ארבעט! איך... מיינע הענט, אלע מיינע אייוורים שרייען: ארבעט! ארבעט מאמעש! איך מיט כאנעלען האבן אפגערעדט.

מאניש. מיט כאנעלען?

שאלעם. ביסט אזוי פארנומען מיט זיך, אז זעסט ניט אפילע, וואס מיט דיין אייגענער שוועסטער טוט זיך. איך מיט כאנעלען... מיר האבן אפגערעדט.

מאניש. און זי לאזט דיך אוועקפארן?

שאלעם. זי הייסט. איך וועל זיך צו עפעס רעכטס דערשלאגן און זי ארויסנעמען.

מאניש. און איך קען נישט.

עס לויפן אן קלויזניקעס מיט יעקלען. יעקל מיט א געמארע.

יעקל. כ׳האב געזאגט, אז דא זיינען זיי! זיך באהאלטן, א?

מאניש. וואס ווילסטו, יעקל?

יעקל. איך וויל, זאלסט זיי ניט איינלערנען קיין גרייזן! דו הערסט? וואס דערציילסטו זיי מייסעס, אז רעב אקיווע האט עס געזאגט, ווען עס שטייט שווארץ אף ווייס, אז ראוו אווירע?

(מישט אוף די געמאָרע. מיטן ניגן). אָמאַר ראָוו אווירע, האָט ראָוו אווירע געזאָגט... פאַרוואָס דערציילסטו זיי, אַז ראַבי אקיווע?

מאָניש. און איך זאָג, אַז ראַבי אקיווע!

יעקל. דו זאָגסט? ווער ביסטו, וואָס דו זאָגסט?

שאָלעם. וואָס ווילסטו, יעקל?

יעקל. מיט דיר רעד איך ניט. דו ביסט אַ גראָבער יונג! איך רעד מיט מאָנישן!

מאָניש. און איך בין גוירעס ראַבי אקיווע. ווײַל אַזוינס האָט געקאָנט זאָגן נאָר ראַבי אקיווע!

יעקל. אַ־זוי? וואָס איז דאָ אַזוינס? (לייענט מיט ניגן.) ביזכוס נאָשים צידקאָניעס שעבאָ־העַן ניסגאָלו יִסראָעל מימיצראָים. אין זכוס פון די רעכטפאַרטיקע ווײַבער זײַנען די ייִדן אויס־געליזט געוואָרן פון מיצראַים. מאַכמעס וואָס? ווײַל בעשאַס זיי פלעגן טראָגן עסן די מענער צו דער אַרבעט, פלעגן זיי מיטנעמען אַ טאָפּ וואַרעם וואַסער, זיי באַוואַשן, פאַרנאַרן אין די גראָבנס באַם וועג און זײַן מיט זיי... הערסט אַ מײַסע? צוליב דעם דאַרף מען מאַטריִען זײַן ראַבי אקי־ווען! איך קאָן עס מאַכן אָן ראַבי אקיווען!

מאָניש. ווען איר האָט ניט קיין קאָפּ מיט שטרוי...

יעקל. און דו? האָסט אַ קאָפּ מיט בריליאַנטן? כעוורע! גיט אַהער אַ קעמל, וועלן מיר אויס־קעמען בריליאַנטן!

מאָניש. ווען איר זײַט ניט אַזוי פאַרקריפּלט, וואָלט איר אַליין פאַרשטאַנען, ווי גרויס דער זאָג איז!

יעקל. אַ־זוי?!

מוישל (שטופּט אָפּ יעקלען). רעד, מאָנישל!

יעקל (שטופּט אָפּ מוישלען). כע! אָדעם אַ מענטש!

מאָניש. ווען איר קענט אַ טראַכט טאָן, וואָלט איר פאַרשטאַנען. וואָס זײַנען געווען די ייִדן אין מיצראַים, ווערדליק עס דערציילט זיך? קנעכט! און נאָך וואָס פאַר קנעכט, קאַטאָרזשניקעס! שטענדיק פאַריאָכט. מע האָט פאַרלוירן די כאָשעווסטע מענטשלעכע געפילן. מע האָט פאַרגעסן, וואָס הייסט פרײַהײַט, יאָמטעוו.

יעקל. ווידער יאָמטעוו!

מאָניש. יאָ, יאָמטעוו! די פרייד פון לעבן... פאַרגעסן, וואָס עס הייסט ליבע!.. פלעגן קומען די ווײַבער, דאָס לעבן זיך אײַנגעשטעלט, זיי באַוואַשן, אומגעקערט דאָס געפיל פון ריינלעכקײַט, פון יאָמטעוו, פון ליבע, פון ליבע, וואָס ברענגט צו מוטיקײַט, צו פרײַהײַט... און אַזוינס זאָגן האָט געקאָנט נאָר ראַבי אקיווע. ער, וואָס האָט אונדז אָפּגעראַטעוועט דעם שיר־האַשירים, וואָס די צוווּקעס האָבן געוואָלט מעקאַבער זײַן. ער, וואָס האָט געזאָגט, אַז די גאַנצע וועלט איז ניט ווערט, וויפל דער איינער טאָג, ווען שיר־האַשירים איז באַשאַפן געוואָרן. שיר־האַשירים! דאָס געזאַנג איבער אַלע געזאַנגען! דאָס געזאַנג פון ליבע!

מוישל (אַנציקט). מאָנישל!

יעקל. און איך זאָג, אַז ס'איז אַ מאַנקאָליע! נישטאָ קיין ליבע, נישטאָ קיין פרײַהײַט, נישטאָ קיין יאָמטעוו! באָבעמײַסעס! איך האַלט מיט דעם, וואָס האָט געזאָגט, אַז די וועלט איז אַ קרעטשמע! כאַפּ און פרעס! אָט דאָס איז עמעס. דאָס איבעריקע איז שווינדל! קומט, כעוורע!

אַלע אָפּ.

מוישל. מאָנישל... מיין ניט, אַז איך בין מיט זיי... יעקל... (אָפּ.)

מאָניש. שאָלעם, וואָס האָבן זיי געוואָלט?

שאָלעם. זיי איז אויכעט ענג.

מאָניש. וואָס זשע בין איך שולדיק?

שאָלעם. מע דאַרף אַוועק פונדאַנען. ס'איז אַ זומפּ!

עס קומט אַרײַן פערעלע.

שאָלעם. מיר וועלן נאָך ריידן אין קלויז. (אָפּ.)

פערעלע. מאָנישל, וואָס שווײַגסטו? איך האָב דען ניט געוווּסט, אַז כאַנעלע איז נישטאָ אין דער היים?

מאָניש. מע האָט מיר אָנגעשפּיגן אין טעלער.

פערעלע. איך פאַרשטיי ניט, וואָס דו מיינסט דערמיט.

מאָניש. שטעל דיר פאָר, אַ מענטש האָט שווער אָפּגעהאָרעוועט זײַן טאָג, זעצט זיך עסן. קומט אַ גראָבער נעפעש און שפּײַט אים אָן אין טעלער. האָסט געהערט פון ראַבי אקיווען?

פ ע ר ע ל ע. עפּעס.

מ אָ נ י ש. געווען אמאָל א מענטש זייער א רײַכער. אזוי רײַך, אז ער האָט געקאָנט שפּײַזן גאנץ יערושאָלאַים דרײַ יאָר מיט דער טוווע פון זײַנע פעלדער. אזוי דערציילט זיך. ער האָט איין טאָכטער פארמאָגט, ראָכל האָט זי געהייסן. זי איז געווען זייער א שיינע. און געדינט בא איר פאָטער האָט א פאסטעך מיטן נאָמען אקיווע. א פאסטעך, און מיט פײַנע זיטן. זי, ראָכל, האָט אים ליב געקראָגן. „אקיווע, — האָט זי צו אים איינמאָל געזאָגט, — אויב כ׳וועל ווערן דײַנע, וועסטו פאָרן לערנען?“ — „יאָ“, — האָט ער געענטפערט. זיי האָבן כאסענע געהאט. דער פאָטער האָט זיי פון שטוב ארויסגעטריבן, פון יערושע אָפּגעזאָגט. ווינטער האָבן זיי זיך אופגעהאלטן אין פעלד, אין סטערטעס שטרוי, און אקיווע פלעגט איר די שטרוי פון די האָר אויסקלײַבן, אזוי דערציילט זיך. זי האָט געהאט זייער שיינע צעפּ, האָט זי זיי אָפּגעשוירן און פארקויפט און אים געשיקט קיין יערושאָלאַים לערנען. צוועלף יאָר האָט זי אף אים געוואַרט! צוועלף יאָר... (פּויזע.) מע האָט דיר הײַנט אָנגענומען כאסענע־מאלבושים?

פ ע ר ע ל ע. צו וואָס פרעגסטו מיך, מאָנישל?

עס לויפט אָן ריווקע.

ר י ו ו ק ע. פערעלע! גיי גיך אהיים. דער טאטע איז אין קאס. דער מעכוטן איז געקומען צו פאָרן מאכן א רעכט מיט דער כאסענע.

פערעלע אין אײַלעניש אָפּ. פארלירט דאָס טיכל.

ר י ו ו ק ע. מאָנישל... וואָס שטייסטו אזוי? (קומט נעענטער.) מאָנישל, זײַ ניט אזא שעמעוודיקער... אלע קומען צו מיר, קלאפּן אין פענצטער... אפילע שאָלעם.

מ אָ נ י ש. שאָלעם?!

ר י ו ו ק ע. איך עפן ניט קיינעם. פארוואָס קומסטו ניט? (צודרינגלעך.) וואָס שעמסטו זיך?

פ ע ר ע ל ע (קומט שנעל צוריק). דאָס טיכל... ריווקע!

(פ אָ ר ה א נ ג)

דאָס צווייטע בילד

בא בראכיען. אלטמאָדיש־גווירישע עס־שטוב. א טיר אין קיך ארײַן. אָן אויסגאנג־טיר. א טיר אין ווײַטערע צימערן. בא דער הרובע שטייט און ווארעמט זיך שמאריע.

א ו ו ר ע מ ל (אין טיר פון די אינוויינִיקסטע כאדאָרים). איר זײַט דאָ, רעב שמאריע?.. גייט ניט אוועק. מע וועט אײַך באדארפן (אָפּ צוריק.)

ד וו י ר ע (גייט פון קיך. טראָגט א גלאָז הייסע מילך). טרינקט, רעב שמאריע... איר וועט אײַך דערוואַרעמען.

ש מ א ר י ע. א דאנק, דוווירעשע... כ׳ל ארײַנגיין אין קיך ארײַן... רעב בראכיע...

ד וו י ר ע. נישקאָשע ניט. איך נעם עס אף מיר. (נעמט פון שפּײַז־שאפע געבעקס.) נעמט, רעב שמאריע, מע דארף זיך דערצו ניט וואשן. און עס קרישלט זיך.

א וו ר ע מ ל (ווי פריִער). רעב שמאריע... גייט ניט אין ערגעץ. (קומט נעענטער.) איר וועט דארפן א לויף טאָן צום פאָרעץ אין דאָרף ארײַן... אזוי, אזוי. לִענט אײַך אונטער דאָס הארץ...

ד וו י ר ע. אווּרעמל... אין אזא פראָסט...

א וו ר ע מ ל. וואָס קען מען טאָן? דער שווער, זאָל לעבן.

ד וו י ר ע. וואָס הערט זיך דאָרט?

א וו ר ע מ ל. מע דינגט זיך. צוויי אקשאָנים. דער מעכוטן וויל, דאָס פאָרפאָלק זאָל וווינען בא אים. טײַנעט: א בען־יאָכיד... און דער שווער, זאָל לעבן, וויל פארקערט, דאָס פאָרפאָלק זאָל וווינען דאָ. ער וויל זיי דינגען די היגע מיל.

ד וו י ר ע. וואָס הייסט דינגען די היגע מיל! דער מילנער האלט זי שוין צוואנציק יאָר! א ייִד אָן אָרעמאן! ער וועט דאָך בלײַבן אָן פארנאָסע!

א וו ר ע מ ל. וואָס קאָן איך טאָן? מאָיא כאטא ס׳קראיו!.. דער שווער, זאָל לעבן... רעב־שמאריע, גייט ניט אין ערגעץ, מע זאָל אײַך ניט דארפן זוכן... (אָפּ.)

ד וו י ר ע. „מאָיא כאטא ס׳קראיו“... צאדיק אין פעלץ... (דערלאנגט נאָך געבעקס.) נעמט, רעב שמאריע, באהאלט... אפן וועג... (אָפּ אין קיך.)

ש מ א ר י ע. א ווילע ייִדענע... ניפּריטשקע מײַן שפּרינצע... אוי, שפּרינצע...

עס קומט אָן פון דרויסן בראכיעס זון א י צ י ק.

א י צ י ק. א גוט־העלף. ווו איז דער טאטע?

אורעמל אין טיר.

אורעמל. איציק? קום אריַין!

ביידע אָפּ. אוף — ראָוו און מענדל ברײַנעס.

מענדל. א גוט־העלף... ווו איז רעב בראכיע?

אורעמל צוערשט אין טיר, דערנאָך נעענטער.

אורעמל. ברוכים האבאִים... זיצט... דער שווער, זאָל לעבן, איז פארנומען מיטן מעכוטן.
מענדל. נאָך ניט דורכגעקומען?
אורעמל. מע אמפערט זיך... האָט ניט קיין פאריבל... (אָפּ.)

מענדל. א פראָסט, רעב שמאריע, שוין איינמאָל א פראָסט!

שמאריע. „א פראָסט"... כע־כע... פרעסט זײַנען אמאָל געווען. ביימער האָבן געטריש־טשעט. פייגל זײַנען אין דער לופט פארפרוירן געוואָרן... „א פראָסט"... עך, שפרינצע, שפרינצע... ווען זי לעבט מיר...

אורעמל (ווי פריִער). זײַט זשע מויכל, ראָוו, דער שווער, זאָל לעבן, בעט אײַך... האָט ניט קיין פאריבל, רעב מענדל... (אָפּ מיטן ראָוו.)

מענדל (גייט צו צום פענצטער, קוקט ארויס און קרעכצט). א טאָג... מע זאָל ניט זינדיקן מיט די רייד. איידער מע דרייט זיך אויס, איז נאכט.

שמאריע (גייט צו צום פענצטער). דער פראָסט יאך דער פראָסט... דער ווינט זאָל כאָטש זײַן אין דער פלייצע...

מענדל. האיוים קאָצער וועהאמלאָכע מערובע... איר פארשטייט די טײַטש, רעב שמאַ־ריע? דער טאָג איז קליין, און ארבעט איז דאָ א סאך. אוי, ארבעט! מע שטייט אוף אינדערפרי, דארף מען זיך וואשן!.. דערנאָך מוז מען טרינקען א גלעזל ציקאָריע מיט מילך, אזוי וויל מײַן ברײַנע... און דערנאָך גיין אין בעסמעדרעש אריַין דאווענען. און נאָכן דאווענען א פיירעק מיש־נאיעס... און אהיים גיין... און איבערבײַסן. און ארײַנקוקן אין א סייפער... און אָנבײַסן... און נאָכן אָנבײַסן מוז מען זיך א ביסל צוליי̆גן... אזוי וויל זי, מײַן ברײַנע, זאָל געזונט זײַן... און ווי־דער א גלעזל ציקאָריע. און ארײַנקוקן אין א סייפער. און טאקע ארויסגיין אין שטאָט ארײַן א ביסל אין זינען האָבן קלאָל־זאכן... אָרעם האָלץ... אזויפיל אָרעמעלײַט, נעבעך... און מינכע־מײַרעוו... און ווידער א פיירעק מישנאיעס. און אהיים גיין... און עסן וועטשערע... (זיפצט.)

שמאריע. שפרינצע... א גוטן זכוס זאָל זי טראָגן... א בייז מויל געהאַט... אזוי מיטן מויל האָט מען געקענט מיינען, זי וויל מיך פארברענען. אָבער דאָס הארץ... דאָס הארץ... דאָס שטיקל ברויט פלעגט זי מיר צושאַרן... איך זאָל עסן מער א שטיקל ברויט... און אליין ניט געגעסן... און דאָ זע איך, זי גייט אײַן, צאנקט, ווי א ליכט... „שפרינצע, זאָג איך, וואָס עסטו ניט?" און זי — גאָרנישט, זי שווײַגט... „שפרינצע, זאָג איך, איך וועל דיך שלאָגן! עס!.." און זי — זי זאָל ענט־פערן דאָס אנדערע וואָרט... אזוי טאקע אויסגעגאנגען... אוי, שפרינצע, שפרינצע!

עס קומט אַן באָרעך־איציק, בראכיעס גראָבער איידעם. אָנגעפּעלצט. מע דערקענט, פון א שטארקן פראָסט.

באָרעך־איציק. אוף!.. א פ־ראָסט!.. (טוט זיך אויס, גיט איבער שמאריען דעם פעלץ.) ווו איז דער שווער?
מענדל. דאָרטן... מיטן מעכוטן...
אורעמל (ווי פריִער). באָרעך־איציק!.. (ער קומט נעענטער.) שאָלעם־אַליי̆כעם, באָרעך־איציק. וואָס הערט זיך אין גוראָלניע?

באָרעך־איציק. אלצדינג, באָרעך־האשעם, אין בעסטער אָרדענונג... די אָקסן, קיין אײַנ־האָרע, נעמען אָף זיך לײַב. וואָס הערט זיך דאָ?

אורעמל. וואָס זאָל זיך הערן? מע אמפערט זיך. דער שווער, זאָל לעבן, וויל, דאָס פאָר־פאָלק זאָל וווינען הי. ער וויל זיי דינגען די מיל. און דער מעכוטן וויל פארקערט.

באָרעך־איציק. א־א! אזריקל! איך קען אים. ער וויל, דער נאדן זאָל אײַנשטיין בא אים! א קרענק אים אין בויך!..
אורעמל. ש־ש־ש... קום אריַין...

ביידע אָפּ. עס קומט ארײַן דווירע.

דוווירע. רעב שמאריע, ווער איז דאָ געווען?

שמאריע. באָרעך־איציק איז געקומען פון גוראָלניע. דאָרטן איז ער.

דוווירע. באָרעך־איציק... ער האָט נאָך אויסגעפּעלט צום טאָרג... רעב שמאריע... עפּשער וואָלט איר ניט געגאַנגען? ס׳איז א פראָסט מיט א ווינט... זאָגט, אז איר קענט ניט.

שמאריע. וואָס רעדט איר, דוווירעלע, ווי הייסט, איך קען נישט? ווי מעג א מעשולעך ניט קענען? ווער וועט מיך דארפן?

דוווירע (נעמט ארויס וואַרעם וועש). נעמט, רעב שמאריע, גייט אַרײַן אין קיך, טוט אָן. אף די פיס האָט איר עפּעס וואַרעמס?

שמאריע (באהאלט דאָס וועש אונטער דער קאַפּאָטע). האָט ניט קיין יעסורים, דוווירעלע... ניט צום ערשטן מאָל באָרעך־האַשעם...

דוווירע. רעב מענדל... עפּשער וואָלט איר א רעד געטאָן מיט בראָכיען?.. דער מילנער... א ייִד אָן אַרעמאַן מיט א שטוב קינדער... ער וועט דאָך בלײַבן אָן פּאַרנאָסע...

מענדל. דוווירעשע, איר ווייסט דאָך... וואָס פאַר א דייע האָב איך בא בראָכיען?

דוווירע טוט נאָר א מאַך מיט דער האַנט. אָפּ.

מענדל. אוואַדע א שאָד... דויכע זײַן א ייִדן פון פּאַרנאָסע. אַדאַנק האַשעם־ייִסבאָרעך, איך בין כאָלילע קיינעם ניט מאַסיג־גוול... מײַן ברײַנע, זאָל געזונט זײַן... וויל זי, זיצט זי אין קראָם... וויל זי ניט, איז ניט. איך זאָג איר כאָלילע ניט קיין דייעס. זי וויל פאָרן אף יארידים, פאָרט זי. א שידעך מיט א קינד, וויל זי האָבן די גאַנצע דייע, מעכעטייסע. איך זאָג ניט ניין. איך דאַנק דיר, ריבוינע־שעל־אוילעם.

שמאריע. א ווילע יידענע אײַער ברײַנע... זאָל איר גאָט געבן געזונט... געפּריטשקע מײַן שפּרינצע. אוי, שפּרינצע!.. אזוי מיטן מויל לעהאַרעג אולעהאַבעד... און נאָר א גאָט! א גאָט זאָל איך איר געבן... כע־כע... איך האָב געוווּסט, אז ס׳איז פּוסטע... איך דערמאָן מיך, א נאַריש־קײַט געדענקט זיך... שוין לאַנג דערינען. איך בין געווען א נאַכט־וועכטער, פלעג אומגיין מיטן אײַזערנעם שטעקן באַנאַכט... טרעפט זיך איינמאָל, ווינטער איז עס געווען, א שטאַרקער פראָסט, אָן אַמאָליקער... פאַרטאָג, איך גיי אהיים א דורכגעפרוירענער, כ׳קלאַפּ אָן: שפּרינצע, עפן מיר! און זי פון בעט: „גיי צו אַלדי שווארצע יאָר!..” בין איך מיך מעיאַשעוו און גיי אוועק אין בעס־מעדרעש און לייג מיך לעבן דער הרובע... האָט זיך גראָד געמאַכט א טשאַד, מ׳האָט מיך אהיים געטראָגן א טויטן... וויי־וויי! וואָס זי האָט דעראַרבעט! א דאָקטער! נאָר א דאָקטער זאָל מען ברענגען! און — „שמאריע! שמאריע! וואָס האָסטו געטאָן, שמאריע? שמאריע, אף וועמען לאָזטו מיך איבער?.. שמאַריע! ווען איך פאַרלייג דײַן גרדוב!..” איך ליג און הער. בין איך מיך מעיאַשעוו, נעם צונויף אַלע קויכעס, כ׳הייב זיך אוף און זאָג: „שפּרינצע, ווילסט א גאָט?..” מאַכט זי: „גיי צו אַלדי שווארצע...” ניט געענדיקט... זי האָט זיך צעוויינט... אוי, שפּרינצע, שפּרינצע!..

עס גייט אַרײַן מאָניש. בלײַבט שטיין בא דער טיר.

מענדל (באַטראַכט אים). מאָניש!.. וואָס זשע שטייסטו בא דער טיר? (באַטראַכט אים נעענטער.) ביסט, כאָלילע, קראַנק? האָסט אזא שלעכט פּאָנעם. טוירע מאַטעשעס... די הייליקע טוירע שוואַכט אָפּ...

אורעמל (אין טיר.) זײַט זשע מויכל, רעב מענדל. דער שווער, זאָל לעבן, בעט אײַך... (ער קומט נעענטער.) א, מאָניש!.. וואָס מאַכט א ייִד מאָניש?.. שוין א היפשער באָכער, צײַט כאַ־סענע צו מאַכן... וואָס זאָגט איר, רעב מענדל?.. נישטאָ וואָס צו שעמען זיך... ס׳איז א ייִדישע זאַך!.. (אָפּ מיט מענדלען.)

שמאריע באַטראַכט מאָנישן, זיפצט. עס קומט אַרײַן דוווירע.

דוווירע. מאָניש, גיי וואַש זיך... וועסט הײַנט עסן אליין. זעסט דאָך, בא אונדז איז מען טאָרעד... גייט איר אויך, רעב שמאריע...

עס קומט אַרײַן בראָכיע.

בראָכיע. שמאריע! דו ביסט דאָ?.. קום אהער... נא... אָט האָסטו דרײַ טויזנט קערבלעך. און דאָ איז א קאָנטראַקט. וועסט א שפּאַן טאָן צום פּאָרעץ. ער וועט כאַסמענען דעם קאָנטראַקט, און דו וועסט אים געבן דאָס געלט. פאַרשטייסט?

שמאריע. איך פאַרשטיי... ניט צום ערשטן מאָל באָרעך־האַשעם.

בראָכיע. אז דו וועסט אויספּייען, וועסטו נאָך הײַנט אהיים קומען. טאָמער ניט, וועסטו נעכטיקן באַם רענדאַר און לעמאָן־האַשעם מאָרגן קאַיאָר זאָלסטו אהיים קומען. דו הערסט?

ש מ א ר י ע. כ'ל נאָך היינט זיין צוריק. אויך מיר א מעהאלעך... פינף ווערסט...
ד ו ו י ר ע. בראכיע...
ב ר א כ י ע. וואָס בראכיע?
ד ו ו י ר ע. ס'א מעסוקענער פראָסט מיט א ווינט!
ב ר א כ י ע. גיב אים דיין שליאמענעם מאנטל.
ש מ א ר י ע. האָט ניט קיין יעסורים, דווירעשע...
ד ו ו י ר ע. בראכיע...
ב ר א כ י ע. וואָס ווידער בראכיע?
ד ו ו י ר ע. דער מילנער איז א ייד אַן אָרעמאַן.
ב ר א כ י ע. א קאַפּצן דאַרף ניט האַלטן קיין מילן! א קאַפּצן דאַרף גיין אין די הייזער! וואָס טוט ער מיט דער אַלטער זשאַרנע? איך וועל די מיל פאַרגרעסערן. ער וועט דינען בא מיר.
ד ו ו י ר ע. בראכיע!..
ב ר א כ י ע. מיש זיך ניט אין מיינע געשעפטן... גיי אין קיך אריין! צום טאָפּ! (אָפּ.)
ד ו ו י ר ע. רעב שמאַריע... גייט ניט... קערט זיך אום און זאָגט, אז מע זעט ניט קיין וועג. רעב שמאַריע...
ש מ א ר י ע. וואָס רעדט איר, דווירעשע? וווהין וועל איך מיך אהינטאָן אָף דער עלטער?

דווירע פאַרצווייפלט אָפּ אין קיך.

ש מ א ר י ע. זיי געזונט, מאָנישל... וועסט שוין עסן אָן מיר.
מ אָ נ י ש. רעב שמאַריע... ס'א מעסוקענער פראָסט. און סע וועט זיין א זאַווערוכע...
ש מ א ר י ע. א זאַווערוכע... כ'האָב געהאַט ערגערע... אוי, שפּרינצע, שפּרינצע! (אָפּ.)

עס קומט אריין ר י ו ו ק ע. גרייט צום טיש פאַר מאָנישן.

ר י ו ו ק ע. גיי, מאָנישל, וואַש זיך... איך וועל דיר היינט דערלאַנגען... גיי, אַקשן... לאָמיך כאָטש האָבן די זכיה דיר צו געבן עסן... (בלייבט שטיין, באַטראַכט אים.) מאָנישל... איך בענק אַזוי נאָך דיר...

עס דערהערט זיך א טומל. עס קומען אריין ק אַ צ אָ ו י ם, ב אַ ל מ ע ל אָ כ ע ס, סטאַם אָרעמע באַלעבאַטים.

ב אַ ל מ ע ל אָ כ ע. ווו איז ער?! זאָל ער אהער קומען, דער שיינער ייִד! זאָל דער מעכוטן וויסן, מיט וועמען ער טוט א שידעך!

עס גייען אריין פון קיך ד ו ו י ר ע, פון די אינווייניקסטע כאַדאָרים — מ ע נ ד ל, דער ר אָ ו, ב ר א כ י ע און א נ ד ע ר ע.

ב אַ ל מ ע ל אָ כ ע. קומט אהער! קומט אהער, שיינע ייִדן! שטאָט־באַלעבאַטים! קומט אהער!
מ ע נ ד ל. ייִדן, וואָס טוט איר, ייִדן?
ב אַ ל מ ע ל אָ כ ע. „ייִדן"... ווו זיינען זיי, דיינע ייִדן?.. ברעכן פונעם ברויט אַן אָרעמאַן!.. און איר שווייגט? ראָוו! וואָס שווייגט איר? איר האָט מוירע פאַר בראכיען? מילנער, גיי ארויס און רייד!
מ י ל נ ע ר. רעב בראכיע!
ב ר א כ י ע. וואָן פון מיין שטוב! קאַפּצאָנים!
ק אַ צ ע ו ו. גאַזלען! רויבער! אומעטום ביסטו פול! שענק — בראכיע, טייך — בראכיע, די טאַקסע — בראכיע! הייבסט אַלע מינוט די טאַקסע! אָרעמעלייט עסן שוין ניט קיין פלייש!
ב אַ ל מ ע ל אָ כ ע. איין מיל האָסטו שוין! ווערסט צעפּיקעט פאַר אשירעס! ווילסטו נאָך וואַרפן א ייִדן פונעם ברויט?
א ז ר י ע ל. אוורעמל! הייס שפּאַנען מיינע פערד! פאַר צום איספּראַווניק! א נאַפּאַדעניע גאָר!
ב אַ ל מ ע ל אָ כ ע. אזריקל גאַנעוו! איך קען דיך, דו וווכערניק! פון וואָס האָסטו געמאַכט דיין פאַרמעגן? רויבער!
ב אָ ר ע ך־א י צ י ק (רייסט זיך ארויס פאָרויס). לאָזט מיך, שווער!.. (כאַפּט א מעשענעס לייכטער.) ארויס, זאָג איך! ארויס! ווייל איך פלעט די קאָפּ! (אוורעמל פאַקט אים בא די הענט, ראַנגלט זיך מיט אים. ער רייסט זיך אויס.) ארויס! ווייל אָדער מיין טויט, אָדער אייערער... איר קענט מיך!

אוילעם טרעט אָפּ.

קאַצעוו. באָרעך־איציקל, איך קען דיך! און דו קענסט מיך אויך! איר וועט עס האָבן צו געדענקען! (אָפּ.)

ווען דער אוילעם גייט ארויס, בלײַבט אײן מאָניש בא דער טיר.

בראַכיע. און דו וואָס ווילסט?.. אָ, דו ביסט עס...

בראַכיע און די איבעריקע גייען ארויס. עס פאַרבלײַבן מאָניש און דווירע.

דווירע. מאָנישל, וועסט הײַנט עסן אין דער היים. זעסט דאָך.
מאָניש. איך זע, איך זע...
דווירע. וועסט ארײַנקומען מירצעשעם מאָרגן... בראַכיע פאָרט מאָרגן אוועק אף דער גאַנצער וואָך... וועסט ארײַנקומען?!
אורעמל (אין טיר, אופגעלייגט). אין א גוטער, אין א מאַזלדיקער שאָ! דורכגעקומען!.. שוויגער, דער מעכוטן פאַרלאַנגט, אז פערעלע אליין זאָל דערלאַנגען קיבעד! (אָפּ.)
דווירע. גיי, גיי, מאָנישל... און קום ארײַן מאָרגן (אָפּ אין קיך.)

מאָניש דרייט זיך אויס צו דער טיר, בלײַבט שטיין ניט אנטשלאָסן. עס קומען ארויס דווירע און פערעלע. פערעלע טראָגט א טאַץ קיבעד. גייט צו ביז צו דער אינווייניקסטער טיר, דרייט אויס דעם קאָפּ, דערזעט מאָנישן, פאַרלירט די טאַץ... קלאַנג פון צעבראָכענעם געשיר. עס גייט שנעל ארײַן בראַכיע.

בראַכיע. וואָס איז דאָס?
מאָניש. איך...
בראַכיע. וואָס?
מאָניש. איך האָב צעבראָכן...
בראַכיע. וואָן, דו מעשוגענער! ארויס פון מײַן שטוב!

לאָזט זיך צו מאָנישן. דווירע פאַרשטעלט. דעם פאַטש כאַפּט דווירע.

פערעלע. טאַטע!..

(פאָרהאַנג)

דאָס דריטע בילד

דאָס זעלבע אָרט אף מאָרגן. בראַכיע און דער מעכוטן באַם טיש פאַרענדיקן דאָס „בענטשן“. פערעלע נעמט אראָפּ פון טיש. אורעמל שטייט בא דער הרובע, וו ס'איז נעכטן געשטאַנען שמאַריע. עס קומט ארײַן איציק, גייט צו צו אורעמלען.

איציק (שטיל, סוידעסדיק). וואָס הערט זיך?
אורעמל. דערווײַל גאָרנישט.
איציק. ניט גוט... ס'איז ניט זײַן טעווע. ער קומט שטענדיק צו דער צײַט, ווי א זייגער.
אורעמל. געווען גערעכט די שוויגער... ניט געדאַרפט שיקן...
בראַכיע. אי־נו־אָ... האַזאָן עס האַקויל[1].

עס גייט ארײַן באָרעך־איציק.

באָרעך־איציק. נישטאָ נאָך?
אורעמל (ענטפערט נאָר מיט די אַקסל אף ניין).
באָרעך־איציק. וואָס זאָל דאָס הייסן?
אורעמל. עס קאָן אלצדינג געמאָלט זײַן... אַן אלטער מענטש... א שטאַרקע זאַווערוכע. עפּשער צוויי ארשין שניי...
איציק. א פּאַסקודנע מײַסע... אויב עפּעס, וועט זײַן א שלעפּעכץ... די שטאָט וועט האָבן צו טאָן.
באָרעך־איציק. כ'האָב אין דר'ערד די שטאָט! דאָס געלט! דרײַ טויזנט!
בראַכיע. שטיל!.. דער רועך האָט אים ניט גענומען. זיך געקענט פאַרשלאָפן באַם רענדאר... באָרעך־איציק, די פערד זײַנען געשפּאַנט?

---

[1] הזן את הכל — דער וואָס שפּײַזט אלעמען (פונעם „בענטשן“).

באַרעך־איציק. זיי שטייען שוין קוים אײַן...

בראַכיע. מיר פֿאָרן אין גוראַלניע אַרײַן... מעכוטן, מיר פֿאָרן. (צו באַרעך־איציקן.) וועסט זען, אויב נאָך אַ פּאָר שאָ ער איז נישטאָ, וועסטו שפּאַנען און צופֿאָרן אַליין אין דאָרף אַרײַן. נו, מעכוטן...

באַרעך־איציק דערלאַנגט פּעלצן, מע טוט זיך אָן.

אזריעל. די מעכוטענעסטע?.. זיך געזעגענען?

בראַכיע. פּוסטע מײַסעס... געפֿאָרן.

אזריעל. פּערעלע, וואָס באַפֿעלסטו עפּעס צום כאָסן?

פּערעלע ענטפֿערט ניט.

בראַכיע. אַ גרוס!.. זײַט געזונט!

אַלע אָפּ. פּערעלע נעמט אַראָפּ פֿון טיש. עס קומט אַרײַן ריווקע.

ריווקע. פּערעלע, די מאַמע האָט פֿון נעכטן אָן אין מויל ניט געהאַט.

פּערעלע. גייט איר אַרײַן... מיר ענטפֿערט זי ניט...

ריווקע צוריק אין קיך. עס קומט אָן יויעל קלעזמער.

יויעל. אַ גוט־העלף, פּערעלע...

פּערעלע. אַ גוט־יאָר, רעב יויעל, אַ גאַסט... זיצט...

יויעל. אַ דאַנק... איך בין געקומען... דער טאַטע איז נישטאָ אין דער היים?

פּערעלע. נאָרוואָס אַוועקגעפֿאָרן... רעב יויעל, אַ גלאָז טיי?

יויעל. טיי? אַ ביסל בראַנפֿן מעכעטייסע...

פּערעלע. מע קען ביידע (ברענגט אי טיי, אי בראַנפֿן און פֿאַרבײַסן.) געניסט, רעב יויעל...

יויעל. וווּ איז די מאַמע?

פּערעלע. זי איז עפּעס ניט מיט אַלעמען!

יויעל. קראַנק?

פּערעלע. ניין. גאָט באַהיט... ניט מיט אַלעמען. וואָס געניסט איר ניט, רעב יויעל? (יויעל גיסט אָן, נאָר טרינקט ניט. קוקט אָף פּערעלען.) וואָס קוקט איר אָף מיר אַזוי, רעב יויעל?

יויעל. איך קוק אָף דיר, זע איך די מאַמע אין די יונגע יאָרן.

פּערעלע. די מאַמע האָט באַדאַרפֿט זײַן שענער...

יויעל. שענער... נאָר אָן אָרעמע...

עס גייט אַרײַן דווירע.

דווירע. פּערעלע!.. אַ גאַסט... יויעל...

יויעל. אַ גוט־העלף... איך בין געקומען... איך וויל בעטן, מע זאָל מיר... געבן די כאַסענע.

דווירע. בראַכיע איז אַוועקגעפֿאָרן... און ס'איז נאָך דאָ צײַט... ערשט שאַבעס נאָך שוועס... (צו פּערעלען.) פּערעלע, גיי אַ ביסל שפּאַצירן... גיי, טאָכטער, ס'איז הײַנט אַ שיינער טאָג... גיי אַריבער צו כאַנעלען...

פּערעלע גייט אַוועק, נאָר בלײַבט שטיין אין טיר. הערט זיך צו.

דווירע. וואָס מאַכט עפּעס מירעלע? נאָך אַלץ אַזוי שיין?

יויעל. געוווען אַ שיינע, האָט זי יויעל קלעזמער מִיִעס געמאַכט.

דווירע. פֿאַרוואָס געניסט איר ניט? די טיי ווערט קאַלט.

יויעל. אַ ביסל בראַנפֿן וועל איך נעמען... לעכאַיִם, דווירעשע... (טרינקט אָפּ אַ ביסל און שטעלט אַוועק.) כ'וואָלט געוואָלט האָבן די כאַסענע...

דווירע. איר וועט זי האָבן... כ'ל שמועסן מיט בראַכיען. פֿאַרבײַסט...

יויעל. דווירעשע... פֿון ווען אָן אירצסטו מיך?..

דווירע. ש־ש־ש... (באַמערקט פּערעלען.) פּערעלע, פֿאַרוואָס גייסטו ניט שפּאַצירן? (פּערעלע אָפּ.) טרינקסט נאָך אַלץ, יויעל?

יויעל. פֿאַרוואָס ניט? וואָס וועט טאָן בראַכיע מיטן בראַנפֿן, אויב קיינער וועט נישט טרינקען? (קוקט זיך אום.) וועל איך אַראָפּקומען מאָרגן...

דווירע. ניין, איבעראַכטאָג מירצעשעם...

יויעל. מאַניש איז דאָ ניט געוועזן?

דווירע. ניין... אויב איר זעט אים, זאָגט אים, ער זאָל אַרײַנקומען...

יויעל אָפּ. פּערעלע קומט צוריק. דווירע באַמערקט זי ניט גלײַך. באַמערקט, ווערט פֿאַרכידעשט.

דוווירע. פּערעלע, כ׳האָב דאָך דיך געבעטן, זאָלסט גיין א ביסל שפּאַצירן!

פּערעלע. איך װעל ניט גיין... ס׳איז מיר א בושע!..

דוווירע. א בושע? פאַרװאָס!

פּערעלע. מאמע... סע טוט דיר װיי?

דוווירע. גיי... רעדסט, װי א קינד... ער האָט דאָך ניט געטראָפן...

פּערעלע גייט צו צום פענצטער. דוווירע קוקט איר נאָך.

דוווירע. פּערעלע... קום אהער... נעענטער... איך װיל דיך עפּעס פרעגן... נאָר זאָלסט מיר ענטפערן דעם עמעס... ניט שעמען זיך... פאַר א מאמען דאַרף מען זיך ניט שעמען... זאָג מיר, טאָכטער, דעם עמעס זאָג מיר... װילסט ניט דעם כאָסן?

פּערעלע. פאַרװאָס מיינסטו?

דוווירע. פּערעלע, הער מיך אויס... איך בין דיר א מאמע... זאָג, װײַל ס׳איז נאָך צײַט...

פּערעלע. ס׳איז מיר א ראַכמאָנעס אָפּן טאַטן... ער איז אזוי אַלט...

דוווירע (ביטער). א ראַכמאָנעס אָפּן טאַטן... געפונען אָף װעמען צו האָבן ראַכמאָנעס? (פויזע.)

פּערעלע. מאמע... דער אַלטער... שמאַריע... װאָס זאָל דאָס זײַן, װאָס ער איז נאָך נישטאָ צוריק?

דוווירע. איך װייס ניט...

פּערעלע. מאמע... ער האָט דאָך געקענט פאַרפרוירן װערן!

דוווירע. ער האָט געקענט... פּערעלע... הער מיך אויס... װײַל ס׳איז נאָך צײַט...

פּערעלע. דער טאַטע... עס װעט אים זײַן א גרויסע בושע...

דוווירע. נאַריש קינד! האָב ראַכמאָנעס אָף זיך, אָף דײַנע יונגע יאָרן! איצט איז נאָך צײַט... דערנאָך װעט זײַן צו שפּעט, װי בא מיר!

פּערעלע. װי בא דיר? מאמע! דו האָסט אויך... געװאָלט אַן אַנדערן? (בלײַבט פאַרשעמט.)

דוווירע. פּערעלע, פון מיר איז שוין נישטאָ װאָס צו ריידן. איך רעד פון דיר, פּערעלע...

פּערעלע. נייִן, מאמע... איך װיל װיסן... א קינד דאַרף אויך װיסן, װאָס אין דער מאמעס האַרץ טוט זיך... זאָג מיר, מאמע, דו האָסט אויך געװאָלט אַן אַנדערן? זאָג מיר, מאמע!.. מאמע, פאַרװאָס זשע?..

דוווירע. אַן אָרעמער איז ער געװען. און דעם זיידן איז ניט אָנגעשטאַנען דער יִיכעס... און... בראָכיע איז געװען אַן אַלמען... ער איז צוגעשטאַנען... ער האָט אויסגעדונגען באַם זיידן די מיל...

פּערעלע. דער זיידע האָט אויך געהאַלטן א מיל?

דוווירע. א מילנער געװען... מע האָט זיך אָנגעהויבן לאָדן... ער האָט דעם זיידן גערוי־דעפּט, פאַר א קאַפּצן געמאַכט. און עס זײַנען געװען נאָך שװעסטער...

פּערעלע. האָט מען דיך פאַרקויפט?..

דוווירע. װי צו דער שכיטע בין איך געגאַנגען.

פּערעלע. מאמע, און װאָס איז געװאָרן מיט יענעם? א, מאמע?

דוווירע. אָנגעהויבן טרינקען... א שיקער געװאָרן...

פּערעלע. מאמע!.. שעם זיך ניט... זאָג מיר אויס, איאָ, יויעל קלעזמער? איאָ, מאמע?

דוווירע דעקט זיך איבער מיטן שאַל... שלוכצט. פּערעלע בעט זי.

פּערעלע. מאמע... מאמע... (הייבט אַליין אָן װיינען.)

ריוקע (קומט ארײַן מיט א טאַץ, אָף איר א װאַזע, פון װעלכער עס גייט א פּאַרע). דוווי־רעשע, איר האָט נאָך הײַנט אין מויל ניט געהאַט... (דערזעט. ציט זיך א ביסל צוריק. בלײַבט שטיין אָפּהענטיק.)

(פאָרהאַנג)

דריטער אקט

דאָס ערשטע בילד

זומער־צײַט. א טײל פענצטער שטײען אָפן. נאָך מינכע־מײַרעוו אין קלויז. לעבן הרובע, באם שאבעס־פארנאכטיקן „קריע־טיש", זיצן: דרײַ באטלאָנים, מענדל ברײַנעס איבער א מישנאיעס, מאָניש בא דער זײַט. שאַלעם און מױשל בא שטענדערס. עס קלינגט דער זײגער.

ערשטער באטלען. מע דארף גײן אהײם.
צװײטער. װאָס איז דאָס אײַלעניש? די קישקע?
מענדל. אי־נורא, יידן, מישנאיעס... קאדעש...
דריטער (פארקלערט, װי פאר זיך). נאָך שמאריען... (פויזע.)
צװײטער. ליגט אָן א צאם... א כילעל־האשעם.
ערשטער. בראכיע װאָלט געמעגט שטעלן... זיך געװנוג אָנגעאנגען פונזײַנעטװעגן.
צװײטער. בראכיע...
דריטער (אלץ אזוי פאר זיך). אזא טויט... פארפרוירן װערן...
צװײטער. מע װאָלט באדארפט שרײַבן צו די קינדער.
ערשטער. װער זשע װײסט, װוּ זײ זײַנען?
דריטער. א פראָסטער ייִד... אָן ערלעכער...
צװײטער. אָט אזוי האָט מען אים געפונען, װען ס'איז אראָפּ דער שנײ... די האנט באם הארצן...
דריטער. מיסטאם פארכאלעשט... אָן עלטערער מענטש... אין אזא זאװערוכע...
ערשטער (ביטער). די האנט באם בוזעם... אָפּגעהיט בראכיעס געלט...
דריטער. נעמאָנעס...
צװײטער. א מאזל פון א נאָגיד... ס'האָט דאָך ניט געפעלט א פרוטע...
ערשטער. א קלײניקײַט... אזא צאדיק, װי בראכיע!
דריטער. אבי סע שטײט שעליכע מיצװע אײנאָן ניזוקין...[1]
ערשטער. בעהײמעניק... װאָס פאר א מיצװע? אויסדינגען די מיל בא אן אָרעמען יידן?
צװײטער. װאָס זשע איז שולדיק געװען שמאריע?
ערשטער. איך זאָג דען, אז ער איז געװען שולדיק? גלאַט, „שעליכע־מיצװע"...
מענדל (פארמאכט דעם מישנאיעס, קוקט זיך ארום). נישטאָ קײן מיניען? װוּ זײַנען די באָכערים?
ערשטער (הײבט זיך אוף). מע דארף אהײם גײן...
צװײטער. האָסט, אפאָנעם, א גוטע װעטשערע?
ערשטער. נישט מײן קויעך אָף בראכיען!
מענדל. אי־פע! שעלטן! א יידן! װאָס שײַעך?
ערשטער. כ'האָב אים אין דר'ערד!
צװײטער. מענדל... מע װאָלט באדארפט א שמועס טאָן מיט בראכיען... ער ליגט ניט געצאמט...

מענדל. װי קאָן מען איצט שמועסן מיט בראכיען? פונקט אין זמאן־האכאסענע.
דריטער. מע װאָלט באדארפט זען אין שטאָט צונויפמאכן.
ערשטער. אין שטאָט... בא װעמען? בא מיר? בא דיר? אין שטאָט! נישקאָשע, בראכיע איז ניט קראנק צו שטעלן...
מענדל. אי־פע! װאָס שײַעך שעלטן גאָר!
ערשטער. װאָס נעמסטו דיך אזוי אָן פאר אים? האָב ניט קײן מוירע, עס װעט אים גאָר־נישט שאטן! ער טראָגט א גוטע קאמײע!
דריטער. דאָך... מענדל...
מענדל. װאָס װילט איר פון מיר? איך טו, װאָס איך קען. איך לערן מישנאיעס, זאָג קאדעש.
ערשטער. װערט אים דאָרטן װארעם, שמאריען. אָף יענער־װעלט! (פויזע.)
מענדל. מע שמועסט... אז אין ענגלאנד האָט מען אויסגעקלערט אזא מאשינקעלע, װאָס אז מע לײגט עס ארײַן אין די שטיװל, איז װארעם אין גאנצן לײַב, מעג זײַן דער גרעסטער פראָסט!

---

[1] שליחי מצוה אינן נזוקין — אז מע גײט צוליב א מיצװע, װערט מען ניט געשעדיקט.

צ ו וי י ט ע ר. אזוי?.. פארוואָס זשע גאָר אין די שטיוול? אַלפּי־סייכל וואָלט מען עס באַדאַרפט האַלטן אין דער קאָפּאָטע!

מ ע נ ד ל. אַפּאָנעם, פון די שטיוול קומט די גאַנצע קעלט...

ע ר ש ט ע ר. דאָס איז עמעס... איך בין אַן אײדעס... שטיוול... אַף בראכיען געזאָגט געוואָרן... סאַמע לעכער...

מ ע נ ד ל. אײַ, ווען ער האָט די מאַשינקעלעך! ער וואָלט אײַנגענומען די גאַנצע וועלט!

ד ר י ט ע ר. ווער? שמאַריע?

מ ע נ ד ל. באַטלען!.. נאַפּאָלעאָן!.. „שמאַריע"... ווי קומט שמאַריע צו אַזאַ מאַשינקעלע? אַז וואָס אַזאַ מאַשינקעלע קאָסט, מעגן מיר זיך אַלע איבערנעמען ווינטשן צו פאַרמאָגן.

ע ר ש ט ע ר. אַזוי גאָר? הייסט עס, נאָר פאַר די גווירים? האָב איך זיי אין דר'ערד, דײַנע ענגלענדער, מיט די מאַשינקעלעך! די גווירים איז אַזוי אויך וואָרעם!

מ ע נ ד ל. ביסט אַ שוטע... עס גייט אין סייכל... אַזוינע מאַשינקעלעך...

ע ר ש ט ע ר. כ'האָב זיי אין דר'ערד מיטן סייכל. דער „סייכל" פון אַ באַסקויען[1]... זאָלן זיי עפּעס אויסטראַכטן פאַר די קאַפּצאָנים וועגן. (אָפּ.)

צ ו וי י ט ע ר. ווי דאָס איז פאַרקויפט צום פּרעס!

מ ע נ ד ל. מירן אויך גיין. מײַן ברײַנע, זאָל געזונט זײַן, וועט האָבן יעסורים... (גייט פאַרבײַ מאַנישעס שטענדער. קוקט אַרײַן.)

מ אָ נ י ש. מע האָט שוין באַשטעלט... ריווקע האָט באַשטעלט אַ צאַם...

מ ע נ ד ל און צ ו וי י ט ע ר (איבעראַשטע). ריווקע?!

מ ע נ ד ל (אַליין). פּילײ־פּעלאָיִם! גיי ווייס...

צ ו וי י ט ע ר. עפּשער דווירעלע? (ביידע אָפּ, זשעסטיקולירנדיק פאַרכידעשט.)

ד ר י ט ע ר (אויך פאַר זיך). אַזאַ טויט... (אָפּ.)

מאָניש גייט אום צערודערט. שאָלעם קוקט אים נאָך נײַגעריק. פּלוצעם דערהערט זיך מוישלס געוויין. וואָס מער, אַלץ שטאַרקער. אַ היסטעריש שלוכצן.

ש אָ ל ע ם. מוישל! וואָס איז דיר, מוישל!

מ ו י ש ל. שמאַריע... אַ גאַנץ לעבן אַזוי זיך אָנגעפּלאָגט... אַף דער עלטער אַ מעשולעך באַ בראַכיען... און אַזאַ טויט!.. פאַרוואָס פאַר ווען?.. סכאַר אַף יענער־וועלט?.. ווער ווייסט? עפּשער וועט אויך דאָרטן בראַכיע זיצן אויבנאָן און שמאַריע וועט זײַן אַ מעשולעך?.. און עפּשער איז גאָרנישט ניטאָ! גאָרנישט?!.. עפּשער איז יעקל גערעכט? כאַפּ און עס!

ש אָ ל ע ם. מאָניש!..

מ אָ נ י ש. קינדער... כ'האָב עס שוין אָנגעשריבן... הערט... (נעמט אַרויס אַ בויגן פּאַפּיר, לייענט.) „...ער גייט. דער ווינט רײַסט אויף די פּאָלעס, די באָרד. ער טוט זיך אַלע מאָל אַ כאַפּ מיט דער רעכטער האַנט באַ דער לינקער זײַט. ער ציטערט:

— איך זאָל כאָלילע דעם קאָנטראַקט מיטן געלט ניט פאַרלירן..."

זיי האָבן ניט באַמערקט, ווי יעקל און אַנדערע זײַנען אַרײַנגעקומען און הערן אונטער.

י ע ק ל (רײַסט אַרויס דעם בויגן פּאַפּיר). מעסירעס שרײַבסטו?.. מעסירעס אַף רעב בראַכיען?.. כעוורע! זײַט אײדעס!..

מ ו י ש ל (היסטעריש). גיב אָפּ!.. ד' מינוט גיב אָפּ!..

י ע ק ל (לאַכט). זעסט, מאָניש? האָסט שוין צוויי כסידים... קאָנסט שוין ווערן אַ באַלשעם... נאַ... באַהאַלט... קיין מאָסער בין איך נאָך לעסאַטע ניט. אָבער וואָרענען דיך דאַרף מען. האָסט זיך אַרײַנגענומען אַ מעשוגענע מאַנקאָליע אין קאָפּ אַרײַן און מאַכסט נאָך אַנדערע מעשוגע. קוק זיך אַרום באַצײַטנס.

ש אָ ל ע ם. און וואָס גייט עס דיך אָן?

י ע ק ל. כ'האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז מיט דיר רעד איך ניט. דו גייסט מיך ניט אָן. אַפילע מיטן קאָפּ אין דר'ערד אַרײַן, ווײַל דו האָסט ניט קיין קאָפּ. מאָניש גייט מיך אָן. (צו מאָנישן.) גייסט אַף אַ פאַלשן דערעך, מאָניש. ס'איז אַ מאַנקאָליע אָט דאָס, וואָס דו האָסט זיך אײַנגערעדט: האַסקאָלע באַס האַשאָמאָיִם, די הימלשע טאָכטער בילדונג... אַהאַווע באַס האַשאָמאָיִם, די הימלשע טאָכטער ליבע... וואָס ווילסטו, מענטש אײנער? ווי יעשײַע האַנאָווי? אומאָלאָ האָאָרעץ דייע, די ערד וועט ווערן פול מיט וויסן?

מ אָ נ י ש. פאַרוואָס ניט?

י ע ק ל. בעהיימעס וואָס איר זײַט! וואָס מיינט איר? דער מענטש וועט ווערן בעסער?

[1] דער „סייכל" פון אַ קויִענס אַ טאָכטער, ווען זי הייבט אָן מעזאַנגע צו זײַן.

מ אַ נ י ש. ער וועט ווערן!

י ע ק ל. עפּשער, ווען מאָשיִעך וועט קומען... גלייבסט דאָך אין מאָשיִעכן, אָ? און ביז דעמלט איז דער מענטש דאָס, וואָס ער איז געווען באַם אָנהייב... געווען אַן אָרט אין דער געמאָרע, וואָס מע האָט עס אַרויסגענומען... מע גיט זיך עס איבער נאָר פון מויל צו מויל... אַי דאָס אין דער שטיל, אַנדערע זאָלן ניט דערהערן... „וועאַכיירים אוימרים, און אַנדערע זאָגן, אַדאָם האַרישן קויף האַיאָ, אַדאָם האַרישן איז געווען אַ מאַלפּע". (צווישן די קלויזניקעס אַ באַוועגונג.) יאָ, יאָ! עס זאָל אײַך צו קיין בושע ניט זײַן... מע האָט עס ניט אַרײַנגעשטעלט, ווײַל עס פּאַסט ניט, וואָרעם וואָס פאַר אַ פּאָנעם וועט דעמלט האָבן דאָס באַשאַפן דעם מענטשן אין גאָטס געשטאַלט, אויב ער איז געווען אַ מאַלפּע... (באַוועגונג צווישן די קלויזניקעס.)

מ אַ נ י ש. איז וואָס? איך ווייס אויך פון דעם סאָד. און איך בין שטאָלץ, וואָס ראַבי מייער...

ק ל ו י ז נ י ק ע ס. ראַבי מייער?

מ אַ נ י ש. יאָ. ראַבי מייער. אומעטום, ווו סע שטייט סטאַם „וועאַכיירים אוימרים", איז עס ראַבי מייער. און איך בין נישטוימעס, וואָס דער גרויסער, קלוגער טאַנע, עלישע בען אַוויעס טאַלמיד, האָט מיט אַזויפיל הונדערטער יאָרן צוריק געהאַט מוט אַרויסצוזאָגן אַזאַ האַשאָרע, אַז דער מענטש קומט אַרויס פון אַ מאַלפּע. מע האָט עס ניט אַרײַנגעשטעלט אין די געדרוקטע גע־מאָרעס אויס מוירע פאַר דער אינקוויזיציע און אויס מוירע פאַר די אייגענע מאַשכיסים און מאַס־רים. אָבער וואָס ווילסטו דרינגען דערפון? דער מענטש קומט אַרויס פון אַ מאַלפּע. אָבער די מאַלפּע איז אַ מענטש געוואָרן, וועלדער אויסגעקאָרטשעוועט, די ערד צעאַקערט, באַשאַפן מעלו־כעס מיט געזעצן, טעמפּלען, פּאַלאַצן. ער באַשאַפט איצט מאַשינען, וואָס ווערן געטריבן דורך פּאַרע. און דאָס איז ערשט אַן אָנהייב!

י ע ק ל. הער אויס. האַק ניט איבער מיט דײַנע גראַמען. דער מענטש איז געווען אַ מאַלפּע און געבליבן אַ מאַלפּע.

מ אַ נ י ש. ניט עמעס! אַז ס'איז נאָך געבליבן עפּעס פון דער מאַלפּע — דאָס יאָ. אַז עס זײַנען נאָך פאַראַן צווישן מענטשן אַזעלכע, וואָס זײַנען נעענטער צו דער מאַלפּע, ווי צום מענטשן, — דאָס יאָ. אָבער דער מענטש! דער מענטש פון מי, דער מענטש, וואָס ציט פון דער ערד מיט זײַן שווייס דאָס ברויט; דער מענטש, וואָס בויט הײַזער, מילן, שיפן און באַנען, נייט קליידער און שיך... ניין! דער מענטש איז שוין ניט קיין מאַלפּע און וועט עס ניט זײַן!

י ע ק ל. נו, ביסטו אַ לעמעלע!.. איך ווייס, פונוואַנען דאָס שטאַמט. איך כאַפּ אויך אַ קוק אין די טרייפע פּאַסלדיקע ספאָרימלעך אײַערע...(אַ באַוועגונג צווישן די קלויזניקעס.) איר האָט אײַך אָנגעכאַפּט אין אַ נײַעם געץ... היסטאָריע הייסט זי... איז הער מיך אויכעט אויס, מאָניש. כ'האָב טאַקע אַ קרומען אַקסל, אָבער דער קאָפּ איז באַ מיר אַ גלײַכער. די היסטאָריע פונעם מענטשן איז די היסטאָריע פון דער מאַלפּע. און שרײַבן שרײַבט מען זי צוליב שיינקײַט. וואָס איז זי, אײַער היסטאָריע, וואָס איר שטאָלצירט אַזוי מיט איר? איר — מאַסקילים! עס איז אַ מײַסע, וויאַזוי דער־מענטש, אָט דערוויַיטערט ער זיך פון דער מאַלפּע, אָט קומט ער צוריק. ס'איז אַ מײַסע אָן אַ סאָף...

מ אַ נ י ש. שעקער! שעקער פונעם אָנהייב ביז צום סאָף! ניט נאָר דער אַקסל איז באַ דיר קרום! דער קאָפּ איז באַ דיר קרום! רישעס רעדט פון דיר אַרויס. דער מענטש מיט זײַן מי, מיט זײַן דורשט צו וויסן, פאָרשטיין — ער גייט אַוועק אַלץ ווײַטער פון דער מאַלפּע. דער מענטש באַשאַפט אַ נײַע וועלט. ער וועט אַלצדינג איבערמאַכן. דו הער, וואָס ראַבי אַקיווע זאָגט.

י ע ק ל. ראַבי אַקיווע?

מ אַ נ י ש. יאָ! ראַבי אַקיווע! און איך בין פול היספּעלעס, וואָס ער האָט עס געזאָגט. איר געדענקט, וואָס ער ענטפערט דעם רוימער טורנוס רופוסן? דעם מענטשנס מײַסים זײַנען גרע־סער, ווי גאָטס. „גאָט האָט נאָר דעם כוימער, דעם שטאָף באַשאַפן... דער מענטש אַרבעט אים איבער לויט זײַנע באַדערפעגישן". דער מענטש! ער וועט דאָס גאַנצע לעבן איבעראַנדערשן. ער, דער מענטש, וועט מאַכן אַ גאַנידן פון דער ערד!

י ע ק ל. איך קען אָט די טוירע... איך ווייס, פונוואַנען זי שטאַמט... פון פײַנשטיינען... איך קום אויך צו אים אַמאָל אַרײַן.

ק ל ו י ז נ י ק ע ס. דו?

י ע ק ל. יאָ, איך. וואָס איז? ווײַל כ'האָב מער סייכל פון אײַך? איך גיי נאָר באַנאַכט... בלײַב איך אַמאָל נעבעכטיקן. שטעל מיך הינטערן טירל פון זייער כיידער. לויט דעם מעדרעש קומט אויס, אַז די נאַכט באַשטייט פון דרײַ אַשמוירעס. אין איינער בילן הינט, אין דער צווייטער הירזשען אייזלען, און אין דער דריטער שמועסן זיך איבער מאַן און ווײַב... אַזוי הייסט עס, קלוימערשט מע שמועסט זיך איבער... (די באָכערים לאַכן.) און אײַער רעבע האַלט נאָר פון איין אַשמוירע. דרײַ מאָל אין דער נאַכט וועקט ער זײַן שולאַמיס... און די־אָ מאַלפּע שרײַבט שירים וועגן דער

הימלישער טאַכטער — בילדונג און וועגן דער הימלישער טאַכטער — ליבע! צווי הימלישע טעכ־טער באַדאַרף ער, איינע איז אים ווייניק. (געלעכטער.)

שאָלעם. הער, יעקל, איך וועל קיין סאך ניט ריידן. נאָר צווי ווערטער וועל איך דיר זאָגן: ביסט א מענוּוול, א פּאסקודניאַק!

יעקל. א מענוּוול, א פּאסקודניאַק. פּארוואָס? ווייל דו האָסט א קאָפּ, ווי א שפּילקע־קעפּל. דו האָסט דאָך שטרוי אין קאָפּ, ניט קיין געהירן. וואָס מע לייגט אריין, נעמסטו אָן. איך רעד צו מאַנישן!

מאַניש. און איך זאָג דיר, יעקל: ווערסט שלעכט ענדיקן. דו פאַרומווירדיקסט דאָס שענסטע, וואָס איז דאָ אין מענטשן. און דערצו פאַלשעווסטו! דו פאַלשעוועסט, ווי איינער, וואָס מאכט פאַלשע מאַטבייעס! פּאַרוואָס האָסטו נישט געזאָגט ביז צום סאָף, ווי עס שטייט?.. עס שטייט: „מאַן און ווייב שמועסן, און דאָס קינד זויגט פון דער מוטערס ברוסט". (צו אנדערע.) איר האָט געלאכט? אז ווי איז צו אייך! איר האָט געהאַט מאַמעס? טראכט איר אַמאָל פון זיי? ווען איר האָט ערלעכע הערצער און קלאָרע מויכעס, וואָלט איר געשטאַנען פול מיט היספּייליעס פאַר דעם זאָג אין מעדרעש. איר וואָלט דערהערט די גרויסע באַוועגונג אין דער נאַטור, דעם גרויסן אומרו פון אלץ, וואָס לעבט. הינט טאַקע בילן, אייזלען הירזשען... וואָס איז דאָס? עס איז דער גרויסער אומרו פון אלץ, וואָס לעבט. עס איז די בענקשאַפט נאָך טאָג, נאָך ליכט... אָבער דער מענטש? ער ווייסט, אז נאָך דער נאכט מוז קומען און וועט קומען דער ליכטיקער טאָג. דאָס קינד זויגט פון דער מוטערס ברוסט. טאַטע־מאַמע שמועסן זיך איבער... וויפל מענטשלעכקייט, וויפל ליבע...

יעקל (לאַכט). ליבע!.. פּוסטע מייסעס. ניטאָ קיין ליבע. זנוס איז פאַראַן, און איר פּוצט עס ארום מיט פּליטערלעך, מיט גראַמען... זנוס איז פאַראַן. אין יעדן מאַן שטעקט א בוהיי... אין יעדער פרוי שטעקט א זוינע... און דיין שולאַמיס, דיין פּערעלע, איז אויך א זוינע!

מאַניש דערלאַנגט אים א פּאַטש. יעקל הייבט אויף דעם שטעקן. עס לויפט אריין א קלויזניק.

קלויזניק. דער ראָוו גייט אהערצו. מיט בראַכיען!

אלע שנעל צו די געמאַרעס. מע לערנט. עס גייען אריין דער ראָוו און בראַכיע,

אויך דער שאַמעס.

ראָוו. איר זעט, רעב בראַכיע? מע טאָר ניט גלייבן קיין בייזע צינגער. אונדזערע באַכערים לערנען טוירע. (צו יעקלען.) ווו האַלט איר?

יעקל. מיר ענדיקן שוין דאָס לייענען.

ראָוו. אוודע א שאָד ביטל־טוירע, נאָר צוליב אזא מיצווע... מירצעשעם מאָרגן קומט רעב בראַכיעס כאָסן, א לאַמדן מופלעג. עס קומען נאָך מעכוטאָנים לאַמדים. איר וועט דאַרפן גייז באַגעגענען... גייט, רוט אייך אויס... (אלע כוץ מאַנישן און שאָלעמען אָפּ.) איר ווילט נאָך לער־נען? לערנט... יִסראָעל, זאָלסט צוגעבן נאָך ליכט... (אָפּ מיט בראַכיען.)

בראַכיע (אין גאַנג). ראָוו, שוין צייט א טראַכט צו טאָן וועגן טאַכלעס. מאַניש איז א היפּשער באָכער.

ראָוו. עפּעס בין איך אַף אים קיין מיוּון ניט די לעצטע צייט.

בראַכיע. פּוסטע מייסעס. ער וועט כאַסענע האָבן, וועט עס איבערגיין.

ראָוו. כאַסענע־הויצאָעס... אויסשטייער...

בראַכיע. און ווו איז בראַכיע?

ראָוו. אז רעב בראַכיע זאָגט, איז עפּעס אנדערש (אָפּ.)

מאַניש שטאַרק אופגערודערט.

שאָלעם. וואָס גייסטו אזוי ארום? סע טוט דיר באַנק אפּן פּאַטש?

מאַניש. ניין... וואָס קענסטו טאָן מיט אזוינע יעקלס?.. זיי פאַרפּאַסקודיען אלצדינג. און מיט רייד זיינען זיי שטאַרקער. דער סאָטן איז שטאַרקער פונעם באַשעפער. צעשטערן איז גרינ־גער, ווי בויען... מע מוז אמאָל אָנקומען צו פּעטש. כאָטש ס'איז פּריקרע.

שאָלעם. אָבער צו וואָס טויג עס דיר? נאָך וואָס?.. מאַניש... מע דאַרף ארויס פונדאַנען... (באַקומט ניט קיין ענטפער. גייט אוועק.)

מאַניש (שטייט באַם שטענדער, ווו עס ברענט אן איינציקע ליכט). אלע האָבן דאָ א וועג... שאָלעם — זיינעם, יעקל — זיינעם... וווהין פירט מיינער?

עס עפנט זיך אין דער הייך דאָס פענצטער פון דער ווייבערשער קלויז. ריווקע.

ריווקע. מאַנישל... (ער קוקט דערשטוינט.) מאַנישל, קום ארוף צו מיר... ס'איז קיינער נישטאָ... מאַנישל...

אין פענצטער פון קלויז פון דרויסן פּערעלע.

פ ע ר ע ל ע. מאַנישל... מאַניש... קום ארויס... גיכער... צוויי ווערטער...
ר י וו ק ע. מאַנישל...
פ ע ר ע ל ע. גיכער... כ׳האָב מיך ארויסגעגאַנוועט...
ר י וו ק ע. איך בעט דיך, מאַנישל...
פ ע ר ע ל ע. מאַ־ניש...

ער כאַפּט זיך פארן קאָפּ. די ליכט ווערט פארלאָשן. מע הערט נאָר: „אוי!״.

(פ אָ ר ה א נ ג)

דאָס צווייטע בילד

בינע, ווי אין ערשטן אקט. יויעל קלעזמערס הייפל. די זין און ל יי ז ע ר ב א ד כ ן.

ל יי ז ע ר. וואָס טוט מען? א?

ע ר ש ט ע ר. אזא אומגליק! נישטאָ ס׳טאַטעלע!

צ וו יי ט ע ר. פלוצעם פארפאַלן געוואָרן... גיי זוך אים.

ד ר י ט ע ר. אזא ביזויען... און בראַכיע וועט זיך אָפּרעכענען!

ל יי ז ע ר. כאַיִם, עפּשער פירסטו די קאַפּעליע? ס׳איז דאָך א ביזע־ביזויען! די מעכוטאָנים קומען באַלד, און די קלעזמער זיַינען נישטאָ! כאַיִם!

עס לויפט אַן ר וו ע ל ע ש א ד כ ן, אונטערן גלעזל.

ר וו ע ל ע. כעוורע, וואָס שטייט איר? צי שלאָפט איר, צי גייט איר? שוין דאָ די מעכוטאָנים פון כאָסנס־צאַד. מיטן באַדכן, מיטן שאַדכן! לייזער!

ל יי ז ע ר. רוועלע שאַדכן, ביסט א מאַמזער א לאַטכן! עס גייט ניט קיין באַדכן אָן א ביסל יאַש!

ר וו ע ל ע. לייזערל יאַסער, עס וועט זיַין בראַנפן, ווי וואַסער. וועסט ארויס היַינט א נאַסער! געגאַנגען!

ל יי ז ע ר. כאַיִם!

אַלע אָפּ. אפן שול־הויף. מע שפּילט. עס קומען אָן מעכוטאָנים. צווישן זיי דער ר אָ וו, מ ע נ ד ל ב ר יַי נ ע ס אאַ. א סאַך וו יַי ב ע ר און מ יי ד ל ע ך, כ א נ ע ל ע.

א וו ר ע מ ל. ראַבויסיַי! אין נאָמען פונעם שווער, זאָל לעבן, רעב בראַכיען, זאָג איך איַיך ברוכים האַבאָים און בעט איַיך, זיַיט זיך מעסאַמייעך לעקאָוועד האַקאַלע האַבסולע פּערעלע טיכיע. און גרייט איַיך צו מעקאַבל־פּאָנעם זיַין דעם כאָסן! (אָפּ. מוזיק.)

ל יי ז ע ר (גיט א צייכן אָפּשטעלן די מוזיק). ראַבויסיַי יידן, שאַט נאָר, שאַט! לעקאָוועד דעם ראָוו א שיינעם וויוואַט! ער וועט האַלטן א דראָשע מאָסעק מידוואַש, עס וועט זיַין אי רעמעז, אי פּשאַט, אי דראַש! ראָוו, זיַיט מויכל, רעדט מיט קוראַזש!

מ ע נ ד ל. ש־ש־ש... שאַ!

ר אָ וו. ראַבויסיַי ייִדן... עס איז א מאַכלויקעס צווישן אונדזערע גדוילים, צי מעגן ייִדן זיך פרייען, מאַכמעס זינט באַאַווויִנויסיינו האָראַבים ס׳איז כאָרעוו געוואָרן דער בייס־האַמיקדעש, טאָרן ייִדן זיך ניט פרייען. אָבער פאַראַן יעש אוימרים, וואָס האַלט פאַרקערט, אַז ייִדן ד א ר פ ן זיך פרייען, זיך מעסאַמייעך זיַין אָף א כאַסענע. און מעסאַמייעך זיַין כאָסן־קאַלע, מאַכמעס כאָסן דוימע לעמיילעך, א כאָסן איז געגליכן צו א מיילעך, און א מיילעך דאַרף זיַין פריילעך... זאָל אונדז האַשעם־ייִסבאָרעך אָפּהיטן פון א מיילעך א מאָרעשכוירעניק, מאַכמעס אז דער מיילעך איז א מאָרעשכוירעניק, גיט ער ארויס שווערע גזיירעס. און אָף ווען מען פאַלן די גזיירעס? אָף אַכיינו בניי ייִסראָעל... און דעריבער, הייסט עס, איז א מיצווע צו מעסאַמייעך זיַין כאָסן־קאַלע... וויַיל כאָסן דוימע לעמיילעך... און א מיילעך דאַרף זיַין פריילעך... און אזוי טאַקע פלעגט מען אַמאָל פראַווען כאַסענעס אין מיַינץ, אין ווירמיַיזע, אין דער גרויסער ייִדישער קעהילע פּראָג, ווו דער מאַהאַראַל זיכרוינוי ליווראָכע האָט געמאַכט דעם גוילעם... מיט לייצים, אזוי פלעגט מען דעמלט רופן קלעזמער, מיט באַדכאָנים, מאַרשאַלעקעס, מיט פאַרשטעלטע, מיט ריַיטער אָף פערד... און אַני האַקאָטן, איַיער ראָוו, האַלט מיט דער דייע, אז ייִדן דאַרפן זיך פרייען אָף א כאַסענע, וויַיל כאָסן דוימע לעמיילעך. פרייט זשע איַיך, ייִדן, זיַיט זיך מעסאַמייעך, און זאָל האַשעם־ייִסבאָרעך געבן וואָס מער סימכעס בא ייִדן און בא דער גאָרער וועלט. אָמיין סעלאָ.

מ ע נ ד ל. יאַשער קויעך! (מוזיק.)

לייזער. און איצט, ראַבויסיי, שאַט נאַר, שאַט! עס וועט זאָגן דער ראָוו, כ׳מיין דער באַדכן!! פון כאַסנס־צאַד! כאָטש ער הייסט מוישע, איז ער ניט ראַביינו, פונעם גאַנצן שיר־האַשירים קען ער נאָר יישאָקייני, אָנשטאָט מאַלאָכים כאַפּט ער פליגן, און וואָס ער זאָגט, איז גאָלע ליגן!! איינס איז עמעס — זיין ווייב הייסט הענע... מוישע יעדאַבער, לייזער יאַאַנענו.

מוישע. ראַבויסיי, איך האַלט ניט פון לייצאָנישע שטיק! גראַמען לייצאָנעס איז אויך אַן אַנטיק? די גאַנצע מייסע שטייט מיר ניט אָן!

לייזער. זעט, ווי ער בלאָזט זיך! נאָר ווי אַ האָן! מע קאָן מיינען, אַז ער האָט כאָטש דאיאַ־נישע סמיכעס! מוישעלע דרייער, דערצייל אונדז דיין ייכעס!

מוישע. ראַבויסיי יידן. כאָטש איך בין ניט קיין היגער, דאָך מעגט איר גלייבן, אַזוי זאָל לעבן מיין שוויגער, זי איז אָפּן אוילעם־האַעמעס, און קען אייך זאָגן בעפּיירעש: איך בין געווען דער אונטערפירער באַם קיניג אַכאַשווירעש.

לייזער. באַ מיילעך שניידער!

מוישע (זינגט).

עס פלעגן ווערן די קאַפּאָרע פאַר אים ווייבער און מיידלעך,
מאַכמעס אַ מייַנסטער אַ גרויסער צו נייען זיי קליידלעך,
און זינגען אַ לידל, און האַפּקען אַ פריילעכס,
אוי, יידעלעך, יידעלעך, שוין איינמאָל אַ מיילעך (וויל נעמען אַ פלאַש מיט בראַנפן.)

לייזער. כאַפּ ניט, פאַמעלעך!

מוישע. נו מאַכט זיך איינמאָל, געווען איז פאַר פּורים.
זיצט זיך דער מיילעך באַ זיך אינעם טורעם,
באַ זעליק שניידער אין הינטערגעסל.
ער זיצט אַף אַ שטול — אַ ליידיק פעסל.
אָט דאָס איז געווען דעם מיילעכס טרוין[1],
ער מאַכט זיך צורעכט אַכאַשווירעשעס קרוין.
און זינגט זיך דערביי אַ לידל גאָר פריילעך!
אוי, מיילעך, שוין איינמאָל אַ מיילעך! (וויל נעמען די פלאַש.)

לייזער. כאַפּ ניט, פאַמעלעך!

מוישע. און ווי ער זיצט זיך אַזוי און ריכטעט די קרוין,
עפנט זיך די טיר און צום מיילעכס טרוין
גענעענט אַ מיידל און זאָגט אָט די רייד:
אַדויני מיילעך, וועסט מיר נייען אַ קלייד?
און ווי נאָר דער מיילעך דערזעט זי, פאַרגעסט ער
דעם טרוין און די קרוין. געהייסן האָט זי...

לייזער. עסטער!

מוישע. לייזערל יאַסער, שמענדריק בען געץ,
וואָס כאַפּסטו מיר אויס די פיש פאַר דער נעץ?
האַקיצער, ראַבויסיי, איך בין אייך ניט מאַריך,
ס׳האָט עסטער געהאַט אַ כאָסן אַ...

לייזער. אַ גוויר!

מוישע. און עסטערקע וויל גאָר דעם מיילעך,
אוי, מיילעך, שוין איינמאָל אַ מיילעך! (טרינקט).

לייזער. און איצט, ראַבויסיי, שאַט נאָר, שאַט!
עס וועט זיך באַווייזן דער צווייטער צאַד!
די טעג אונדז פאַרביטערט, די נעכט פאַרזיסט.

מוישע. לייזער יאַסער! דו ציסט און ציסט
און קאָנסט ניט קומען צו קיין ענד!
זאָג פּאָשעט: ווייבער, באַווייַזט, וואָס איר קענט!

לאַנגע פּויזע.

---

1 געמיינט טראָן: באַדכאָניש־אַרכאַישער אויסדרוק.

לייזער. מוישעלע־ברודער! דו גיב מיר באשייד
דעם פשאט פונעם שווייַגן און פון נייַן מאָס רייד.
מוישע. לייזער־ברודער! איך קען דייַנע שטיק,
באהאַלטסט דאָך אומישנע דעם בעסטן אנטיק.
דו ווילסט מיך פריטשמעליען מיט עפּעס אזוינס,
וואָס איך, אַן אָרעמער לעץ, בין דערצו ניט געווינט.
לייזער. געטראָפן אין פינטל, ווי איך בין א ייִד.
נעם, כאַנעלע, שפּיל אונדז אויס מאָגישעס ליד,
דייַן ברודערלס ליד... דו ווייסט, וואָס איך מיין.
פאַרשפּאָר מיר דעם אַלטן „וויין, קאַלעניו, וויין!"
כאַנע (מיט א רעווערענס). וואָס ווינטשט איר זען, איר ליבע לייַט?
לייזער. דעם קאַלע־טאַנץ פון שווערער צייַט!
מוישע. פון יענער צייַט, ווען ס'האָט זיך געדאַכט,
אַז געשטאָרבן איז די פרייד אונטער אונדזער דאַך.
כאַנע. שפּילט, קלעזמאָרים, שפּילט בעגימעס. שפּילט מיט דערעכערעץ,
מיטן אייניקל א טאַנץ גיין וועט דער זיידע פּערעץ.
עלטערזיידע!.. טיף געבויגן און שוין ווייַס אינגאַנצן,
וועט ער צוויי־דריי טראָט נאָר מאַכן, מיט דער קאַלע טאַנצן. (טאַנצט אליין.)
שטאַרקער שפּילט אצינדערט, קלעזמער! לעבעדיק און פריילעך!
מיטן אייניקל א טאַנץ גיין וועט דער זיידע מיילעך!
גאַלע קאָרבן איז דער שטערן, גראָ איז שוין ער אינגאַנצן,
גיט אים צו דער נאַכעס קויעך מיט דער קאַלע טאַנצן. (טאַנצט אליין.)

זיסער שפּילט אצינדערט, קלעזמער, פּיאַנאָ שפּילט לעסאַטע,
ווי פון דרימל אופגעכאַפּט זיך, שווימט ארויס דער טאַטע.
זילבער־פעדעם אין דער באָרד שוין, נאָר די אויגן גלאַנצן,
שטרעקט ער אויס די הענט מיט ליבשאַפט — מיט דער טאָכטער טאַנצן.
(טאַנצט אליין.)

העכער שפּילט מיר אוף, איר קלעזמער! הילכעדיקע טענער!
דער מעכוטן קומט אצינדערט, פון די ייִנגסטע שענער!
כיטרער שמייכל אין די אויגן, בעקלעך, ווי מאַראַנצן,
ווייַזט ער קונצן קאַוואַלעריש, מיט דער קאַלע טאַנצן. (טאַנצט אליין.)

און אצינד קומט, פעטערס, מומעס, קומט אויך, ליבע שכיינים!
אַלע זאָלט איר אייַך באווייַזן אין דעם טאַנץ דעם שיינעם!
ס'איז דאָך נאָר א כיווו צום צאָלן מיט דער קאַלע טאַנצן,
מירצעשעם, בא אייַערע קינדער וועל איך אויך א טאַנץ גיין!

בלייַבט שטיין מיטן טיכל דערשראָקן.

וואָס זשע הענגט אזוי מייַן טיכל, אוש דאָס הארץ דערשרעקט זיך?
וואָס זשע הענגט פאַרשעמט מייַן טיכל און קיין האַנט ניט שטרעקט זיך?
עלטערזיידע! זיידע, טאַטע! מעכוטן איר מייַן ליבער!
וואָס פאַר אומגליק אייַך פאַרשניטן? ווו, אין וועלכע גריבער?..

ווו זשע זייַט איר, פעטערס, מומעס? ווו, איר טייַערע שכיינים?
קיינער קומט זיך ניט באווייַזן אין דעם טאַנץ דעם שיינעם!
האָט דער סוינע שוין פאַרטיליקט אונדזער פרייד אינגאַנצן?
קיינער וועט שוין קיינמאָל קומען מיט דער קאַלע טאַנצן?

— —

כאַסן מייַנער, ליבער מייַנער, קום צו מיר, באשערטער,
פול דאָס הארץ, עס ברעכט זיך איבער, נאָר נישטאָ קיין ווערטער.
וועלן מיר אפסנייַ זיך נעמען אונדזער גאָרטן פלאַנצן,
זאָלן גיין נאָך טאַטעס, זיידעס מיט דער קאַלע טאַנצן!

און איר, ייִדן, מײַנע ייִדן, מעכוטאָנים אַלע,
אַלע, אַלע קומט אהערצו טאַנצן מיט דער קאַלע!
הייבט די קעפּ מיט גאַדלעס, זאָלן אויגן גלאַנצן!
ס׳וועלן גיין נאָך טאַטעס, זיידעס מיט דער קאַלע טאַנצן! (טאַנצט.)

לייזער. און איצטער טען קאָוועד... יאַאַמויד!
רוועלע שאַדכן!.. האָסט פאַרשאַכערט אַ מויד!
אַ מיידל אַ גאָלד, אַ דימענט, אַ פּערל,
פאַרשאַכערט פאַר געלט צום מעסער, צום שערל...

רוועלע. פאַרמאַך שוין דאָס מויל, דו, שיקערער טערעך!
גענוג שוין דעם אוילעם דײַן טוירע צו בראָקן!

שאַמעס. גוואַלד, ייִדן! סע גייען קאָזאַקן!

סימולירט שרעק. נאָר די סאַרוועדקע מיטן געבעקס נעמט אָן אַ העלדישע פּאָזע.

פאַרשטעלטע

קאָזאַקן. דוניי־דוניי־דוניי־דוניי־דוניי־דוניי־דוניי־ניי!
אַלט דאָס לידל און פאַרגעסן, נאָר מיר זינגען עס אַפּסניי.
פּישאָוו קאָזאַק זאַ דוניי, זאַ דוניי!

סאַרוועדקע. קאָזעק, קאָזעק, קאָזאַטשינע,
עפּשער זאָגסטו די פּריטשינע,
וואָס געזוכט און וואָס געפונען...

כאָר. אַ קאָזעק באַם דוניי?

פאַרשטעלטע

קאָזאַקן. ווײַל דו קענסט גוט לעקעך באַקן,
וועלן זאָגן די קאָזאַקן,
וואָס געזוכט און וואָס געפונען
ס׳האָט אַ קאָזעק באַם דוניי!
מיר געפירט אַ בריוו צום מיילעך,
צו דעם מיילעך קאַטשקע־דריילעך...

כאָר. צו דעם קייסער פון טערקיי.

סאַרוועדקע. קאָזעק, קאָזעק, ליבער קאָזעק!
נעם אַ ביסל ווימאַראָזעק,
קומיש־ברויט פאַרקיי.
און דערצייל, וואָס טוט דער מיילעך,
יענער מיילעך קאַטשקע־דריילעך...

כאָר. דער קייסער פון טערקיי!

פאַרשטעלטע

קאָזאַקן. אָף אַ בעט דאָרט טוט ער זיצן,
און ארום אים, נעבעך, שוויצן
זײַנע ווײַבער, בוימל שפּריצן,
און ער עסט...

כאָר. מאַליי.

פאַרשטעלטע

קאָזאַקן. זאָגן מיר אים: איילעך־מיילעך,
איילעך־מיילעך, קאַטשקע־דריילעך,
טערקעלע, ווסטאַוויי!
און מיט פוס אָף אים אַ טופּע,
צי ווייסטו, אַז ס׳איז היינט אַ כופּע
די גרעסטע אין ראַסיי?

כאָר. היי!

סאַרוועדקע. נאָר די קאַלע, נעבעך, וויינט,
קיינער ווייסט ניט, וואָס זי מיינט...

כאָר. אַך איז אונדז און וויי!

פארשטעלטע

קאזאקן. און דריבער, איילעך־מיילעך,
איילעך־מיילעך, קאטשקע־דריילעך,
טוען מיר צו דיר באפעלן
מיטן הארבן וואָרט!
שיקן דײַנע ווײַבער אלע
פריילעך מאכן אונדזער קאלע
און קיין איינע טאָר ניט פעלן...

כאָר. הײַנט נאָך אפן אָרט!

מוזיק — טוש. עס עפנט זיך א הינטערשטער פאָרהאנג. עס שטײַגן אויס דעם „סולטאַנס ווײַבער", געפירט פון א טראָמפּייטן־בלאָזער און א הויף־מארשאל אין א מאסקע.

מאסקע. עלטסטער שויפער־בלאָזער, שאל!
איך בין דעם קיניגס הויף־מארשאל,
איך פיר דאָ אוף דעם קארנאוואל!

היי, נאָשים! צוערשט זיך פארן ראָוו פארנויגט!
מיט כיין, מיט גראַציע — א בויג.
נאָר האָט אין זינען — קיין גוט־אויג!..

דער שאדכן... אָט־אָ שטייט ער דאָרט —
דער שוטעף צו דעם פרויען־מאָרד!..
גיך פליקט אים אויס די ציגענע באָרד!

נאָר דעם באדכן לאָזט צורו! אין אים ניט צילט...
ער — אַן אַלטער גוטער־ברודער. (צו קלעזמער.)
כעוורע לייצים! טרו־רו־רודער!
וואָס קוקט איר אַן מיך אזוי ווילד?
א נײַעס דען בא אײַך דאָס בילד?
עס איז שוין אַלט פיל הונדערט יאָר!
איר טוט א מיש דאָס בלעטל נאָר.
ס׳איז אויסגעווייקט פון טרערן, בלוט,
דאָך טרעפט מען דאָרט ניט ווייניק מוט,
וואָס פילט אונדז אָן מיט שטאָלץ די זעל.
היי, באדכן! לוסטיקער געזעל!
צי האָסטו ניט אמאָל געהערט,
ווי מ׳פלעגט פארצײַטן אף וועלשער ערד, —
איטאליען הײַנט עס הייסט דאָס לאנד! —
פארמויערן אונדז מיט הויכער וואנט
אין געטאָ, אז קיין טראָפּן שײַן
אין אונדזער הויז זאָל ניט ארײַן!..
אין לאנד פון זון, פון הימל־בלוי
פאריגלען פלעגט מען אונדז אזוי,
אז אייביק האָט געהערשט דאָרט נאכט,
און יוגנט האָט געוועלקט, געשמאכט.
ביגנייווע נאָר, ווי מ׳גאנוועט א הון,
געגאנוועט האָבן מיר א שטראַל פון זון! (מוזיק.)
און דאָך, דאָס זאָגן מוז איך אײַך,
אז דאָס איז גאָרנישט אין פארגלײַך
מיט יענער פײַן און יענער שאנד,
וואָס אויסגעשטאנען מיר אין דײַטשן־לאנד!
אַך, ווען ריידן קאָן פון וואנט א שטיין,
עס וואָלטן אלע שטעט באם ריין
אזוינס דערציילט, אז ס׳וואָלט די זון

איר שײַן אױף איביק אָפּגעטון
פון אונדזער ערד...

ברידער מײַנע! װער פון אײַך האָט ניט געהערט,
װי מע האָט צום עק פון װילדן פערד
צוגעבונדן אַ ייִדישן מײדלס קאָפּ,
און אָפּגעלאָזט דאָס פערד גאַלאָפּ?..

עס עפנט זיך דאָס קלױז־פענצטער. מאַניש.

מאַניש. איך!
מאַסקע. דערצײל, נאָר גיך!

עס עפנט זיך דאָס צװײטע פענצטער. יױעל.

יױעל. כאַים! דעם פידל מיר געשװינד! איך שפּיל אַצינד!

אונטער דער מוזיק הײבן מאַניש און יױעל אָן, זיך בײַטנדיק, דערצײלן.

...אין הימל האָט מען זיך נאָך אַ מאָטאָנע פאַרבענקט. האָט מען דעם רײנסטן מאַלאך אױסגעקליבן און באַפױלן: פלי, מאַלאך, אַראָפּ אױף דער ערד; אױב דו זעסט עפּעס אַזױנס, װאָס איז אױסטערליש שײן און דערהױבן, ברענג עס אַרױף אױפן הימל.

פליט דער רײנער מאַלאך איבער דער ערד, פליט און פליט, און זעט ניט גאָרניט, װאָס זאָל װערט זײַן צו באַװײַזן אין הימל. טרױעריק װערט דער מאַלאך: צו קלײן זײַנען די מענטשן און קלײנלעך זײערע מײַסים. װעט ער אַזױ אײביק פליִען און צוקוקן די נישטיקײַטן פון די מענטשן אױף דער ערד? נאָר פּלוצעם דערהערט ער קולעס פון הערנער און טראָמפּײטן. קוקט דער מאַלאך אַראָפּ און זעט: אַ דײַטשישע שטאָט. דער פּלאַץ פאַרן מאַגיסטראַט, איבערפולט פון מענטשן. מענטשן אױף די דעכער און די באַלקאָנס. פאַרן מאַגיסטראַט אַ טיש, געדעקט מיט אַ גרינעם טוך. אַרום אים הערן אין סאַמעטענע קלײדער.

אָן אַ זײַט שטײט געבונדן אַ ייִדיש מײדל. ניט װײַט האַלטן צען קנעכט אַ װילד פערד. דער פּרעזידענט פון מאַגיסטראַט װענדט זיך צום פּעבל[1] אַרום דעם מאַגיסטראַט. ער לײענט אַ פּסק:

— אָט די יודין איז אַ שװערע זינד באַגאַנגען. זי האָט זיך אַרױסגעגאַנװעט פון געטאָ אין אונדזער הײליקן לעצטן יאָמטעװ, און אונדזערע רײנע גאַסן האָט די יודין מיט אירע פיס באַטראָטן. זי האָט מיט אירע בליקן אונדזער הײליקע פּראָצעסיע פאַרשװעכט. און װער װײסט, צי האָט דער טײַװל, װאָס זיצט אין דער יודין, דעם ראַװס טאָכטער, ניט באַפלעקט אונדזערע אַ רײניקײַט. און דאָס איז איר פּסק: צובינדן זאָל מען זי מיט אירע קישעפדיקע צעפּ צום עק פון װילדן פערד און אָפּלאָזן דאָס פערד. זאָל איר בלוט אָפּרײניקן אונדזערע הײליקע גאַסן.

אַ פרײדיקער יובל־געשרײ ברעכט אױס פונעם פּעבל.

— יודין, — פרעגט דער פּרעזידענט, — זאָג דײַן לעצטן װוּנטש!

— אַ טוץ לאַנגע שפּילקעס מיר געבן, — ענטפערט דאָס מײדל.

מע פילט אױס איר פאַרלאַנג. זי שטעכט זיך אַרײַן אין לײַב די שפּילקעס, אַז דאָס קלײד זאָל זיך ניט פאַרהײבן און זאָל ניט אַנטבלױזן איר לײַב.

דאָס װילדע פערד יאָגט איבער די גאַסן. דעם מײדלס בלוט רינט, אָבער איר לײַב װערט ניט אָפּגעדעקט.

— אָט דאָס דאַרף מען װײַזן אין הימל! — רופט אױס דער מאַלאך. ער שלעפּט אַרױס אַ פאַרבלוטיקטע שפּילקע און אַרױף אין הימל. די מאָטאָנע איז געפעלן.

געענדיקט, בלײַבן זײ אין די פענצטער.

מאַסקע. הײ, ייִנגל, קום אַרױס און זאָג!
האָב איך דיך נישט אַמאָל באַגעגנט
אין װײַטער צײַט אױף יענע װעגן,
װאָס פירן ביז צום אַלטן פּראָג?
נאָר שטײ אַ װײַלע, שטײ, מיר דאַכט,
אין רעגענסבורג אין שטיבל קאַהאַלשן...

---

[1] האַמױן.

געבונדן צו דער זײַט פֿון פּאַליש
האָב איך געזען דיך אין אַ נאַכט?

מאַניש. ס'איז מעגלעך, אַז אויך דאָ, אויך — דאָרט.
וואָס איז דער כילעק, ווי סע הייסט דאָס אָרט?
דאָס אָרט זיך בייט, נאָר ס'בלײַבט די קייט,
וואָס וואַרגט אונדז אָפּ די יונגע פֿרייד.
טו ווײַטער, מאַרשאַלעק, דײַן זאַך,
דו טוסט עס גוט. נעם צו מײַן שוואַך!

מאַניש און יויעל אָפּ פֿון די פֿענצטער.

מאַסקע. לאַנג און שווער געווען די נאַכט.
עס האָט דעם סוינעס אויג געוואַכט,
אַז וויאַנען זאָל בא אונדז די פֿרייד.
און אויב דאָס איז געווען נאָך קאַרג,
איז אָנגעוואַקסן, ווי אַ באַרג
פֿון האַרבע טאָר־נישטן אַ קייט...
און דאָך געכאָוועט האָבן מיר די פֿרייד,
ווי אַ געוויקס, ניט אין דער ברייט,
נאָר אין דער טיף און אין דער הויך!
דורך פֿײַער, בלוט און וואָלקנס רויך!
און דאָס באַווײַזן מיר הײַנט אויך!
שוויפֿער־בלאָזער! העכער שאַל!
אַזוי באַפֿעלט דער הויף־מאַרשאַל!

לייזער. וואָס זשע שטייט איר, כעוורע לייצים,
אָנגעכמורעט? גלײַך די פּלייצעס!
העכער הייבט די קעפּ!
שפּילט אַ וויוואַט פֿאַרן מיידל,
פֿאַרן בלוט־באַשפּריצטן קליידל,
שפּילט אויך פֿאַר די צעפּ! (מוזיק.)

מוישע. און איר, שוועסטער, פֿריילעך, מונטער,
און דאָס לעבן פֿאַרביק, בונטער,
נעמט אַרײַן אין טאַנץ.
זאָל די גאָרע וועלט דאָס וויסן —
אונדזער פֿאָדעם ניט צעריסן,
אונדזער פֿאָדעם גאַנץ! (אָנוווקס פֿון מוזיק)

מאַסקע. כעוורע לייצים! יויעלס קינדער!
שטאַרקער, העכער שפּילט אַצינדער,
שפּילט פֿאַר אונדז אַזוי:
שפּילקעס אינעם לײַב זיך שטעכן,
נאָר ניט לאָזן זיך פֿאַרשוועכן —
דאָס איז אונדזער פֿרוי! (אָנוווקס פֿון מוזיק.)

אלעדרײַ. דורךליידן, דורך טרערן
ביז די סאַמע העכסטע שטערן,
דורך פּײַן, דורך נויט!
שיר־האַשירים! אונדזער ריינקײַט,
אונדזער ליבע, אונדזער שיינקײַט
שטאַרקער פֿונעם טויט!

אַפּאָגיי. עקסטאַז־טאַנץ.
עס גייען אַרײַן בראַכיע, אַזריִעל אאַ.

בראַכיע. מעכוטאָנים! גייט מעקאַבל־פּאָנעם זײַן דעם כאָסן. אָרעמעלײַט, צום אָרעם־מאַלצײַט. מײַן שענק איז הײַנט פֿרײַ. קאָל דיכפּין!

אַזריִעל. איך האָב געבראַכט געוונדזנס און אינדיק־פֿלייש. עסט און זאָל אײַך ווויל באַקומען!

בראכיע. ראָוו! גייט גרייט אײַך מעסאַדער־קידושן זײַן. שאַמעס, גרייט אָן די כופּע!
מאָניש (אין פענצטער). עס וועט ניט זײַן קיין כופּע! פערעלע איז מײַן קאַלע! מיר דאָס וואָרט געגעבן!
יויעל (אין פענצטער). עמעס!

ווירוואַר. באָרעך־איציק לאָזט זיך צו מאָנישן. קלעזמער און מאַסקע פאַרשטעלן.

קויליעס. מעשוגענער!
— פאַרשטערן אַ ייִדישע סימכע!
— אויסרײַסן די צונג!
— אין כּיירעם אַרײַנלייגן!
— אָפּגעבן פאַר אַ רעקרוט!
— צובינדן צו דער קייט! צו דער קייט! צו דער קייט!

(פאָרהאַנג)

פערטער אקט

מאָניש אַף דער קייט. שפּעט אין דער נאַכט. מע הערט כּאַסענע־מוזיק, אַמאָל שטאַרקער, אַמאָל שוואַכער.
מאָניש, טיף פאַרזונקען אין מאַכשאָווע. עס גייען אַרײַן דרײַ באַלעבאַטים, וואָס גייען צו כּצאָס.

ערשטער. פּוישע ייִסראָעל...
צווייטער. מעשוגענער! שאַקעץ טעשאַקצענו!.. טפו! (שפּײַט אַף אים.)
מאָניש. שפּײַסט אַף גאָט!..
אַלע. מעשוגענער! (הייבן אָן די פויסטן צו שלאָגן.)
מאָניש. עס שטייט געשריבן: „און ער האָט באַשאַפן דעם מענטשן אין זײַן געשטאַלט"...
אַלע (קוקן זיך איבער. פאַסקענען). מעטורעף... (אָפּ.)
מאָניש. אַזוי... אַזוי... מעטורעף... אַ? עפּשער איז אַ שטיקל עמעס דאָ דערין?
מע דאַרף אַ קלערער טאָן וועגן דעם... צי בין איך נאָך באַם זינען?
זיי זײַנען אַלע קלאָרע, ווייסן, וואָס זיי ווילן,
לעכעם לעכויל ובעגעד לילבויש[1]... און לייגן צוויי פּאָר טפילן.
אַ וועג אַ קלאָרער פירט זיי פון געבוירן ביז צום קייווער.
און איך? עס וויינט און קלאָגט אין מיר איעדער אייווער.
פערעלע... און וואָס זאָל דאָס אינגאַנצן דען באַטײַטן?
אין פאַליש אַף דער קייט... די קייט פון אַלע צײַטן!

מוזיק ווערט העכער, פאַרשײַטער. רײַסט זיך פּלוצעם אָפּ.

זיי שפּילן דאָרט און טאַנצן... און זי? אַ, כאַלעם מײַנער שיינער!
פאַרשפּיגן, פאַרומווירדיקט... אַ סאָטן שטשירעט ציינער,
שפּעט פון מיר און ווײַזט מיט כויזעק מיר אַ צונג...
אַ, גאָט! לאָז ניט אויסלעשן זיך אין מיר דײַן ריינעם פונק!

פאַרזינקט אין מאַכשאָווע. עס גייט אַרײַן דער ראָוו. ער גייט צו כּצאָס.

ראָוו (מיט ניגן). מאָניש! וואָס זיצסטו אַזוי פאַרזונקען אין דײַנע שווערע ראַיוינעס? נעם זיך, מאָניש, צו דעם לערנען. לערן טוירע מיט גרויס כּיישעק. זי טוט היילן אַלע וווּנדן, זי וועט היילן אויכעט דײַנע. אוי, ראַבי אַקיווע האָיאָ אוימער... ראַבי אַקיווע פלעגט אַזוי צו זאָגן...
מאָניש. רעבע, רעבע! ווי קען איך לערנען?.. צי הערט איר דען ניט, ווי מע שפּילט דאָרט? פערעלען פירט מען צו דער כופּע... אוי, ראַבי אַקיווע האָיאָ אוימער... ראַבי אַקיווע פלעגט אַזוי צו זאָגן...
ראָוו. מאָניש!.. טו טשווע...

---

[1] לחם לאכול ובגד ללבוש — ברויט צום עסן און אַ קלייד אָפּן לײַב.

מאָניש. אף וואָס פאַר א כעט?

ראָו. זאָל זיך גאָט אף דיר דערבאַרעמען! (אָפּ.)

מאָניש. טשווע... אַלע מאָנען זיי טשווע... זיי טראַכטן אויס כאַטאָים, מאַכן קייטן און מאָנען טשווע... און די קייט מאָנט א האַנט!.. עמעס, קייט? דו מאָנסט א האַנט? עלע צו וואָס הענגסטו דאָ? ווער דאַרף דיך? שווייַגסט, קייט?

יעקל (שטעקט אַרייַן דעם קאָפּ). אַזוי! אַזוי! פרעג! אַן ענטפער וועסטו קריגן... א לענגערע קייט... ניין, א קירצערע! זאָלסט זיך אינגאַנצן ניט קענען רירן! און אָנגעשריבן וועט זייַן אף איר: יאַמטעוו!.. פרייַהייַט... בילדונג!.. ליבע! אָט אַזוי... (לאַכט. פאַרשווינדט.)

מאָניש. מענוווּל! (רייַסט זיך אף צום לויפן, ווערט פון דער קייט צוריקגעצויגן). מענוווּל! הייליק איז דאָס וויסן! די ליבע איז הייליק! מענוואָלים! איר האָט די קייט אויסגעטראַכט! איר! ניט דער מענטש פון מי! איר, מענוואָלים! איר פאַרשוועכט אַלצדינג! איר!

פאַלט צוריק א מידער. שאָלעם קומט אָן.

שאָלעם. מאָניש...

מאָניש. שאָלעם?

שאָלעם. זייַ געזונט... איך פאָר אַוועק...

מאָניש. און כאַנעלע? כאַנעלע?..

שאָלעם. מיט מיר... שרעק זיך ניט. איך בין גענוג געזונט פאַר ביידע. און... הער אויס, מאָניש. איך... איך מאַך ניט פון מענטשן קיין מאַלאָכים, האָב איך ניט מוירע פאַר קיין שיידים. מיר צעגייען זיך. עפשער וועלן מיר אַמאָל זיך נאָך טרעפן, — איך, דער מענטש פון אַרבעט, דו — פון שירע. און פאַר כאַנעלען זייַ רויִק. איך ווייס, וואָס איך וויל און צו וואָס איך שטרעב. אַרבעט — דאָס איז מייַן האַסקאָלע. זייַ געזונט! (אָפּ.)

מאָניש. און איך? און מייַן כאָלעם? (טראַכט. באַטראַכט די קייט.) וועט אייביק זייַן אַזוי?

יעקל (מיטן קאָפּ נאָר). שיר־האַשירים! (אָפּ.)

מאָניש. יעקל! יעקל! קום אַהער!

יעקל (אויף און האַלט זיך פונדערווייַטן). איך ווייס... דו ווילסט דעם קאָפּ מיר פּלעטן, אים אויסגלייַכן... איאָ? דאָך הער מיך אויס. אײן אייביקייַט איז פאַראַן! דו הערסט? און די אייביקייַט איז הייליק... הער, הער! צום שפּילן הערסטו זיך צו? הער זשע זיך צו אויך צו מייַן געזאַנג. עס איז אָן גראַמען און אָן מוזיק... אײן אייביקייַט איז דאָ — די קייט. און זי איז הייליק. זי איז (קוקט זיך אַרום), זי איז — גאָט... איר זאָלסטו דינען, וועט זי דיך פון זיך באַשיצן. טראַכט, מאָניש, טראַכט. דו שלאָפסט? דאָס איז גוט. פאַר שלאָפן שטראָפט מען ניט. שטראָפן שטראָפט מען פאַר וואַכן... דו הערסט מיך, מאָניש? (באַקומט ניט קיין ענטפער. שטשירעט די ציין. אָפּ.)

מאָניש (שפּרינגט אויף מיט מוט). אַלטער זשאַווער זאָל מייַן האַר זייַן? (פּרוּווט ברעכן די קייט. פאַלט צוריק א מידער.) איז בלויז דאָס געבליבן פון דוירעס ליידן און קאָרבאָנעס? צוליב דעם איז מען געגאַנגען אָפן שייַטער? איז דאָס דער זייכער פון אַזויפיל קדושים?.. ראַבי אַקיווע, ראַבי אַקיווע! דען צוליב דעם האָסטו געלאָזט זיך רייַסן שטיקער פון לעבעדיקן לייַב?.. (טראַכט. באַטראַכט די קייט.) און עפשער, אָ? עפשער איז די קייט א טייל פון הייליקייַט?.. איר סאָף, צו וועלכן זי מוז דערקייַקלען זיך אין באַרג־אַראָפּ?..

יעקל (נאָר מיטן קאָפּ). האַלטסט שוין אף א דערעך, מאָניש. אָט נאָך א ביסעלע! פּויל זיך ניט!.. עפן די אויגן ברייטער, וועסטו דערזען דעם גאַנצן שווינדל. וויסן, ליבע, יוישער, מענטשלעכקייַט... כאַ־כאַ... שווינדל!.. זנוס, אָרמע, רישעס — דאָס איז דאָ און דאָס וועט זייַן. פון אייביק ביז אייביק. ווו איז איצט דייַן פּערעלע? ווו?

מאָניש. אַוועק פון מיר! אַוועק! (לאָזט זיך צו אים, נאָר די קייט רייַסט צוריק.)

יעקל אָפּ.

מוישל (גייט פאָרזיכטיק צו). מאָנישל... מאָנישל... איך וואָלט די קייט צעריסן, בין איך שוואַך... כ׳האָב גערופן יויעלן.

מאָניש. יויעלן?.. ער שפּילט ניט?

מוישל. ניין... אין קרעטשמע זיצט ער... טרינקט... „רעב יויעל, האָב איך געזאָגט, קומט, מירן צערייַסן די קייט". — „ניין, האָט ער געענטפערט, ער האָט דעם ניסויען נישט אויסגעהאַלטן. פאַרוואָס האָט ער געזאָגט, אַז ער איז שולדיק?.." — „רעב יויעל, האָב איך געזאָגט, איר האָט דאָך געזען, וואָס מע האָט געטאָן מיט אים... און זי האָט אים פאַרלייקנט..." ער האָט נאָר א מאַך געטאָן מיט דער האַנט... מאָנישל, פאַרוואָס האָסטו געזאָגט, אַז דו ביסט שולדיק?

מאָניש. ווייַל כ׳האָב פּלוצעם דערהערט, ווי א קאָל אין מיר האָט א געשריי געטאָן „ליג־

נער"... ליגנער! דו גלייבסט נישט מער אין דעם, אין וואָס דו האָסט געגלייבט... דו קלאַמערסט זיך אין עפּעס, וואָס איז געווען און איז מער נישטאָ... האָסט מער נישט ליב!.. און איצט... איצט האָט עס אופגעפלאַקערט, ווי א געגעם! מיט האַס, מיט קינע... זי איז דאָרטן מיט אים... אונטערן אָטעם פון א מאַלפּע... און עס איז איר גוט!.. אָך! (פאַרצווייפלט.)

מוישע דערשראָקן אָפּ. עס לויפט אָן פּערעלע.

פּערעלע. מאָנישל... מאָנישל...

מאָניש. ווער ביסטו? וואָס ווילסטו? געקומען כויזעק מאַכן פון מיר?

פּערעלע. מאָניש... מאָנישל... איך בין עס, פּערעלע...

מאָניש. געווען אמאָל א פּערעלע... אמאָל געווען... וואָס ווילסטו?

פּערעלע. איך בין אנטלאָפן... צו דיר, מאָנישל... לאָז, איך וועל די קייט צערײַסן.

מאָניש שטויסט זי אָפּ). מע דאַרף ניט! גיי, גיי! ביסט אומריין!

פּערעלע. איז דאָס דײַן ליבע?

מאָניש. ליבע? ליבע איז נאָר — איינער, איינער!.. עכאָד!.. ביז דאָס לעבן אָפּצוגעבן! דו וועסט וועלן ביידע, ביידע!.. דערנאָכדעם אלע, אלע! גיי!

פּערעלע. מאָנישל... וווהין קען איך שוין איצט גיין?

מאָניש. גיי! ביסט אומריין! גיי! צום טײַך!

פּערעלע. צום טײַך?.. זײַ געזונט. (אָפּ.)

יעקל (מיטן קאָפּ). וואָס זאָגט איצט ראַבי אקיווע?

מאָניש. פּערעלע! (נעמט קעמפן מיט דער קייט.)

ריווקע לויפט אָן.

ריווקע. לאָז, מאָנישל... איך וועל צערײַסן! (צערײַסט די קייט.)

מאָניש. פּערעלע! (אָפּ.)

ריווקע בלײַבט מיט דער קייט אין האַנט. אוף יעקל.

יעקל. נו, וואָס האָסטו געטאָן? רײַסן קייטן איז א זינד!.. מאַך צורעכט אצינד, אויב דו קענסט... (נעענטער, לאַכט.) אים באַפרײַט — צוליב וועמען?.. ריווקע, ריווקעלע!.. קום מיט מיר אהין ארוף, אהינצו אין דער ווײַבערשער קלויז... דאָרט, וווּ די שכינע האָט פון טרערן אויסגע־בויט זיך א הויז... זעסט, איך קען אויך מאַכן גראַמען, ווײַל מיט דיר זיך גראַמען בלויז... דאַרפסט נאָר וועלן — און פון ליים, יאָ, פון ליים, פון פּראָסטער ערד, א מאַלכוס־בעט, ווי פון פוך פון ווייכסטן, פאַר אונדז ווערט... ריווקעלע, קום ארוף... איך קען אויך מאַכן פון ליים א גוילעם. דאַרפסט נאָר וועלן... (צודרינגלעכער.) ריווקע, מירן כאַסענע האָבן. איך א ראָוו, און דו א רע־בעצן. קען נאָך זײַן א שענער פּאָר?

נעמט זי ארום. ראַנגלט זיך מיט איר. זי רײַסט זיך אויס.

ריווקע. קרומער שעד! (אנטלויפט.)

יעקל. אַלץ פאַר אים נאָר, אַלץ פאַר אים! וואָלט ער זיך כאָטש הײַנט געטרונקען!.. (שטייט, קוקט זיך ארום, ווי ער וואָלט זוכן א האָקן זיך אופצוהענגען.)... ניין, אין דער ווײַבערשער קלויז... זאָל מײַן שאָטן זיי נאָכיאָגן, אָנוואַרפן אף זיי א שרעק. היי! יעקל שטעלט ארויס א לע־קער דער גאָרער וועלט, דעם גאַנצן שעקער!

עס לויפן אָן בראַכיע און אנדערע. געשרייען: „פּערעלע!".

סאָרע (לויפט אָן מיט א געשריי). מאָניש!.. זון מײַנער!

יעקל. צו טאַשלעך זײַנען זיי געגאַנגען... אויסטרייסלען די קעשענעס... צו טאַשלעך! (אָפּ.)

מילנער. צום טײַך געלאָפן... צו דער הרעבליע! (אלע אָפּ.)

אוף קלויזניקעס.

ערשטער. ביידע זיך געטרונקען!..

צווייטער. זי האָט זיך פון אים אויסגעריסן, געשריגן: „גיי! איך בין אומריין!".

דריטער. א ניט־גוטער, א שעד האָט זיי געשלעפּט... אליין געזען! צוויי הענט, אזוינע הענט! און א קאָל: „קום, מײַן קאַלע!.. מײַן קאַלע ביסטו!.."

פון בעסמעדרעש־טרעפּ ראָוו און באַלעבאַטים.

ראָוו. ווו איז מאָניש?

קלויזניקעס. אנטלאָפן, מיט איר אנטלאָפן! (אלע בלײַבן דערשטוינט.)

ערשטער באַלעבאָס. באַדאַרפט שטעלן א שוימער לעבן אים! מיט שטריק בינדן!

צווייטער (טאפט די קייט). אזא גווורע! מייַסע־סאָטן!

דריטער. זיי ווועלן זיך נאָך כאס־וועשאָלעם שמאדן... אָט וועט איר זען!

ראָוו. אל טיפטעך פע לעסאָטן!..

עס רייַסט זיך אויף א פענצטער אין דער הייך, אין דער ווייַבערשער קלויז. יִסראָעל שאמעס און יעקל ראנגלען זיך.

יִסראָעל. הענגעגן זיך גאָר! אין א מאָקעם־קאָדעש! איך וועל דיר געבן הענגעגן!

יעקל. אלטער בעהיימעניק! באדארפט בעסער פארציִען דעם שטריק!

יִסראָעל. איך וועל דיך שוין פארציִען! (ביידע אָפּ.)

ראָוו. וואס טוט זיך דאָ היינט? ריבוינע־שעל־אוילעם! די וועלט גייט אונטער!

ערשטער באלעבאָס (ווייַזט אף די קלויזניקעס). גיי האָדעווע זיי! גיב זיי „טעג"!

צווייטער. צעטרייַבן דארף מען זיי... זאָלן זיי גיין וואסער טראָגן!

דריטער. קיין האזשגאָכע ניט געווען... זיי וועלן ארויס לעטארבעס ראָע! אפיקארסים נאָר ווערן!

עס גייען אריַין אנדערע קלויזניקעס.

איין קלויזניק. זי געראטעוועט!

צווייטער. ווי א גיבער! ווי שימשן האגיבער!

דריטער. ער טראגט זי אהערצו...

ראָוו, באלעבאטים, קלויזניקעס אין פאכעד גייען אָפּ אין א זייַט. עס קומען אָן מאָניש און פערעלע.

פערעלע. איצט בין איך ריין?

מאָניש. זיי מיר מויכל, פערעלע! כ'האָב ניט פארשטאנען!.. ליבע איז א שטאפל נאָר, ליבע איז די ערשטע בכינע, און דער טויער הייסט גאָר ראכמים! און דער פאלאץ הייסט גאָר בינע[1]: ליבע אָן ראכמים און אָן פארשטיין איז גאָרנישט! איצט פארשטיי איך!

באלעבאָס. ראָוו!

ראָוו. האשעם יִשמאָריינו! מייַסע־סאָטן, מייַסע־סאָטן!

טרעט נאָך מער אָפּ אָן א זייַט. עס לויפן אָן בראכיע, מעכוטן, דווירע און אנדערע. אויך די קלעזמער, מוישל, מענדל בריַינעס.

אזריִעל. מעכוטן! גוואלד! אָן איישעס־איש! (לאָזט זיך אף מאָנישן.)

מאָניש. מייַנע איז זי!

דווירע. זייַנע!

בראכיע. דווירע!

דווירע. זייַנע!

בראכיע. דווירע!

דווירע. זייַנע!

אזריִעל. בראכיע! וועסט מיר באצאָלן קייפל־קיפלאיִם! איך וועל דיך פאר א קאפצן מאכן! וועסט בא מיר אָן הויזן בלייַבן!

בראכיע. דווירע... (רייַסט זיך די האָר.)

דווירע. זייַנע! ראָוו, גרייט צו א געט! שאמעס, גרייט א נייַע כופע. איך גיב דאָס שענסטע סאמעט־קליידן!

קוילעס. אין דער וועלט ניט געהערט געוואָרן!

דווירע. אין וואס פאר א וועלט? אין אייַער וועלט? א וועלט איז דאָס? גזיילע!

דער הימל ווערט רויט.

דווירע. זאָל מייַן קינד כאָטש לעבן, ווי דאָס הארץ האָט איר באפוילן! זייַנע!

עס גייט אריַין יעקל.

יעקל. עס ברענט! עס ברענט אומעטום!

מילנער. די מיל! די שפייַכלערס!

בראכיע. מעכוטן! מיר ברענען! (אָפּ מיטן מעכוטן.)

ראָוו. ייִדן, וואס שטייט איר? ייִדיש פארמעגן ברענט!

טייל לאָזן זיך.

---

[1] בינע — פארשטאנד.

יעקל. קומט, כעוורע, קוקן, ווי עס ברענט! (אָפּ מיט די קלויזניקעס.)

דווירע. ייִדן! לויפֿט ניט! אײַערס האָט שוין אָפּגעברענט! (יויעל לויפֿט אָן.) יויעל, שפּיל מיר! שפּיל מיר אָפּ פֿאַר אַלע יאָרן!

יויעל (כאַפּט ארויס בא כאַיִמען דעם פידל). איך שפּיל! דווירע! פֿאַר דיר שפּיל איך! (מוזיק.)

דווירע. שפּילט! שפּילט א פריילעכס, שפּילט א הוירע! פֿאַר דער פרוי, וואָס ניי געבוירן, שפּילט!

ריווקע. איך מעג אויך?

דווירע. אַלע, אַלע קומט צו דווירען! פֿאַר דער פרוי, וואָס ביי געבוירן! שפּילט!

מוזיק. אַלע טאַנצן. אויף מאַסקע. אַלע בלײַבן שטיין און וואַרטן.

מאַסקע. מײַן געזאַנג צו דיר, דווירע!
דו, דער העלד און דער מעשוירער,
דו, דער זיגער און דער זינגער,
ביסט פון אַלע מאַמעס יינגער!
דווירע! איך הער דײַן שטים פונוויַטן,
דורכן נעפּל פון פאַרצײַטן.

כאָר. אויך דאָס ליד, וואָס גייט שוין נאָ׳נט אויף.

מאַסקע. גרוס דיר, קומענדיקער יאָמטעוו!
ברידער, זינגט צו אונדזער מאַמען!
ווער קען מעסטן יענע יאַמען
פון יעסורים, וואָס געפאַלן
אין איר גוירל? דאָך די קוואַלן
בלײַבן אייביק פול מיט גלויבן.
נעמט זשע, ברידער, זינגען, לויבן
אונדזער דווירען, אונדזער מאַמען,
זינגט אריבער איבער יאַמען
ליד און טרערן —
העכער, העכער, אַלע זאָלן הערן.

כאָר. זינגט דאָס ליד, וואָס גייט שוין נאָ׳נט אויף,
גרוס דיר, קומענדיקער יאָמטעוו! (אָפּ.)

מאַניש. קום אהער, דו פרעמדער ליבער!
איך פיל אצינד, ווי יעדער פיבער
פון מײַן זעל צו דיר זיך ציט,
איך הער דײַן שטים, עס קלינגט, ווי ליד,
עס קוויקט און וואַרעמט מיך דײַן ליכט.
פרעמדער, ווײַז מיר דײַן געזיכט!

מאַסקע נעמט אראָפּ די מאַסקע.

אַלע. פײַנשטיין!

מאַניש (באַגײַסטערט). פײַנשטיין! אונדזער לערער! אונדזער זינגער!

פײַנשטיין. הער מיך אויס, מײַן פרײַנט, מײַן יונגער,
איך בין נאָך נישט ניט דער לערער, ניט דער זינגער,
וואָס דו מיינסט אים, מאַניש!
איך בין קעגן אים נאָך גאָרנישט!
איך זע אים שוין, איך זע אים —
אָט־אָט זיך אַנטפּלעקן וועט ער!
איך הער דעם רויש פון זײַנע בלעטער.
איך שפּיר דעם דופט פון זײַנע בלומען.
ער וואַקסט, ער וואַקסט, און ער וועט קומען
און וועט הייסן... (ווײַזט מיט דער האַנט אף מאַנישן.)

מאַניש (וויזיאָנעריש און ווי מיטאַמאָל זיך איבערגעשטאַלטיקט). ייִצכאָק־לייבוש פּערעץ!

אַלע (אף דער בינע). דערעכערעץ! דערעכערעץ!

(פאָרהאַנג)

ראָכל בוימוואָל

דאָס מיידעלע

פאָעמע

אריינפיר

וועגן וועגן יאָרן קומען וואָלט צו רייד,
איז וואָלט איך זאָגן: כ׳לעבן, א פאַרברעכן,
וואָס ראַק דער מענטש די יאָרן זיינע רעכנט
און רויבט אוועק בא זיך אליין די פרייד.

פאַרשטייט זיך, געבן וואָלט איך איצט א סאַך
פאַר באָרוועס אומלויפן אונטערן רעגן.
אָ, קינדהייט! ביסט נאָך איצטער מיין פאַרמעגן,
כאָטש אָפט ביסטו געוועזן אָן א דאַך.

כ׳בין אָן א דאַך צו קנאַפּע זעקס געבליבן,
דער טאַם פון דעם באַקאַנט איז מיר געניי.
מיין קינדהייט האָט געפלאַקערט ווי א שטרוי —
דורך נעכט און טעג פון אָרט צו אָרט געטריבן...

אין בעסטע טעג פון האָפענונג און פרייד
שלאָפט איין דאָס בייז, נאָר לאָזט זיך ניט פאַרגעסן.
דאָרט טיף אין מיר דער ווייטעק איז געזעסן —
אין יעדער רעגע אופכאַפּן זיך גרייט.

דעריבער, גוטער מענטש, געדולדיק זיי
און הער מיך אויס, — צעעפן דיין נעשאָמע.
מיין דאָר איז אויסגעשטאַנען צוויי מילכאָמעס,
מיר טראָגן דאָך אין האַרצן שפּליטערס בליי.

א מענטש פון פינף יאָר

א מיידעלע א בלאָנדס מיט בלויע אויגן.
די הענטלעך — צו דעם טאַטן אויסגעצויגן...
און אלץ איז איצט אין טאַטן נאָר געווענדט:
צי אָנשרייען, צי נעמען אָף די הענט.

נאָר ס׳נעמט זי אָף די הענט דער יונגער טאַטע,
און לויפט מיט איר, און שטעלט זיך אָפּ פאַרמאַטערט,
און לאַכט, און לאָזט אראָפּ זי אינעם מיטן פעלד.
בלויז קינד און טאַטע — צווייען אָף דער וועלט...

דאָס מיידעלע דאָס קליינס מיט בלאָנדע לאָקן
איז אלץ איינעם — גליקלעך און דערשראָקן,
איר שרעקט דאָס גליק, איר פרייט די זיסע שרעק —
דער זעלבסטבאַוווסטזיין איצט אין איר זיך וועקט.

נאָך די שוין פאַרעפנטלעכטע אין „סאָוועטיש היימלאַנד" פּראָזע־ווערק פון י. ראַבין, י. ריוועס און כ. טאַ־באַטשניקאָוו גייט די פאָעמע פון ר. בוימוואָל „דאָס מיידעלע" אריין אין דער סעריע ווערק, געווידמעט דעם 50־טן יאָרטאָג פון דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע.

אָ, סאָד פון אַלע סוידעס, סאָד פון ווערן,
פון ערשטן אופנעמען, פון ערשטן קלערן,
פון ערשטער אנונג — פריש און אומבאַקאַנט, —
מיר דוכט, אז כ׳האָב געפּאַקט דיך בא דער האַנט!

א מענטש — פינף יאָר איז אים — בלײַבט שטיין א שטומער
אין פעלד אין פרײַען, אף דער שוועל פון זומער,
א טיף דערשטױנטער פון א מאָדנער קראַפט...
— וואָס שטייסטו, טעכטערל, אזוי פאַרגאַפט?

דו, סאָד פון אַלע סוידעס, סאָד פון ווערן,
געהיימע טיפעניש פון ערשטן קלערן.
אף שטענדיק ווערט דאָרט עפּעס אויסגעהעלט,
ווי איינער זאָגט: אהא, אָט דאָס הייסט וועלט!..

און ס׳קוקט דאָס קינד פאַרציטערט און פאַרכידעשט.
דער יונגער טאַטע רעדט צו דעם אף יידיש,
און נעמט עס אף די הענט, און טראָגט עס אין וואַגאָן,
וווּ מענטשן רופן אָן די שפּראַך „זשאַרגאָן“.

דאָס שטיין אין פעלד איז בלויז א פּאָלוסטאַנאָק.
און שפּעטער קומט א סטאַנציע מיט א גאַנעק.
א קוואָקע רופט איר קלײנוואַרג אפן קאָל.
דאָס קינד זעט הינדעלעך צום ערשטן מאָל.

אזויפיל פּיצלעך צאַפּלדיקע לעבנס!
אָט האָט א באָבע גרויפּן זיי געגעבן
און אָנגעגאָסן וואַסער פון א קרוג.
נאָר ס׳קלינגט דער גלאָק. ס׳איז צײַט אַרײַן אין צוג.

די פרילינג־זון, די הינדעלעך, וואָס פּיקן,
דער באַן, וואָס פליט, און אַלע זיבן גליקן...
נאָר אַלץ איז דאָ דעם טײַוול אָנגעטרויט:
דאָ פאָרן מענטשן גלײַך צו זייער טויט!

אין טעפּלושקע

ס׳איז בירגערקריג. דער צוג פליט דורך אוקרײַנע.
וואָס קלאַפּן נאָר ניט אויס די רעדער זײַנע,
פון וואָס נאָר ריידן ניט די מענטשן אין וואַגאָן.
אין הויכע דראָכים איז מען שטאַרק פאַרטאָן.

און צווישן גיכע, האַסטיקע געשפּרעכן
מע טוט דאָס געלט פון קעשענע א רעכן,
מע טוט די זאַכן בעסער א פאַרפּאַק,
מע לייגט עפּעס אַרויס פון קויש אין זאַק.

בא יעדערן איז אף די ליפּן: „טאַמער...“
עס טרעפט, ס׳הייבט אוף א ווײַבל א געיאָמער,
מיט קרעמעניעס א זאַקן זיך צעלאַכט,
א קינד א קראַנקס פאַרגייט זיך אין דער נאַכט.

ס׳איז בירגערקריג. צערויִנירט די וועגן.
וווּהין איז איצט דאָס פאָרן, וועט איר פרעגן? —
מע פאָרט דאָך, איז א סימען, אז מע דאַרף.
עס יאָגט דער צוג.
פון זײַט אף זײַט אים וואַרפט.

עס ריידן די רעדער

עס שלאָפט דאָ ניט קיינער.
ס'הערט צו זיך דאָ יעדער,
ווי ס'קלאַפּן און הילכן
און ריידן די רעדער.

אַט נעמען זיי קײַכן
און מאָדנע זיך שטיקן,
אַט נעמען זיי פּרעפּלען:
„דעניקין, דעניקין...“

און דאָרט, פון דער פינצטערניש,
שפּאַרט די סאַקאָנע.
די רעדער, זיי הילכן:
„זעליאָני, זעליאָני!“

און פּלוצעם א פּאַל
אַפן מענערשן טראָפּ:
„היט דעם קאָפּ, היט דעם קאָפּ!
היט דעם קאָפּ, היט דעם קאָפּ!“

נאָר אַט נעמט דער ריטם
זיך בראַקן און האַקן:
„ווײַסע פּאָליאַקן!
ווײַסע פּאָליאַקן!“

און ווידער — מיט גיפט,
אינגאַנצן מעטורעף:
„דעניקין, דעניקין!
פּעטליורע, פּעטליורע!...“

עס זיפּצן די ווענטלעך,
עס שלוכצן די שויבן,
עס באַמקעט צום טײַוולשן טאַקט
עפּעס אויבן.

א קינד האָט צעווײנט זיך,
א זאָקן צעהוסט זיך,
ער האַלט מיט די מאַגערע הענט
פאַר דער ברוסט זיך.

און ס'קרעכצן די בופערס,
און ס'גרילצן די בופערס —
אָן אופהער,
אָן אופהער.
אָן אופהער,
אָן אופהער...

דער בליק, וואָס דויערט

ס'איז דאָס מיידעלע ווידער אין פעלד
צווישן פרילינג־געוויקסן.
נאָר זעלנער מאַרשירן דאָ אום
מיט געלאָדענע ביקסן.

די מענער פון יענעם וואַגאָן
אַפן פעלד ליגן טויטע!
עס זײַנען די העלדזער, די שטערנס —
אין בלוט־שנירלעך רויטע.

דאָס מיידעלע קוקט אַף די ריטשקעלעך בלוט,
ווי אין כאָלעם.
זי וועקט אלץ איר טאַטן איר טויטן
און רופט אַפן קאָל אים.

און ס'קוקט אַף זײַן טאָכטער דער טאַטע
מיט אויגן מיט בלויע —
א בליק, וואָס ביז הײַנטיקן טאָג אלץ
ער דויערט און דויערט...

וואָס ביסטו דען, צײַט,
אז יאָרצענדליקער זײַנען אריבער,
און ס'שוואַכט זיך ניט אָפּ
יענער בליק, יענער גרויל, יענער פיבער...

נאָר דו, מענטש, ביסט אלץ —
דו ביסט שטאַרקער פון שטאָל און פון אײַזן!
קאָנסט נעמען דײַן אייגענע וווּנד אין דער האַנט
און זי ווײַזן...

הייב העכער זי אוף,
ווי א פאָן זאָל זי לויכטן און רעגן, —
אזוינס זאָל פאַרלויפן זיך
קיינמאָל שוין מער ניט דערוועגן!

אף דער קנופּ־סטאַנציע

די מענער — צעשאָסן. ס'איז נאַכט שוין אצינדער.
די שטאָט — אין די הענט בא די ווײַסע פּאָליאַקן.
א הײַפל פאַרבליבענע פרויען און קינדער
זיך טאָרן צו זיי אף די אויגן ניט פּאַקן.

א הײַפל פאַרבליבענע קינדער און פרויען —
די פרויען — אלמאָנעס, די קינדער — יעסוימים,
זיי שאַרן זיך איבער דעם באַן־וועג דעם גרויסן.
האָט איינער דערזעען א בוים, שרעקט דער בוים אים.

א צווייטער שטעלט אָפּ זיך, פאַרמאַטערט געפּערלעך, —
ער גלאָצט מיט די אויגן און שטאַמלט פאַרלאָרן.
דאָס מיידעלע מיט די צעשויבערטע הערלעך —
זי וויינט מער ניט. שטום איז זי פּלוצעם געוואָרן.

זי קוקט און זי קוקט, ווי אין שרעקלעכן קישעף,
זי הערט און זי הערט, ווי פון קישעף פאַרשאָלטן.
— זייַט שטיל! — אויף דער רוסישער שפּראַך הייסט עס: „טישע!“ —
דאָס כאַזערן אַלע. דאָס דריקט, ווי א וואָלקן...

אונטער די וואַגאָנעס

אויף דער קנופּ־סטאַנציע שטייען די באַנען.
נעמט מען דורכקריכן צווישן די רעדער.
ס׳וועט דער באַן זיך ניט רירן, ווייסט יעדער.
נאָר א קינד זאָל עס וויסן — פונוואַנען?

ס׳מוז דאָס מיידעלע קריכן, ווי אַלע.
קיינער פרעגט דאָך בא איר ניט, צי וויל זי.
אָט דאָס הילצערנע טרעפּל הייסט „שפּאַלע“.
אָט דאָס מעשענע טרייַבל הייסט „גילזע“.

נאָר דערזעען דעם שלאַגבאַום אָט דעם שיינעם, —
איז דאָס קינד זיך בעפּייִרעש מעכייַע.

דער „שלאַגבאַום“ איז א קאָמישע כייַע —
א זשיראַף מיט א זעברע איניינעם!

און עס קומען אַלץ נייַע באַגריפן,
שמוגלען דורך זיך צעווישן די גרוילן,
און זיי ווערן אין מויעך געשליפן,
און פאַרהוילן דעם שוידער דעם הוילן.

...נאָר אָט לאָזט מען זיך אונטער די באַנען.
אוי, עס וועלן צעמאָלן די רעדער!
אז דער באַן וועט ניט רירן, ווייסט יעדער.
נאָר א קינד זאָל עס וויסן — פונוואַנען?

א רעטעניש

א שוועל. א גרויע זקינע א צעשויבערטע.
זי ציילעמט זיך: „געלויבט זאָל זייַן דער אויבערשטער,
אז אַלץ איז אין רעשוס פון דעם אַלמעכטיקן...
נו גוט, איך וועל אַרייַנלאָזן אייַך נעכטיקן.

און איר, איר העלפט באַגראָבן מיר מייַן אַלטינקן.
ער ליגט פון נעכטן טויט אין יענעם אַלקערל...
זאָל גאָט אייַך העלפן! סאַראַ טייַער מיידעלע!
בא ייִדן זייַנען שטענדיק קינדער איידעלע.“

א שטוב. א בעט. ווער וואָלט אצינד געוואָלט דען מער?
אין ווינקל הענגען מאָדנע בילדער גאָלדענע
מיט פענעמער גלייַכגילטיקע און טונקעלע,
אין אָונטיקער פינצטערניש פאַרזונקענע.

א נייַגעריקייַט וואַקסט באַם קינד א זעלטענע.
עס קוקט אין צווייטן אַלקער דורך א שפּעלטעלע.
דאָרט ליגט דער מעס פאַרדעקט מיט ווייַסע צודעקן.
מע קאָן אים, ווי איר טאַטן, מער ניט אופוועקן...

און ס׳קוקט דאָס מיידעלע מיט בליק פאַרדעכטיקן.
איר טאַטע איז אין פעלד געבליבן נעכטיקן.
די מאַמע זיצט אויף דר׳ערד א טויט־פאַרכאַלעשטע.
און ס׳קוקט אויף זיי מיט צאַר די אַלטע גאַלעכטע:

— נו, וואָס זשע שווייַגסטו, קינד? זע, גאָרנישט רעדט עס נישט! —
און דאָרט, אין אַלקער, איז דער טויט — א רעטעניש.

ניט אופגעוועקט

„זיי, די לעבעדיקע, זײַנען שולדיק! —
אָט אַזוי אַן ערעך טראַכט דאָס קינד, —
ווען זיי וואָלטן וועקן מער געדולדיק,
וואָלט מײַן טאַטע דאָ געווען אַצינד.

אַז צו וואָס איז אין דער ערד באַהאַלטן
און דערנאָכדעם שרײַען אַף אַ קאָל?"
זיצט דאָס קינד אין ווינקל אײנעם קאַלטן
און עס וואַרפט אַ שטומען בליק צומאָל.

שרײַט אַרויס אַ פאַרוואָרף דורך די אויגן,
וואָס עס טוט זיך, קאָן עס ניט פאַרשטיין.
ס'איז דאָס פּאָנעם בלייך און אויסגעצויגן.
— קינד מײַנס, ווילסט מיסטאָמע עסן?

— ניין.
— קינד מײַנס, ווילסט מיסטאָמע שלאָפן?
— אויך ניט.
— ווערסט אַ טעל דאָך! ווי איז מיר און ווינד...

עפּנט זיך קיין לאָד ניט,
פון קוימען גייט קיין רויך ניט,
דער האָן, ער קרייט ניט.
זיצט און שווײַגט דאָס קינד.

גרויסע גוטסקײַט!

אויך ער געווען איז אין וואַגאָן,
ער איז געבליבן לעבן.
די קויל האָט בלויז אַ בלענד געטאָן
און דורכגעשלײַכט דערנעבן...

נאָר פון איר ווינטל, האַרט באַם קאָפּ,
פון יענעם קאַלטן שווידער
איז שיר פון זינען ניט אַראָפּ
דער מענטש — ער איז זיך מוידע.

ער איז נאָך יונג. די לאַסט פון גרויל
איז גרינגער אים און שווערער.
אַף זײַנע אויגן האָט אַ קויל
אוועקגעלייגט זײַן לערער.

דער יונגער טאַטע פונעם קינד
זײַן לערער איז געוועזן.
וואָס קאָן ער אָבער טאָן אַצינד? —
עס שרײַט זײַן גאַנצער וועזן.

ער שטייט אין ווינקל ווי צעמישט
און זינקט אין בלויען שלימער...
ניטאָ קיין בענקלעך און קיין טיש,
ניטאָ קיין בעט אין צימער.

אַ ביסל בעטגעוואַנט אַף דר'ערד,
עס זיצן דאָרט צוזאַמען
דאָס בלאָנדע מיידעלע — פאַרקלערט,
מיט איר האַלב טויטער מאַמען.

עס זויגט אַ סקאָרינקע דאָס קינד
און שפּילט זיך מיט אַ פעדער.
אין פענצטער בלאָזט אַ פרילינג־ווינט
פון די אוקרײַנער סעדער.

די זון פאַרגייט פאַוואָליע־שווער
אין בלוטיק־רויטע פאַרבן...
ער טוט אַ קלער, אַז, אויב ניט ער,
די צוויי, זיי וועלן שטאַרבן.

ס'באַווײַזט אין פענצטער זיך אַ קאָפּ,
אַף פּויליש שעלט דער שיקער.
— פשא קרעוו! — און טרעט צוריק באַלד אָפּ
אין טונקלקײַט אין דיקער...

דער מענטש פאַרשטייט, אַז אָט די צוויי
מע טאָר אַליין ניט לאָזן.
די האַרבע צײַט וועט טייקעף זיי
ווי ליכטלעך צוויי פאַרבלאָזן.

און ס'מאַלט זיך אויס פאַר אים אַצינד
זײַן לערערס ליכטיק פּאָנעם.
— ניט לאָז, ניט לאָז מײַן פרוי און קינד
דאָ אויסגיין צווישן סאָנים... —

אים דוכט, ער הערט זײַן לערערס קאָל
און ווערט דורך דעם דערמינטערט.
פאַר זיך אַן אָנשפּאַר מיטאַמאָל
אין אָט דעם כּוח געפינט ער.

ער מוז זיך אָפּרײַסן פון אָרט,
די לאָדן גיין פאַרוקן,
ס'זאָל די שיקורים זײַן פאַרשפּאַרט
אַהער אַרײַנצוקוקן.

אָ, גרויסע גוטסקײַט, זײַ געבענטשט!
צו דיר — מײַן האַרץ־געפלאַטער.
פון פינף און צוואַנציק יאָר אַ מענטש
ווערט פאַר דעם קינד אַ טאַטע.

דעם קינדס אַן ערשטער פרייד־געשריי
וועט ברענגען אים צום לעבן,
אָ, מענטשלעכקײַט, וואָס אַלע זיי
האָט אויסגיין ניט געגעבן!

פון יענעם זון־פאַרגאַנג איז ער
אַרײַן אַהין אַף שטענדיק.
און, ווײַל ס'איז אָפּשטעלן זיך שווער,
אַף דעם הײַנט איך פאַרענדיק.

אין דער שטאָט בערדיטשעוו

צוגעמאַכט די קראָמען,
צוגעשפּאַרט די יאַטקעס,
פול איז אין בערדיטשעוו
מיט קאָנפעדעראַטקעס.

ווינט אין הויף אַ שנײַדער,
קומען אָפיצירן,
ריידן הויך אף פּויליש,
טראַסקען מיט די טירן.

„ביי אונדז, זשיד, מאַלבושים,
ניי אונדז, הונט פאַרשיווער!"
און אין צווייטן צימער
זיצט אַ שאָכן שיווע.

און אין דריטן צימער
ליגט אַ רוס באַהאַלטן,
קוקט דאָס קינד אַהינצו
דורך די ברעטער־שפּאַלטן.

אונטן ווינט אַ בעקער,
אויבן ווינט אַ דרוקער.
קומט אַרײַן דער דרוקער,
ברענגט אַ שטיקל צוקער.

קומט צו גיין דער בעקער,
גיט דעם קינד אַ קיכל.
און דער רוס באַנאַכט קומט
מיט אַ רוסיש ביכל.

אָן אַ שיר געשיכטעס
וווּנדערלעכע קען ער.

אין זײַן ביכל — בילדער,
איינס פון צווייטן שענער.

יעדערן באַזונדער
זאָגט ער אָן בישטיקע:
— באָלשעוויקעס גייען!
— ס'גייען באָלשעוויקעס!

וואַרפט דאָס טײַג דער בעקער,
וואַרפט דער שנײַדער נייען,
ווערט דער יונגער דרוקער
אופגערודערט זייער.

קומט פון קעגניבער
אַ באַקאַנטער דאָקטער.
— גאָטעניו דו ליבער,
כ'וועל דערלעבן?.. — זאָגט ער.

ווערט אין פוסטן צימער
וואַרעמער און ענגער,
די פאַרמאַכטע פענצטער
נעמט מען גלײַך פאַרהענגען.

רעדט דער רוס. זײַן רוסיש
לייגט זיך אפן סייכל.
— מיידעלע, פאַרשטייסט מיך? —
טוט דאָס קינד אַ שמייכל.

טוט דעם ערשטן שמייכל, —
זי פאַרשטייט מיסטאַמע.
און דעם ערשטן זיפץ טוט
איר פאַרשטיינטע מאַמע.

אַ לעבעדיקער באָלשעוויק

מיט אָנדערהאַלבן שאָ צוריק
אַרײַן זײַנען די רויטע.
אַ לעבעדיקער באָלשעוויק
שטייט אַף דער גאַס און רויכערט.

אַ לאַד מאַכט אויף זיך נאָך אַ לאַד,
ס'צעפּראַלן זיך די טירן,
און אַלע אײַנוווינער פון שטאָט
צו זיך אים ווילן פירן.

און אַלע אײַנוווינער פון גאַס
מיט פראַגן אים פאַרשיטן.

עס קלינגט אַ שטים, עס הילכט אַ שפּאַס —
מע דאַרף זיך מער ניט היטן!

עס ווינט אַ ייִדענע פאַר גליק.
זי שנײַצט די נאָז אין פאַרטעך.
— נו, קומט אַרײַן, הער באָלשעוויק,
אַף אַ מינוט! וואָס אַרט אײַך?..

דער באָלשעוויק איז אין אַ העלם,
עס איז זײַן פּאָנעם קענטלעך.
צו אים דאָס קינד איצט טראָגט זיך שנעל
מיט אויסגעשטרעקטע הענטלעך.

רויטאַרמייִשע שינעלן

איר, גרויע הערלעך אפן שינעל
בא איינעם פון די ערשטע רויטאַרמייער,
איר זײַט דעם מיידעלע געפעלן זייער.
ווו זײַט איר איצטער ערגעץ אַף דער וועלט?..

זי האָט זיך אַלץ געטוליעט מיט דער באַק
צו אײַער בײַסיקן געדיכטן זילבער.
אַ האַרטע פאַלע האָט פאַרדעקט זי פּילבאַר,
און אײַנגעשלאָפן איז דאָס קינד געשמאַק.

ס'איז די טעפּלושקע פול געווען געפּאַקט
מיט ביטערן מאַכאָרקע־רויך. און ביקסן
געדיכט זיינען געוואַקסן, ווי געוויקסן,
באַ יעדער קני און זיך געוויגט צום טאַקט.

דער ביקסן־וואַלד, ער האָט דאָס קינד געטרייסט:
מע פאַרט נעקאָמע נעמען פאַר איר טאַטן,
בלוי־אויגיקע ווייסציינערדיקע יאַטן
געלאַכט האָבן געשמאַק: „נו, יאַ, זי ווייסט!"

איר, גרויע הערעלעך אַפּן שינעל
באַ איינעם פון די ערשטע רויטאַרמייער,
איר זייט דעם מיידעלע געפעלן זייער.
ווו זייט איר איצטער ערגעץ אַף דער וועלט?..

רוסישער אַלעפבייס

כ'געדענק אין מאָסקווע: סאָלטיקאָווער געסל,
א קינד איז באַ א הוילן טיש געזעסן.
ס'האָט א „בורזשויקע" זיך געהייצט. די טרויב
געווען מיט ליים אַריינגעשמירט אין שויב.

דאָס מיידעלע פאַרשאַרט די האָר פון שטערן,
דעם אַלעפבייס דעם רוסישן זי לערנט.
אָט רופט זי אויס: — דו טו א קוק נאָר, מאַמע,
דער „עס" איז ווי א סערפּ, דער „טע" — א האַמער!

און יעדער ווייַלע — פיל אַזעלכע ווייַלעס —
מיט גוטן, ריינעם קינדערשן היספּייַלעס.

זייף־באַלאָנען

זייפיקע וואַסער אין קוואַרט, און א שטרויעלע —
עפענען אוף זיך פון טרוים־לאַנד די טויערן!
זייף־באַלאָן־שלעסער פון הימלען נאָך בלויערע
ציינדן זיך אָן און א רעגע בלויז דויערן...

שפּיגלען זיך אָפּ אין זיי פענצטער און טירן,
הונדערטער איידלסטע דינסטע קאָלירן.
נאָכקוקן זיי, פונעם אויג ניט פאַרלירן,
לאָזן פון זיי זיך גרויסאַרטיק פאַרפירן.

איידל געשליפן און איידל געבויגן,
זייט איר, באַלאָנען, א פרייד פאַר די אויגן.
ווו נאָר א קינד, האָט צו אייך זיך געצויגן.
פונקט ווי די קינדהייט, ווערט איר פאַרפלויגן.

זאַרגלאָזע,
ראָזלעכע,
פליִיקע,
אייַליקע —
לויכט נאָך א ווייַלינקע,
שייַנט נאָך א ווייַלינקע!

ס'מיידעלע האָט ניט קיין שפּילעכלעך טייַערע,
ס'מיידעלע גאַפט אַף די זון־פאַרבן אייַערע.

די ליאַלקע

אזא מין ליאַלקע איז באַקאַנט אײַך?
מע קנוילט צונויף דעם ברעג פון האַנטעך,
און דאָס צעקנייטשטע האַנטעך־שטיקל
פונקט ווי א קעפּל מע פאַרוויקלט.

מע וויקלט אויך צונויף א גופל,
מע קלערט גלײַך צו, ווי אָנצורופן.
מיט אָט דער ליאַלקע טאָג און נאַכט
האָט איצט דאָס מיידעלע פאַרבראַכט:
אַף דעם פאַרקנוילטן האַנטעך־שטיקל
געקוקט מיט טרײַע מאַמע־בליקן,
אין אָט די קנייטשעלעך און בויגן

געזען א נאָז, א מויל און אויגן,
גערעדט צו דעם, געוויגט, געגלעט,
געלייגט באַנאַכט מיט זיך אין בעט.

איז עמעצער אין שטוב געקומען,
דעם האַנטעך פאַר א ברעג גענומען,
מיט אים די גלעזער אויסגעווישט...
דאָס קינד געקוקט האָט ווי צעמישט
און פאַרגעשטעלט זיך, אַז באַנדיטן
איר טעכטערל האָבן פאַרשניטן, —
א שפּיל אזא, וואָס זיך פאַרגינט
אַן אָנגעליטן יידיש קינד.

דעם נעפּמאַנס מיידעלע

דעם נעפּמאַנס פריילעך מיידעלע
געקומען איז אין הויף.
פון רויטן זײַד — איר קליידעלע,
די הערעלעך פאַרשרויפט.

די מיידעלעך די אָרעמע
צו זיך אין שטוב זי שלעפּט.
זיי גייען, שטיל געוואָרענע,
אַף ברייטע רײַכע טרעפּ.

— ס׳געפעלן אײַך די צימערן,
די טעפּיכער ארום? —
ס׳נעמט אין די אויגן שימערן.
די קינדער שטייען שטום.

— דער צימער איז מײַן אייגענער!
די צאַצקעס בלויז פאַר מיר!

נעם, מיידעלע, א בייגעלע,
מיט אײַנגעמאַכטס באַשמיר... —

די קליינע באַלעבאָסטינקע
באַרימט זיך מיט איר גוטס.
...זעקס קינדער. קליידלעך פּראָסטינקע
און אייגעלעך א טוץ.

די פאָרהאַנגען צערוקן זיך,
עס שווימט ארײַן א פרוי.
די געסט אַף איר פאַרקוקן זיך:
איר קלייד איז סאַמעט־בלוי.

— אין הויף גייט, מײַנע פייגעלעך. —
זי שטויסט זיי צו דער טיר...
דאָס אײַנגעמאַכטס, די בייגעלעך
פאַרבלײַבן ניט גערירט...

אין א רויטן האַלדזטוך

פּיִאָנערן גראַמען זיך מיט שטערן,
ווען באַזונגען אין א ליד זיי ווערן.
ווען א מאַמע קוקט אַף פּיִאָנערן,
קלײַבט זי נאַכעס. גראַמט זיך עס מיט טרערן...

פאָנען־פלאַטער, פּײַקל און טראָמפּייט —
ציט זיך פון דערמאָנונגען א קייט.
— וויפל בלוט איז צוליב דעם פאַרגאָסן,
וויפל טאַטעס אינעם פעלד צעשאָסן!

דאָס, וואָס קינדער גיבן אָפּ סאַליוט,
איז אַוואַדע קלוג און זייער גוט... —
צווישן אָט די קינדער די פאַרשיידענע
אין א רויטן האַלדזטוך — אונדזער מיידעלע!

נויעך לוריע

די אונטערשטע שורע

דעם 4 אָקטיאַבער 1955 יאָר האָט אַלעקסאַנדער יאָסיפּאָוויטש בראַסלאַווסקי פאַרברעכט ניט קיין פריילעכן אָוונט. די ערשט ניט לאַנג אָפּגעפרישטע צוויי צימערן, אין וועלכע ער האָט געוווינט, די אָנגעוועקסלטע, ביז שפּיגל־גלאַנץ אָפּגעשמירטע פּאָדלאָגע, דער יאָמטעוודיק־צוגעקליבענער טיש מיט די פלעשער וויַין און שיין אויסגעלייגטע פאַרבײַסנס — אַלץ האָט אײדעס געזאָגט, אַז דער באַלעבאָס וואַרט אויף געסט. נאָר קיין געסט זײַנען ניט געווען.

נאָך דער פרויס טויט האָט אַלעקסאַנדער יאָסיפּאָוויטש אַ צײַט זיך אָפּגעהאַלטן פון צו פּײַערן זײַן געבורטסטאָג. הײַנט אָבער איז עפּעס אַנדערש, הײַנט איז אים געוואָרן פופציק יאָר, אַזאַ דאַטע איז, ווי איר ווילט זיך, שוין ניט קיין פריוואַט־זאַך. גוט צי שלעכט — האָט ער אָפּגעאַרבעט אין אינסטיטוט העכער צוויי יאָרצענדליק, דאָס לאָזט זיך ניט אַזוי גרינג צונישט מאַכן, וואָס פאַר אַ נײַע ווינטן סע זאָלן דאָרט ניט בלאָזן. ער איז פונדעסטוועגן, ווײַזט אויס, ניט גאָר זיכער געווען, אַז מע וועט די דאַטע געדענקען און האָבן אין זינען, און באַ אַ געלעגנהײַט אויף יעדן פאַל אַרײַנגעוואָרפן אַ וואָרט, אַן אָנצוהערעניש ווען מע דאַרף. אָט, הייסט עס, זעסט זיך ניט אַרום, ווי דו ווערסט אַלט. עפּעס, פאַרשטייט זיך, זאַמלסטו אָן מיט דער צײַט, נאָר, ווי זאָגט מען עס, ביז מע קומט צום סייכל, גייען אויס די יאָרן. דעם פערטן אָקטיאַבער. יאָ, דעם פערטן, שוין גיך, שטייט אים פאָר אָפּגעבן דין־וועכעשבן פאַר אַ האַלבן יאָרהונדערט. אַ ווערטעלע — אַ האַלבער יאָרהונדערט. וויפל וואַסערן ס׳זײַנען פאַר דער צײַט אַריבערגעלאָפן, וואָס אויף דער וועלט האָט זיך פאַר דער צײַט איבערגעדרייט! ערשט אַז דו פאַרטראַכסט זיך וועגן דעם, פאַרשטייסטו, ווי ווײַט דו ביסט הינטערשטעליק, אַ באַלכויוו, אַ באַלכויוו... אַלעקסאַנדער יאָסיפּאָוויטש פלעגט די לעצטע כאַדאָשים ניט זעלטן אָן קענטיקער סיבע ווערן עלעגיש. פּלוצעם באַווײַזט זיך אין זײַן קאָפּ אַ ליריש־הייזעריקלעכער בײַטאָן, אַ מין קרעכצל, אין אויג — אַ גלײַענדיקער טראָפּן, אַ הינטישע טרער. ער האָט זיך ניט געפוילט און געמאַכט אַ צעטל פון די, וואָס ער וואָלט געוואָלט זען באַ זיך אין דעם אָוונט; ווען טעלעפאָנירט, ווען אַ בריוועלע צוגעשיקט. און אָט האָט דער וואַנטזייגער שוין געקלונגען נײַן און צען און האַלב עלף, און קיין געסט זײַנען ניט געווען.

די באַלעבאַטישקײַט אין שטוב האָט געפירט ראָזע יאָסיפּאָוונע, אַלעקסאַנדערס אַן עלטערע שוועסטער. אויף דער מילכאָמע זײַנען אומגעקומען אירעביידע זין, דעם מאַן האָט זי פאַרלאָרן נאָך פריער. זי האָט זייער יונג, באַלד נאָך דער גימנאַזיע, כאַסענע געהאַט, ניט באַזוכט קיין הויכשול, ניט דערוואָרבן קיין פאַך; צו טעכניק, צו ביכער קיינמאָל קיין גוסט ניט געהאַט, פון קליינווײַז אויף ליב געהאַט צו אײסעקן זיך מיט קינדער, העלפן דער מוטער אין שטוב, שפּעטער — אַלע קויכעס, גאָר די וואַרעמקײַט פונעם האַרצן אָפּגעגעבן איר אייגענער נעסט. עמעס, אַז זי האָט געמוזט, נאָכן מאַנס טויט, האָט זי אָן קיינעמס הילף אויסגעכאָוועט געזונטע, געראָ־

טענע זיך, אנגעקומען אין עפּעס אן אנשטאַלט פאר א סעקרעטאַרשע, דערצו ביז טיף אין דער נאכט געקלאפּט אף דער שרייבמאשין. ווען די זין זיינען איינער נאָכן אנדערן אוועק אף דער מילכאָמע, האָט זי, ווי אלע גוטע סאָוועטישע מאַמעס, פארשטאַנען, אז אנדערש קאָן עס ניט זיין, און, ווי אלע, פון בריוו צו בריוו געפּלאָנטערט צווישן האָפענונג און שרעק, ביז ס'איז קלאָר געוואָרן, אז ס'איז ניטאָ אף וואָס צו האָפן. דעמלט האָט זי שוין גאָרניט געוווסט, צוליב וואָס זי לעבט נאָך אף דער וועלט. אליין פאר זיך קאָכן, אליין עסן — דאָס איז געווען איבער אירע קוויכעס. דעריבער האָט זי זיך אזוי אָנגעכאַפּט אָן דעם ברודערס פאָרשלאָג פארלאָזן די פּראָווינצשטאָט, וווּ זי האָט ביז אהער געוווינט, און אריבער צו אים קיין מאָסקווע.

שוין אפן וואָקזאַל האָט זי געזען, אז זי וועט דאָ ניט זיין קיין איבעריקע, און מער האָט זי זיך ניט געווונטשן. די פארוואָרלאָזטקייט פון ביידע מאַנצבילן — פון סאשען און דעם פּלימעניק — האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן: בא איינעם — די פּאַלטאָ אָן א קנעפּל, באם צווייטן — א לעכל אין די סקאָרפּעטקעס פון סאַמע אויבנוף. קיין כידעש ניט: אין שטוב פעלט א באַלעבאָסטע. טאַקע דעם זעלבן טאָג האָט זי זיך א נעם געטאָן ווישן דעם שטויב פון די פענצטער, פון דעם מעבל, שייערן די פּענדלעך, ברענגען אין אָרדענונג די מאַלבושים, דאָס וועש. מיט מוטערלעך פאָרשנדיקע בליקן האָט זי באַגעגנט אירע מאַנצבילן יעדעס מאָל, ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט פון זייערע אינסטיטוטן. אלץ איז, ווי ווייט זי האָט געקאָנט באַמערקן, דאַכט זיך, געגאַנגען קעשורע. דעם טיש צום היינטיקן אָוונט האָט זי געגרייט מיט א געוויסן ערפּורכט אפילע. זי האָט זיך מעשאַער געווען, אז צום פופציקסטן יאָרטאָג פון אזא מענטשן, ווי איר סאשע, וועלן אויך די געסט מיסטאמע זיין ניט אבי־ווער. און אָט איז דער אָוונט שוין קימאַט אריבער, און קיין געסט זיינען ניט געווען.

מיט ווייטעק האָט זי צוגעזען, ווי דער ברודער קאָן זיך קיין אָרט ניט געפינען, שפּאַנט איבער די צימערן הין און צוריק, נעמט דאָס טעלעפאָן־טרייבל אין דער האַנט, לייגט עס אוועק. ענדלעך האָט ער זיך באַשלאָסן, אָנגעקלונגען צו איינעם, צו א צווייטן. דער קאָן ניט קומען, ווייל ער האָט געכאַפּט א קאַטער, יענעם פאַרהאַלט עפּעס א ניט פאָרויסגעזעענער איניען, וואָס ער קאָן אים ניט אָפּלייגן. ס'איז געוואָרן אלץ קלערער, אז וואַרטן איז ניטאָ אף וועמען.

ראָזע יאָסיפאָוונע האָט מער ווי אלץ פארדראָסן, וואָס טאָליע, אלעקסאנדערס זון, דער סטודענט, איז דעם אָוונט אין דער היים ניט געווען. זי האָט עס פּאָשעט ניט געקאָנט פארשטיין. דאַכט זיך, אן ערנסטער באָכער, לערנט זיך גוט, באקומט געהעכערטע סטיפּענדיע, דערביי א שטילער, א באַשיידענער, און צו איר, דער מומע־ראָזען, באציט ער זיך אזוי, אז בעסער דאַרף מען ניט. וויאזוי זשע האָט ער געקאָנט אין אזא אָוונט פארגעסן אין דעם פאָטער און פארנעמען זיך מיט אנדערע געשעפטן, ווי וויכטיק זיי זאָלן ניט זיין?

— עפּשער ווערסטו עפּעס עסן? די צוועלפטע שאָ, — האָט ראָזע שטיל געפרעגט. אזוי שטיל רעדט מען באם געלעגער פון א שווערן קראַנקן.

— יאָ, קיינער וועט שוין ניט קומען, — האָט אלעקסאנדער יאָסיפאָוויטש מאַסקים געווען.

— טאָליע באַאומרויִקט מיך, — האָט זי נאָך א שווייגן צוגעגעבן. — וואָס איז מיט אים? וווּ איז ער אזוי שפּעט?

דערוף האָט אלעקסאנדער יאָסיפאָוויטש גאָרניט געענטפערט, בלויז מיט דער האַנט א מאַך געטאָן. ער האָט געפּרוווּט עפּעס נעמען אין מויל, נאָר דער ביסן איז אים, קענטיק, ניט איינגעגאַנגען. פארענדיקט מיטן קאַרגן לעפל ווינעגרעט, וואָס ער האָט זיך אפן טעלער ארופגעלייגט, איז ער אופגעשטאַנען פון טיש און אוועק אין צווייטן צימער, צו זיך. ער האָט זיך געזעצט אפן דיוואַן און גענומען א בוך, נאָר אפילע ניט אָנגעהויבן לייענען. די ליפּן האָבן זיך אים געקרימט אין א ביטערן שמייכל, דער ניט גוטער, פינצטערער בליק האָט אויסגעדריקט פּיין.

קעגן האַלבער נאַכט איז געקומען טאָליע, פונווייטן געכאַפּט א קוק אין צווייטן צימער, נאָר ניט צוגעגאַנגען צום פאָטער, ניט געזאָגט קיין וואָרט. מיט פארוווּנדערונג האָט ער באַטראַכט דעם יאָמטעוודיקן טיש, וואָס איז, ניט צו פארשטיין אף וואָס נאָך וואַרטנדיק, געשטאַנען ניט גערירט מיט אלע זיינע פארשיידנקאָליריקע מייכאָלים און געטראַנקען אין דער שיין פון צוויי הונדערטליכטיקן לאָמפּ. אלעקסאנדער יאָסיפאָוויטש האָט זיך אופגעהויבן און פארמאַכט די טיר.

טאָליע האָט זיך געזעצט צום טיש.

— מע מעג? — האָט ער געפרעגט, צורוקנדיק צו זיך דעם לעבער־פּאַשטעט.

— נעם, נעם, וויפל דו ווילסט. פאר וועמען נאָך דאַרף מען עס שוין איצט?

עטלעכע מינוט איז ראָזע יאָסיפאָוונע געזעסן שטיל, געקוקט מיט פארגעניגן, ווי דער יונג פּאַקט אריין נאָך און נאָך פון דעם מייכל, וועלכן זי האָט צוגעגרייט מיט באַזונדערער זאָרג, זיכער, אז ער וועט, ווי שטענדיק, שטאַרק אויסנעמען באם אוילעם. ווייך האָט זי א פרעג געטאָן:

— וווּ ביסטו עס געווען א גאַנצן אָוונט?

— באַ אַ כאַוועך.

— איך פאַרשטיי. נאָר מיר דוכט זיך, אַז מיט דיין כאַוועך וואָלסטו זיך געקאָנט זען אַן אַנדערשמאָל. באַם טאַטן איז היינט אַזאַ יאָמטעוו. האָסט אים אַפילו ניט באַגריסט. נעם ניט פאַר אומגוט, אויב איך האָב אַ טאָעס.

טאַליע האָט אופגעהערט קייען, אַ מינוט געבליבן פאַרגליווערט מיטן גאָפל אין דער האַנט, די אויגן געוועגדט ערגעץ אין דער לופט אַריין.

— לאָמיר בעסער דערפון ניט ריידן, — האָט ער ענדלעך געזאָגט.

●

אַלעקסאַנדער יאָסיפאָוויטש האָט גוט פאַרגעדענקט יענעם אָוונט, ווען דער זון איז געקומען פון גאַס אַ פאַרענדערטער, ווי ס׳וואָלט געשען עפּעס אַ גרויסער אומגליק. קינדיש פאַרלוירן, צעבראָכן פון צאַר, האָט ער געוואָרפן צעדרודערטע בליקן אַפן פאָטער, קענטיק געוואָלט עפּעס פרעגן און זיך ניט געקאָנט איינשטעלן. ניט דענסטמאָל און ניט אין פאַרלויף פונעם גאַנצן כוי־דעש. נאָכדעם האָבן זיי איינער מיטן אַנדערן קימאַט ניט גערעדט, אויסגעמיטן צו ריידן, מוירע געהאַט פאַר אַן אָפענעם שמועס, באַזונדערס האָט מוירע געהאַט אַלעקסאַנדער יאָסיפאָוויטש. באַ טאַליען זיינען געווען מינוטן, ווען דער פאַרלאַנג צו הערן קלאָרע רייד איז געווען שטאַרקער פון דער שרעק פאַר דעם, וואָס ער קאָן געוווירע ווערן; דער אינערלעכער געראַנגל האָט זיך געלאָזט מערקן אַף זיין פּאָנעם, וואָס האָט קיין זאַך ניט געקאָנט באַהאַלטן, און אין זיין גאַנצער אופירונג. אָט ווערט דער באַכער אָוונט נאָך אָוונט פאַרפאַלן, אַז מע זעט אים קימאַט ניט אין דער היים, און אָט דרייט ער זיך אַרום איבער די צימערן אַן אומבאַהאָלפענער, אַ פאַרצווייפלטער, שטעלט זיך אַף עטלעכע טריט הינטערן פאָטערס רוקן און שטייט, וואַרט אַף עפּעס. ער וואַרט אַף אופ־קלערונג, אַף אַ דערלייזנדיק וואָרט. אַלעקסאַנדער יאָסיפאָוויטש פאַרמאָגט אָבער ניט באַ דער נעשאָמע אַזאַ וואָרט, דעריבער ווערט אים אַזוי גרינג, ווען ער הערט, אַז דעם זונס טריט דערווייטערן זיך, וועט ער שוין לעכאָל־האַפּאָכעס דאָס מאָל קיין שום פראַגעס ניט פאַרגעבן.

אַלעקסאַנדער יאָסיפאָוויטש האָט זיך אַן ערעך אָנגעשטויסן, וואָס דעם זון קוועטשט. ער האָט עס געשטעלט אין איין שורע מיט נאָך אַנדערע אומאָנגענעמלעכקייטן, קלענערע און גרעסערע, וואָס האָבן זיך אַף אים אַ שאָט געטאָן די לעצטע כאָדאָשים פון פאַרשיידענע זייטן. די וויסנשאַפט־לעכע אַרבעטן, וואָס האָבן אים אין זייער צייט דערהויבן און נאָכדעם אַלע יאָרן אַזוי גוט געדינט, האָט מען ניט לאַנג צוריק אין אַן אַרטיקל צונישט געמאַכט, פּאַשעט איבערגעשטראָכן, ווי פאַלסי־פיקאַציע און בראַק. אין אינסטיטוט ווערט די לאַגע וואָס אַמאָל שווערער, דער היינטיקער אָוונט איז אַ געגוג קלאָרער באַווייז דערצו. און דאָס ערגסטע — גרוסן פון יענער־וועלט, פון מענטשן, פאַרוואָרפענע מיט יאָרן צוריק אין אויסרייסעניש און ווילדע מידבאָריעס, אַז קיינער האָט זיך שוין ניט געריכט פון זיי ווען־ניט־איז צו הערן. שטום־געוואָרענע באַקומען ווידער לאָשן, און מיי־סים הייבן אָן איידעס צו זאָגן. טאַקע דורך איינעם פון זיי, פון די צוריקגעקומענע, איז עס דער־גאַנגען אויך צו טאַליען. אַלעקסאַנדער יאָסיפאָוויטש האָט זיך גוט פאָרגעשטעלט, דורך וועמען און וויאַזוי.

ער איז געלעגן שטיל, פאַרטייעט, ווי אַ מויז, ווען טאַליע איז אַריין אין צימער און אין דער טונקל געגומען זיך אויסבעטן. אינגיכן האָט זיך געלאָזט הערן אַ כראָפּעריי און געכאַרכל. „מיס־טאַמע ליגט ער אַפן רוקן״, — האָט אַלעקסאַנדער יאָסיפאָוויטש אַ טראַכט געטאָן, נאָר אָפּגע־האַלטן זיך אים צו וועקן, ווי ער פלעגט געוויינלעך טאָן אין אַזעלכע פאַלן. צו וואָס, סיי־וויסיי וועט ער שוין שלעכט שלאָפן די נאַכט. אַ שאָד, ניט פאַרגרייט זיך קיין לומינאַל. אַפן האַרצן איז געווען ביטער און פינצטער, ס׳האָט זיך געוואָלט קריצן מיט די ציין, סקאַוווטשען, ווי אַ הונט, וואָס מע האָט אים פון אַ וואַרעמער שטוב אַרויסגעוואָרפן אין נאַכט און קעלט. ער האָט זיך געע־וואָרגן פאַר בייזקייט און פּיין, ער איז געווען בייז אַף זיך און אַף אַלעמען, אַף דער גאַנצער וועלט. שטיקלעכווייז, צעפליקט און איבערגעמישט האָבן זיך געשטויסן אין קאָפּ טייגעס, געדאַנ־קען, בילדער, זיכרוינעס. נאָר געווען איז עס ניט דער קלאָרער, אָנראַכמאָנעסדיקער בליק אַף צוריק, ניט די אופריכטיקע ווידע, וואָס לייטערט און קרעפטיקט דעם געפאַלענעם און שטעלט אים ווידער אַף די פיס. ניין, דאָס איז געווען אַ בעהאָלע, אַ שרעק און ווײ־געיאָמער פון אַ קליינינקער נעשאָמע, אַ פליג, וואָס האָט זיך צו שפּעט געכאַפּט, אַז זי איז אין דער נעץ.

אַלעקסאַנדער יאָסיפאָוויטש האָט ניט געקאָנט איינליגן אַף אַן אָרט. ער האָט זיך אופגעזעצט, עטלעכע מינוט געזעסן אין דער פינצטער, די פיס אַראָפּגעלאָזט פון געלעגער, אויסגעשטרעקט די האַנט און אָנגעצונדן דעם טיש־לאָמפּ אונטערן טונקל־גרינעם אַבאַזשור.

דער מאַרך, אַלע קעמערלעך פונעם לייב האָבן געציטערט פאַר אופרעגונג. ס׳האָט געשטויסן אופשטיין, ערגעץ לויפן, זיך באַקלאָגן, זיך פאַרענטפערן, זיך אויסטייענען. פאַר די אויגן איז

געלעגן אַ ווײַסער בויגן פּאַפּיר, אַ בלײַער. קוים פילנדיק, וואָס ער טוט, פאַרטראָגן, ווי אין פיבער, האָט ער אָנגעשריבן: „וואָס ווילט איר פון מיר, ווער בין איך — אַ מילב. ניט איך האָב מיר דעם וועג אויסגעקליבן, ער איז מיר געווען אָנגעצייכנט. איך האָב געטאָן, וואָס איך האָב געמוזט. איך בין אַליין אַ קאָרבן... נאָר גיי גיב עס עמעצן צו פאַרשטיין, וועמען? מיט וועמען רײדן? אפילע ניט מיטן אייגענעם זון. ניטאָ. ניטאָ קיין כאַווירים, קיין פרײַנט, קיין איין נאָענטער מענטש. מיטאַמאָל — ניטאָ קיינער, ווי קיינמאָל ניט געווען...“ אָנגעשריבן און באַלד טאַקע צעריסן אַף פיץ־פּיצעלעך.

אַ ביסל ווײַטער איז געלעגן אַ בערגל זשורנאַלן און זאַמלביכער מיט זײַנע אַרבעטן. ער האָט געקוקט אַף זיי, געפּרוווט זיך דערמאָנען די נעמען, דעם אינהאַלט. ניט שוין איז דאָרט ניטאָ אַזוינס, אָן וואָס ער זאָל זיך קאָנען אָנכאַפּן, קאָנען זאָגן: אָט דאָס איז זײַנס, זײַן פאַרדינסט, זײַן באַווײַז, אַז ער האָט ניט אומזיסט געלעבט אַף דער וועלט? ער האָט אָנגעטאָן די שטעקשיך און, ווי ער איז געווען, אין אונטערשטן וועש, שטייענדיק באַם טיש, גענומען בלעטערן און לייענען שטיקלעכווײַז איין אַרבעט, אַ צווייטע, אַ דריטע. אין אָנהייב האָט ער זיך דערפרייט: אָ, ער קאָן דאָך האַלטן אַ פען אין דער האַנט, דער אַווטאָר פון די דאָזיקע אַרטיקלען! פון אָט דער אַנטדעקונג איז אַלעקסאַנדער יאָסיפאָוויטש געווען אַזוי גערירט, אַז טרערן האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן. יאָ, מע זעט גלײַך, אַז דאָס האָט געשריבן ניט אַבי־ווער. נאָר וואָס דען — די אײַנשטעלונג, דער אָפּקלײַב און די באַלויכטונג פון די פאַקטן, די טענדענץ... די טענדענץ, מוז מען מודע זײַן, איז פאַרעלטערט. די היסטאָרישע סכעמעס, וואָס האָבן זיך פריִער קאָטירט אַזוי הויך, זײַנען הײַנט אָפּגעפרעגט, גייען שוין ניט אָן. ווי האָט עס געזאָגט יענער אין פאַרלאַג, ווו אַלעקסאַנדער יאָסיפאָוויטש האָט פאָרגעלייגט אַ זאַמלונג פון זײַנע ווערק? „איר האָט פאַרשפּעטיקט, באַ הײַנטיקן טאָג איז עס שוין ניט קיין סכוירע“... אַנדערע צײַטן. אַ דערשלאָגענער האָט אַלעקסאַנדער יאָסיפאָוויטש פאַרלאָשן די שײַן און זיך אומגעקערט צו זײַן געלעגער. דער באַנאַכטיקער איבערקוק פון זײַן פאַרמעג האָט אים ניט פאַרשאַפט קיין נאַכעס, ביין.

צי איז אַלעקסאַנדער יאָסיפאָוויטש אַמאָל געווען יונג? צי האָט ער ווען־ניט־איז געטראָגן אין האַרצן אַ ציכטיק פײַערל? דאַכט זיך, אַז יאָ, כאָטש יענע צײַט איז שוין ווײַט אָפּגערוקט, אַז סע גלייבט זיך קוים. פריִער אין דער היים פאָטער און מוטער, נאָכדעם אין אוניווערסיטעט פּראָפעסאָרן און כאַווירים האָבן פון אים שטאַרק געהאַלטן, פאָרויסגעזאָגט, אַז פון אים וועט אויסוואַקסן אָן אָנגעזעענער וויסנשאַפטלער, אַ וויכטיקער געזעלשאַפטלעכער טוער. „ביידע זאַכן“, — האָט ער ליב געהאַט צו ענטפערן אָן איבעריקער אַניוועס. און ניט סטאַם אויס באַרימערײַ, נאָר אויס איבערצײַגונג. „פון אָן אינטעליגענט אין אונדזער עפּאָכע פאָדערט זיך פריִער פאַר אַלץ הײַנטצײַטיקײַט“. ראָזען, זײַן עלטערער שוועסטער, האָט ער פירגעהאַלטן, אַז זי איז ניט הײַנטצײַטיק. זײַן טאַטע, דער דאָקטער, וואָס איז שטאַרק באַליבט געווען באַם אָרעמען עולעם, האָט באַ אים געהייסן „אַלטמאָדישער הומאַניסט“. «И мы не любим нищих»[1], — האָט ער ליב געהאַט ציטירן אַ פערז פון אַ געוויסן דיכטער. אַלס פאַך האָט זיך דער יונגער בראַסלאַווסקי אויסגעקליבן געשיכטע, נאָר ער איז געווען אָנגעלייענט נאָך אין אַנדערע פאַכן. ער האָט געקאָנט שיין רײדן און אַלעמאָל געוווּסט, וואָס מע דאַרף זאָגן. אַף דער געזעלשאַפטלעכער אַרענע איז ער אַרויס אין דער צווייטער העלפט פון די צוואַנציקער יאָרן, און צווישן די צוגווינטן פון יענער צײַט האָט ער זיך אַף קיין רעגע ניט צעטומלט, פאַרשטאַנען, ווען שווײַגן און אויסוואַרטן, ווען שטעלן אין קאָן אַ וואָרט אָדער אַ זשעסט.

אַלעקסאַנדער יאָסיפאָוויטש פאַרקײַלעכיקט זײַן לעבנס־פילאָסאָפיע: „זיי ווייסן, זיי טוען. זיי זעען דעם ציל און דעם וועג, האַלטן אין קאָפּ דעם כעזשבן און אין דער האַנט — אַלע פעדעם און טראָגן די אַכרײַעס פאַר דער זאַך און פאַר מיר. מײַן מיינונג איז אַ פריוואַט־זאַך, ווי מײַן נאָזטיכל. קיינעם גייט זי ניט אָן“. לאָזנדיק זיך שווימען אין די גרויסע וואַסערן, האָט ער פריִער פאַר אַלץ זיך באַפרײַט פון באַלאַסט.

ס'איז אים אָנגעקומען גרינג. אַלעמאָל, ווען אַלעקסאַנדער יאָסיפאָוויטש האָט געדאַרפט אַרויס מיט אַ וואָרט אין דער עפנטלעכקײַט, האָט ער פּאָשעט פאַרגעסן, וואָס ער האָט מיט אַ רעגע פריִער אַליין געטראַכט. אַזוי האָבן צוויי געלעבט אין איין הויט און זיך איינער מיטן אַנדערן ניט געקריגט. „אַזאַ איז ער, דער הײַנטצײַטיקער אינטעליגענט, — האָט אין געדאַנק אַלעקסאַנדער יאָסיפאָוויטש פאָלעמיזירט מיט זײַנע מעגלעכע קעגנער. — פונעם פאַרטייער פאָדערט זיך דיסציפּלין, פונעם אומפאַרטייִשן — כוש, פּײַיקײַט באַלד אָנשמעקן אין דער לופט יעדן נײַעם הויך. ס'איז ניט קיין צופאַסלערײַ, ס'איז פילבאַרקײַט“. ער איז גאַנץ לאַנג פאַרבליבן אָן אומפאַרטייִשער און דערצו גאָרניט דערלייגט.

---

[1] אויך מיר האָבן ניט ליב קיין אָרעמעלײַט.

אלץ איז, דאכט זיך, געגאנגען אויסגעצייכנט. זײַנע ארבעטן האָט מען גערן געדרוקט, ער זאָל נאָר האָבן צײַט זיי צו שרײַבן. אין אינסטיטוט האָט ער פארנומען דאָס בענקל, וואָס אים האָט זיך געוואָלט פארנעמען. ער איז געווען אן אָנגעלייגטער מענטש נאָך אין אנדערע אנשטאלטן. ער האָט געהאט א גוטע דירע, גענוג געלט, נאָר ווייניק קאָוועד. פונוואנען זשע האָט זיך צו אים גענומען דאָס געפיל פון אומזיכערקייט, פון טיף באהאלטענער שרעק, וואָס פלעגט אים פון מאָל צו מאָל באפאלן מיט אזא קויעך, אז ער פלעגט זיך ארומקוקן פארדעכטיק, צי קיינער באמערקט עס ניט? ווער ווייסט, עפשער האָט דאָ געהאט צו זאָגן טאקע זײַן צווייפענעמדיקייט, וואָס, כאָטש ער איז מיט איר אויסגעקומען גאנץ היימיש, האָט זי דאָך אים פאמעלעך געטאָטשעט, ווי דער האָלץ־וואָרעם טאָטשעט דעם בוים. און ווי טויב אלעקסאנדער יאָסיפאָוויטש איז ניט געווען, איז עפּעס אן אָפּקלאנג פון אָט דעם וואָרעמס ארבעט דאָך מינוטנווײַז צו אים דערגאנגען און ארויסגערופן אומרו. עפשער האָבן דאָ געווירקט נאָך אנדערע סיבעס? אזוי צי אנדערש, נאָר מיט אָט דעם דורכויס ניכטערן מענטשן איז עפּעס געשען. ער האָט אָנגעהויבן כאָלעמען אף דער וואָר, און וואָס ווײַטער — אלץ אָפטער און מער.

צו די זעענישן, מיט וועלכע ער פלעגט זיך פון צײַט צו צײַט אָפּגעבן, האָט געהערט אויך די פאָרשטעלונג, אז דער פארשטאָרבענער פאָטער זײַנער לעבט. ער האלט זיך נאָך אלץ בא זײַן פילאנטראָפּישן הומאניזם, דער אלטער יאָסיף מיכײַלאָוויטש בראסלאווסקי. אין די הונגעריאָרן, גייענדיק צו זײַנע פאציִענטן, האָט ער געשטופּט אין די קעשענעס, וואָס עס האָט זיך געמאכט אונטער דער האנט: עטלעכע ציגעלעך צוקער, א שטיקל ברויט, א פלעשל מילך. „אײַערע לאָזונגען, — פלעגט ער זאָגן, — זײַנען אויסגערעכנט אף דוירעס און מיליאָנען. איך האָב צו טאָן מיט דעם איינצלנעם, מיט זײַן פלייש און בלוט". ער איז, אייגנטלעך, גאָרניט געווען קיין קעגנער פון סאָוועטנמאכט, אים האָט זיך נאָר אויסגעוויזן, אז די עפּאָכע פון מילכאָמע און רעוואָליוציע האָט מיט זיך געבראכט א גרינגשעצונג פון דעם איינצלנעם מענטשן, פון זײַן לײַב און זעל, און דאָס איז אים געווען דערווידער.

וואָס וואָלט ער, אשטייגער, הײַנט געזאָגט, ווען ער לעבט? ער איז געווען א גרויסער אקשן, אָט דער אלטמאָדישער פּראָווינציעלער דאָקטער. און אלעקסאנדער יאָסיפאָוויטשן מאָלט זיך אויס, ווי ער וואָלט אים ניט געשאנעוועט, דעם אלטן, כאָטש ער איז א טאטע, ווי ער וואָלט, סאָפּקאָלסאָף, צו וויסן געגעבן ווהין מע דארף, אז דער בירגער יאָסיף מיכײַלאָוויטש בראסלאווסקי, דאָצענט פון מעדיציניש אינסטיטוט (אין דער עמעסן האָט דער דאָקטער בראסלאווסקי מיט קיין לעקטאָרישער ארבעט זיך קיינמאָל ניט פארנומען) דערלויבט זיך אף די לעקציעס ניט נאָר קיין אויסגעהאלטענע ארויסזאָגונגען, וואָס האָבן ניט קיין שײַכעס צו זײַן דיסציפּלין, און מע טאָר אים בעשום־אויפן ניט פארטרויען אזא זאך, ווי דערציִען אונדזער סטודענטשאפט.

אָט די אלע אויסערגעוויינלעכע אופטוען מאכן אים, אלעקסאנדער יאָסיפאָוויטשן, אזא שעם, אז פאר זיך מעג ער שוין זײַן אינגאנצן רויִק. און פונדעסטוועגן איז ער גאָרניט געווען רויִק. ניט צו פארשטיין, פונוואנען פלעגט אים פּלוצעם אָנכאפּן א מוירע, אז נאָך ניט פון אלע זײַטן איז ער באוואָרנט, אז אומגעריכט קאָן אף אים קומען א צאָרע, ער זאָל ניט וויסן, וויִאזוי זיך פון איר אָפּטרייסלען. ווי איינעם כאָלעמט זיך אמאָל, אז ער איז אין איין העמד, א קורצס, ווי נאָר צוליב כויזעק, אלע זעען זײַן שאנד, און ער ווייסט ניט ווהין זיך אהינצוטאָן, אזוי פלעגט זיך אים פּלוצעם אָנהייבן דאכטן, אז דער שטערן זײַנער איז דורכזיכטיק, ווי גלאָז, און מע זעט יענע געדאנקען, וואָס ס'איז ניט גוט, עמעצער זאָל זיי זען, זיי טאָרן גאָרניט קומען צום אויסדרוק ניט אין וואָרט, ניט אין דער מינדסטער האווײַע אפילע. אָ, ביטערע, שענדלעכע, שוידערלעכע געדאנקען, דער רועך ווייסט עס, פונוואנען זיי קומען צו דיר, קריכן אין קאָפּ ניט געבעטענערהייט, קאָנען מאמעש דיך אומברענגען, ווען מע ווערט געוווירע פון זיי. שלעכט, אומבאקוועם איז ער אײַנגעאָרדנט, דער מענטשלעכער מארך, ווי איר ווילט זיך. באשטימט צו דינען זײַן באלעבאָס, ווי א הונט, ווי א געווער, ווײַזט ער דיר אומגעריכט זאכן, וואָס דו ווילסט זיי גאָרניט זען, שטעקט דיר אינמיטן־דערינען אויס א צונג, פארסאמט די זיסטע מינוטן.

מיט זײַן יוגנט־כאווער באָריע מאריאסין האָט זיך אלעקסאנדער יאָסיפאָוויטש זעלטן־ווען געזען. זיי האָבן געוווינט ווײַט איינער פונעם אנדערן און זײַנען דערצו געווען פארנומען אין גאנץ פארשיידענע געביטן. ווען זיי האָבן פאראיאָרן זומער אין איינעם א פרימאָרגן זיך צופעליק באגעגנט אין גאס, האָט זיך ארויסגעוויזן, אז מאריאסינס אורלויב האָט זיך נאָך ניט פארענדיקט און בראסלאווסקיס הייבט זיך ערשט אָן, קאָנען זיי, הייסט עס, פרײַ פארברענגען א פּאָר שאָ צוזאמען. די באגעגעניש איז פאָרגעקומען לעבן דער לענין־ביבליאָטעק, פון דאָרטן זײַנען זיי אראָפּ צום טײַך, זײַנען אריבער אף יענער זײַט און מיטן ברעג זיך געלאָזט גיין צום פּארק, שמועסנדיק אונטערוועגס וועגן דאָס און יענץ. בראסלאווסקי האָט, ווי שטענדיק, געוויגן די ווערטער. אין זײַן ניט הויכער פיגור מיט אן אָנהייב פון א בײַכל האָט זיך געפילט א שטענדיק

וואכנדיקע אַנשטרענגונג ניט פאַרלירן איר כשיוועס. דאָס פּאָנעם האָט אויסגעזען וויניק פריינט־לעך, איינגעשלאָסן. דער פּראָסטהאַרציקער מאַריאַסין, פאַרקערט, איז געווען פול מיט באַוועגונג. אָט האָט ער זיך פאַרקוקט אַף צוויי קליינע קינדער אין רויט־בלויע קליידעלעך, ניט געקאָנט פון זיי די אויגן אָפּרייסן. אָט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט א דערשטוינטער פאַר דער ברייט צעעפנטער קרעמל־פּאַנאָראַמע, מיט דער האַנט אויסגעמאָלט אין דער לופטן א געבראָכענע ליניע, איבער־געבנדיק אַף אַזאַ אופן זיין איינדרוק פון דעם וווּנדערלעכן אַנסאַמבל טורעמס, קופּאָלן, מויערן און דעכער.

— סאַראַ שיינקייט, אַ? און אַלעמאָל ניי.

— נו, וואָס איז דאָ צו ריידן. און די רובינאַווע שטערנס באַנאַכט!

זיי זיינען אַריין אין פּאַרק. אויך דאָ איז מאַריאַסינען אַלץ געפעלן געווען: די פריש־גרין באַבלעטערטעביימער, דער קאַפּע־רעסטאָראַן אַף דער פרייער לופט, דער קעפיר, וואָס מע האָט דאָרט דערלאַנגט, די צוויי יונגע פרויען, וואָס זיינען געזעסן ניט ווייט בא א טיש. די ערשטע טעג ליידיק גיין נאָך א גאַנץ יאָר זיין פאַרנומען האָבן אים, קענטיק, פאַרשאַפט גוטע שטימונג.

— וואָס מאַכט אַניע? — האָט בראַסלאַווסקי א פרעג געטאָן. מיט מאַריאַסינס פרוי איז ער אַמאָל, אין די סטודענטישע יאָרן, געווען באַקאַנט.

דאָ האָט מאַריאַסין זיך שיר ניט צעזונגען:

— אַניע, ברודער־לעבן, אַניע איז מיין גוטער מאַלעך, מיין טרייסט, מיין אָנשפּאַר אין א שווערער מינוט. דאַפקע זייער א באַשיידענע, קענסט דאָך זי. אַרבעט אין א קינדער־ביבליאָטעק. נאָר ווען מע דאַרף, קאָן זי א זאָג טאָן א פּראָסט וואָרט, ס׳זאָל דיר ליכטיק ווערן אין די אויגן. אָן איר ווייס איך ניט, ווי איך וואָלט אויסגעקומען אָן אַנדערשמאָל מיט זיך אַליין.

— וואָס איז, האָסט עפּעס שוועריקייטן אַף דער שטעלע צי אין דער פּאַרטיי?

— ניט דאָס, נאָר בכלל. ס׳מאַכט זיך אַמאָל ניט קיין גוטע שטימונג. בא דיר ניט?

— איך ווייס ניט, וואָס דו מיינסט.

— נו, געוויס. דו ביסט א היסטאָריקער. האָסט צו טאָן מיט קאַבינעט־מענטשן, מיט וויסנ־שאַפט. איך בין אָן עקאָנאָמיסט. איך באַגעגן זיך מיט דער ווירקלעכקייט, מיט דער פּראַקטיק. ס׳איז ווייט ניט אַזוי ווי מע דאַרף — אין דער לאַנדווירטשאַפט באַזונדערס. און ניט נאָר אין דער לאַנדווירטשאַפט. קיין כידעש ניט, סאָציאַליזם — ס׳איז דאָך א נייע זאַך, וואָלט זיך גע־דאַכט, אַז דאָס וויכטיקסטע איז איצט סטימולירן דעם שעפערישן געדאַנק. איז דאַפקע ניין. איך רייד ניט וועגן שוועריקייטן, איך רייד וועגן סטיל. מער ווי אַלץ ווערט געזאָרגט וועגן פּאַסאַד. קנייפּ די באַקן, די פאַרב זאָל שטיין, אין דער צייט, ווען דאָס האַרץ, די קישקעס זיינען ניט מיט אַלעמען.

— אָ־הום... און אַניע וואָס זאָגט דערצו?

— איר פילאָסאָפיע איז א פּאַשעטע: אונדזער זאַך איז — אפן בעסטן אופן טאָן, וואָס מיר קאָנען. אויב אַלע וועלן זיך אַזוי פירן, וועט מען סאַפּקאָלאָסאַף אַרויסשלעפּן דעם וואָגן אפן גלייכן וועג. איז זי, אייגנטלעך, אויך גערעכט. נאָר, ערשטנס, ווי מאַכט מען עס, אַלע זאָלן זיך אַזוי פירן. און צווייטנס, ניט אַלעמאָל לאָזט מען אפן בעסטן אופן טאָן, וואָס דו קאָנסט. דו ביסט אין דער פּאַרטיי, פאַרשטייט זיך?

— ניין.

— און איך האָב געמיינט... נאָר אַלציינס. ביסט א באָלשעוויק, איך ווייס. סאַפּקאָלאָסאַף מוז מען דאָך ווען־ניט־איז מיט עמעצן זיך דורכריידן וועגן דעם. וואָס איז דען אויסן אונדזערער א מענטש, ווען ער פאַרטראַכט זיך אַמאָל? עפּשער ווערט ניט אַלץ געטאָן פאַר דער זאַך ווי אַמ־בעסטן? אָט די מאָסן־אַרעסטן, ווי קלערסטו, ווי דאַרף מען עס פאַרשטיין? מע נעמט מענטשן, וואָס ס׳איז פּאַשעט ניט מעגלעך זיך פאָרצושטעלן, אַז זיי זיינען סאָנים.

— מע קאָן גאָר ניט וויסן. אַז מע נעמט, איז מיסטאָמע ניט אומזיסט.

— איך טראַכט אויך אַזוי. פונדעסטוועגן ווערט קאַלעמוטנע אפן האַרצן, ווען דו ווערסט געוווירע, אַז נאָך איינער און נאָך איינער, וועמען דו האָסט געטרויט, וועמען דו האָסט ליב גע־האַט, געהאַלטן פאַר א מוסטער... נו, גענוג. לאָמיר ריידן וועגן פריילעכערע זאַכן.

זיי האָבן נאָך א שטיקל צייט צוזאַמען שפּאַצירט איבער די אַלייען פון פּאַרק. נאָר דער שמועס האָט זיך שוין ניט געקלעפּט. בראַסלאַווסקי האָט א קוק געטאָן אפן זייגער, זיך געכאַפּט, אַז ער פאַרשפּעטיקט צו דער איינגעשטעלטער מיטיק־שאָ, און גענומען זיך געזעגענען.

— איך קאָן דיר ניט אַרויסגעבן, ווי צופרידן איך בין, וואָס מיר האָבן זיך באַגעגנט, — האָט מאַריאַסין געזאָגט מיט געפיל.

— איך אויך, זייער צופרידן, גריס אַניען, — האָט אַלעקסאַנדער יאָסיפאָוויטש געענטפערט. אַלעקסאַנדער יאָסיפאָוויטשן איז ניט אַזוי שווער אָנגעקומען אָנשרייבן דעם באַריכט וועגן

זײַן שמועס מיט מאַריאַסינען, ווי נאָכדעם באַהאַלטן די קאַפּיע, וואָס ער האָט ספּעציעל פאַר זײַן אַרכיוו געמאַכט. די טיש־קעסטלעך האָבן אים אויסגעוויזן ניט קײן גענוג זיכערע באַהעלטעניש. די פרוי האָט געהאַט אַ שלעכטע געווינשאַפט לייגן אַהין קאָרעספּאָנדענץ, רעצעפּטן, געלט, ווען זי האָט עס ניט געוואָלט טראָגן מיט זיך, און נאָך אַזוינע זאַכן, כאָטש ער האָט וויפל מאָל געבעטן, זי זאָל זיך צו זײַן שרײַבטיש ניט מישן. פאַרשטעקן דאָס בלעטל פּאַפּיר אין אַ בוך — קאָן מען אויך ניט באַוואָרנט זײַן פון צופעליקייטן. נאָר — קיין ברייערע ניט. אַ קאַפּיע מוז ער האָבן אַף יעדן פאַל. ווער ווייסט, וואָס סע קאָן זיך מאַכן אין אַזאַ האַרבער צײַט.

אין לאַנד האָט דאַן געבושעוועט דער טײַפון פון 1937 יאָר. גאַנצע דוירעס קאָמוניסטן, אויסגעפּרוווטע קעמפער, דעמבעס, האָט ער מיטן וואָרצל אויסגעריסן, פון דער ערד אָפּגעווישט. אַלעקסאַנדער יאַסיפאָוויטשן האָט דער טײַפון ניט געשאַט. אַן אויג, וואָס האָט ליב זיך צוקוקן, וואָלט עפּשער באַמערקט עפּעס אַן ענדערונג אין זײַן אויסזען און האַלטונג, און דאַפקע צו גוטן. אַף זײַן פּאָנעם, פריִער אַזאַ אײַנגעשלאָסענעם און וויניק פרײַנטלעכן, האָט איצט גערן און אַלע־מאָל גרייט זיך געוויזן אַ צוגעלאָזט שמייכעלע. ער איז ביכלאַל געוואָרן אַ סאַך צוגעלאָזטער צו מענטשן, אַ סאַך באַריידעוודיקער. ער האָט זיך אַפילע פאַרגינט פון מאָל צו מאָל בא אַ געלעגנהײַט פאַרבעטן אַ באַקאַנטן אין אַ קלייטל אויסצוטרינקען אַ גלאָז ווײַן, ברייטלעך אָפּשאַרנדיק יענעמס האַנט: כאַפּט זיך ניט, הייסט עס, פאַרן בײַטל, איך צאָל. און דאָס האָט שוין אַף זיכער באַטײַט, אַז אין בראַסלאַווסקיס געהיימען אַרכיוו (אַ פאַרעלטערט לערנבוך פון געשיכטע, אײַנגעוויקלט אין אַ פּאַפּיר און איבערגעבונדן מיט אַ שנירל, ס'האָט נאָר געפעלט, אַף דעם זאָל זײַן אָנגעמאָלט אַ שאַרבן מיט צוויי איבערגעקרייצטע ביינער) איז צוגעקומען נאָך אַ קאַפּיע.

בעשאָלעם זײַנען פאַר אַלעקסאַנדער יאַסיפאָוויטשן אַריבער אויך די מילכאָמע־יאָרן: ער האָט זיי פאַרבראַכט אין טיפן הינטערלאַנד. ער איז ענדלעך אַרײַן אין דער פּאַרטיי. ער איז פעסט געשטאַנען אַף ביידע פיס, פעסטער ווי ווען־ניט־איז ביז אַהער. קיינער האָט זיך מיט אים ניט געקאָנט גלײַכן אין פאָרמולירונגען, וואָס זאָלן זײַן אַזוי באַוואָרנט, אַז דער שאַרפסטער קעגנער זאָל זיך צו זיי ניט קאָנען צוטשעפּען. פאַרקערט, ער האָט געקאָנט, ווען ס'איז נייטיק, אין יעדער פאָרמולירונג אויפדעקן אַ זינד, אַ געפאַר, אַ דיוועוּרסיע.

צוליבן עמעס מוז געזאָגט ווערן, אַז אַלעקסאַנדער יאַסיפאָוויטשן איז ניט פרעמד געווען סטאַיִציזם. ווען ס'זײַנען אָנגעשטאַנען שווערע טעג און זײַן פרוי פלעגט ניט זעלטן זיך אומקערן פון דער אַרבעט, פון מאַגאַזין, פון טראַמוויי מיט טרערן אין די אויגן, און פאַר טאַליען, דעם זון זײַנעם, איז געווען אַן אָפּקומעניש גיין אין שול און זיך באַגעגענען מיט כאַוויירים, און אים, אַלעקסאַנדער יאַסיפאָוויטשן אַליין, זײַנען אין געדיכט־באַפעלקערטן הויף, ווו ער האָט געוווינט, אָפּט נאָכגעפלויגן שטיקלעך ציגל, אײַז, בלאָטע און ווערטער, נאָך האַרטערע פון ציגל און קוויטיקערע פון בלאָטע, האָט ער ניט פאַרלאָרן זײַן גלײַכגעוויכט. געלאָסן, מיט דער געהעריקער פאַרשטענדעניש פאַרן גייסט פון דער צײַט, האָט ער אויפגענומען דעם פאַרשלאָג איבערגעבן די אָנפירונג מיט דער קאַטעדרע אַן אַנדערן. אַפילע אין שטוב, פאַר די היימישע האָט ער זיך ניט דערלויבט אַרויסלאָזן פון מויל אַ ניט גענוג באַוואָרנט וואָרט, אַלע זייערע טײַנעס און פאַרדראָסן אָפּגעוועגדט מיט אַן אַנצוהערעניש, אַז אים זײַנען קלוימערשט באַוווּסט העכערע מאָטיוון, וואָס קלערן אויף און פאַרענטפערן, פאַרוואָס דאָס אַלץ, וואָס ווערט געטאָן, דאַרף געטאָן ווערן, און כאָטש דאָ און דאָרט, נאַטירלעך, זײַנען מעגלעך איבערבייגן און אָפּנייגן, נאָר מע מוז שטענדיק פאַרשטיין אונטערצושיידן די פּראַקטיק פון דער ליניע. נאָך מער. גראָד אין די יאָרן איז בראַסלאַווסקיס אָפּטימיזם געשטיגן ביז גאָר הויך. וואָס וויניקער ער האָט פאַרשטאַנען די סיבעס און דעם צוועק פון די אומגעריכטע נײַסן, וואָס מער אים און זײַנע נאָענטע איז אויסגעקומען פון זיי צו לײַדן, אַלץ שטאַרקער האָט ער אַרויסגעוויזן זײַן גלויבן, אַלץ פרומער זײַנען געוואָרן זײַנע רייד, אַלץ אָפּטער האָט אין זיי אָנגעהויבן זיך דורכרײַסן אַ נאָטע פון עקסטאַז.

נאָר דאָס אַלץ האָט געגאָלטן באַטאָג, בא דער העלער שײַן, צווישן מענטשן. אין די נעכט אָבער — אָך, אין די נעכט, אַליין מיט זיך, אָן שלאָף — דאַן האָבן רוכעס געריסן אַף שטיקער זײַן האַרץ. אַפן זון זײַנען געקומען אַלע פאַרשוויגענע באַלײדיקונגען פון די לעצטע יאָרן און כאַדאָשים. די גאַנצע ביטערניש, וואָס איז געלעגן טיף באַהאַלטן און פאַרשטיקט, האָט אופגעזאָטן, ניט געקאָנט זיך שטילן שאָענווײַז. אינדערפרי האָט דאָס אַלץ אַליין, אָן מי, זיך ווידער אײַנגעלייגט, און פאַרן שפּיגל, ווען אַלעקסאַנדער יאַסיפאָוויטש האָט פאַרשלייפט זײַן האַלדזטיכל, אין גאַס, אין אַנשטאַלט האָט ער שוין ווידער געהאַט זײַן געוויינלעכן אויסזען, ווי יענץ אָנשטענדיק הויז, וואָס אַף דעם איז ניט צו באַמערקן, אַז באַנאַכט איז דאָרט געווען אַ ווערטעפּ.

בא די אַלע ניסיוינעס האָט אַלעקסאַנדער יאַסיפאָוויטשן געשטאַרקט דער באַוווּסטזײַן, אַז ער איז, אייגנטלעך, ניט ער, און פאַר זיך און זײַנע מײַסים טראָגט ער די אַכרײַעס ניט מער,

ווי יענער גוילעם, ווען ס׳איז געגעבן נאָר איינס — טרעפן דעם מיין פון זײַן באַשעפער און דינען זײַן ווילן. און אָט איז געקומען א טאָג, ווען זײַן באַשעפער און באַלעבאָס, דער האַר פון זײַן מאַרך, פון זײַן געוויסן, פון זײַן צונג, פון זײַנע הענט און פיס, איז ניט געוואָרן. מיטאַמאָל האָט זיך אַלעקסאַנדער יאָסיפאָוויטש דערזען אינמיטן וועלט ליידיק און הויל, אומבאַהאָלפן צו מאַכן ווײַטער א טראָט. זײַן פאַרלוירנקײַט איז געוואַקסן פון כוידעש צו כוידעש, איז מאָמענטווײַז געשטיגן ביז צו א פּאָרגעפיל פון נאָענטער קאַטאַסטראָפע, באַזונדערס דעמאָלט, ווען פון ווײַט פאַרוואָרפענע, טויבע מעקוימעס האָבן איינער נאָכן אַנדערן, ווי אין כאָלעם, אָנגעהויבן אָנקומען לאַנג פאַרגעסענע און דאָך באַקענטע געשטאַלטן, וואָס קיינער האָט זיך שוין ניט געריכט זיי צו זען. אַלעקסאַנדער יאָסיפאָוויטש האָט ניט איינעם פון זיי געדריקט די האַנט, צוטרייסלענדיק זי דערבײַ מיט גרויס געפיל, נאָר אין האַרצן האָט פון מאָל צו מאָל זיך אָפּגעזעצט אַלץ א גרעסערע שרעק: אָט, האָט ער קעסיידער געוואַרט, אָט באַלד טראָגט עס פּלוצעם אָן אַנטקעגן עמעצן מיט אַן אַלטן כעזשבן, עמעצן אַן אָנגעמאָרדעוועטן, מיט אײַנגעפאַלענע באַקן און שטראָפּנדיקע אויגן, וואָס מאָנען אַן ענטפער פאַר אַן אומזיסט־אומגישט צעטראָטן לעבן.

אין גאַס האָט אַלעקסאַנדער יאָסיפאָוויטש זיך איצט באַמיט צו גיין אויף קיינעם ניט קוקנדיק, אָף פאַרזאַמלונגען און זיצונגען זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט, ביכלאַל ווי ווײַט מעגלעך אויסגעמיטן פאַרקער מיט מענטשן, און דאָס האָט קיינעם ניט געוווּנדערט. נאָכן טויט פון זײַן פרוי איז נאָך קיין יאָר ניט אַריבער, און מע האָט זיך געקאָנט אָנשטויסן, אַז אַזאַ געטרײַער פאַמיליען־מענטש, ווי אַלעקסאַנדער יאָסיפאָוויטש איז שטענדיק געווען, טראָגט עס איבער ניט גרינג.

●

וואָס האָט באַוועגט אַלעקסאַנדער יאָסיפאָוויטשן אין יענעם ווינטער־פאַרנאַכט אָפּשטעלן אַניען אין גאַס און גיין זי באַגלייטן — די איינזאַמקײַט, וואָס האָט אים וואָס ווײַטער אַלץ מער געדריקט, די בענקעניש נאָך דער געזעלשאַפט פון א פרוי צי עפּשער נאָך עפּעס, וואָס ער אַליין האָט פון דעם ניט אינגאַנצן קלאָר געוווּסט, — דאָס איז שווער צו זאָגן. דעם מענטשנס נעשאָמע איז א פינצטערער וואַלד.

ס׳איז ערשט ניט לאַנג אַרויסגעפאַלן א שניי. איצט איז געווען שטיל, די לופט — ווייך און ריין. די לאַמטערנס זײַנען נאָך ניט געווען אָנגעצונדן. דער נעפּלדיקער הימל האָט גיך געטונקלט, גאָר א נידעריקער. אין רוים איבער דער שטאָט איז געשטאַנען א דורכזיכטיקע בלויקײַט, אַן אָפּשײַן פון דער ווײַסער ערד און פון די ווײַסע דעכער. א בלוילעכקײַט איז געפאַלן אויך אָף אַניעס פּאָנעם. אַלעקסאַנדער יאָסיפאָוויטש האָט זיך געכידעשט, ווי ווייניק זי האָט זיך געעלטערט פאַר דעם יאָרצענדליק צי מער, וואָס ער האָט זיך מיט איר ניט באַגעגנט. זי האָט אויסגעזען אָפּגעצערט, בלייך, נאָר אין די קלאָרע און רויִקע אויגן, אין דער ליניע פונעם קין, אין שניט פונעם מויל האָט זיך אײַנגעהיט א גוטער רעשט פון נאָך ניט פאַרדאָרבענעם יוגנטלעכן כיין.

— איך האָב געהערט פון אײַער אווידע, — האָט זי געזאָגט. — נו, וואָס קאָן מען טאָן? איר האָט א ווױלן זון.

— שוין א סטודענט.

— איך ווייס. מיט מײַנעם אָף איין פאַקולטעט, נאָר מײַנער איז מיט צוויי קורסן ייִנגער, ערשט דאָס יאָר אָנגעקומען.

אַניע האָט איצט געוווינט נעענטער צום צענטער, און קעדיי א ביסל צענעמען די גלידער נאָך דער זיצנדיקער אַרבעט אין דער ביבליִאָטעק, איז זי געגאַנגען אַהיים צופוס.

איר איז, קענטיק, געווען צום האַרצן די באַגעגעניש מיט בראַסלאַווסקין, וועלכן זי האָט געקענט ווי א פּרײַנט פון איר אומגעקומענעם מאַן. שטיל, אײַנגעהאַלטן האָט זי דערציילט, אַז לויט דער יעדיִע, וואָס זי האָט געהאַט מיט א פּאָר יאָר צוריק, איז באָריע געשטאָרבן נאָך מילכאָמע־צײַט, נאָר ווו דער קערפּער זײַנער ליגט, — דאָס קאָן זי בעשום־אויפן ניט דערגיין. א מאָגערע, א שלאַנקע, אין אַן ענגלעכער, שטאַרק אויסגעריבענער טונקעלער דעמיסעזאָנער פּאַלטאָ, האָט זי זיך באַוועגט לײַכט, אָן דער מינדסטער נערוועזיטעט. אומגעצוווּנגען און רויִק זײַנען געווען אירע רייד, אירע זשעסטן. איר גאַנצער וועזן, האָט זיך געדאַכט, איז אין איינקלאַנג מיט אָט דעם ווינטערדיקן פאַרנאַכט — אַזוי ליבלעך, שטיל און ריין.

אַלעקסאַנדער יאָסיפאָוויטש האָט זי באַגלייט א היפּש שטיקל וועג. נעמענדיק אָפּשייד, האָט ער געפרעגט און פאַרשריבן איר אַדרעס און טעלעפאָן.

אין איינעם אָן אָוונט, אינגיכן נאָך דער באַגעגעניש, האָט אַנע איליִנישנע מאַריאַסינע, אַרויסגייענדיק אָף א קלונג, מיט פאַרוווּנדערונג דערזען שטיין פאַר דער טיר אַלעקסאַנדער יאָסיפאָוויטשן, א פאַרשטויבטן פון שניי — אין דרויסן האָט געווייכערט. ער האָט זיך אַנטשולדיקט:

— כ׳בין געקומען ניט געבעטענערהייט. כ׳וועל ניט שטערן?
— ניין, ניין, ביטע.

אלעקסאנדער יאָסיפאָוויטש האָט זיך אָפּגעטרייסלט, איז אַרײַן אין קאָרידאָר, זיך אויסגעטאָן דאָרט, ווו מע האָט אים אָנגעוויזן. אָן א היטל האָט ער אויסגעזען אָנגענומער. ער האָט געהאט א גוט געבויטן שטערן מיט הויכע ווינקלען. אנע אילינישנע האָט עס גלײַך באַמערקט. זי האָט ליב געהאט איידעלע פּענעמער סײַ בא פרויען, סײַ בא מאנצבלען.

ניט קיין גרויס צימער, אָרעם מעבלירט, בא איין וואנט — א געגלאָזטע ביכער־שאפע, אף דער צווייטער, איבערן זויבערן שמאָלן געלעגער — עטלעכע רעפּראָדוקציעס פון אַלטע מײַסטערס, באַריעס פאָטאָגראַפיע — דאָס איז געווען אנע אילינישנעס וווינונג. אַניע האָט צוגעראַמט פון טיש א הײַפל ביכער, א העפט, א הענטלפען, מיט וועלכן זי האָט, קענטיק, נאָרוואָס געשריבן.

— איר זײַט פארנומען מיט עפּעס אן ארבעט, זע איך, — האָט אַלעקסאנדער יאָסיפאָוויטש געזאָגט, זעצנדיק זיך מיטן רוקן צו דער פאָטאָגראַפיע.

— ניט וויכטיק. ס׳האָט צײַט.

דאָ, אין שטוב, בא דער שײַן פון לאָמפּ, האָבן זיך דײַטלעכער געלאָזט באַמערקן אי די דינע ווירעלעך אפן שטערן פון דער פרוי, אי די שארפע קנייטשן בא די ווינקלען פונעם מויל. און דאָך איז אינעם קײַלעכיקן פּאָנעם מיט די גלאַט צוגעקעמטע קאשטאנעווע האָר, אין די צוטרויעלעכע, קלאָרע אויגן, אין דער מאָגערער, מיידלש אונטערגעקליבענער פיגור, אין די באשיידענע און דערבײַ אומגעצוווּנגענע באוועגונגען געווען עפּעס יוגנטלעכס, עפּעס אזוינס, וואָס האָט געבראַכט צום געדאנק, אז אזוי האָט געדארפט אויסזען אן אמאָליקע קורסיסטקע פון די סאָציאַליסטישע קרײַזן.

אַלעקסאנדער יאָסיפאָוויטש האָט ניט געקאָנט אײַנזיצן רויק...

— עפּשער זאָל איך בעסער אוועקגיין? כ׳האָב זיך, אזוי צו זאָגן, ארײַנגעריסן...

— ניין, ניין. זיצט. באלד וועט זײַן טיי.

— כ׳האָב, פארשטייט זיך, געדארפט פריִער אָנפרעגן דורכן טעלעפאָן, נאָר ס׳האָט זיך באַקומען צופעליק. כ׳בין גראָד געווען אף דער גאַס.

— נו, און גוט האָט איר געטאָן.

— עפּעס ארבעט זיך מיר שלעכט די לעצטע צײַט, — האָט ער ניט אופגעהערט זיך צו פארענטפערן. — און אז איך האָב א טראַכט געטאָן, אז ס׳גייט א לאנגער ווינטערדיקער אָוונט און איך דארף בלײַבן אליין מיט זיך... און פּלוצעם האָב איך זיך דערמאָנט, אז איר וווינט דאָך דאָ גאָר נאָענט. כ׳בין גראָד געווען אף אײַער גאַס.

— נאָך דעם אַלעמען, וואָס איטלעכער פון אונדז האָט איבערגעלעבט, איז ניט אזוי גרינג קומען צו זיך. נאָר לעבן דארף מען, ס׳איז פאראן צוליב וועמען און צוליב וואָס.

זי האָט געזוכט ווערטער פון טרייסט, זי האָט הארציק געוואָלט אופמונטערן דעם מענטשן, וואָס איז אמאָל געווען א כאַוער פון איר מאַן און האָט איצט אויסגעזען פארלאָרן און געקלעמט.

— פאר מיר איז ארבעט די בעסטע רו, — האָט זי צוגעגעבן נאָך א ווײַלע שווײַגן, — פארשטייט זיך, מײַן ארבעט איז א קלײנינקע אין פארגלײַך מיט אײַערער.

— איר האָט, דאכט זיך, צו טאָן מיט קינדער?

— מיט קינדער, מיט יוגנט. איך בין א ביבליאָטעקערן.

— און זיי מאכן אײַך ניט מיד?

— פאַרקערט, מיט קיינעם פיל איך זיך ניט אזוי גוט, ווי מיט זיי.

אנע אילינישנע האָט דערלאַנגט טיי.

— איך האָב זיך ניט געריכט, ניט צוגעגרייט קיין זאַך צו דער טיי, — האָט זי געזאָגט. — עפּשער וועט איר עפּעס איבערבײַסן? איך קאָן אײַך פאָרלייגן ברויט, פּוטער.

— א דאנק. כ׳בין זאַט. מע דארף ניט גאָרניט. ס׳איז מיר פּאַשעט שווער צו זײַן אליין. און ס׳האָט זיך געמאכט אזוי, אז איך בין גראָד געווען אף אײַער גאַס.

— יאָ, ס׳איז ניט גרינג זײַן אליין. וויפל איז, אז די פרוי אײַערע איז געשטאָרבן?

— דאָס צווייטע יאָר.

אזוי האָבן זיי געשמועסט ניט געײַלט. ער האָט פון מאָל צו מאָל אָפּגעזופּט פון גלאָז, אינצווישן אָנגעקוקט אנע אילינישנען, און די אויגן פלעגן אים פײַכט ווערן, אָט־אָט פארלויפן זיי מיט טרערן.

אנע אילינישנען האָט זיך געדאכט, אז זי פארשטייט גוט דעם צושטאנד פון איר גאַסט. זײַן פײַן איז אזוי גרויס, אז ער קאָן זי שוין ניט באהאלטן. זי האָט אַלץ געזוכט, וויאזוי נאָך זאָל זי אים דערמוטיקן.

— ס'איז וואָלט נישט גרינג צו פאַרגעסן דעם, וואָס איז דיר אײַנגעוואַקסן אין האַרצן, — האָט זי געזאָגט. — און דאָך, קאַלמאַן מענטשן דאַרפֿן דיך, קאַלמאַן דו ביסט ניט קיין איבערי־קע אָף דער וועלט, ווילסט זיך לעבן. איך קאָן עס אײַך זאָגן, ווי א געפּרווטע.

דאָ איז עפּעס געשען. די באַקן, די ליפּן אַלעקסאַנדער יאָסיפּאָוויטשעס האָבן א צאַפּל געטאָן, די האַנט האָט זיך צוגערוקט צום האַלדז, ווי עפּעס וואָלט אים גענומען וואַרגן, און פון גאָרגל האָט זיך אַרויסגעריסן א מעשונעדיקער קלאַנג — איינצײַטיק א שלוקערץ, א כריפּ און א כליפּ.

— וואָס איז מיט אײַך? — האָט אַנע אילינישנע, א דערשראָקענע, געפרעגט און געמאַכט א טראָט צום גאַסט, טאָמער דאַרף ער איר הילף.

— א... — האָט ער פײַנלעך אויסגעקרעכצט און געמאַכט א צייכן, אַז ער קאָן ניט ריידן. און ווען זי האָט ווייך א שטרײַך געטאָן מיט די פינגער איבער זײַן אַקסל: „נו, נו, באַרויִקט זיך", — האָט ער פּלוצעם אָנגעכאַפּט איר האַנט, פיבערדיק צוגעפאַלן צו איר מיטן מויל און מיטן גאַנצן פּאָנעם, פּונקט ווי פון דער האַנט וואָלט געווענדט געווען זײַן רעטונג. א ווידערגעפיל האָט דורכגענומען אַנע אילינישנען. זי האָט זיך קוים באַהערשט, געמוזט זיך אָנטאָן א קויעך ניט צו באַגיין קיין גראָבקייט, פאַמעלעך באַפרײַט די האַנט און אוועק אָף איר אָרט.

— מע טאָר ניט אַזוי, — האָט זי געזאָגט שטרענג.

אַלעקסאַנדער יאָסיפּאָוויטש איז באַלד געקומען צו־זיך.

— יאָ, יאָ. איר זײַט גערעכט. אַנטשולדיקט. איך האָב אײַך ניט געוואָלט באַליידיקן.

— איר האָט מיך ניט באַליידיקט. ס'טוט מיר נאָר ווי פאַר אײַך. מע טאָר ניט זײַן אַזוי שוואַך.

— איר זײַט גערעכט, דורכויס גערעכט. איך גיי אַוועק. נאָך בעסער וואָלט געווען, פאַרשטייט זיך, ווען איך קום ניט אַהער.

— פאַרוואָס? ס'איז גראָד מענטשלעך, וואָס איר זײַט געקומען.

זי האָט, אייגנטלעך, גאָר ניט געוואָלט זײַן אָנגרײַפעריש, נאָר אַלץ ניט געקאָנט זיך איבער־שטעלן אָף א וויכערן טאָן. אַלעקסאַנדער יאָסיפּאָוויטש האָט זיך אופגעהויבן פון אָרט. ער האָט באַטראַכט די פרוי מיט א בליק פון איינעם, וואָס קוקט דורך א פאַרהאַנג אַזוי, אַז ער זעט, נאָר אים זעט מען ניט, און צום אָפשייד פאַרהאַלטן איר האַנט א רעגע לענגער, ווי מע דאַרף. אַנע אילינישנע האָט באַמערקט אָט די איבעריקע רעגע, נאָר ניט געגעבן עס צו פילן. זי איז געווען מיט איר גאַסט צו שאַרף, האָט זיך איר געדאַכט, זאָל ער ניט מיינען, אַז זי טראָגט נאָך אַלץ אָף אים פאַרדראָס.

א פּאָר וואָכן האָט זיך אַלעקסאַנדער יאָסיפּאָוויטש ניט געוויזן און ניט געלאָזט הערן פון זיך. און ווען ער האָט אין איינעם אַן אָוונט ענדלעך אָנגעקלונגען, האָט זיך אַנע אילינישנע דערפרייט.

— קומט צו גיין. פאַרשטייט זיך, קומט צו גיין.

דאָס מאָל האָט זי זיך צוגעגרייט, געקויפט צו דער טיי כאַלוואַ און ביכלאַל זיך געמיט אַרויס־וויַזן פרײַנטלעכקײַט צום גאַסט, אַרויסגעלייגט פאַר אים א פּעקל פאָטאָגראַפיעס — דעם מאַנס, דעם זונס, אירע — דערציילט, אַז זי האָט זיך געווענדט מיט א באַקאַשע, מע זאָל איבערקוקן דעם מאַנס איניען, און זי האָפט אָף רעאַביליטאַציע. א סאַך סימאַנים פון די לעצטע כאַדאָשים גיבן, דאַכט זיך, א גרונט צו האָפן. עמעס, באַריע וועט זיך שוין ניט אומקערן, נאָר זאָל כאָטש פון זײַן נאָמען אַראָפּגענומען ווערן דער פלעק. באַזונדערס וויל זי עס צוליב וואַוען. די לעצטע צײַט האָט ער זיך געמאַכט א געוווינשאַפט פאַרפאַלן ווערן גאַנצע אָוונטן בא א כאַווער, וואָס פאַרמאָגט א שפּיל־אַפּאַראַט מיט א קאָלעקציע פּלאַסטינקעס פון קלאַסישע ווערק. אָט דעם גע־פיל פאַר מוזיק האָט ער געיאַרשנט פון פאָטער, ווײַזט אויס. אויך מיטן פּאָנעם ווערט ער וואָס ווײַטער אַלץ מער ענלעך צום פאָטער. עפּשער וועט ער באַלד קומען, וועט מען עס זען. ס'פעלט אים נאָר באַריס' פרייעכקײַט און אָפנהאַרציקײַט. ער איז א ביסל א כמורנער, וואַווע, א ווייניק באַריידעוודיקער. נו, אַזאַ טראַוומע איבערטראָגן איז ניט קיין קלייניקײַט, ביפראַט אין די קינ־דערשע יאָרן.

אַלעקסאַנדער יאָסיפּאָוויטש איז דאָס מאָל געווען א בײַשפּיל פון אײַנגעהאַלטנקײַט און ערנסט. דעם געשפּרעך האָט ער אונטערגעהאַלטן אין דער קאַרגער מאָס, וואָס איז נייטיק געווען, און נאָר ווען ס'איז געקומען צו רייד וועגן מאַריאַסינס רעאַביליטאַציע, האָט ער זיך אַרויסגעזאָגט אויספירלעכער. ער מיינט אויך, האָט ער געזאָגט, אַז ס'איז פאַראַן א גרונט צו האָפן, ס'וועט אָן סאָפעק ביסלעכווײַז רעאַביליטירט ווערן א גאַנץ ברייטער קרײַז פון די, וואָס האָבן געליטן אין די שווערע יאָרן. ס'גייט דערצו. דאָס איז געזאָגט געוואָרן מיט וואָג, ווי עס פּאַסט פאַר א מענטש, וואָס איז ניט געוווינט צו פּלאַפּלען.

אַזוי איז אַלעקסאַנדער יאָסיפּאָוויטש געוואָרן אן אָפטער אַרײַנגייער צו אַנע אילינישנען. ער

האָט זי אַפילע איינמאָל אײַנגעלאַדן אין טעאַטער. אין דער קאַסע האָט מען אים פאָרגעלייגט אַ פּאָר אָנשטענדיקע בילעטן אויף אַ פּיעסע פון זאָליאַ. ער האָט קיינמאָל ניט געהערט, זאָליאַ זאָל האָבן געשריבן פּיעסן. אַלנפאַלס, האָט ער געטראַכט, דאַרף עס זײַן עפּעס אַזוינס, וואָס איז גענוג סאָליד, און ער האָט זיך געפילט קימאַט שאָקירט, ווען ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מע שפּילט וואָדעוויל. ער איז געזעסן אַן אַנגעבלאָזענער, ניט זיכער, צי סע פּאַסט אים גאָר קוקן אַזאַ מין פאָרשטעלונג, ווען ס'איז נאָך קיין צוויי יאָר ניטאָ נאָך דער פרויס טויט. אַנע אילינישנע, פאַר־קערט, איז געווען שטאַרק צופרידן. זי האָט געלאַכט פון גאַנצן האַרצן.

— איך בין אײַך עמעס דאַנקבאַר פאַר דעם הײַנטיקן אָוונט, — האָט זי געזאָגט אין אַנט־ראַקט. — איך געדענק שוין ניט, ווען איך האָב אַזויפיל געלאַכט. מיידלווײַז און נאָכדעם, קאָלז־מאַן באַריע איז געווען מיט מיר, האָב איך קיין זאַך ניט אַזוי ליב געהאַט, ווי לאַכן. מע ווערט אַזוי אָפּגעפרישט. אַלע זאָרגן, אַלע פאַרדראָסן ווערן, דאַכט זיך, אָפּגעשווענקט, ווען מע לאַכט זיך גוט אָן. ניט עמעס?

— יאָ, יאָ, — האָט ער צוגעבאָמקעט.

ער האָט זי געגומען אונטער דער האַנט, און זי האָט זיך אים פאַרטרויט, ווי אַן אַלטן פרײַנט, ווי אַ ברודער. ער האָט זי געפירט אָפּגעהיט, ציטעריק, זיך אָפּגעהאַלטן פון רייד, ווי ער וואָלט זיך אַליין ניט געגלייבט, מוירע געהאַט אָפּשרעקן זײַן באַגלייטערן מיט אַ ניט צוגעטראָפן וואָרט, אַ ניט־פאַרזיכטיקער באַוועגונג.

נעענטער צו פרילינג האָט אַלעקסאַנדער יאָסיפאָוויטש זעלטן ווען געקאָנט נעמען זיך צײַט גיין צוגאַסט, און ווען ער האָט אומגעריכט באַקומען אַ פרײַען אָוונט, איז ער אַוועק צו אַנע אילינישנען, ניט אָנזאָגנדיק פריער, אַז ער וועט זײַן. זי איז געווען ניט אַליין. צו באַגריסן אַלעק־סאַנדער יאָסיפאָוויטשן איז פון טיש אופגעשטאַנען אַן אומבאַקאַנטער, אַ שטאַרק אויסגעדיווער־טער אַלטער מאַן, דער האַלדז — לאַנג און דאַר, די באַקן — אײַנגעצויגן, אין מויל — ווייניק־לעך ציין, נאָר אין די העל־גרויע אויגן האָט געפינקלט אַ שאַרף, לעבעדיק צולאָכעס־פײַערל. אַלעקסאַנדער יאָסיפאָוויטש האָט זיך גלײַך אָנגעשטויסן, פונוואַנען דער מענטש קומט, און פאַר גרויס צעמישטקייט אָנגעהויבן שמייכלען צו אים.

שפּעטער אַ ביסל איז אַלעקסאַנדער יאָסיפאָוויטש רויִקער געוואָרן, געקומען צום אויספיר, אַז דערוויַיל איז קיין בייז ניט געשען. וואָווע, אַנע אילינישנעס זון, האָט דערלאַנגט טיי די געסט און דערבײַ אויסגעזען זייער פאַרטאָן. אויף דער קינדערש־ווײַסער אייבערשטער ליפ און אויפן צאַרטן קין האָבן זיך שוין אַרויסגעשלאָגן טונקעלע הערעלעך. אין זײַן גאַנצן וועזן איז געווען אָט דער געמיש פון קינדערשער צאַרטקייט און פרײַען ערנסט. ער האָט זיך אין די געשפּרעכן באַם טיש ניט באַטייליקט, נאָר ס'איז געווען קלאָר, אַז אַלץ, וואָס ער הערט, גייט אים אָן ביז גאָר און ווערט אָפּגעוויגן אויף העכסט וואָכנדיקע וואָגשאָלן.

וואָווע האָט דעם טאַטן געקענט פון דער מוטערס דערציילונגען און פון די עטלעכע פאָטאָס, וואָס זײַנען נאָך אים געבליבן. אַ לעבעדיקן האָט ער אים געזען בלויז אין כאָלעם, נאָר אויך נאָכן טויט איז דער פאָטער פאַר אים ניט געשטאָרבן. דאָס איז געווען אַ געהיימע, פײַנלעכע ליבע, וואָס גיט זעלטן ווען וועגן זיך צו וויסן. וואָווע האָט קיינמאָל וועגן פאָטער ניט גערעדט, נאָר שטענדיק געהאַלטן אים אין האַרצן. איינס האָט ער געוווּסט אויף זיכער: זײַן טאַטע איז ריין פון יעדער שולד. אין די פײַערלעכסטע מינוטן — ווען ער האָט צום ערשטן מאָל אָנגעטאָן דאָס רויטע פּיאָנערן־טיכל, ווען ער האָט זיך געשטעלט אין די רייען פון קאָמיוג — האָט ער געפילט אויף זיך דעם טאַטנס וואַרעמען אָטעם. איצט איז פאַר אים געזעסן איינער, וואָס איז געקומען פון דאָרטן, ווו דעם פאָטערס בײַנער זײַנען געלעגן, אַן אַלטער באָלשעוויק, וואָס איז נאָך לאַנגע יאָרן וואָגלענישן און לײַדן געבליבן דאָס, וואָס ער איז געווען, ריין און פעסט, ווי דימענט. וואָווע האָט געטרונקען זײַנע רייד מיט די אויגן, מיט די אויערן, מיט אַלע אייוורים, דאַרשטיק אײַנ־געזאַפּט אין זיך זײַן גרויען קאָפּ, זײַן גאַנץ געשטאַלט.

אַנע אילינישנע האָט געזאָגט:

— סערגיי דעמיאַנאָוויטש האָט אונדז געבראַכט אַ גרוס פון באַריסן. אין פערציקסטן יאָר זײַנען זיי עטלעכע כאָדאָשים געווען צוזאַמען אין איין באַראַק.

— און לאַנג זײַט איר געווען צוזאַמען? — האָט אַלעקסאַנדער יאָסיפאָוויטש געפרעגט, נאָך אַלץ אַזוי צוגעלאָזט צום גאַסט און אָנגענעם שמייכלענדיק.

— איר האָט דאָך געהערט — עטלעכע כאָדאָשים.

— כ'האָב פאַרהערט, אַנטשולדיקט.

אַנע אילינישנע האָט דערקלערט:

— אַלעקסאַנדער יאָסיפאָוויטש איז באָריס' אַ יוגנט־פרײַנט.

די ווערטער האָבן געמאַכט אויפן גאַסט אַן אומגעריכט־שטאַרקן רושעם.

— אך, א יוגנט־פריַינט? — דער אַלטער האָט אָנגעקוקט אַלעקסאַנדער יאָסיפּאָוויטשן, ווי ער וואָלט אים ערשט איצט רעכט דערזען. — יאָ, איך דערמאָן זיך. באָריס יאַקאָוולעוויטש האָט מיר עפּעס דערציילט וועגן איינעם זײַנעם א יוגנט־פריַינט.

אַלעקסאַנדער יאָסיפּאָוויטש האָט געשמייכלט אַלץ זיסער, מיט אַלץ מער געפיל.

— באָריס יאַקאָוולעוויטש האָט געהאַט א סאַך פריַינט, מע האָט אים ליב געהאַט.

— ער האָט מיר אָנגערופן א פאַמיליע.

אַלעקסאַנדער יאָסיפּאָוויטשן איז געווען, ווי ער וואָלט זיך צו שפּעט געכאַפּט, אז אַף אים פליט אָן א צוג. אַט־אַט פאָרט ער אים איבער און צעפיצלט, צעשמעטערט, מאַכט פון אים אַש. ער מוז די רעגע אַראָפּ פון די רעלסן און קאָן ניט. אין די שלייפן קלאַפּט, די צונג דינט ניט, און אין די קנעכלעך איז אזא מיִעסע שוואַכקייט — צום כאַלעשן. ס'האָט געדויערט, ביז ער האָט זיך א קויעך אָנגעטאָן און זיך אופגעהויבן פונעם אָרט. ער האָט נאָך אַלץ געשמייכלט.

— ס'איז מיר זייער אָנגענעם, — האָט ער געזאָגט, — נאָר איך מוז... איך האָב נאָך הײַנט א סאַך אַרבעט... איך מוז גיין. צום באַדויערן.

טאַפּנדיק די בײַשטידלעך, ווי א בלינדער, איז ער אַרויס פון צימער.

•

דאָס איז געווען אָן ערעך א האַלב יאָר פאַר דער דאַטע, פון וועלכער מיר הייבן אָן אונדזער דערציילונג. מער האָט אַלעקסאַנדער יאָסיפּאָוויטש ניט באַגעגנט אַנע איליניטשנען און ניט געהערט פון איר, אויב ניט רעכענען דעם אָפּקלאַנג פון יענעם אָוונט, וואָס איז דערגאַנגען צו טאַליען ערשט נאָכן אָנהייב פונעם נײַעם לערניאָר און האָט זיך טייקעף געגעבן צו וויסן אזוי קלאָר אין זײַן אופירונג, אז ווערטער זײַנען שוין געווען איבעריק.

די באַציִונגען מיט טאַליען האָבן שווער געקרענקט אַלעקסאַנדער יאָסיפּאָוויטשן. טאַליען האָט ער פראַסט, אָן קקירעס, ליב געהאַט, מינוטנווײַז ביז ווייטעק. איצט האָט ער ניט געוווסט, וויאזוי מיט אים אויסקומען, ווו זיך אהינצוטאָן פון זײַנע מאָנענדיקע בליקן. מער פון אַלץ האָט ער מוירע געהאַט מיט אים צו ריידן, א זאַך, וואָס איז זייער שווער געווען אויסצומײַדן. נאָר ער איז ניט מיד געוואָרן צו קליגן זיך, אָנווענדן אַלערליי כיטרעקײַטן, די געשפּרעכן זאָלן ניט גיין ווײַטער פון די סאַמע נייטיקסטע פראַגן און ענטפערן.

דאָס איז געווען א געראַנגל אָן א הויך קאָל, אָן מינדסטן געבייזער, א לאַנגע קייט פון שטומע אויסמאַטערנדיקע אָנשטרענגונגען אָפּצורוקן די שאָ פון אָפענעם צוזאַמענשטויס. ראָזע יאָסיפּאָוונע האָט מיט אומרו צוגעקוקט די ענדערונג, וואָס איז אין טאַליען פאָרגעקומען פאַר די לעצטע וואָכן.

— וואָס איז דיר? — איז זי ניט איין מאָל צו אים צוגעשטאַנען. — זעסט אויס וואָס אמאָל ערגער. און די אויגן — זוי עפּעס וואָלט דיך מוטשען.

— אויגן ווי אויגן, כ'ווייס ניט, וואָס איר ווילט פון מיר.

אין דער פינצטער איז עס געשען. נאָכן ערשטן שלאָף, אינמיטן דער נאַכט, האָט זיך טאַליע אופגעכאַפּט, — אַלעקסאַנדער יאָסיפּאָוויטש האָט עס דערפילט אין דער זעלבער מינוט, — א צײַט זיך געדרייט פון זײַט אַף זײַט, געזיפצט. נאָכדעם איז ער שטיל געוואָרן, און אין דער שטילקײַט האָט אויסגעקלונגען א דײַטלעכער רוף:

— טאַטע!

און נאָך א ווײַלע שווײַגן — ווידעראַמאָל:

— טאַטע!

אַלעקסאַנדער יאָסיפּאָוויטש האָט דעם אָטעם פאַרהאַלטן.

— טאַטע, זאָג! — האָט דאָס קאָל אין דער פינצטער ניט אופגעהערט צו מאָנען.

אַלעקסאַנדער יאָסיפּאָוויטש האָט ניט געענטפערט.

— דו שלאָפסט דאָך ניט. איך ווייס, — האָט אַלץ אזוי ניט הויך, נאָר דײַטלעך אויסגעקלונגען אין דער טיפנאַכטיקער שטילקײַט.

מער האָט זיך עס ניט איבערגעכאַזערט.

איינמאָל — קעגן זונטיק איז עס געווען — איז טאַליע געקומען אהיים זייער שפּעט. ראָזע יאָסיפּאָוונע האָט, ווי שטענדיק, דרימלענדיק זיצנדיקערהייט, אַף אים געוואַרט, גלײַך דערהערט, ווי ער פאָרעט זיך בא דער טיר, און אַרויס אים אנטקעגן. ער האָט אויסגעזען ביז גאָר אומגליקלעך: די אויגן — פאַרגאָסן, די פּאַלטאָ — אין פלעקן שניי.

— וואָס איז עס, ביסט געפאַלן?

קוים האַלטנדיק זיך אַף די פיס, אין די קאַלאָשן און אין אָנטאָן, ווי ער איז געווען, האָט ער זיך געלאָזט גיין אין קיך אַרײַן. א דערשראָקענע איז ראָזע יאָסיפּאָוונע אים נאָכגעגאַנגען. א

מינוט איז ער געשטאַנען באַם וואַסער־אָפּלויף און זיך אָנגעבויגן איבער אים, לאַנג זיך געמאַ־טערט, נאָר זייער ווייניק געפּויעלט. איבער דער קיך האָט זיך פאַרשפּרייט אַ בראַנפן־טשאַד. ענדלעך האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און זיך אַנידערגעזעצט אָפן טאַבורעט, וואָס די מומע האָט אים אונטערגערוקט.

— דו האָסט געטרונקען. ווי קומט עס צו דיר?

— כ'האָב געמיינט, ס'וועט מיר גרינגער ווערן. ס'איז מיר ניט גוט, מומע ראָזע.

— איך באַמערק שוין לאַנג, אַז דו ביסט ניט מיט אַלעמען. דערציייל, רייד זיך אויס דאָס האַרץ.

— ניט איצט. אַן אַנדער מאָל. איצט בין איך זיך אַליין דערווידער.

— וועסט זיך דורכשלאָפן, וועט עס אַריבער...

— ניין, מומע ראָזע, ס'וועט ניט אַריבער.

— וואָס מיינסטו? איך פאַרשטיי דיך ניט?

ער האָט זיך פאַרשטאָפּט דאָס מויל מיט דעם פּויסט. געוויין האָט אים געוואָרגן. די אַלטע האָט אים געגלעט די האָר, איינגענומען, ווי זי האָט געקאָנט.

— נעם זיך אין די הענט, קינד מייַנס. נו, זאָג שוין, וואָס איז געשען?

— אַלץ, מומע ראָזע, אַלץ איז ניט גוט, — האָט ער גערעדט דורך געוויין.

— וואָס הייסט אַלץ? ווי קאָן עס זייַן? ס'האָט דיר ניט אָפּגעגליקט מיט עפּעס אַ מיידל?

— ניין, ניין!

— וואָס זשע, ביסט דורכגעפאַלן אָף אַן עקזאַמען?

— קיין שום עקזאַמען. איך ווייס ניט, צוליב וואָס לעבן, ווען עמען גלייבן...

— טאַלינקע, ליבער, פונוואַנען נעמען זיך צו דיר אַזעלכע רייד?

— פריער האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך ווייס. איצט ווייס איך ניט גאָרנישט. מע האָט אונדז אָפּגענאַרט, מומע ראָזע.

— גאָט איז מיט דיר, ווען האָט מען אָפּגענאַרט?

— אונדז, קינדער. און אַלעמען.

ראָזע יאָסיפאָוונע האָט זיך פאַרטראַכט אָף אַ ווייַלע. דאַן שטיל געזאָגט:

— נאָר עס גייט דאָך צו בעסער, ווי איך זע מיט מייַן פּראָסטן סייכל. ווו מע האָט פאַרפעלט, סטאַרעט מען זיך פאַריכטן.

— יאָ, ס'קאָן זייַן... נאָר איך בין שוין אַ פאַרפאַלענער. סיייוויסיי.

— וואָס איז עס פאַר אַן אומגליק! וויאַזוי עפּנט זיך דיר דאָס מויל אויסצורייידן אַזעלכע ווערטער? פאַרוואָס עפּעס אַ פאַרפאַלענער? דייַן וועלט הייבט זיך ערשט אָן.

— אַך, מומע ראָזע!

ווי טאַליע איז געזעסן אָפן טאַבורעט, איז ער צוגעפאַלן צו דער אַלטערס פּלייצע מיטן שטערן און זיך צעיאָמערט מיט אַ כליפּ, ווי אַ קליינינקער. אַלעקסאַנדער יאָסיפאָוויטש איז שוין לאַנג געלעגן באַ זיך אין בעט, און ס'האָט זיך גערעכנט, אַז ער הערט ניט און ווייסט ניט פון דעם, וואָס סע טוט זיך אין קיך אין דער שפּעטער שאָ.

●

וויפל מאָל איז אַלעקסאַנדער יאָסיפאָוויטש געגאַנגען מיט דער גאַס, פאַרבייַ אָט דעם הויז, געזען דאָס שילדל מיט דער אויפשריפט „קינדער־ און יוגנט־ביבליאָטעק“, און ס'איז אים ניט אייַנגעפאַלן, אַז דאָס קאָן האָבן צו אים עפּעס אַ שייַכעס. ער וואָלט אויך דאָס מאָל זיך ניט אומגעקוקט אָף דעם ווינקל, ווען ניט די מעלדונג אין אַ טרויער־ראַם אָף דער וואַנט און דער היפשער אוילעם פאַרן אַרייַנגאַנג אין דער ביבליאָטעק. ווען אַלעקסאַנדער יאָסיפאָוויטש איז צו נעענטער און זייַן אויג האָט אויפגעכאַפּט דעם נאָמען, וואָס איז מיט גרעסערע אויסיעס געווען אָנגעשריבן אין דער מעלדונג, איז ער אַזוי צעטומלט געוואָרן, אַז ער האָט קימאַט אייַנצייַטיק געמאַכט צוויי ווידעראַנאַנדיקע באַוועגונגען: אַ באַוועגונג זיך אויסצודרייען און פאַרשווינדן און טייקעף — צוריק. די ערשטע רעגע איז באַ אים געווען אַזאַ געפיל, פּונקט ווי די פאַרשטאָרבענע קאָן פּלוצעם אויפשטיין און אויסשרייַען אים אין פּנים אַרייַן עפּעס שרעקלעכס. ביסלעכווייַז האָט ער זיך באַהערשט און אָנגעהויבן קוקן ניכטערער. אַזוי צי אַנדערש, זייַנען מיט אַניען שוין די כּעזשבוינעס געשלאָסן. עמעס, וואָווע איז געבליבן און יענער אַלטער, נאָר אין דרויסן, צווישן אוילעם, האָט מען זיי ניט געזען. אָפן טראָטואַר זייַנען אין רעדלעך געשטאַנען יונגע כעוורע, ווייניקער — דערוואַקסענע, לערער פון שולן, ווייַזט אויס, עלטערן פון קינדער, וואָס האָבן די ביבליאָטעק באַזוכט.

אלעקסאנדער יאָסיפּאָוויטש האָט זיך ניט געאײַלט אַוועקצוגיין. ס׳איז אים געקומען אַ געדאַנק, אַז עפּשער איז אַפילו גלײַכער, ער זאָל זיך ווײַזן דאָרטן, אויפן צווייטן שטאָק, ווו דער אָרן שטייט. זאָל מען זען, אַז ער פילט ניט אויף זיך קיין שולד. אינדערעמעסן, ווער קאָן עס זאָגן אויף זיכער, אַז באָריע מאַריאַסין האָט געמיינט אים, אלעקסאנדער יאָסיפּאָוויטשן, און ניט עמעצן אַן אַנדערן מיט אַן ענלעכער פאַמיליע — זאַסלאַווסקי, צום בײַשפּיל, אָדער גאָר וואַרשאַווסקי? באָריע האָט געהאַט אַ סאַך פרײַנט. מע האָט אים ליב געהאַט. סאָפּקאָלסאָף גייט עס אין אַ שמועס, וואָס איז פאָרגעקומען מיט פופצן יאָר צוריק. דער אַלטער האָט געקאָנט אַ טאָעס האָבן... אלעקסאנדער יאָסיפּאָוויטש איז אַלץ פעסטער געוואָרן אין באַשלוס אַרויף אויפן צווייטן שטאָק און אָפּגעבן דעם באַרמינען די לעצטע ערע. פריִער אָדער שפּעטער וועט עס, פאַרשטייט זיך, דערגיין צו טאָליען. נאָכדעם, בײַ אַ געלעגנהײַט, וועט שוין זײַן ניט אַזוי שווער צונישט מאַכן די גאַנצע מײַסע, ווי אַן אויסטראַכטעניש.

אויף די טרעפּ האָט ער זיך פונדעסטוועגן אויפגעהויבן ניט גאָר דרייסט. ס׳האָט זיך אים זייער ניט געוואָלט טרעפן אויבן דעם אַלטן. און ס׳איז אים אַ סאַך גרינגער געוואָרן, ווען ער האָט, ניט אַריבערטרעטנדיק די שוועל, אַרײַנגעקוקט דורך דער אָפענער טיר אין זאַל, ווו די מענטשן זײַנען געווען פאַרזאַמלט, און זיך איבערצײַגט, אַז דער אַלטער איז צווישן זיי ניטאָ. אַ גרופּע שילער איז אָנגעקומען, איינער נאָכן אַנדערן, אין שטרענגער אָרדענונג, מיט טעפּלעך בלומען אין די הענט. אַ ביטערלעך־פרישער רייעך פון לעבעדיקן גרינס איז אַרײַן אין דער לופט. אין היפּשן זאַל, פון וועלכן מע האָט אַרויסגעטראָגן די טישן, איז געוואָרן אַלץ ענגער. אין שכייניש צימער הינטער דער וואַנט האָט עמעצער ניט הויך, מיט גרויס געפיל געשפּילט פּאָרטעפּיאַן, אַלץ טרויעריקע און דערהויבענע מעלאָדיעס, וואָס וועקן טרערן און לײַטערן דעם געמיט. אלעקסאנדער יאָסיפּאָוויטש איז צו נעענטער צום אָרן. אַנע איליניטשנע האָט זיך ווייניק געענדערט. דער אײדעלער אָוואַל האָט פאַרהיט זײַן ציכטיקע ליניע. אויף די צוגעמאַכטע אויגן איז געלעגן אַ טיפע רו. נאָר די שוואַרץ געוואָרענע ליפּן האָבן פאַרשאַפט אַן אומהיימלעך געפיל. עמעצער האָט פאַר אַ כאַוועה שטיל דערציילט, אַז זי איז געשטאָרבן פון אַ האַרץ־שלאָג — פּלוצעם, אין עטלעכע מינוט. טייקעף האָט אלעקסאנדער יאָסיפּאָוויטש דערפילט אַ טיאָך אין ברוסט בײַ דער לינקער זײַט, צוגעדריקט די דלאָניע צו דעם אָרט און דעם אָטעם פאַרהאַלטן — ס׳האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אָט באַלד קאָן דאָס זעלבע געשען מיט אים.

די, וואָס זײַנען געזעסן בײַ די ווענט, זײַנען אויפגעשטאַנען. דער אוילעם האָט אָנגעהויבן זיך צונויפּרוקן ענגער. אַ הויכע גרויע פרוי מיט מידע אויגן האָט זיך געשטעלט צוקאָפּנס בײַם אָרן. רויִק, געהיט פאַר שיינע ווערטער, האָט זי דערציילט וועגן דער פאַרשטאָרבענער, וועגן איר געטרײַער יאָרנלאַנגער אַרבעט, וועגן דער זעלטענער ריינקײַט פון איר האַרצן, וועגן איר מענטשלעכן צויבער. איינער נאָכן אַנדערן זײַנען אַרויסגעטראָטן כאַווערים און גערעדט וועגן דעם, וויפל גײַסט, וויפל שיינע אויפטוען די פאַרשטאָרבענע האָט אַרײַנגעטראָגן אין אַלץ, וואָס זי האָט געטאָן. שטענדיק האָט זי געבראַכט עפּעס נײַס, קיינמאָל זיך ניט אָפּגעשטעלט, קיינמאָל ניט צופרידן געווען מיטן דערגרייכטן. גערעדט האָט מען שטיל. ס׳האָט זיך געדאַכט, נאָענטע מענטשן שמועסן צווישן זיך וועגן אַ פריצײַטיק אַוועקגעגאַנגענעם פרײַנט, דערמאָנען איינער דעם אַנדערן זײַן אויסזען, זײַנע מײַסים, זײַנע מידעס, שטעלן אויף פאַר זיך אַליין זײַן בילד. קינדער, יונגוואַרג, דערוואַקסענע זײַנען געשטאַנען און געהערט, ווי מע הערט אַ מײַסע וועגן איינער, וואָס איז שוין ווײַט, ווי אַ לעגענדע, און דאָך באַקאַנט און אייגן, ווי אַ שוועסטער. נאָענט בײַם קערפער, נאָר ניט אויסגעטיילט פון די איבעריקע, איז געשטאַנען וואָווע. אויך ער האָט געהערט מיט אַלע כושים, ווי ער וואָלט ערשט איצט געוווירע געוואָרן, ווער זי איז געווען, די מאַמע זײַנע. בראַסלאַווסקין האָט ער באַמערקט, מיט שוידער אים אָנגעקוקט אַ רעגע און זיך אָפּגעקערט; קענטיק, ניט געוואָלט זיך פאַרשטערן די מינוטן פון אָפּשייד.

אלעקסאנדער יאָסיפּאָוויטש האָט זיך ניט געקליבן לאַנג שטיין בײַם אָרן, נאָר עפּעס האָט אים דאָ פאַרהאַלטן, אַן אומקלאָר געפיל, אַז אַלץ, וואָס דאָ קומט איצט פאָר, האָט נאָך עפּעס אַ באַאומרויִקנדיקן באַטײַט. ס׳האָט אי געצייצט זײַן נײַגער, אי געוועקט אינווייניק אַ ווידערשטאַנד, אַ מין פאַרדראָס אַפילו. ער האָט דאָך זי געקענט, אַניען, אַמאָל, אין דער יוגנט, און אויך די לעצטע צײַט. מעגלעך, אַז זי איז געווען אַ גוטע ביבליאָטעקערן, אַן איבערגעגעבענע. נו, און מיט וואָס נאָך האָט זי געקאָנט אויסנעמען? ער איז גרייט מוידע זײַן: זי איז געווען אַן אָנגענעמע פרוי. נאָר זייער אַ געוויינלעכע... עמעצער האָט גערעדט וועגן דעם לויטערן פאַרשטאַנד פון דער פאַרשטאָרבענער. „זי האָט פאַרקערפּערט אין זיך די אײדעלסטע אייגנשאַפטן פון דעם נײַעם סאָוועטישן מענטשן“. אלעקסאנדער יאָסיפּאָוויטש האָט זיך דערפרייט: טראַפאַרעטע העספּעד־רייד! קלאָר. נאָר אַלץ איניִיִנעם איז גאָרניט געווען קלאָר. אויב ניט אַלעמאָל אין די רייד, איז אינעם קאָל, אינעם טאָן, אין דעם, וויִאַזוי איטלעכער האָט געזוכט און אָפּגעקליבן זײַנע ווערטער, האָט

געקלונגען עפּעס אַזוינס, וואָס קומט פון טיפן האַרצן. הונדערטער וואַרעמע מענטשלעכע אָטעמס האָבן געשוועבט אין דער לופט, און אין אַלע אָטעמס האָט זיך געשפּירט, פון אַלע פּענעמער האָט געשײַנט... ליבשאַפט. אָף די כוואַליעס פון אָט דער ליבשאַפט איז די פּאָשעטע, געוויינלעכע אַניע, וואָס אַלעקסאַנדער יאָסיפאָוויטש האָט געקענט, פון מינוט צו מינוט געשטיגן אַלץ העכער, העכער...

מע האָט אָנגעהויבן אַרויסטראָגן די קרענץ. עטלעכע פּאָר האָבן גענומען אָף די אַקסלען דעם אָרן. אַלעקסאַנדער יאָסיפאָוויטש איז נאָכגעגאַנגען. אין דרויסן האָט ער זיך געשטעלט אין אַ זײַט, נאָר ניט באַשלאָסן, צי זאָל ער מיטפאָרן אין קרעמאַטאָריע צי ניין. וואָווע האָט אָף אים ניט געקוקט. אַ מאַנצבל פון אַ יאָר עטלעכע און דרײַסיק אין ברילן האָט געעפנט דאָס טירל פון אויטאָ, וואָס איז דאָ צווישן עטלעכע אַנדערע געשטאַנען, און, זעצנדיק זיך צום רול, אַ פרעג געטאָן בײַ אַלעקסאַנדער יאָסיפאָוויטשן:

— איר קלײַבט זיך ניט באַגלייטן? איך קאָן אײַך נעמען מיט זיך.

— אַ דאַנק. אויב איך וועל אײַך ניט באַלעסטיקן.

— אָרט איז פאַראַן, ווי איר זעט.

מ'איז געפאָרן ניט געאײַלט.

— מיט זיבעצן יאָר צוריק האָב איך זיך צעשיידט מיט דער ביבליאָטעק און קאָן ביז הײַנט ניט אָנרופן נאָך אַ מענטשן, וועמען איך זאָל האָבן אַזויפיל צו פאַרדאַנקען, — האָט דער באַלעבאָס פון דער מאַשין אָן האַקדאָמעס, ווי מיט אַזוינעם, מיט וועלכן מ'איז פאַראייניקט דורך אַן אַלגע־מיינער איבערלעבונג, זיך צערעדט און נאָך אַ קורצן שווײַגן אַ פרעג געטאָן:

— איר האָט זי גוט געקענט?

— ווייניק.

— און פונדעסטוועגן זײַט איר געקומען. איך קאָן עס פאַרשטיין. יאָ, זײַן אַזאַ פאַרמיטלערן צווישן דעם יונגן לייענער און די ווערק פון מענטשלעכן גײַסט, ווי אַנע איליניטשנע איז געווען, דערצו פאָדערט זיך גאָט געבענטשטע גאָב. מיט עטלעכע ווערטער האָט זי דיר געעפנט די אויגן אָף דער נעשאָמע פון אַ בוך. און זי אַליין? שוין מיט איר זײַן צווישן אונדז האָט זי אונדז באַרײַכערט...

— איר רעדט, ווי אַ פאַרליבטער.

— מיר זײַנען געווען פאַרליבט אין איר. אַלע. די מיידלעך און יינגלעך. זיצסט און לייענסט, הייבסט אויף די אויגן און דערזעעסט זי, פילסטו קלאָר: ביסט ניט אין קיין וואָכעדיקן אָרט. אויב איך בין הײַנט עפּעס ווערט, האָט דאָ ניט ווייניק צו זאָגן איר ווירקונג, אַנע איליניטשנעס. יאָ, מיר זײַנען געווען אין איר פאַרליבט. איר האָט זיך צוגעקוקט צו די, וואָס זײַנען געקו־מען זיך געזעגענען? אַזעלכע פאַרליבטע זײַנען דאָ הײַנט געווען אַ סאַך.

אַלעקסאַנדער יאָסיפאָוויטש האָט געשוויגן. ער האָט זיך געפילט מיד און אופגערעגט, דערצו איז אָף אים באַנײַס אָנגעפאַלן די ברעכעניש אין קריזש און נאָגעניש אין געזעס, וואָס האָט אים די לעצטע צײַט אַלץ אָפטער געמאַטערט. ער האָט שוין כאַראָטע געהאַט, וואָס ער האָט זיך געלאָזט אײַנריידן און שלעפּט זיך נאָכן קאַטאַפאַלק, ניט צו פאַרשטיין צוליב וואָס. אין קרעמאַ־טאָריע האָט ער געזאַמט ניט לאַנג, אומבאַמערקט זיך אויסגעדרייט און אַוועק.

•

אַהיים האָט אַלעקסאַנדער יאָסיפאָוויטש זיך אומגעקערט שטאַרק צעבראָכן. צײַט איז געווען: ס'זײַנען געגאַנגען די ווינטערדיקע וואַקאַציעס. האָט ראָזע יאָסיפאָוונע, באַלד ווי ער איז פאַר־טיק געוואָרן מיטן עסן, אײַנגעלייגט אים אין בעט. זי האָט אים געטאַפּט דעם פּולס, געמאָסטן די טעמפּעראַטור. און כאָטש ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי איז ניט געהעכערט, האָט זי ווייך און אײַנגעשפּאַרט, אָף איר שטייגער, גענומען אײַנטײַנען מיטן ברודער, ער זאָל בלײַבן אין שטוב אַ טאָג — צוויי. זי באַמערקט שוין לאַנג, אַז ער איז ניט מיט אַלעמען. ער האָט זקייניש אונטער־געקרעכצט און זיך געלאָזט באַזאָרגן. ער האָט זיך ביז גאָר געניייטיקט אין מיטגעפיל און ראַכ־מאָנעס. ער וואָלט איצט גערן קראַנק געווען נאָך אַ ביסל שטאַרקער, מיט גוטער היץ, קעדיי שוין אינגאַנצן פּאָטער זײַן פון אַלע כויוועס צו זיך און צו לײַט. נאָר אַזוי שמאָל האָט עס מיט אים ניט געהאַלטן. ער האָט גענומען אַ טאָפּעלע פּאָרציע פּיראַמידאָן, זיך אײַנגעוואַרעמט, געכאַפּט אַ דרעמל, האָבן אים די ווייטעקן אַ ביסל אָפּגעלאָזט און דער קאָפּ האָט געאַרבעט געלאַסענער און ניכטערער. אַ צײַט איז ער געלעגן שטיל, מיט אָפענע אויגן. דער זון איז אַרײַן נאָך עפּעס אין קאַבינעט. אַלעקסאַנדער יאָסיפאָוויטש האָט אויסגעשטרעקט די האַנט, אָנגעצונדן דעם טיש־לאָמפּ און שוואַך אַ רוף געטאָן:

— טאָליע!
— וואָס איז?
— נעם א שטול און זעץ זיך לעבן מיר.
— איך קאָן שטיין.
— מיר איז שווער צו ריידן הויך, דאָס האַרץ, און בכלל...

טאָליע האָט זיך צוגעזעצט, ניט באַם סאַמע געלעגער, נאָר א פּאָר טריט אָפּגערוקט.

— א באַקאַנטע מײַנע איז געשטאָרבן, — האָט אַלעקסאַנדער יאָסיפּאָוויטש געזאָגט, — איר זון לערנט זיך מיט דיר אַף איין פאַקולטעט. דאַרפסט אים קענען — וואָווע מאַריאַסין.
— וואָוועס מאַמע איז געשטאָרבן?
— יאָ, איך בין געווען אַף דער לעווײַע און דאָרט, ווײַזט אויס, זיך צוגעקילט.

פאַר טאָליען איז די יעדיִע געווען דורכויס אומגעריכט. ער האָט אויסגעזען צעמישט.

— איך פאַרשטיי ניט... ווי קאָן עס זײַן... — האָט ער געשטאַמלט.
— וואָס פאַרשטייסטו ניט?
— איך האָב געוואָלט זאָגן: ווען איז דאָס געווען?
— הײַנט. עס ברעכן מיר הענט און פיס. און דאָס האַרץ... אַפן פענצטער שטייט א פלע־שעלע, זײַ אזוי גוט, גיב מיר דערפון צוואַנציק טראָפּנס אין א ביסל וואַסער.

טאָליע האָט עס געטאָן. א רייעך פון קאַמפער און וואַלעריאַנקע איז זיך צעגאַנגען איבערן צימער.

— מיט וואָווען באַגעגנסטו זיך אָפט? — האָט אַלעקסאַנדער יאָסיפּאָוויטש געפרעגט נאָך א ווײַלע שווײַגן.
— ניט זייער אָפט.
— ער איז איצט געבליבן אינגאַנצן אַליין און נייטיקט זיך אין פרײַנטשאַפט. האָב עס אין זינען. אַגעוו, איך און זײַן פאָטער זײַנען אַמאָל געווען נאָענטע פרײַנט.
— איך ווייס.
— ער האָט געהאַט א סאַך פרײַנט, באָריס יאַקאָוולעוויטש. מע האָט אים ליב געהאַט. און — קאָמיש — קימאַט אַלע פאַמיליעס פון זײַנע בעסטע פרײַנט האָבן געגראַמט.
— געגראַמט? וויִאַזוי?
— נו, איך בין בראַסלאַווסקי, און ס'איז געווען נאָך איינער, ניט קיין מאָסקווער, נאָר ער פלעגט אָפט זײַן אין מאָסקווע, האָט ער געהייסן זאַסלאַווסקי. און א דריטער — וואַרשאַווסקי, עמעס, שוין ניט אזוי צום גראַם, נאָר דאָך נאָענט.
— טאַקע...

אין איין מינוט איז טאָליע איבערגעביטן געוואָרן. פון דער כמאַרע, וואָס האָט אים פריִער אזוי געדריקט, איז קיין שפור ניט געבליבן. די אויגן האָבן מיט קינדערשן צוטרוי געקוקט אַפן פאָטער, געוואַרט, ער זאָל נאָך עפּעס זאָגן. איטלעך וואָרט, וואָס ער האָט איצט פונעם פאָטער געהערט, האָט געבראַכט זײַן אויסגעפּײַניקטן געמיט היילונג און שײַן.

●

אַלעקסאַנדער יאָסיפּאָוויטש האָט, אייגנטלעך, געקאָנט זײַן צופרידן מיט די רעזולטאַטן פון די עטלעכע גענג, וואָס ער האָט די לעצטע טעג געמאַכט. אויב ניט אין אינסטיטוט, ווו די באַציִונג פון די כאַווירים איז, ווי פריִער, געווען אָן אָנגעשטרענגטע און זײַן לאַגע אין אַלגעמיין — ניט גאָר קיין קלאָרע און זיכערע, איז אין שטוב, קאָן מען זאָגן, איצט געווען אַלץ ווי סע דאַרף צו זײַן. ראָזע יאָסיפּאָוונע האָט זיך געפילט גליקלעך. טאָליע איז פרייַלעכער געוואָרן. דער אומפאַרשטענדלעכער ברויגעז צווישן פאָטער און זון איז אַריבער, און אויב זי האָט נאָך געהאַט זיך עפּעס צו ווינטשן, איז נאָר, אַז בײַ סאַשען זאָלן זיך א ביסל פאַריכטן די נערוון. ער איז זייער שלעכט געשלאָפן, נאַכט נאָך נאַכט קימאַט ניט צוגעמאַכט קיין אויג. ווער ווייסט, צו וואָס דאָס קאָן אים ברענגען...

די נערוון זײַנען בײַ אַלעקסאַנדער יאָסיפּאָוויטשן אינדערעמעסן געווען ניט אין אָרדענונג און אַפילע ערגער, ווי מע האָט עס פון דער זײַט געקאָנט באַמערקן. ווי אין די פריִערדיקע צײַטן, איז זײַן איקער־כאַלאַס געווען שרעק. איצט האָט אים מער ווי אַלץ געשראָקן א מעגלעכקײַט פון א באַגעגעניש מיט יענעם אַלטן, וואָס ער האָט אַנומלטן געטראָפן בײַ אַנע איליִנישנען, באַזונדערס נאָך דעם, ווי ער האָט אין לייען־זאַל פון דער היסטאָרישער ביבליִאָטעק איינמאָל דערזען אים זיצן בײַ א שכײנישן טיש, קימאַט פונקט אַנטקעגן. פּלוצעם האָט אַלעקסאַנדער יאָסיפּאָוויטש דערפילט אַף זיך יענעמס בליק, א בליק פון א פּאָר דורכנעמענדיקע קרעפטיקע אויגן,

ווי דער מענטש וואָלט גאָר קיינמאָל ניט געוווסט פון קיין בראָך. אַלעקסאַנדער יאָסיפּאָוויטש האָט שוין מער קיין איין שורה ניט געקאָנט איבערלייענען אין דעם זשורנאַל, וואָס איז פאַר אים געלעגן, קוים געצוווּנגען זיך בלײַבן אויפן אָרט נאָך עטלעכע מינוט, זיך אויפגעהויבן און אַרויס פון זאַל, אַנטלאָפן.

אַלעקסאַנדער יאָסיפּאָוויטש האָט זייער גוט באַהאַלטן זײַן שרעק, נאָר באַפרײַען זיך פון איר איז געווען איבער זײַנע קויכעס. ווי אַ מויז אונטערן פאָל, האָט זי אין אים גענעסטיקט און אָפט געגעבן צו פילן אירע ציין, איבערהויפט ווען ער האָט זיך געפונען אין אַן עפנטלעכן אָרט: אין גאַס, אין טראָליבוס, אין קינאָ, אין מאַגאַזין. אַלעקסאַנדער יאָסיפּאָוויטשן איז געווען גענוג דערזען פונווײַטן אַ פאַרדעכטיקע פּאַלטאָ, אַ פּראָפיל, אַ פּלייצע, אַז אים זאָל זיך אין האַרצן עפּעס אָפּרײַסן.

די באַהאַלטענע קרענק האָט ניט אויפגעהערט אים צו טאָטשען אויך אין שטוב, וווּ ער איז געווען באַוואָרנט פון אומגעריכטקײַטן. דאָ, אין דער שטילקײַט פון זײַן קאַבינעט, האָט מער ווי די שרעק פאַרן אַלטן און פאַר דער מעגלעכקײַט פון נאָך אַנדערע שלעכטע באַגעגענישן אים געהאַלטן אין קלעם דער געדאַנק וועגן אַנע איליניִשנע, כאָטש זי האָט שוין ניט געקאָנט זײַן ניט קיין באַשולדיקערן, ניט קיין איידעס. ער האָט ניט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן איר. ווידער און ווידער האָבן זיך אים דערמאָנט די אָוונטן, וואָס זיי האָבן פאַרבראַכט צוזאַמען, איר באַשיידענע, צוטרויִלעכע האַלטונג, איר קלאָרער בליק, אירע רייד. ס'האָט זיך אים דערמאָנט זייער באַגעגעניש אין גאַס אין יענעם שטילן ווינטערדיקן פאַרנאַכט. ווי אַ לעבעדיקע איז זי געשטאַנען פאַר זײַנע אויגן אין איר אָפּגעניצעוועטער, איבערגענייטער ענגלעכער פּאַלטאָ, וואָס האָט נאָך מער אונטערגעשטראָכן די מיידלשע פײַנקײַט פון איר פיגור. ס'האָט זיך אים פאָרגעשטעלט, ווי זי ליגט אינעם אָרן אַן אָפּגעשיידטע, אַן אײַנגעשלאָפענע אויף אייביק. און וואָס מער ער האָט געטראַכט וועגן איר, אַלץ נעענטער איז זי אים געוואָרן, אַלץ ליבער, אַלץ הייסער אײַנגעבאַקן אין האַרצן. ערשט איצט, ווען זי איז שוין ניט געווען, האָט עס אים געצויגן צו איר. וואָס אַמאָל מיט אַלץ גרעסערן קויעך — ביז ווייטיק אין האַרצן, ביז קראַמפן איז גאָרגל. אין די שלאָפלאָזע נעכט האָט ער מיט איר גערעדט, זיך פאַרענטפערט, געוויינט, געפּרעפלט, ווי פון היץ.

און אָט איז עס געקומען דערצו, אַז ער איז מער ניט בעקויעך געווען אויסקומען מיט זיך אַליין אין זײַנע געפילן. אין אַ שפּעטער שאָ, ווען טאַליע און ראָזע יאָסיפּאָוונע זײַנען שוין געשלאָפן און ער איז געזעסן פאַר אַן אָפענעם בוך אין שײַן פונעם טיש־לאָמפּ, ניט זעענדיק, וואָס פאַר די אויגן טוט זיך, האָט ער שטיל, ניט צו מאַכן קיין רויש, אָפּגעשאַרט דעם בוך אין אַ זײַט, אַנידערגעלייגט פאַר זיך עטלעכע בלעטלעך פּאַפּיר און גענומען שרײַבן. ער האָט געשריבן אַ בריוו. „אַניע! אַניע!" — אַזוי האָט זיך דער בריוו אָנגעהויבן.

טרערן האָבן געקאַפּעט אויפן פּאַפּיר, צעשמירט די שריפט. ער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט, ניט געווישט די אויגן, ניט געמעקט, ניט פאַריכט, ניט אָפּגעקליבן די ווערטער. דאָס איז געווען אַ פאַרצווייפלטער רוף פון אַן אונטערגעריסענער, זינקענדיקער נעשאָמע — אַרויף צו דער נאַכט, צו דער פינצטערניש אָן ברעג, צו דער, וואָס איז אַוועק און וועט זיך שוין ניט אומקערן. „אַניע! אַניע!.. — האָט ער גערופן אַהין, פונוואַנען קיין ענטפער איז נאָך קיינמאָל ניט געקומען. — אַניע, ליכטיקע, גוטע, שטויס מיך ניט אָפּ, שטראָף מיך ניט! איך בין אַליין, איך האָב ניט קיינעם. קיינעם, קיינעם, כוץ דיר. קער זיך ניט אָפּ פון מיר! העלף מיר! זע, איך בין אַ וואָרעם, איך בין צעטראָטן. דו ביסט אין גרוב, און דו לעבסט. איך גיי אַרום אויף דער ערד, עס, רייד, טו עפּעס און בין שוין טויט. אויסגעליידיקט, הויל, טויט. זיך, זיך אַליין האָב איך באַראַבעוועט, זיך אַליין שלעכטס געטאָן, מער, ווי דיר און דײַן זון, מער, ווי באַריען, מער, ווי וועמען־ניט־איז. איך, איך נייטיק זיך אין מיטגעפיל, אין ראַכמאָנעס, איך! ווי בין איך דיר, ווי בין איך אײַך אַלעמען מעקאַנע!.. אַניע, ליכטיקע, טײַערע, איינציקע, קער זיך ניט אָפּ פון מיר, פאַרלאָז מיך ניט! העלף מיר! העלף מיר!.."

ווי אַ גאַנעוו, האָט ער זיך אַרומגעקוקט, אויפשטייענדיק פונעם אָרט, אַ ווײַלע געזוכט מיט די אויגן, וווּהין אַהינצוטאָן אָט דעם ניט געוויינלעכן בריוו, פאַר וועלכן ס'איז קיין פּאָסט־אַדרעס ניט געווען. דאַן שטיל געעפנט די שאַפע און אַרויסגענומען יענעם פאַרעלטערטן לערנבוך, וווּ ער האָט אַנומלטן געהאַלטן די קאָפּיעס פון גאָר אַנדערע שריפטן. אַהין האָט ער אַרײַנגעלייגט די פאַרשריבענע בלעטלעך, פאַרוויקלט דעם בוך אין אַ צײַטונג, פאַרבונדן מיט אַ שנירל און פאַרשטעקט אַזוי, ס'זאָל זיך ניט וואַרפן אין די אויגן.

נאָיאַבער—דעקאַבער 1956.

שירע גאָרשמאַן

אין סיבירער קאַנט

(רײַזע־נאָטיצן)

ביז אבאקאַן

אין מאָסקווע איז שוין אַלץ געווען אין פולן בלי. נאָר וואָס ווײַטער פון מאָסקווע אַף צאָפן, אַלץ שמעלער זײַנען די בלעטער אַף די ביימער. די בעריאָזעס שטייען דורכויס אין אוירינגלעך, די דעמבעס האַלטן נאָך זייער גוטס אין וויקעלעך. זייערע צווײַגן זײַנען ברוינלעך־רויט, די שוואַרצע שטאַמען פול מיט געדולד. זיי וואַרטן נאָך אַפן זומער. פאַרבײַ דעם וואַגאָן־פענצטער לויפן זיי דורך שטרענגע און פאַרטראַכטע. איצט לויפט אַ פעלד מיט ווינטער־טוווע. עס איז צאַרט, ווייך. אַקוראַט, ווי אַ ריזיקע סטײַע פוכקע פייגל זאָל זיך האָבן אַראָפּגעזעצט דאָ אָפּרוען. אַלץ איז איין וווּנדער־אויסגוס. די צעאַקערטע ראָזלעכע ערד גיסט זיך צונויף מיטן פרישן גרינס, און דער ראַנד פונעם ליכטיקן הימל קליידט אַזוי דער אופגעוועקטער פאַרביקער ערד.

און די ערד איז אומענדלעך. ברעגלאָזע שטאָכים, פעלדער און פעלדער, צעוואָרפענע דערפער, ווײַט איינס פונעם אַנדערן.

די ערשטע סטאַנציע אַפן ווײַטן וועג. זי הייסט סטרונינאָ. אַזאַ קלינגעוודיקער נאָמען. דער פעראָן איז אָבער ליידיק און שטיל. איבער דער סטאַנציע ציט זיך אַ געדיכטער רויך פון הויכע פאַבריק־קוימענס. עס וואָלט זיך געוואָלט, אַז מע זאָל דאָ אויסאַרבעטן בלויז מוזיקאַלע אינסטרומענטן, נאָר מיסטאָמע איז דאָס ניט אַזוי. עס קומען אַנטקעגן פראַכטצוגן, געלאָדענע מיט געהילץ, מיט ציגל. אַף די אָפענע פּלאַטפאָרמעס שטייען לאַסט־מאַשינעס, „וואָלגעס“, אַגרעגאַטן, וואָס איך ווייס ניט, ווי מע רופט זיי. די רעלסן קלאַפּן, דוכט זיך, נאָכאַנאַנד אויס: „מיר בויען, מיר בויען, מיר בויען“.

אין וואַגאָן זײַנען שוין אַלע צווישן זיך באַקאַנט. עס פאָרט צו איר זון ערגעץ אין אַ ייִשעוו לעבן טײַשעט אַ באָבע מיט צוויי ייִנגלעך — אייניקלעך. עס פאָרט אַ יונגע מאַמע מיט אַ מיידעלע צו די עלטערן קיין בראַטסק. און אָט איז אַ צווייטע מאַמע. זי האָט באַקומען אַ טעלעגראַמע, אַז איר טאָכטער, וואָס וווינט הינטער קראַסנאָיאַרסק, איז געלעגן געוואָרן. זי איז זייער פאַרזאָרגט. די גאַנצע צײַט טײַנעט זי אין טײַנע:

— ווי וועט מיך דער איידעם באַגעגענען? מיר וועלן אָנקומען קיין אבאקאַן אין אַ פּאָשעטן מיטוואָך־טאָג. ווען זיי וואָלטן מיר געקלאַפּט אַ טעלעגראַמע מיט אַ כוידעש צוריק, וואָלט איך געקומען אַ ביסל איר צוהעלפן. זי האָט דאָך „אין דעקרעט“ געאַרבעט...

— נישקאָשע, אײַער טאָכטער וועט אין שפּיטאָל ניט ליגן אַן עלנטע, ס'וועלן זיך געפינען מענטשן... — באַרויִקט זי די באָבע, וועלכע פאָרט מיט די אייניקלעך צו איר זון.

אין אבאקאַן דערפרייען זיך אַלע פּאַסאַזשירן: דער איידעם האָט באַגעגנט די שוויגער.

אין אבאקאַן גליקט אָפּ אויך מיר. איך פּאַק אַ טאַקסי, און אין אַ קאַרגער שאָ ארום בין איך אין טשערנאָגאָרסק בא די רובינשטיינס. דאָס זיַינען מיַינע גוטע פריַינט. מיר קענען זיך פון לאַנג. מאָטיע און כיַיע זיַינען אהער פאַרוואָרפן געוואָרן אין די ציַיטן פון „קולט". זיי ריידן מיר איַין, איך זאָל זיך אָפּרוען פון וועג, אָבער איך פאָלג זיי ניט און גיי אין שטאָטישן פּאַרטייקאָמיטעט.

טשערנאָגאָרסק איז זייער שיין פּלאַנירט. דריַי־ און פירשטאָקיקע היַיזער שטייען אין גרינס. די גאַסן הייסן דאָ גרויסשטאָטיש — פּראָספּעקטן. טשערנאָגאָרסק איז אַ יונגע שטאָט, און דער פּאַרק, דורך וועלכן איך גיי, איז אויך יונג און שיין, נאָר ווי אַ סאַך אַנדערע פּאַרקן אין אונדזערע שטעט, האָט מען אים שוין „פּאַרפּוצט" מיט סקולפּטורן. אָן אַ פּערספּעקטיוו, אָן אַ מאַסשטאַב. אָט שטייט עפּעס אַ הליבע, וואָס האָט, אַפּאָנעם, געדאַרפט זיַין אַ העלפאַנד. די פיס זיַינען בא אים ווי בא אַן אָקס, די אויערן — ווי בא אַ פוקס. רעכטס פון פּאַרק — אַ צעמענטירטער גרויסער באַסיין, וועלכן די היגע איַינוווינער רופן „די ריוויערע". איצט איז דער באַסיין קימאַט אָן וואַסער, אָבער די טשערנאָגאָרסקער קינדער זיַינען, ווי אַלע קינדער, גרויסע אָפּטימיסטן. עס אַרט זיי ניט, וואָס דאָס וואַסער גרייכט זיי נאָר ביז די קני. זיי פּליושקען זיך, קוויטשען, און דער גאַנצער ארום איז פול מיט זייער פרייד. איך קוק אָף זיי און טראַכט גאָר וועגן אַנדערע זאַכן.

ווי טעמפּ איז געווען די צאַרישע רעגירונג, וואָס האָט אָט דעם פּרעכטיקן קאַנט פאַרוואַנדלט אין אַ פאַרשיקונג־אָרט. אָט שטיי איך, אַ ייִדישע שריַיבערן, און קוק אָף די קינדער — כאַקאַסישע, רוסישע, ייִדישע, — וואָס פּליושקען זיך דאָ אינעם באַסיין, אָף די דערוואַקסענע, וואָס שטייען דערנעבן און גיבן אַכטונג, אַז מיט די קינדער זאָל, כאָלילע, גאָרנישט געשען, און פאַרגעס, אַז איך בין אין סיביר, אינעם קאַנט, וואָס מע פּלעגט מיט אים שרעקן ניט נאָר קינדער. איך גיי מיר מיט דער זאַמדיקער סטעזשקע פון יונגן פּאַרק אין שטאָטקאָם. אַנאַ מאַטוויִיעוונאַ סיראָטינינאַ — די פאָרזיצערן פון דער אידעאָלאָגישער קאָמיסיע — איז שוין אָפּן אָרט. זי רופט אַרויס אַ מאַשין, און מיר פאָרן צו דער נײַנטער שאַכטע.

די קאָנטאָר פון דער ניַינטער שאַכטע געפינט זיך אין אַ דריַישטאָקיק אויסגעקאַלכט הויז. בא די ווענט פונעם הויז שטייען מאָטאָציקלען, מאָטאָראָליערן, אווטאָמאָבילן. ווען ניט דער הויכער שוואַרצער באַרג פּאָראָדע אין הינטערגרונט, ווען ניט די שאַכטיאָרן מיט די לאַמטערנדלעך אָף די העלמען, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז דאָס איז אַ געוויינלעכער אַנשטאַלט, ווי אַנדערע אַנשטאַלטן אין אונדזערע שטעט. אָבער אינעם הויז גופא זעט מען גליַיך, אַז דאָ איז גאָר עפּעס אַנדערש. ווינציק מענטשן. מע רעדט אויך ווינציק. אין פּאַרטקאָם איז געראַם, געמיטלעך, ריין צוגעקליבן, און ס׳איז ניטאָ דער אומבאַדינגטער גרינער פּליושענער טעפּיך מיט די רויטע באָרדיורן. דער פּאַרטאָרג איגאָר איוואַנאָוויטש טריַינין טיילט זיך אויס פון די שאַכטיאָרן נאָר מיטן וויַיסן קראַגן און מיטן טונקעלן שניפּס. ער איז זייער פאַרנומען, נאָר ער געפינט ציַיט פאַר מיר אויך. מיר שמועסן זיך דורך, און ער אייצעט מיר אָנהייבן מיַין באַקאַנטשאַפט מיט דער שאַכטע דאַפקע פון דער בוכהאַלטעריע. דאָס, זאָגט ער, איז אין אַ געוויסער מאָס דער שטאַב אונדזערער.

דער הויפּט־בוכהאַלטער יאָסיף זאַכאַראָוויטש ראַבינאָוויטש איז אין דעם עלטער, ווען אַ מענטש רעכנט נאָך ניט, וויפל ס׳איז אים געבליבן... זיַינע אויגן קוקן האַפערדיק און אין דער זעלבער ציַיט מיט וויַיכן מיטגעפיל צו איַיך, וואָס איר זיַיט ניט קיין בוכהאַלטער. אין קאַבינעט מאַכט זיך ניט צו די טיר, דער טעלעפאָן האַלט אין איין קלינגען. יאָסיף זאַכאַראָוויטש כאַפּט אַלע וויַילע אַראָפּ דאָס טרײַבל, ער רעדט אין טעלעפאָן, שמועסט זיך דורך מיט די באַזוכער. עס איז ניט צו באַנעמען, וויאַזוי ער באַוויַיזט דאָס אַלץ מיטאַמאָל צו טאָן. ער שריַיבט אין טריַיבל: „די ביולעטענען. אין דער ערשטער ריי צאָלט אָפּ די ביולעטענען!" עס גייען אַריַין צוויי יונגע כאַקאַסן, סטודענטן פונעם באַרג־טעכניקום. זיי זיַינען אָף פּראַקטיק אין דער ניַינטער שאַכטע, אָבער מע האָט זיי געשיקט אַרבעטן אין קאָלווירט, און דער קאָלווירט האָט זיי ניט באַצאָלט פאַר אָנדערהאַלבן כאָדאָשים אַרבעט. יאָסיף זאַכאַראָוויטש שריַיבט אין טריַיבל: „באַצאָלט די רעגע, די ייִנגלעך האָבן ניט מיט וואָס צו גיין אין סטאָלאָווע. פאַרשטאַנען?" די ייִנגלעך גייען אַוועק. עס קומט אַריַין דער שעף־געהילף פון דער שאַכטע אַלעקסאַנדער איגאָקענטיעוויטש. ער דאַרף אַריבערפירן די שאַכטיאָרישע קינדער קיין סעליוואַניכאַ. די אווטאָבאַזע פאַרמאָגט אווטאָבוסן, אָבער זי האָט ניט קיין רעכט אָף אַזעלכע אָפּעראַציעס. יאָסיף זאַכאַראָוויטש קנייטשט דעם שטערן.

— וואָס איז דאָס אַזוינס סעליוואַניכאַ? — פרעג איך.

— סעליוואַניכאַ איז אַ פּרעכטיק אָרט. דאָרט געפינט זיך אונדזער פּיאָנער־לאַגער. עס איז

גאַרניט וויַיט פון טשערנאַגאָרסק. כ'האָב געזען, איר זיַיט אהער געקומען מיט דער כאוורטע סיראַטינינאַ אַף א מאשין, זאָל זי מיט איַיך צופאָרן אהין. איר מאן איז דער שעף פונעם לאַגער.

— און ווו ארבעט איַיער פרוי? — פרעג איך.

— מיַין פרוי איז דער שטאָט־פּראָקוראָר.

— קינדער האָט איר?

— יאָ, מיר האָבן אַלץ. זאָל נאָר זיַין רויִק אַף דער וועלט, — זאָגט יאָסיף זאכאראָוויטש און שריַיט שוין ווידער עפּעס אין טריַיבל אריַין.

בישכיינעס מיטן קאבינעט פונעם הויפּט־בוכהאַלטער, אין א גרויסן ליכטיקן צימער, זיצן די מעכאַניקער און קאָנסטרוקטאָרס. איך טרעף דאָ דעם מעכאַניקער אַלעקסאַנדער גריגאָריע־וויטש דענעבערג. ער איז נאָך א יונגער מענטש, העכער פון מיטעלן וווּקס, זיַין בליק איז אָפן און היימלעך. ער לייגט אוועק דעם רייספעדער.

— איך ארבעט אַף דער ניַינטער שאכטע דאָס פינפטע יאָר. אונטער דער ערד און אַף דער ערד. באַלד וועל איך זיך אראָפּלאָזן אין שאכטע.

— נעמט מיך מיט.

— צום באדויערן, קאָן איך דאָס ניט טאָן.

— פארוואָס?

— די שאכטיאָרן האָבן ניט ליב, ווען אין שאכטע לאָזט זיך אראָפּ א פרעמדער מענטש. אזא דאָסאדע! ווען מיַין „פּאָבעדע" זאָל ניט געווען קאַליע ווערן, וואָלטן מיר זיך מיט איַיך דורכ־געפאָרן זונטיק. איר שטעלט זיך גאָר ניט פאָר, וואָס פאר א שיינקייט איז דאָ בא אונדז. ניט נאָר די שאכטע איז מעכאַניזירט — די שאכטיאָרן גייען שוין אויך ניט צופוס. עס קומט זונטיק, פאָרן ארויס די שאכטיאָרן פונעם ניַיעטן פּאָסיאָלאָק[1] אַף מאשינעס מיט וויַיב און קינד אין וואַלד אריַין, צום יעניסיי... א פארגעניגן צו קוקן! מע נעמט מיט צוביַיסן און א שנאַפּס אויך. ס'טרעפט, אז דער מאן ליגט אין מאשין און דאָס וויַיב זיצט באַם רודער. אנטשולדיקט מיר, איך מוז שוין זיַין אין שאכטע!

איך בין ווידער באַם פּארטאָרג.

— מיט וועמען זאָל איך איַיך איצט באַקענען?

— מיט א שאכטיאָרקע.

— גוט, מאָרגן וועל איך איַיך באַקענען מיט א מערקווירדיקער פרוי, — זאָגט צו איגאָר איוואַנאָוויטש.

איך פאָר צוריק אין שטאָט. דער אויטאָבוס איז געפּאַקט. שאכטיאָרן פון דער ערשטער וואַכטע. א סך פון זיי לייענען טאַקע דאָ, אין אויטאָבוס, ביכער. עס פאָרט אויך א יונגיטשקע מאַמע מיט א קינד אַף די הענט. זי נעמט אראָפּ דאָס טיכל פון קאָפּ און דעקט צו דעם קינדס קעפּעלע, כאָטש דאָס קינד איז איַינגעוויקלט אין א וויַיסער פּיקייענער דעקע. אַן עלטערע שאכטיאָרקע אייצעט איר, זי זאָל פאַנאַנדערלאָזן א ביסל די דעקע. נאָר די יונגע מאַמע הערט קיינעם ניט, זי טוליעט דאָס קינד צו זיך, בייגט זיך איבער צו דעם, שעפּטשעט: „כאַכעם מיַי־נער, זונעלע טיַיערער"... אזוי די גאנצע ציַיט, ביז זי גייט אראָפּ פונעם אויטאָבוס. די עלטערע שאכטיאָרקעס ריידן זיך דורך: „איצטיקע מאַדעס. אונדזערע מאַמעס האָבן ציַיט געהאַט צו וואשן און צו פּרעסן? ציַיט געהאַט האָבן צו טאָן אזוי מיט אונדז?"

אַף מאָרגן קום איך אין קאָנטאָר גאנצפרי. איגאָר איוואַנאָוויטש קלינגט אָן אין טעלעפאָן, און אין א קורצער ציַיט ארום גייט אריַין א פרוי. זי איז אָנגעטאָן אין א קאָמבינעזאָן, אַפן קאָפּ זיצט ווויליונגעריש א שווארצער בערעט. די אויגן גלאַנצן אַפן פארשטויבטן פּאָנעם.

— דאָס איז אונדזער אָלגאַ ניקאָליַיעווונאַ פּלעשקאָוואַ. א שאכטיאָרקע. עמעס, ווי אַלע אונדזערע שאכטיאָרקעס, ארבעט זי ניט אונטער דער ערד, פרויען ארבעטן בא אונדז ביסלעכ־נאָר אַף דער אויבערפלאַך, אָבער זי איז אַן עמעסע שאכטיאָרקע, שטאַמט פון א שאכטיאָרישער מישפּאָכע, א וויַיב פון א שאכטיאָר, א מיטגליד פון שאכטע־קאָמיטעט, דעפּוטאַט פון שטאָט־ראַט.

מער באוויַיזט ער ניט צו זאָגן. אָלגאַ ניקאָליַיעווונאַ שלאָגט אים איבער:

— גענוג מיך צו לויבן. — און צו מיר: — בא אונדז, שאכטיאָרן, איז דאָ א גליַיכווערטל: פריִער גיב קוילן, נאָכדעם עס וועטשערע. מאָרגן איז זונטיק, — זאָגט, ווו איר געפינט זיך, וועל איך קומען נאָך איַיך.

עס גייט צו האַלבן טאָג. היַינט איז שאַבעס. באַלד וועט מען ענדיקן די ארבעט.

---

[1] פּאָסיאָלאָק (רוס.) — יישעוו.

דאָס גאַנצע לעבן איז מײַן פרײַנט מאָטיע רובינשטיין געװען א בויער. פון א סיבירער בויונג איז ער אוועק אף פּענסיע. איצט האַנדלט ער מיט ביכער. די מויכער־ספּאַרימניצע, אייגנטלעך, איז זי, זײַן װײַב כײַע, כאָטש זי איז א לערערקע פון דײַטש אין דער אונטיקער ארבעטער־שול. זאָגט טאַקע מאָטיע:

— אז מ׳איז א קייסער און מע קנעלט צו, ווייסט מען פון קיין דאכקעס ניט. נאָר וואָס זאָל איך טאָן מיט דער ייִדענע, אז זי איז קאַנטרע מיט ציפערן און איך האָב מוירע, זי זאָל בלײַבן אויסגעשטעלט? אָט טאַקע דערפאַר בין איך דער וויצע־דירעקטאָר...

אין ביכער־קראָם זײַנען איצט א סאַך קוינים. עס גייען אויך אַרײַן קינדער מיט מאַראָ־זשענע אין די הענט. א ייִנגעלע פון א יאָר נײַן־צען, וועלכער האָט גראָד ניט קיין מאַראָזשענע, לייגט אוועק אפן טאָנבאַנק צען קאָפּעקעס און זאָגט מיט איין אָטעם, גיך־גיך:

— מאַטווײ טעוועליעוויטש, וויפל וועט מיר קומען רעשט, אויב איך וועל קויפן „דאָס פידעלע״?

— ס׳וועט דיר קומען דרײַ קאָפּעקעס. קויף, וועסט קיין כאַראָטע ניט האָבן. עס איז זייער א גוט ביכעלע.

— מיר געפעלט יענץ ביכל אויך. ווער האָט עס אָנגעשריבן? — פרעגט דאָס ייִנגעלע.

— און ווער האָט אָנגעשריבן „דאָס פידעלע״, ווייסטו?

— איך ווייס — קוויטקאָ.

— ביסט א מאָלאָדיעץ. יענץ ביכעלע האָט אָנגעשריבן אַנדערסען. אָבער פאַר דיר איז דאָס נאָך צו פרי, וועסט עס ניט פאַרשטיין.

— פאַרוואָס? איך בין דאָך שוין אריבער אין דריטן קלאַס.

— דו האָסט א נישקאָשעדיקן טאַבעל?

— אויב איר ווילט, קאָן איך אים אײַך מאָרגן ברענגען.

— איינע פינפן? עפּעס גלייבט זיך ניט.

— א פיר נאָר אף זינגען.

— האָסט ניט ליב, צי דו קאָנסט ניט זינגען?

— איך קאָן און איך האָב ליב, נאָר בא מיר איז איצט א גרויסע צאָרע.

— וואָס האָט געטראָפן?

— דער טאַטע איז קראַנק.

— ער איז אין דער היים צי אין שפּיטאָל?

— איצט איז ער שוין אין פּראָפילאַקטאָרי. אָך, מאַטווײ טעוועליעוויטש, איז דאָרט שיין! גרויסע־גרויסע צימערן, ווי קלאַסן. אזוינע שיינע טעפּיכער און וואַזאָנעס. איך גיי אַלע טאָג מיט דער מאַמען און מיט דער עלטערער שוועסטער צום טאַטן. איז וויפל וועט איר מיר געבן רעשט? ווײַל די שוועסטער האָט געבעטן, איך זאָל איר קויפן צווי קאַרטלעך מיט רויזן אָדער גלאַ־דיאָלוסן.

— איך וועל דיר געבן „דאָס פידעלע״, א קאַרטל מיט אַסטרעס און צווי קאָפּעקעס רעשט. גיב איבער א גרוס דער מאַמען. זאָג איר, זי זאָל צו מיר אַרײַנגייך, איך האָב פאַר איר א גוטן בוך. דו גיי אויך אַרײַן, לויף ניט אום איבער דער שטאָט שלינג־און־שלאַנג, — זאָגט מאָטיע און איז שוין פאַרנומען מיט אַן אַנדער קוינע. א מיידעלע, א כאַקאַסקע מיט שוואַרצע גראָבע צעפּלעך, אין א רויט קליידל מיט ווײַסע ארבעסלעך, בעט אף א הויך קוויטשעדיק קעלכל:

— פּעטער מאַטווײ, גיט מיר ביכלעך פאַרן גאַנצן געלט.

— וויפל געלט האָסטו, לענאָטשקע?

— נאָר איין גילטל, — זאָגט זי און ווײַזט אפן אויסגעצויגענעם הענטל פינף קאָפּעקעס.

מאָטיע כאַפּט אַראָפּ פון פּאָליצע א ביכעלע, וואָס צענעמט זיך, ווי א האַרמאָניקע. אף יעדער טאָוועלע איז דאָ א געמעל. ער זאָגט:

— זעסט, וואָס פאַר א שיין ביכעלע? וועסט בעטן דײַן עלטערן ברודער, וועט ער דיר זאָגן, וואָס דאָ איז אָנגעשריבן אונטער די געמעלן. די מאַמע ארבעט?

— יאָ, — זאָגט לענאָטשקע און ווערט פלוצעם אומעטיק.

— עס געפעלט דיר ניט דאָס ביכעלע? — פרעגט מאָטיע.

— גיט מיר רעשט.

— דאָס ביכעלע קאָסט מיט צווי קאָפּעקעס מער, ווי דו האָסט מיר געגעבן.

— איך וויל אָבער וואַסער מיט סיראָפּ.

— טו גוט א טראכט, לענאטשקע, וואָס ווילסטו בעסער? אַףביידע זאכן וועט דיר קיין געלט ניט קלעקן.

— איך האָב שוין פריִער גוט באטראכט, אז איך וויל איצטער וואסער, — זאָגט זי. מאָטיע שמייכלט, גיט דעם מיידעלע דאָס ביכעלע און פיר קאָפּעקעס און קוקט, ווי זי שפּרינגט אַף איין פיסל ארויס פון קראָם.

פארנאכט־צו איז די קראָם פול מיט מענטשן. דער אווטאָבוס, וואָס גייט פונעם שאכטיאָרן־שטעטל, שטעלט זיך אָפּ אקוראט אנטקעגן דער קראָם. די שאכטיאָרן שטייען לעבן די סטע־לאַזשן, קלייַבן זיך אויס, וואָס זיי דארפן. מאָטיע איז פארנומען מיט צוויי לערערקעס. די לערער־קעס זייַנען געקומען אָפּקלייַבן ביכער פאר דער אָוונט־שול. עס זייַנען שוין אָפּגעקליבן זאָליא, הוגאָ, סאָוועטישע ליטעראטור. מאָטיע פארבינדט די ביכער אין אקוראטע פּעקלעך און פרעגט:

— א רעכענונג אויסשרייַבן?

— מע דארף ניט. דער טרעסט האָט געגעבן געלט אַף מאַטאָנעס פאר די שאכטיאָרן, וועלכע ארבעטן גוט און לערנען זיך אויסגעצייכנט, — זאָגט איינע פון די לערערקעס.

די צווייטע, א שווארצחיינעוודיקע, אָפּאָנעם א כאַקאַסקע, זאָגט מיט הארץ:

— אוועק די צייַטן, וואָס ווערן באשריבן אין „זשערמינאל", מאַטווי טעוועליעוויטש. זאָלן אומזיסט און ביכער אומזיסט. אבי ווער א מענטש.

— וואָס זשע, עס געפעלט אייַך עפשער ניט? איר מיינט, די שאכטיאָרן איז גרינג אָפּאר־בעטן אין שאכטע און נאָך דער ארבעט ערשט גיין אין אָוונט־שול? — זאָגט מאָטיע און העלפט ארויסטראָגן די פּעקלעך צו דער מאשין.

שפּעט אין אָוונט, פארמאכנדיק די קראָם, זאָגט צו מיר מאָטיע:

— אמאָל איז געווען די באַלעבאָסטע פון די שאכטעס באַלאַנדיכע. וואסער האָט מען דעמלט געפירט אין א פעסל פון יעניסיי, פארשטייסט? שאכטיאָרן האָבן געלעבט אין זעמליאַנקעס. און הייַנט, האָסט געהערט? — פּראָפילאַקטאָרי. גיי זיך דורך אהין, מאָרגן איז דאָך זונטיק.

— מאָרגן קומט צו מיר א שאכטיאָרקע, — זאָג איך.

צוגאסט בא א שאכטיאָרקע

אַף מאָרגן אינדערפרי, ווען איך בין געזעסן מיט מאָטיען און מיט כייַען באַם פרישטיק, איז ארייַנגעקומען אָלגאַ ניקאָלייַעוונא פּלעשקאָווא. זי איז געווען אָנגעטאָן אין א פארביק קלייד, מיט א סאך שנירעלעך קרעלן אַפן האלדז.

זי רעדט הויך און שטרענג:

— בא מיר איז ניטאָ וואָס צו עסן?! איך האָב דאָך אייַך נעכטן געזאָגט, אז איך וועל קומען נאָך אייַך גלייַך אינדערפרי.

עס העלפט ניט מאָטיעס און כייַעס בעטן זיך. מיר גייען אוועק.

דאָס שאכטיאָרן־שטעטל איז, אייגנטלעך, ניט קיין שטעטל, נאָר א שטאָט. פונדאמענטאַלע הייַזער, ברייטע גאסן.

בא אָלגאַ ניקאָלייַעוונען אין שטוב איז א ציכטיקייַט, אז א ווייַס פעדעמל אַף דער געפארב־טער פּאָדלאָגע זעט זיך אָן. מיר זעצן זיך באַם געגרייטן טיש. זי פרעגט:

— פונוואנען קענט איר מאַטווי טעוועליעוויטשן און ראָיִסע סאָלאָמאָנאָוונען?

— יונגערהייט זייַנען מיר געווען אין איין קאָמונע.

— איצט פארשטיי איך, פארוואָס זיי זייַנען אזעלכע צוגעלאָזטע, הארציקע מענטשן. די גאנצע שטאָט קען זיי. וואָס פאר א שאכטיאָר איר זאָלט ניט פרעגן, וועט ער אייַך זאָגן, אז זיי זייַנען זעלטענע מענטשן.

זי ווערט אנשוויגן. איך שווייַג אויך. עס גייט ארייַן א הויכער שווארצחיינעוודיקער מאנצבל.

— זייט באקאנט, דאָס איז מייַן מאַן, — זאָגט אָלגאַ ניקאָלייַעוונא. און מיטן זעלבן פרייַנט־לעכן טאָן: — האָסט געשפּילט אין דאָמינאָ? גיי שפּיל ווייַטער. לאָז אונדז א ביסל פארברענגען. — און ווידער שווייַגט זי.

איך באטראכט דאָס צימער, קוק ארייַן דורך דער אָפענער טיר אין צווייטן צימער. דאָ איז פאראן אלץ, וואָס א מענטש דארף האָבן. איך וואָלט נאָר אראָפּגענומען דאָס בילד מיט די גרינע שוואנען אַפן רויטן פאָן. אָט די מארק־קונסט איז דאָ לאכלוטן איבעריק. אָלגאַ ניקאָלייַעוונא כאַפּט איבער מייַן בליק און זאָגט:

— מיר געפעלט אויך ניט דאָס בילד. כ'האָב עס שוין געהאט אראָפּגענומען, האָט עס דער מאַן אופגעהאנגען לעבן זייַן בעט. דאָס האָט אים זייַן מאמע געקויפט אַף כאַנוקאַס־האַבאַיִס. מייַן

מאמע לעבט שוין ניט. זי איז געווען אן אלטע שאכטיארקע, א קאָנאָגאָני, מיטן טאטן אין איין שטרעק. דער טאטע איז אומגעקומען אין שאכטע. קיין פענסיע האט אונדזער באלעבאסטע באַ־לאנדיכע ניט געגעבן, בין איך אויך צו צען יאָר אוועק אין שאכטע. אָ, ווען מײַן מאמע זעט, ווי איך לעב איצטער!

און ווידער שווײַגט זי.

— קינדער האט איר? — פרעג איך.

— געוויס. איך האָב א זון, ער לערנט זיך. איצט איז ער אין פּיאָנער־לאגער, אין סעליוואַ־ניכא. עסט, איך בעט אײַך. די פיש זײַנען ערשט נעכטן פון יעניסיי.

די פיש צעגייען זיך טאקע אין אלע גלידער — אין דער מאָס צוגעפּרעגלט, ניט צו פעט. אלגא ניקאלײַעווּנא קוקט, ווי איך עס. זי שמייכלט:

— עס פאלט מיר איַין, אז איר זײַט געוויס ניט קיין באוווסטע שרײַבערן.

— פארוואָס פאלט אײַך אזוינס אײַן?

— גאָר פּאָשעט. ווען איר וואָלט געווען א באוווסטע שרײַבערן, וואָלט איר מיט מיר א גאנצן טאָג ניט פארבראכט.

דוכט זיך, ווינציק גערעדט, און פונדעסטוועגן איז שוין גוט נאָך מיטיק, ווען אלגא ניקאָ־לײַעווּנא באגלייט מיך צום אווטאָבוס.

אפן יעניסיי

ווי קום איך קיין פּאָטראָשילאָווא? אלץ צוליב די רובינשטיינס. בא זיי איז דאָך אָן אָפּענע שטוב. די טיר פארמאכט זיך ניט. דער טשײַניק גייט ניט אראָפּ פון דער עלעקטרישער פּליטקע, פונעם טיש נעמט מען ניט אראָפּ די טעלער. אוואדע איז א גרויסע פרייד צו האָבן אזוינע פרײַנט, ווי כיַיע און מאָטיע רובינשטיין. אָבער אז מע קומט, נאָך א גאנצן טאָג ארומגיין איבער טשער־נאָגאָרסק, אין שטוב ארײַן, און ס׳איז ניטאָ, ווו זיך צוצושטעקן מיט פען־און־פּאַפּיר, איז זייער ביטער. זאָג איך צו כיַיען:

— ווי קאָנסטו לעבן אָן אן אייגענער מינוט פאר זיך? אָט קאָנסולטירסטו שאכטיאָרן אף דײַטש, אָט לויפט ארײַן רימע און לאָזט דיר איבער דאָס קינד, אָט קומען מענטשן צו מאָטיען פרעגן אן אייצע, וויאזוי איז בעסער צו בויען...

קוקט מיך כיַיע אָן א רעכטע ווײַלע און זאָגט מיט הארץ:

— איך בין ניט קיין שרײַבערן, דארף איך מענטשן און ניט קיין פרײַע מינוטן...

קומען מענטשן. קומט ארײַן דער שאָכן דער בולדאָזעריסט מיט א גאנצן פּאַק פּאָטאָס. קוקט מאָטיע אף די פּאָטאָס און זאָגט:

— פּאַוועל פּאַנטעלײַעוויטש, זוך זיך אויס עפּעס אן אנדער פארווײַלונג. דײַנע פּאָטאָס זײַנען פארשוווּמען, ווי מיט ווײַסלען. גיי בעסער זינגען אין דער זעלבסטעטיקײַט.

ענטפערט פּאַוועל פּאַנטעלײַעוויטש:

— צום טײַוול! מער טו איך דאָס ניט. אלע רו־טעג אין דעם ארײַנגעהאַקט. דעם זונטיק פאָר איך צו דער מאַמען קיין פּאָטראָשילאָווא.

— וואָס איז דאָס פאר א פּאָטראָשילאָווא? — פרעג איך.

— דאָס איז א דאָרף, ווו עס וווינען מײַנע טאטע־מאמע. איבגיכן וועלן זיי זײַן אונטערן קראסנאָיארסקער יאם.

— וואָס רעדסטו?! — שרײַט כיַיע אויס, ווי גלײַך זי האט זיך אף אָן עמעס דערשראָקן.

— עס רעדט זיך אזוי. די מענטשן, מיט די שטיבער, מיט די בעהיימעס וועט מען אריבער־פירן, און דאָרטן, ווו ס׳איז געווען דאָס דאָרף, וועט זיך פאנאנדערגיסן דער יאם.

— נעמט מיך מיט.

— מיט פארגעניגן. נאָר וואָס דארפט איר וואַרטן ביז זונטיק, אז איר קאָנט מאָרגן פאָרן מיט מײַן ברודער. ער האט מאָרגן א פרײַען טאָג. איר ווילט, וועט ער ארײַנגיין נאָך אײַך. גערעדט און געטאָן.

דעם צווייטן אינדערפרי גייט ארײַן פּאַוועל פּאַנטעלײַעוויטשעס ברודער און זאָגט איין וואָרט:

— פּאָשלי![2]

---

[1] אן אָנטרײַבערן פון פערד.

[2] געגאנגען!

און מיר פֿאָרן קיין אבאקאַן. דאָרט שווימען מיר אַריבער אויף אַ שיפֿל דעם טײַך, וואָס טראָגט דעם זעלביקן נאָמען. נאָכדעם גייען מיר צופֿוס ביז אוסט־אבאקאַן. מיר גייען פֿאַרבײַ קאַרטאָפֿל־פֿעלדער. פֿאַזע דעם וועג שטייען מעכטיקע דעמבעס. דער הימל איז אַזש ווײַס פֿון דער צעפֿלאַקערטער זון. פֿונוויַיטן זעען זיך פֿעלדזיקע בערג, און ווען דער ווינט גיט אַן אָטעם פֿון יענער זײַט, ברענגט ער לינדקײַט, און עס שפּאַנט זיך לײַכטער.

דאָס איז סיביר? קאַקאַסיע?.. עס גלייבט זיך קוים. ווען דאָס, וואָס איך זע איצט, וואָלט באַוווסט געוואָרן ברייטער, וואָלטן אַ סאַך געפֿאָרן אַפֿרוען אַהער — און ניט אויף דאָרעם. מיכאַיִל, פּאַוועל פּאַנטעלײיעוויטשעס ברודער, איז ניט הויך געוואַקסן, אָבער פֿעסט געמויערט. אויף זײַן פּלייצע קאָן מען אויסוואַלגערן אַ בלאַט לאָקשן. די מוסקולן פֿון זײַן האַלדז, בײַ די לאָפּעטקעס, אויף די הענט קײַקלען זיך זייער גיך, ווי עפּעס לעבעדיקס. די שיך האַלט ער אין דער לינקער האַנט, דעם בערעט אין דער רעכטער. זײַנע באָרוועסע פֿיס שפּאַנען איבער דער סטעזשקע צווישן הויכן גראָז, ווי אָפּגעזונדערט פֿון אים. ס'מאַכט אַן אײַנדרוק, אַז די ערד אונטער זײַנע טריט שפּרינגט אונטער.

אין אוסט־אבאקאַן פֿאַרשווינדט מיכאַיִל אויף אַ ווײַלע אין אַ שטיבל און גייט אַרויס פֿון דאָרט מיט אַ מאָטאָרל. פֿאָרן גאַנצן וועג זאָגט ער די ערשטע ווערטער:

— לעבן דער קאַליטקע שטייט אַ קאַניסטרע מיט בענזין, נעמט און — הײַדאַ! — און ער לאָזט זיך אַראָפּ פֿונעם הויכן ברעג, וואָס איז אָפּגעהאַקט מאַמעש ווי אַן אָפּריס. איך שטיי מיט דער קאַניסטרע אין דער האַנט, זוך אַן אָרט, וואָס זאָל זײַן ניט אַזוי הויך און שטיינערדיק.

— מיכאַיִל, וואַרט אַ סעקונדע! — שרײַ איך, ווײַל ער איז שוין אַראָפּ און ער טוט שוין עפּעס לעבן דעם שיפֿל.

— הײַדאַ צו מיר! וואָס שטייט איר דאָרטן? — שרײַט ער.

לאָז איך זיך צו אים. די קאַניסטרע פֿאַלט אַרויס פֿון מײַן האַנט און שפּרינגט אַראָפּ אַליין. איך מײַד אויס שטיינער, שפּרינג איבער פּניאָקעס. איך פֿיל, מײַנע אַלטע ביינער געזעגענען זיך מיט מיר. אָבער ווען איך דעריאָג די קאַניסטרע, וואָס איז געבליבן שטעקן צווישן צווײַגן פֿון אַן אונטערגעהאַקטן בוים, בין איך גליקלעך: זי האָט זיך ניט געעפֿנט און אַפֿילו ניט צעבויגן. איך קריך אַרײַן אין שיפֿל און קוק, ווי מײַן „גאַנדאָליער״ מאָסטעט צו דאָס מאָטאָרל, נאָכדעם טוט ער אַ צי מיט אַ קאַפּראָן־שטריקל, וואָס איז אַרומגעוויקלט אַרום זײַן רעכטער האַנט, און דאָס מאָטאָרל באַקומט לאָשן.

דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן פֿאָר איך אַזוי. דאָס ערשטע מאָל זע איך אַזאַ דעם יעניסיי. פּאַראַיאָרן, אין דיוונאָגאָרסק, איז ער געווען גאָר אַן אַנדערער, מער אַ צוגעלאָזטער. אונדזער שיפֿל איז דאָס איינציקע אויפֿן וואַסער. איך האָב אַ מאָדנעם געפֿיל: מיר דוכט, אַז דער מאָטאָר איז בײַ מיר אין מויעך און עפּעס אַן אויסטערלישע קראַפֿט שלעפּט מיך בײַ די פֿיס איבערן טײַך...

מיכאַיִל שרײַט עפּעס. איך זע עס לויט זײַן אָפֿענעם מויל. ביסלעכווײַז געוווין איך זיך צו צום טראַסק פֿונעם מאָטאָר. מיכאַיִל שרײַט:

— בײַ אונדז, סיביריאַקעס, איז אַזוי: אָפּגעאַרבעט אונטער דער ערד אין שאַכטע, און הײַדאַ אין דער טײַגע. איאָ, דאָ איז ניט שלעכט בײַ אונדז?

יאָ, ס'איז בעפֿיירעש ניט שלעכט. ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן, אַז אין קאַקאַסיע זאָל זײַן אַזאַ מין זון. זי בראָט ווי עס דאַרף צו זײַן. דער טײַך איז גלאַט, שטיל. ווען ניט דאָס שוימיקע וואַסער הינטער דער לאָדקע, וואָלט איך געמיינט, אַז מיר פֿאָרן איבערן הימל. פּלוצעם צעטיילט זיך דער טײַך אויף צוויי אָרבל. אינמיטן — אַן אינדזעלע, די נידעריקע צווײַגן פֿון די ווערבעס אָפּן אינדזעלע גרייכן ביז צום וואַסער. די צווײַגן צוואָגן זיך אין טײַך, און יעדער בלעטעלע זייערס זעט זיך אין וואַסער. דער פּייזאַזש בײַט זיך. עס שוועבן פֿאַרבײַ געדיכטע, צעבליטע קוסטעס שיפּאָווניק. זיי זײַנען פֿאַרביקער, גרעסער, ווי אין אונדזערע קאַנטן. די לאָדקע גייט גיך, נאָר דער פּרעכטיקער רייעך דעריאָגט אונדז, אַזש דער קאָפּ דרייט זיך. מיכאַיִל שרײַט ווידער:

— פּאַראַיאָרן האָט מיך דער שאַכטע־קאָמיטעט פּרעמירט מיט אַ פּוטיאָווקע אויף דאָרעם. מענטשן מער, ווי זאַמד אָפּן ברעג יאַם. מע טרעט זיך אויף די פּופּקעס. איך בין פֿון דאָרטן אַנטלאָפֿן, ווי אַן אָפּגעבריטער, — און ער טוט אַ ברייטן מאַך מיט דער האַנט, ווי איינער זאָגט: „אַט אַזוינס קאָן מען זען נאָר אין סיביר״.

יאָ, איך וואָלט זיך אַזוי געשיפֿלט און געשיפֿלט איבערן צויבער־לאַנד, נאָר מיכאַיִל טוט פּלוצעם אַ קערעווע אין אַ ברייטן אָפּפֿלוס רעכטס, און נאָכאַמאָל רעכטס, די דעק פֿון דער לאָדקע רײַבט זיך אָן גרונט, און אין אַ רעגע אַרום פּיקט איר נאָז דעם ברעג. אוי, וואָס פֿאַר אַ כּיעס, אַז דער מאָטאָר שטומט אײַן. מיר זײַנען געקומען.

פּאַטראַשילאָוואַ זעט אויס ווי נאָך א שלאַכט. א סאַך שטיבער שטייען אָן פענצטער און אָן טירן. איניקע זײַנען אינגאַנצן צעבומען. אױף דער גאַס ליגן שטויסן ברעטער, אַנגעוואַלגערטע קלעצער. מיכאַילס טאַטע־מאַמע זיצן נאָך אין זייער שטוב, אקוראַט ווי גאָרנישט. אין פּירהויז באַקענט ער מיך מיט זײַן מאַמען. א פּירהויז — א פעלד. בײַ די ווענט שטייען לענגלעכע קאַסטנס, איינער מיט ווייץ, איינער מיט מעל, פּעסלעך מיט קלײַען, אין גרויסע געפלאָכטענע קאָשעקעס — אייער, ליימענע טעפּ, צוגעדעקטע מיט קײַלעכדיקע הילצערנע דעקלעך. דער רייעך זאָגט באַלד אויס, אַז זיי זײַנען פול מיט מילך.

ווען מיר זײַנען אַרײַנגעגאַנגען, האָט מיכאַיל מיך גלײַך פאָרגעשטעלט און זיך געוויצלט:

— מאַם, כ׳האָב א גאַנצע נאַכט ניט געגעסן. דער גאַסט אויך ניט.

איצט זיצט ער באַם טיש. דער באַרג בלינעס מינערט זיך, ווי שניי אונטער דער זון. און זי, די מאַמע, גיסט אַלץ צו צעלאָזענע פּוטער אין זײַן טעלער.

נאָכן עסן נעמט ער אַראָפּ א שאָפּענעם פּעלץ פונעם צוואַק, וואַרפט אים אַריבער איבערן אַקסל און שפּאַנט אַרויס פון שטוב. די מאַמע זאָגט:

— פאַרטיק. אוועק צו „כראַפּאָוויצקען״, איצט וועט ער שלאָפן ביז באַגינען.

איך וואָלט אויך א דרעמל געטאָן, נאָר די באַלעבאָסטע שווײַגט, — גיי איך מיר אוועק שפּאַצירן. גלײַך ווי עס ענדיקט זיך די גאַס, הייבט זיך אָן א סאָסנע־וועלדל. צו די שטאַמען פון די סאָסנעס זײַנען צוגעהאַקט דרײַקאַנטיקע בלעכלעך, די קאָרע איז אופגעשניטן. זשיוויצע קאַפּעט און קאַפּעט אין די בלעכלעך. ס׳איז קלאָר, אַז דאָס וועלדל וועט אויסגעהאַקט ווערן. ביז פאַרנאַכט גיי איך אַרום צווישן די סאָסנעס, און מיר דוכט זיך, אַז זיי באַוויינען זיך אַליין.

ווען איך קום צוריק, פרעג איך בײַ מיכאַילס מאַמע וועגן וועלדל.

— געוויס. ביז איין סאָסנע וועט מען אויסהאַקן. מיסטאָמע דאַרף מען דאָך אַזוי. גרויסע מענטשן האָבן עס באַטראַכט. אָכ־כאָ־כאָ! — זיפצט זי. „אָך־אָך״ ווילט זיך מיר אויך א זיפץ טאָן. עס איז אַזוי ביטער זיך פאָרשטעלן, ווי די סאָסנעס וועלן פאַלן אונטער דער האַק. נאָר עפּשער איז דאָס אַלץ קעדײַ? ווען אַהער וועט פאַרקערעווען דער „קראַסנאָיאַרסקער ים״, וועט דער גאַנצער קאַנט אופלעבן.

די באַלעבאָסטע האָט מיר געמאַכט א גוט געלעגער, אָבער קיין שלאָף נעמט מיך ניט. פאַר די אויגן שטייען די סאָסנע־שטאַמען מיט אופגעלאָפענע צוגעטריקנטע זשיוויצע־בלאָטערן, ווי פּאַקן־וווּנדן אויף קינדערשע אומשולדיקע הענטלעך. און ווען עס קומט שוין יאָ צו מיר א בלײַענער אומרויִקער דרעמל, הער איך:

— שטייט אויף! — דאָס וועקט מיך מיכאַיל. — ס׳איז שוין האַלב פינף. פּאַשלי!

גייען מיר. מיכאַיל טראָגט דעם מאָטאָר. איך — די קאַניסטרע. דער באַגינען איז קלאָר און קיל. די שטילקײַט צערײַסט זיך פונעם מאָטאָר, וואָס רוישט שוין אין לאָדקע. זי שווימט א סאַך לאַנגזאַמער, ווי נעכטן — מיר גייען קעגן שטראָם. אַלץ, וואָס איך האָב נעכטן געזען פאַרגאָסן מיט זון, זע איך איצט אין א באַגינענדיקן בלוילעכן שלייער. אויף אַלץ ליגט אורשפּרינגלעכער ניט באַרירטער צויבער. מיכאַיל שווײַגט. און דאָס איז גוט. איך וויל אויך ניט ריידן. די זון באַשפּרענקלט די קרוינען פון דיביימער מיט שײַן. אַלץ שווײַגט. קיין בלעטל אויף קיין צווײַג באַוועגט זיך ניט. אַלץ שווײַגט אין סיבירער באַגינען...

א שאַכטיאָרישער פּאָעט

אין רעדאַקציע־צימער פון דער אָרטיקער צײַטונג „שאַכטיאָר״ איז פאָרגעקומען מײַן באַגעגעניש מיט דער טשערנאָגאָרסקער ליטעראַרישער גרופּע. ווען אַלע זײַנען שוין געזעסן באַם לאַנגן טיש מיטן רויטן טישטעך, איז אַרײַנגעקומען א הויכער יונגער מענטש מיט א היימלעכן קוק.

— פּיאָטער ניקיטיטש קאָסאָבאָקאָוו — א שאַכטיאָר. לאָמיר זײַן באַקאַנט. איך האָב זייער ליב פּאָעזיע, — האָט דער אַרײַנגעקומענער מיר געזאָגט און פאַרנומען אַן אָרט באַם טיש.

דאָס וואָרט באַקומט א באָכערל אין א געקווייטלט העמדל, מיט לאַנגע האָר ביז די אַקסל. ער האָט צו וויסן געגעבן, אַז ער וועט לייענען א לירישע ליד, און ער האָט אַזוי אָנגעהויבן: „ווי א דינינקע בעריאָזקע אויף מײַן וועג דו שטייסט״. ס׳איז אינגיכן קלאָר געוואָרן, אַז דער פּאָעט מעג שרײַבן ווינציקער און מער לייענען דאָס, וואָס עס איז אָנגעשריבן געוואָרן ביז אים... נאָכדעם האָט געלייענט פּיאָטער קאָסאָבאָקאָוו. איך וועל זיך פּרוּוון איבערגעבן אין יידיש דעם אינהאַלט פון זײַן ליד.

„איך גיי מיר מיט פרײַלעכע טריט און קוק מיר, ווי די זון פאַרגייט. באַלד וועט אין וואָלקן שוימיקן זיך טוקן דאָס זילבער־שיפל — די לעוואָנע. זעט איך זיך אין שיפל שנעל, הער זיך אײַן צום שאַרך פון די וואָלקנס, שעפּ מיט דער פאַן פונעם פינקלענדיקן גרויסן בער די סאַמע ליכטיקע און שײַנענדיקע שטערן, שיט זיי אַף די מענטשן, זיי זאָלן ווערן גוטע און באַגײַס־טערטע. אַט וועגן וואָס איך כאָלעם אצינד, אַט וואָס איך וויל אצינד מער פון אַלץ”.

די אינטאָנאַציע פון דער דאַזיקער ליד איז א נאַיווע, אָבער ווען ער האָט געלייענט, האָט ער געשײַנט און זײַן גאַנצער אַנבליק איז געווען לויטער גוטסקײַט. אַלע, וואָס זײַנען דאָ געזעסן, האָבן אויך ווי אופגעלויכטן. און די דאַזיקע שײַן איז געפאַלן אויך אַף דעם, וואָס איך האָב נאָכ־דעם געלייענט. פיר שאָ זײַנען מיר געזעסן אין רעדאַקציע. מיר האָבן זיך געזעגנט, ווי אַלטע גוטעפרײַנט, און פיאָטער קאָסאָבאָקאָוו האָט אזוי געזאָגט:

— וואָס דערלאַנגט איר מיר די האַנט? איר מיינט, אז מיר צעשיידן זיך? אַט שטייט מײַן מאַשין, דאָרטן זיצט מײַן פרוי און וואַרט אַף אונדז.

דער וועג געדויערט ניט לאַנג. אין שטוב בא קאָסאָבאָקאָוון איז דער טיש געגרייט.

ס'איז פּאַשעט ניט צו גלייבן, אז א מענטש קאָן זיך אזוי פרייען מיט א גאַסט. פיאָטערס פרוי, זאָיאַ פיאָדאָראָוונאַ, לאָזט פון אים קיין אויג ניט אראָפּ. נאָכן צווייטן גלעזל נעמט זי צו דעם בראַנפן פון טיש. עס בלײַבט נאָר לײַכטער ווײַן „מוקוזאַני”. אָבער פיאָטערן איז שוין אַלציינס, ער לייענט לידער. ער לייענט וועגן א יינגל, וואָס האָט קיין קינדהײַט ניט געהאַט, ווײַל זײַן טאַטע איז אומגעקומען אַף דער מילכאָמע.

נאָכדעם גייט אוועק א שמועס וועגן אמאָל. פיאָטער און זאָיאַ האָבן צענדליקער „פאַרוואָסן”: „„פאַרוואָס האָבן יידן געוווינט אין טכום?”, „פאַרוואָס האָבן מענטשן דערלאָזט פּאָגראָמען? ס'זײַ־נען דאָך געווען לײַטישע מענטשן אויך...”

— פאַרוואָס, פאַרוואָס?.. פינצטערע פאָרורטיילן. עס איז גרינגער פויזען אַף די קני אונטער דער ערד, רײַסן דעם שיכט קוילן, איידער אָפּרײַסן פון זיך דאָס ווילדפלייש פון פאָרורטיילן, — ענטפערט פיאָטער אַף זײַנע אייגענע פראַגעס.

זאָיאַ קוקט אַף אים. איר בליק איז פול מיט געטרײַקײַט, זי שאָקלט מיטן קאָפּ און באַ־מערקט שטיל:

— דאָס איז עמעס, פאָרורטיילן זײַנען די טויבע וואַנט צווישן מענטשן.

מיר שווײַגן. די אייבערשטע שײַן איז אויסגעלאָשן. אַפן טיש ברענט א לאָמפּ אונטער א טונקל־גרינעם אבאַזשור. די ווינקלען פון צימער זײַנען אײַנגעהילט אין שאָטנס.

מײַן בליק פאַלט אַפן זייגער.

— אײַער זייגער גייט ריכטיק?

— אונדזער זייגער שטייט ריכטיק אַף האַלב צוועלף. אינדערעמעסן איז האַלב צווײ. נאָר עס וועט זיך געפינען פאַר אײַך א געלעגער, דײַגעט ניט, — זאָגט זאָיאַ.

...איך האָב נאָך עטלעכע מאָל זיך געטראָפן מיט קאָסאָבאָקאָוון. ער מיט זאָיען האָבן מיך אַף זייער מאַשין אָפּגעפירט צום אבאַקאַנער אעראָדראָם. און ווען זיי זײַנען אוועקגעפאָרן, האָט א פרוי בא מיר געפרעגט:

— דאָס זײַנען אײַערע נאָענטע קרובים?

— יאָ, — האָב איך געענטפערט.

שושענסקאָיע

דער וועג גייט דורך אבאַקאַן, דורך מינוסינסק. מיר פאָרן פאַרבײַ טאַגאַרער אָזערע. די אָזערע זעט אויס ווי א ריזיקע שיסל מיט זון. אַפן ברעג שפּאַצירן ארום פרויען און מאַנצבלען, לײַכט אָנגעטאָן. דער שאָפער זאָגט:

— ניט קיין שלעכטער קוראָרט, איאָ?

— יאָ, — בין איך אײַנשטימיק.

ווען איך פאָר פריִער אהער און נאָכדעם קיין פּאַטראַשילאָווע, וואָלט מיך דער פייזאַזש געפּלעפט. אָבער נאָך דעם, וואָס איך האָב געזען אַפן יעניסיי, קאָן מיך שוין גאָרנישט ניט פאַר־ווונדערן. עס איז הערלעך — און גאָר!.. די מאַשין יאָגט מעשוגענערווײַז. דער טרעסט האָט געגעבן די מאַשין נאָר אַף זעקס שאָ.

— קוקט, — זאָגט דער שאָפער, — עס הייבן זיך אָן לענינס ערטער.

איך קוק אַפן הימל. דער הימל איז הײַנט געמאַכט ניט נאָר פון בלויען, ער איז אונטערגע־שלאָגן מיט דינע פעדער־וואָלקנס. און טאָמער איז עס ווינציק, צייכנט אָן אעראָפּלאַן, וואָס מע זעט אים ניט ארויס פון הינטער די וואָלקנס, א קלאָרע, געקרײַזלטע שלעפּע.

אונדזער מאַשין ווערט אָן דעם טעמפּ. איבערן שאָסיי ראָלן בולדאָזערס, בענזין־ציסטערנעס, מילך־ציסטערנעס, קאָמבײַנען, „מאַזן“[1]. פּלוצעם קײַקלט זיך ארײַן א מאָטאָציקלעט מיט א וועגעלע. אין וועגעלע זיצט א פרוי מיט א קינד אף די הענט. עס קומען אונדז אנטקעגן אווטאָבוסן מיט שילער און מיט דערוואַקסענע — טוריסטן, וועלכע פאָרן פון שושענסקאָיע.

וואָס נעענטער צום ציל, אַלץ ענגער ווערט אפן וועג. נאָר אָט פאָרן מיר ארײַן אין שושענסקאָיע. דער שאָפער געפינט קוים אן אָרט, ווו זיך צוצומאָסטען מיט זײַן מאַשין.

עטלעכע מינוט גאַנג טיילט אונדז אָפּ פון דער שטילער גאַס און פון דער שטוב, ווו צום געפלעכט פון די קלעצער, אפן סאַמע ווינקל, הענגט א קליין שילדל: „דאָ האָט געלעבט איליטש“.

א טויערל פירט אין הויף. סטעזשקעס, באַשאָטענע מיט געלן זאַמד. בלומען־בייטן, א ברונעם. אף דער ערד, בא די ביימער־שטאַמען, בא די בלומען־בייטן זיצן שילער אין רויטע האַלדזטיכער און שמועסן שטיל. דורך די אָפענע פענצטער הערט זיך א שטים, וואָס דערציילט: „וואָלאָדיע איז געווען א געהאָרכזאַם קינד, א געטרײַער זון. כאָטש ער איז געווען זייער א פייקער, האָט ער שטענדיק פלײַסיק און אומדערמידלעך זיך געלערנט“.

איך בין ארײַנגעגאַנגען אין שטוב און דערזען א פרוי מיט א לאַנגן טײַטל אין דער האַנט. אין אַזעלכע פאַלן איז די בעסטע זאַך — זײַן א זעלבשטענדיקער צושויער. אַזוי טו איך. איך גיי פון פאַטאָ צו פאַטאָ. אָט איז לענין א יונגער, לעבן אים קרזשיזשאַנאָווסקי. נאָך א פאָטאָ — קרופּסקאַיאַ, אָנגעטאָן אין שוואַרצן, ווי א נאָנע. א שטרענגער, פאַרטיפטער בליק. ווערא זאַסוליטש — אַזויפיל אַנטשלאָסנקײַט, אַזויפיל אכרײַעס אפן יונגן פּאָנעם...

די קליינע פענצטער זײַנען אָפן. דער ווינט פאָכעט מיט די פאָרהענגלעך.

די הילצערנע שטולן, דאָס נידעריקע פויערשע הילצערנע בעט, וואָס איז פאַרשפּרייט מיט אן אָפּגענוצטער טונקל־בוראָדאָ קאָלדרעטשקע, דער פאַרצירעוועטער טישטעך אפן טיש, דער קעראָסין־לאָמפּ דערציילן זייער פיל...

אין עק גאַס שטייט נאָך א הויז, ווו לענין האָט געוווינט. די גאַס איז געמיטלעך און פײַערלעך. די ביימער מיט די אָפּגעקאַלכטע שטאַמען באַגלייטן די שווײַגנדיקע גרויסע איידע אויליירעגל. קיין איין אויסגעניצט שוועבעלע, קיין איין אויסגערייכערטער פּאַפּיראָס אף דער רייןצוגעקערטער גאַס.

די צווייטע שטוב איז גערעמער, ווי די ערשטע. א ברייטע לעזשאַנקע לענגאויס דעם רוסישן אויוון. איך זע דעם גוט באַקאַנטן טיש מיט די געשניצטע באַרײַערלעך. א טינט־און־פעדער. אן אָפענער באַנד פושקין. א פאָליצע מיט ביכער. צוויי הילצערנע שמאָלע בעטלעך, פאַרשפּרייט מיט געקעסטלטע פלעדן. דאָ איז אַלץ אף אן אָרט. יעדער זאַך דערציילט וועגן וווּנדערלעכן פאָרפאָלק.

אין קיך — א פאַרגלאָזט אַלמערל. הינטער די שײַבלעך — איין טעלער מיט אָפּגעריבענע ראַנדן. א גלאָז מיט טיפע גריבעלעך... עס מאַכט דעם אײַנדרוק, אַז קרופּסקאַיאַ האָט אַזוי לאַנג געניצט די גלאָז, ביז דער אָפּבילד פון אירע פינגער איז געבליבן אף די ווענטלעך. א העל־ברוין קעראַמיש טשײַניקל מיט דינע ווײַסע צווײַגעלעך לענגאויס דעם נעזל און אַרום דעקעלע. דאָס טשײַניקל שטייט זיך לעבן א מעסער מיט א דינעם אויסגעשאַרפטן קלינגל אין א קלעצלדיקן שטיל. די זאַכן באַשטעטיקן די אומבאַגרענעצטע באַשיידנקײַט פונעם פאַרשיקטן ליכטיקן פאָרפאָלק.

דער טאָג איז זוניק. עס איז זייער הייס. אָט זײַנען אָנגעקומען צוויי אווטאָבוסן פון נאָוואָסיבירסק מיט לערערס און סטודענטן. אַזויפיל מענטשן, און ס'איז שטיל־שטיל. אַלץ איז אײַנגעהילט אין פײַערלעכקײַט...

[1] א מאַרקע פון לאַסט־אווטאָמאָבילן.

50־טער יאָרצײַט פון י. ל. פּערעץ

ייִסראָעל סערעבריאַני

א וויכטיקער בײַטראָג אין דער פּערעץ־פאָרשונג

אנהייב יול 1945 איז אין מאָסקווע דורכגעפירט געוואָרן א וויסנשאַפטלעכע סעסיע, געווידמעט פּערעצעס דרײַסיקסטן יאָרצײַט. צום באַדויערן, איז דעמלט די אַרבעט פון דער סעסיע קימאַט ניט באַלויכטן געוואָרן. און דאָס איז בעעמעס א שאָד. לויט אונדזער מיינונג, האָט די דאָזיקע סעסיע געהאַט אַן אויסשליסלעכע באַדײַטונג פאַר דער פּערעץ־פאָרשונג. גענוג צו זאָגן, אַז אָנגעפירט מיט איר האָט שלוימע מיכאָעלס. ער איז אויך אַרויסגעטראָטן מיט אַן אויסערסט אינטערעסאַנטן פאָרטראָג. מיט אָפּהאַנדלונגען וועגן באַזונדערע פראַגן פון דער פּערעץ־שאַפונג און מיט זיכרוינעס וועגן פּערעצן זײַנען אויך אַרויסגעטראָטן דאָוויד בערגעלסאָן, דער ניסטער, יעכעזקל דאָברושין, נאָכעם אויסלענדער, ריווקע רובין, עליע פאַלקאָוויטש, אבע לעוו. צופעליק פאַרהיטע נאָטיצן האָבן מיר געגעבן די מעגלעכקײַט אופצושטעלן א מער־ווייניקער גענויעם באַריכט וועגן דער דאָזיקער פּערעץ־סעסיע, וואָס איז פאָרגעקומען מיט צוואַנציק יאָר צוריק. איך מיין, אַז דאָס וועט אויך הײַנט זײַן אינטערעסאַנט פאַר אונדזערע לייענער.

אין זײַן אַרײַנפיר־וואָרט האָט מיכאָעלס קוידעמקאָל אָפּגעמערקט די אַקטועלקײַט פון פּערעצעס שאַפן. אין פּערעצעס ווערק, — האָט ער געזאָגט, — איז שוין דאָ דער פאָרגעפיל פון די קאַטאַסטראָפאַלע היסטאָרישע געשעענישן פון אונדזער צײַט. פּערעץ שילדערט דעם מענטשן, וועלכן דער קאַפּיטאַליזם האָט באַגאַזלט, צוגענומען בײַ אים דאָס רעכט אַף לעבן, אַף ליבע, דעם מענטשן, וועמעס לעבן גייט באַרג־אַראָפּ, „מעשופּע“. דער ציל פּערעצעס איז ניט אַרויסרופן ראַכמאָנעס, נאָר וועקן פּראָטעסט.

דעם ערשטן פאָרטראָג אַף דער טעמע „פּערעצעס פּאָעמעס“ האָט געהאַלטן נאָכעם אויסלענדער.

ער שטעלט זיך אָפּ אַף דער גרויסער באַדײַטונג, וואָס פּערעץ האָט צוגעגעבן דעם פּאָעמע־זשאַנער. די פּאָעמע, האָט פּערעץ געהאַלטן, איז דער סאַמע צוגעפאַסטער זשאַנער אַף אַרויסצוברענגען א העלד.

פּערעץ האָט געגעבן א שאַרפזיניקן ענטפער זײַנע קריטיקער, וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז די מאַסע פאַרשטייט ניט זײַן „מאָניש“. פאַר אים, האָט ער געזאָגט, איז וויכטיקער דאָס, וואָס די מאַסע פאַרשטייט דעם ג ײַ ס ט, וואָס שוועבט איבער זײַן „מאָניש“, און דאָס איז דער איקער.

אין דער פּאָעמע „ער און זי“ (וועלכע איז, לויט אויסלענדערס מיינונג, ניט דערשאַצט געוואָרן) ווערט אויך, ווי אין „מאָניש“, געגעבן אַן אַווטאָפּאָרטרעט. נאָר אויב אין „מאָניש“ איז דער אַווטאָפּאָרטרעט ראָמאַנטיזירט, ווערט דאָ געגעבן א גרויזאַמער מישפּעט איבער זיך. פּערעץ מאָלט דאָס בילד פון אינקוויזיציע. עס איז א פּאָעמע פון האַס. דאָ איז צו זען דעם צאַר און צאָרן און דעם רוף צו ווידערשטאַנד. שפּעטער האָט דאָס אָפּגעקלונגען אין ביאַליקס „שכיטע־שטאָט“.

אין דער פּאָעמע „רעב יאָסעלע“ איז דער העלד דער מאַסן־מענטש, וואָס פאַרקערפּערט די פאָלקס־קראַפט. דאָס געשטאַלט פונעם שטאַרקן מענטשן גייט בײַ פּערעצן איבער פון פּאָעמע צו פּאָעמע.

אַן אַנדער כאַראַקטער טראָגן פּערעצעס פּאָעמעס „דער באַלעגאָלע“ און „בײַ א פרעמדן כופּע־קלייד“. דער באַלעגאָלע איז דאָ ניט געגליכן צום איבעריקן שטעטלשן אוילעם. ער אַנטלויפט ניט פונעם שטעטל, ווי אַלע איבעריקע. ער איז פאַרבונדן מיט דער ערד, און אין דעם זין איז ער דער פאָרגייער פון דער מאָנומענטאַלער טעוויע־געשטאַלט. אין „כופּע־קלייד“ פירט פּערעץ אַרײַן דאָס פאָלקס־ליד, און דאָ איז אויסגעדריקט, ווי דאָסראָוו אין פאָלקס־ליד, ניט נאָר טרויער, נאָר דעריקער פאַרביטערונג, דערוואַכונג פון די מאַסן. די פּאָעמע איז אידייען־רײַך און נאָוואַטאָריש לויט דער פאָרם.

פּערעצעס פּאָעמעס האָבן געהאַט א גרויסע ווירקונג אַף דער ייִדישער דיכטונג. ער האָט באַפרײַט אונדזער דיכטונג פון נאַטוראַליזם, פּראָקלאַמירט דאָס רעכט אַף פאַנטאַזיע. פּערעצעס פאַנטאַסטיק איז אָבער פאַרבונדן מיט דער ווירקלעכקײַט (עמעס, ניט אומעטום גלײַך). דאָס איז אופרײַס־מאַטעריאַל, דינאַמיט קעגן די נעגאַטיווע זײַטן פונעם לעבן.

פּערעץ האָט געשטעלט אין זײַנע פּאָעמעס ברייטע היסטאָרישע פּראָבלעמען.

די סאָוועטישע ייִדישע דיכטונג האָט פון אירע ערשטע טריט (שוין אין קוויטקאָס „רויטער שטורעם") איבערגענומען די געזונטע פּערעץ־טראדיציע. אין דער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג איז שטענדיק דאָ די היסטאָרישע פּערספּעקטיוו, די פּובליציסטיק, וואָס גייט אין קאָנטאקט מיטן לעבן.

אין זײַנע זיכרוינעס וועגן פּערעצן האָט דאָוויד בערגעלסאָן באַרירט דעריקער דעם מאָמענט, ווען פּערעץ איז געקומען קיין קיִעוו לויט דער אײַנלאַדונג פון דער דאָרטיקער „כעווּרע מעפיצײ האַסקאָלע". בערגעלסאָן האָט דעמלט צום ערשטן מאָל זיך באַגעגנט מיט פּערעצן און באַקומען א מעגלעכקײַט מיט אים לענגער צו שמועסן. אין לעבעדיקע בילדער האָט דאָוויד בערגעלסאָן איבערגעגעבן די באַגײַסטערונג, וואָס עס האָט בא אים אַרויסגערופן די גרויסע פּערעץ־פּערזענלעכקײַט.

ריווקע רובינס פאָרטראָג איז געווען געווידמעט פּערעצעס רעאַליסטישער נאָוועלע.

פּערעץ און שאָלעם־אַלייכעם האָבן געבראַכט מיט זיך און פאַרפעסטיקט די נאָוועלע אַלס דעם פירנדיקן זשאַנער. דער נאָוועלע־זשאַנער האָט געגעבן גרויסע קינסטלערישע מעגלעכקײַטן צו שילדערן די דיפערענצירונגפּראָצעסן אין דער ייִדישער סוויווע און די „צעבראָקלטע שטיקער לעבן" פון דער עפּאָכע, ווען די אַלטע לעבנספאָרמען האָבן זיך אינטענסיוו געבראָכן און פאַרביטן געוואָרן אויף נײַע.

פּערעץ האָט געפירט א פאַרביסענעם קאַמף קעגן דעם ייִדישן מיטלאַלטער. אין זײַנע נאָוועלעס איז שאַרף אויסגעדריקט די קריטיק פונעם קאַפּיטאַליזם און די סימפּאַטיעס צום סאָציאַליזם. פּערעץ האָט אין זײַן נאָוועלע יעדעס מאָל אויסגעטיילט אן אַנדער ווינקעלע פונעם פאָלקס־לעבן און באַוויזן עס, ווי אין א פאַרגרעסערגלאָז. ער האָט ניט אויסגעמיטן קיין איין סאָציאַלן שיכט און קיין איין באַדײַטנדיקע געזעלשאַפטלעכע דערשײַנונג פון זײַן צײַט.

פּערעצעס רעאַליזם איז זייער א פאַראַלגעמיינערנדיקער. דער שרײַבער פירט שטענדיק די האַנדלונג פונעם פּראַט צו דעם קלאַל, צו דער אידיי, און דאָס האָט אַנטשפּראָכן דעם קאָמפּרעסירן כאַראַקטער פון זײַן שאַפן.

אין פּערעצעס רעאַליסטישע נאָוועלן איז שטענדיק פאַראַן דאָס אויסגעטרוימטע, דאָס אויסגעדיכטעטע, סײַ דער רעאַליזם, סײַ דער ראָמאַנטיזם זײַנען אָרגאַניש פאַר פּערעצן, ווי אינדיווידועלע אייגנאַרטיקע אַנטפּלעקונגען פון אן איינהײַטלעכן ליטעראַרישן סטיל.

דער פאָלקס־כאַראַקטער אין פּערעצעס רעאַליסטישער נאָוועלע איז א שטאָלצער, א ווירדיקער. דער פּראָטעסט קעגן דעם פאַלש־אײַנגעאָרדנטן לעבן איז אָרגאַניש פאַר די אָרעמע, פאַר די דערנידעריקטע מענטשן. דערשטיקט פון רעליגיִעזן אַסקעטיזם, פונעם שטייגער־קאָנסערוואַטיזם, פון די פאַבריק־פּאַראַנדקעס, הערט ניט אויף דער פאָלקס־מענטש צו ציִען זיך צו א שיין, ווירדיק לעבן. ווײַזנדיק די שאַרפע לעבנס־קאָנפליקטן, באַנוצט זיך פּערעץ מיט ליכט און שאָטן, מיט טיפע פּסיכאָלאָגישע קאָנטראַסטן־בילדער.

פּערעץ איז געווען א פילזשאַנערדיקער שרײַבער. נאָר דער הויפּט־זשאַנער אין זײַן שאַפן איז די נאָוועלע. די נאָוועלע גופא האָט ער אַנטוויקלט סײַ אינהאַלטלעך, סײַ פאָרמעל אין פיל ריכטונגען: פּסיכאָלאָגישער, אַלעגאָרישער, סאַטירישער און אַנד. יעדער טיפ נאָוועלע האָט בא פּערעצן אן אייגנאַרטיקע זעלבשטענדיקע סטרוקטור.

פּערעצעס נאָוועלע האָט געהאַט א גרויסע ווירקונג אויף דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין דער גאַנצער וועלט. זי האָט געלאָזן טיפע וואָרצלען אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור.

דער ביבליאָגראַף אַבע לעוו האָט אויף דער סעסיע זיך געטיילט מיט זײַנע דערינערונגען וועגן פּערעצן. אין 1914 איז ער געווען בא פּערעצן אין שטוב, ווען מאָרדכע ספּעקטאָר איז אים געקומען באַגריסן מיטן 15־טן יאָרטאָג, זינט ער איז באַפרײַט געוואָרן פונעם וואַרשעווער „פּאַוויאַק". אַבע לעוו גיט א גענויע אינפאָרמאַציע און כאַראַקטעריסטיק פון פּערעצעס דאָסיע, וואָס אים האָט זיך אײַנגעגעבן אויסצוגעפינען אינעם אַרכיוו פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט. עס גייט א רייד וועגן פּערעצעס אַרעסט אין 1899.

אויף דעם האָט די סעסיע פאַרענדיקט דעם ערשטן טאָג פון איר אַרבעט — דעם 1 יולי 1945. דעם 2 יולי איז מיט א פאָרטראָג אויף דער טעמע „די פּראָבלעם פונעם פאָלקס־גורל בא פּערעצן" אַרויסגעטראָטן מיכאָעלס.

— איך וועל באַרירן, — האָט מיכאָעלס געענטפערט, — בלויז עטלעכע מאָמענטן פון דער דאָזיקער גרויסער טעמע. א סך קריטיקער האָבן ניט ריכטיק באַלויכטן פּערעצעס אַרט שאַפן, זײַנע קינסטלערישע מיטלען. פּערעצעס סימבאָליק איז ניט קיין מיסטישע, דאָס איז ניט די מעטערלינק־סימבאָליק, ווײַל פּערעץ האָט געקוקט אויף דער וועלט מיט רעאַליסטישע אויגן.

פּערעץ האָט באַנומען די ווירקלעכקײַט אין דער טיף און זי קינסטלעריש טראַנספאָרמירט.

בא אים זײַנען פאַראַן גאַמעס, דורך וועלכע ער רעדט א ביסל פאַרשטעלט, ער שטויסט צונויף פאַרשיידענע סימבאָלן. זיי זײַנען אָבער אויסגעוואַקסן אויפן גרונט פון דער ווירקלעכקײַט. דאָס האָט אים געגעבן א מעגלעכקײַט צו שטעלן פּראָבלעמעס.

פּערעצעס וועלט האָט אין זיך אײַנגעשלאָסן אַלעמען. דאָס גרויסע לעבן. אינעם גורל פונעם ייִדישן פאָלק זעט ער א נעבן־בילד פון דעם, וואָס ס'קומט פאָר אין דער גאָרער וועלט.

מיכאָעלס פאַרגלײַכט פּערעצעס בילדער מיט עטלעכע שאַגאַלס בילדער. אָט איז שאַגאַלס „א רויטע וועלט". צווישן רויך און פלאַם זיצן צוויי רויִקע באַשעפענישן (ער און זי), רויִקע אויגן, פּונקט ווי זיי האָבן נאָך די וועלט ניט געזען. אין דער „גאָלדענער קייט" עפנט אויף מיריאַם די אויגן און זעט א „רויטע וועלט"; ווי וואַסער וועט זיך גיסן בלוט, מיט רויך וועלן שטעט און שטעטלעך פאַרגיין. דאָס איז קימאַט נעוויִעס. דאָס איז א קאָלאָסאַל בילד פון די, וועלכע זײַנען אַרויסגעריסן געוואָרן פון דער ערד און געבליבן הענגען אין דער לופטן.

דער גורל פון יאָכיד רופט זיך שטענדיק בא פּערעצן איבער מיט דעם גורל פון פאָלק.

יעכעזקל דאָברושין האָט געגעבן א גענויעם אַנאַליז פון פּערעצעס דראַמאַטורגיע.

פּערעצעס שאַפן קאָן מען פּעריאָדיזירן לויט די זשאַנרען. אין יעדן שאַפונגס־עטאַפּ דאָמינירט בא אים דער אָדער יענער זשאַנער.

דער דראַמאַטישער זשאַנער געהערט צו א שפּעטערדיקן עטאַפּ, צום עטאַפּ פון זײַן רײַפקײַט. פּערעץ האָט געשאַפן נײַנצן דראַמאַטישע ווערק, און זײַן גאַנצע דראַמאַטורגיע איז ענג פאַרבונדן מיט דער בינע. פּערעץ קוקט אויפן טעאַטער, ווי אויף א בייס־האַמיקדעש, ווו קיינע פעלערהאַפטע און קינסטלעריש־מינדערווערטיקע זאַכן קע־

נען ניט געדולדעט ווערן. ער שרײַבט רעצענזיעס וועגן טעאַטער. ער רעדט ניט נאָר וועגן די פּיעסן, נאָר אויך וועגן די אַקטיאָרן.

פּערעצעס דראַמאַטורגיע איז טעמאַטיש פאַרבונדן מיט אַלע זײַנע זשאַנרען.

מע קאָן פּערעצעס פּיעסן גרופּירן לויט אייניקע טעמאַטישע ליניעס: פּיעסן, געווידמעט דער רעוואָלוציאָנערער טעמע, דער אַרבעטער־טעמע, דער פּסיכאָלאָגישער טעמע, קימאַט אַ העלפט פון זײַנע פּיעסן שילדערן די ייִדישע פרוי. באַזונדערס שטייט זײַן „באַנאַכט אַפן אַלטן מאַרק“.

ניט ריכטיק זײַנען די אַרויסזאָגונגען פון אייניקע קריטיקער וועגן דעם, אַז פּערעצעס „באַנאַכט“ איז נאָכגעמאַכט ווײַספּיאַנסקיס „כאַסענע“.

פּערעצעס „באַנאַכט“ איז ניט קיין מיסטישע און ניט קיין סימבאָלישע פּיעסע. אין יענעם פּעריאָד, ווען פּערעץ האָט געשריבן זײַנע דראַמען, האָט ער שוין געהאַט געגעבן אַ ריכטיקע קוואַליפיקאַציע און דעפיניציע פונעם דעקאַדאַנס — אַ שאַרף נעגאַטיווע.

נאָך דאָברושינס פאָרטראָג איז מיט זיכרוינעס וועגן פּערעצן אַרויסגעטראָטן דער ניסטער. צום באַדויערן, האָט זיך אין מײַנע נאָטיצן ניט פאַרהיט דער טאָך פון אָט די וויכטיקע דערינערונגען.

דער פאָרטראָג פונעם פילאָלאָג עליע פאַלקאָוויטש איז געווען געווידמעט פּערעצעס ייִדיש. פּערעץ האָט געפילט די ניט גענוגנדיקע אַנטוויקלטקײַט פון דער ייִדישער שפּראַך. דאָס איז צו זען פון זײַן אַרויסזאָגונג אין „מאָניש“ און פון זײַן אַרטיקל וועגן בילדונג. אין אַ בריוו צו שאָלעם־אַלייכעמען אין 1888 שרײַבט ער, אַז מע דאַרף באַרײַכערן די ייִדישע שפּראַך. און פּערעץ האָט ווירקלעך באַרײַכערט די שפּראַך מיט נײַע ווערטער און אויסדרוקן. ער טראָגט אַרײַן ווערטער פון אַנדערע שפּראַכן (דײַטשמעריזמען, סלאַוויזמען, העברעיִזמען, אינטערנאַציאָנאַליזמען); ער קומט אויך אָן צו אַרכאַיִזמען און שאַפט אַליין נײַע ווערטער. אין דעם איז די אייגנטימלעכקײַט פון פּערעצעס ייִדיש. די דאָזיקע נײַס ברענגט ער אַרײַן ניט בלויז אין זײַנע קינסטלערישע ווערק, נאָר אויך אין דער פּובליציסטיק.

פּערעץ האָט געשריבן שאָלעם־אַלייכעמען, אַז „ווען איך האַלט די פּען, נעם איך פון אַלע קוואַלן מיטאַמאָל“.

אַ באַזונדערע באַדײַטונג האָט פּערעצעס קורצער לאַקאָנישער זאַץ. דער שרײַבער דערגרייכט אַ גוואַלדיקע שפּאָרעוודיקײַט. ער שאַפט אַ גאַנצע ריי אַפּאָריזמען, באַנוצט קורצע עליפּטישע זאַצן, פרײַע פּאַראַלעליזמען, אינווערסיעס. מיט דעם דערגרייכט ער אַ געוויסע מוזיקאַלישקײַט. ער ריטמיזירט די פּראָזע. זײַנע ווערטער אין זאַץ איז אוממעגלעך איבערצושטעלן, ווײַל זיי זײַנען ריטמיש פאַרבונדן.

פּערעץ האָט געשאַפן זײַן נוסעך אין דער שפּראַך. ער האָט אופגעהויבן אונדזער לאָשן אַף אַ העכערער מאַדרייגע. פּערעץ האָט אָבער די שפּראַך ניט פעטישיזירט, ניט געווען בענעגייע איר קיין פּוריסט. נאָך אין 1890 האָט ער געזאָגט, אַז די פּראָגרעסיווע אַנטוויקלונג וועט, סאָפּקאָלסאָף, ברענגען צו איין ציוויליזאַציע און איין שפּראַך.

אין זײַן שלוס־וואָרט האָט מיכאָעלס באַטאָנט, אַז אין שווערן נאָכמילכאָמע־יאָר, ווען עס זײַנען נאָך אַזוי פריש די ווונדן פון דער פאָלקס־קאַטאַסטראָפע, האָט פּערעץ ווידעראַמאָל אַ בליק געטאָן מיט זײַן אָפּטימיזם און מיט זײַן גלויבן אין די שעפערישע קויכעס פונעם פאָלק.

כראָניק

אין דער לענינגראַדער עפנטלעכער ביבליאָטעק אַפן נאָמען פון סאַלטיקאָוו־שטשעדרין איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ גרויסע אויסשטעלונג, געווידמעט דעם אָנדענק פון י.־ל. פּערעץ. אַף די סטענדן פון דער אויסשטעלונג זײַנען פאָרגעשטעלט י.־ל. פּערעצעס ווערק, ביבליאָגראַפיע און מאָנאָגראַפיעס וועגן פּערעצן, וועלכע זײַנען אין פאַרשיידענע צײַטן פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין ייִדיש און העברעיִש בא אונדז און אין אויסלאַנד.

ל. ווילסקער,

פאַרוואַלטער פון די ייִדישע און סעמיטישע זאַמלונגען פון לענינגראַדער עפנטלעכער ביבליאָטעק.



באַם אויהעל־פּערעץ

פון לינקס אַף רעכטס: הערש סמאָליאַר, פּייסעך נאָוויק, ייִדל קאַרמאַן.

■

אין צוזאַמענהאַנג מיטן 50־טן יאָרצײַט פונעם גרויסן קלאַסיקער פון דער ייִדישער ליטעראַטור י.־ל. פּערעץ האָט דער אַרבעטער־קאָלעקטיוו פונעם וואַרשעווער קאָאָפּעראַטיוו „אָפּטימאַ“ אַף אַ ספּעציעלער פאַרזאַמלונג אָנגענומען אַ באַשלוס דורכפירן די נייטיקע רעסטאַווראַציע־אַרבעטן פון י.־ל. פּערעצעס אויהעל, וואָס געפינט זיך אַפן גענשער ייִדישן בעסוילעם אין וואַרשע. דער קאָלעקטיוו האָט אויך באַשלאָסן האָבן אַ שטענדיקן אופזיכט איבערן אויהעל־פּערעץ.

●

הערש רעמעניק

י.־ל. פערעץ און שאָלעם־אַלייכעם

(ליטעראַטור־היסטאָרישער עטיוד)

עס איז באַוווּסט, אַז צווישן י.־ל. פערעצן און שאָלעם־אַלייכעמען זייַנען יאָרנלאַנג אָנגעגאַנגען כלוקע־דייעס, וועלכע פלעגן צייַטנווייַז אָנעמען א מער אָדער ווייניקער שאַרפן כאַראַקטער. די פאַקטישע געשיכטע פון די פערזענלעכע באַציִונגען צווישן ביידע שרייַבער איז גענוג באַלויכטן אין א ריי אַרבעטן פון ליטעראַטור־פאָרשער, עס זייַנען אויסגעקלאָרט אַלע דעטאַלן, און ס'וואָלט עפשער איצט שוין ניט געווען קיין נויטווענדיקייַט זיך אומקערן צו אָט דער פראַגע. די זאַך באַשטייט אָבער דערין, וואָס די ליטעראַטור־היסטאָריקער, וועלכע האָבן ביז איצט זיך פאַרנומען מיט דער דאָזיקער פּראָבלעם, ניט געקוקט אַף זייער פלייַסיקייַט און קאָמפּעטענטקייַט, באַנוגענען זיך בלויז מיט פעסטשטעלן, רעגיסטרירן באַשטימטע פאַקטן. זיי גיבן אָבער ניט קיין וויסנשאַפטלעכע דערקלערונג פון די פאַקטן, זיי דעקן ניט אויף די סיבעס, וועלכע האָבן דעטערמינירט די באַציִונגען צווישן פערעצן און שאָלעם־אַלייכעמען.

אינדערעמעסן, פאַרוואָס האָבן שאָלעם־אַלייכעם און פערעץ געדאַרפט שטרייַטן איינער מיטן צווייטן? שוין זשע צוליב פערזענלעכע אינטערעסן? זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז פערזענלעכע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס, אַז אינדיווידועלע כאַראַקטער־אייגנשאַפטן שפּילן א ראָל און האָבן א באַשטימטע באַדייַטונג, נאָר די ליטעראַטור־וויסנשאַפט וואָלט אויפגעהערט צו זייַן א וויסנשאַפט, ווען זי זאָל זיך באַנוגענען בלויז מיט קאָנסטאַטירן פאַקטן און ניט מאַכן קיין פּרוּוון אויפצודעקן דעם אינערלעכן היסטאָרישן און עסטעטישן טאָך פון אָט די פאַקטן.

די מער אויטאָריטעטע ליטעראַטור־היסטאָריקער, וועלכע האָבן פאַרדינסטן אין באַלויכטן די צווישנבאַציִונגען פון אונדזערע ביידע קלאַסיקער, זייַנען אָן שום ספק נאַכמען מייַזיל און י.־ד. בערקאָוויטש. מיר וועלן דעריבער באַטראַכטן בלויז די אַרבעטן פון אָט די צוויי שרייַבער וועגן דער פראַגע, וועלכע אינטערעסירט אונדז, און וועלן ניט באַרירן אַנדערע אַרבעטן. דערבייַ איז קעדייַ צוצוגעבן, אַז בערקאָוויטש איז אָפן און אַנטשיידן אַף דער זייַט פון שאָלעם־אַלייכעמען, בייַס נאַכמען מייַזיל איז ניט אַזוי אָפן, אָבער אויך גענוג אַנטשיידן אַף דער זייַט פון פערעצן.

נאַכמען מייַזיל שרייַבט: „עס איז זיכער א שטאַרק פאַרדראָסיקע זאַך, וואָס אָט די צוויי גרויסע ייִדישע קינסטלער האָבן געפירט צווישן זיך א ברויגעז, וואָס צייַטנווייַז איז ער דערגאַנגען ביז צו גאָר שאַרפע קאָנפליקטן, — א ברויגעז, וואָס האָט געדויערט שיינע עטלעכע יאָר. עס זייַנען נישט געווען צווישן זיי קיין כלוקעדייעס, נאָר א ברויגעז און א סינע, וואָס איז וואָס ווייַטער, אַלץ מער צעבלאָזן געוואָרן, — ברויגעז און סינע, וואָס איצט — נאָך עטלעכע צענדליק יאָר — קומט עס אויס אומפאַרשטענדלעך און אַפילע קינדיש. אין דעם ברויגעז, ווי אינעם איבערבעטן זיך, ווייַזן זיך אַרויס די צוויי פאַרשיידענע כאַראַקטערן און פערזענלעכקייַטן פון פערעצן און שאָלעם־אַלייכעמען. ווי קאַפּריזנע קינדער האָבן זיי אָפּגעהאַלטן דעם קריג, ביז זיי זייַנען לעסאָף אַרייַנגעפאַלן איינער אין די אָרעמס פונעם צווייטן, און עס האָט זיך אייַנגעשטעלט צווישן זיי א האַרציקע, רירנדיקע ליבשאַפט"[1].

אָט אַף אַזאַ קימאַט סענטימענטאַלן אויפן ווערט געשילדערט די געשיכטע פון א דויערנדיקן שטרייַט צווישן די צוויי גרעסטע שרייַבער פון אונדזער נייַער ליטעראַטור. פאַרוואָס האָבן פערעץ און שאָלעם־אַלייכעם פריִער געפראַוועט ברויגעז און פאַרוואָס האָט דערנאָך „זיך אייַנגעשטעלט צווישן זיי א האַרציקע, רירנדיקע ליבשאַפט" — אַף אָט די פראַגן גיט אונדז דער פאָרשער קיין באַפרידיקנדיקן ענטפער ניט.

אויך בערקאָוויטש, וועלכער האָט גוט געקענט שאָלעם־אַלייכעמען און איז לאַנגע יאָרן געשטאַנען נאָענט צו אים, איז ווייַט פון אויפקלערן דעם פאַרצויגענעם קאָנפליקט צווישן ביידע שרייַבער.

„ס'איז א באַקאַנטע זאַך, — שרייַבט בערקאָוויטש, — אַז די צוויי גרויסע ייִדישע שריפטשטעלער האָבן זיך א לאַנגע צייַט פאַרהאַלטן איינער צום צווייטן נישט נאָר פרעמד, נאָר אין א געוויסער מאָס אומפרייַנטלעך. אויבערפלעכלעך ווערט דערציילט, אַז גענומען האָט זיך עס פון א נאַרישקייַט: פערעץ איז געווען אין קאַס, לעמייַ שאָלעם־אַלייכעם האָט אויסגעבעסערט זייַן „מאָניש" אין דער „ייִדישער פאָלקס־ביבליאָטעק" און לעמייַ ער האָט אויסגעלאַכט אינעם „קאָל־מעוואַסער" זייַן פאָעזיע. און שאָלעם־אַלייכעם איז געווען אין קאַס, לעמייַ פערעץ האָט אויסגעכאַפּט בא אים זייַן יאָרבוך און האָט עס אָנגערופן קימאַט מיטן זעלביקן נאָמען: „די ייִדישע ביבליאָטעק". דערבייַ ווערט צוגעגעבן, אַז אַף די עלטערע יאָרן, ווען דער קאַס איז זיי אָפּגעגאַנגען, האָבן זיך די שריפטשטעלער איבערגעבעטן און זייַנען געוואָרן גוטע פרייַנט... דאָס איז אָבער אויבערפלעכלעך. אינדערעמעסן איז דער אַנטאַגאָניזם צווישן די צוויי געווען א פיל טיפערער, א מער וועזנטלעכער: פערעץ האָט אין שאָלעם־אַלייכעמס גרויסער פּאָפּולאַריטעט באַם פאָלק געפילט קימאַט א באַליידיקונג פאַר זייַן אייגענער גרויסקייַט, און שאָלעם־אַלייכעם איז צו פערעצעס שאַפן קימאַט דאָס גאַנצע

[1] נאַכמען מייַזיל. ייִצכאָק־לייבוש פערעץ און זייַן דאָר שרייַבער. „איקוף"־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1951, ז. 271. (קורסיוו מייַנער. — ה. ר.).

לעבן פאַרבליבן קאַלט, ווײַל ער האָט פון דעם קיין האַנאָע נישט געהאַט"[1].

צי קאָן אָבער די געשיכטע פון דער ליטעראַטור זיך באַפרידיקן מיט אַזאַ באַלויכטונג פון אַ גאַנץ וויכטיקער פּראָבלעם?

צום באַדויערן, זײַנען אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור־פאָרשונג ביז איצט ניט געמאַכט געוואָרן קיין פּרוּוון זיך פאַנאַנדערקלײַבן אין דעם היסטאָרישן טאָך פון די באַציִונגען צווישן ביידע שרײַבער.

איך וויל זיך דאָ באַמיִען ווי ווײַט מעגלעך צו פאַרפּילן אָט דעם בלויז און באַווײַזן, אַז די כלוקעדייעס צווישן פּערעצן און שאָלעם־אַלייכעמען זײַנען ניט אָנגעגאַנגען אַרום קליינלעכע פּראַגעס. פּערעץ און שאָלעם־אַלייכעם האָבן געפירט אַ דויערנדיקן, העכסט פּרינציפּיעלן שטרײַט וועגן דעם גורל פון דער ייִדישער ליטעראַטור: סײַ פּערעץ, סײַ שאָלעם־אַלייכעם האָבן געשטעלט — יעדערער אויף זײַן אופן — די סאַמע אַקטועלע און וויכטיקע פּראָבלעמען פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. נאַטירלעך, אַז דאָס האָט ניט געקאָנט זיך ניט אָפּשפּיגלען אויך אויף זייערע פּערזענלעכע צווישנבאַציִונגען.

דער קאָנפליקט אַרום „מאָניש"

דער סיכסעך צווישן פּערעצן און שאָלעם־אַלייכעמען האָט זיך אָנגעהויבן דאַן, ווען זיי זײַנען נאָך אַפילו ניט געווען באַקאַנט איינער מיטן צווייטן און זיך בלויז איבערגעשריבן. דאָס איז געווען אין 1888. אויסערלעך זעט טאַקע אויס דער קאָנפליקט ווי אַ ריין פּערזענלעכער. פּערעץ האָט צוגעשיקט שאָלעם־אַלייכעמען פאַרן ערשטן באַנד פון דעם יאָרבוך „די ייִדישע פאָלקס־ביבליאָטעק" זײַן „מאָניש". שאָלעם־אַלייכעם האָט אָפּגעדרוקט די פּאָעמע, נאָר ער האָט זיך דערלויבט דערבײַ מאַכן רעדאַקציאָנעלע ענדערונגען, וועלכע האָבן אַרויסגערופן בײַ פּערעצן אומצופרידנקייט.

עס ציט אָבער צו די אויפמערקזאַמקייט, אַז האַגאַם פּערעץ האָט זיך טאַקע געפילט באַליידיקט, האָט ער דאָך זיך ניט אָפּגעזאָגט צו נעמען אַן אָנטייל אין צווייטן באַנד פון שאָלעם־אַלייכעמס „ייִדישער פאָלקס־ביבליאָטעק". אין אַ בריוו צו שאָלעם־אַלייכעמען שרײַבט ער: „איך האָב קיינמאָל גאָרנישט געטראַכט און עס איז מיר אפן געדאַנק נישט אַרוף, איך זאָל וועלכן־עס־איז אַנדערן אַרויסגעבער אָפּגעבן די בכוירע לעגאַבע אײַך: פאַרקערט, מיטן גאַנצן האַרצן וועל איך אײַך אַוועקגעבן אַלע מײַנע דערציילונגען... נאָכאַמאָל פאַרזיכער איך אײַך, אַז איך האָב גאָר קיינמאָל נישט געטראַכט צו דערווײַטערן זיך פון אײַך מיט מײַן אַרבעט"[2].

נאַכמען מײַזיל, אַלס געניטער ליטעראַטור־היסטאָריקער, האָט דערפילט, אַז די דאָזיקע ווערטער וואַרפן אָפּ די האַשאָרע, אַז פּערעץ האָט זיך צעקריגט מיט שאָלעם־אַלייכעמען איבער דער רעדאַקציע פון דער פּאָעמע „מאָניש" (ווען דאָס זאָל ווירקלעך זײַן די סיבע פונעם

---

[1] שאָלעם־אַלייכעם־בוך. י.־ד. בערקאָוויטש. מיט דער מישפּאָכע פון שריפטשטעלער. ניו־יאָרק, 1958, זז. 157—158.

[2] י.־ל. פּערעץ. בריוו און רעדעס. געזאַמלט און איבערגעזעצט מיט אַרײַנפירן און באַמערקונגען פון נאַכמען מײַזיל. ווילנע, 1929, זז. 43—44.

קאָנפליקט, וואָלט דאָך פּערעץ מער ניט געגאַנגען זיך דרוקן בײַ שאָלעם־אַלייכעמען!), און ער פּרוּווט דערקלערן דעם ווידערשפּרוך. ער פרעגט: „ווי קומט עס, וואָס פּערעץ האָט געשיקט שאָלעם־אַלייכעמען פאַר זײַן צווייטן בוך „ייִדישע פאָלקס־ביבליאָטעק" נאָך זאַכן, ווען ער איז געווען אומצופרידן מיט די ענדערונגען אין „מאָניש"?". און ער ענטפערט: „ריישיס, איז דאַן קימאַט (מײַן אונטערשטרײַכונג. — ה. ר.) נישט געווען קיין אַנדערע ייִדישע אויסגאַבע, און, צווייטנס, ווײַל פּערעץ האָט זיך דאַן געפונען אין אַ שווערער מאַטעריעלער לאַגע"[1].

ביידע אַרגומענטן ענטפערן אָבער ניט אויף דער געשטעלטער פראַגע. „קימאַט נישט געווען" באַטײַט, אַז עס זײַנען יאָ געווען אַנדערע אויסגאַבן, כוץ שאָלעם־אַלייכעמס. און בעעמעס, עס איז געווען „דאָס ייִדישע פאָלקס־בלאַט", ספּעקטאָרס „הויזפרײַנד". ווען פּערעץ זאָל שוין געווען אַזוי שטאַרק זײַן אויפגעבראַכט אויף שאָלעם־אַלייכעמען, האָט ער געהאַט אַ מעגלעכקײַט האָבן צו טאָן מיט אַן אַנדער רעדאַקטאָר. דערמיט איז שוין אויך געגעבן אַן ענטפער אויפן צווייטן אַרגומענט — וועגן פּערעצעס מאַטעריעלער נויט.

פאַרוואָס זשע איז פאָרט פּערעץ געגאַנגען דרוקן זײַנע ווערק צו שאָלעם־אַלייכעמען? פאַרוואָס דערקלערט ער, אַז ער האָט גאָר קיינמאָל נישט געטראַכט צו דערווײַטערן זיך מיט זײַן אַרבעט פון שאָלעם־אַלייכעמען?

נאַכמען מײַזיל ברענגט פּערעצעס אַ בריוו, וווּ עס ווערט געזאָגט: „איך האָב גאָר קיינמאָל נישט געטראַכט און עס איז מיר אפן געדאַנק נישט אַרוף, אַז עס זאָל קומען אַמאָל אַ טאָג און איך זאָל געצוווּנגען זײַן צו פאַרדינען פון מײַן פעדער, צו מײַן אומגליק איז געקומען אַזאַ טאָג און איך בין געצוווּנגען צו געבן אײַך אַ דערלויבעניש צו פאַרדרוקן, ווײַל איך נייטיק זיך זייער אין געלט"[2]. מײַזיל נעמט דאָס אָן פאַר אַ דערקלערונג, פאַרוואָס פּערעץ האָט זיך געדרוקט בײַ שאָלעם־אַלייכעמען. אָבער עס דרינגט דאָך פון דעם בריוו ניט אַרויס. פּערעץ רעדט דאָ וועגן דעם, פאַרוואָס ער איז געצוווּנגען „פאַרדינען פון זײַן פעדער". פּערעץ שרײַבט צו שאָלעם־אַלייכעמען מיט פולשטענדיקער ווירדע: „אויב עס וועלן זײַן בײַ מיר טײַנעס און מײַנעס, וועל איך זיי זאָגן מיטן פולן מויל"[3]. אָט ווי פּערעץ דערקלערט, פאַרוואָס ער וויל און איז פאַרינטערעסירט, אַז זײַנע ווערק זאָלן זיך דרוקן דאַפקע בײַ שאָלעם־אַלייכעמען און ניט ערגעץ אַנדערש: „די פאָלקס־ביבליאָטעק שטײַגט איבער מיט איר באַדײַטונג אַלץ, וואָס איז געדרוקט אין אונדזערע ביידע ליטעראַטורן"[4].

אָט ווי עס באַשטייט אינדערעמעסן דער איניען מיטן ערשטן קאָנפליקט צווישן פּערעצן און שאָלעם־אַלייכעמען. די רעדאַקציאָנעלע ענדערונגען און קירצונגען האָבן ניט געשאַפן און ניט געקאָנט שאַפן ניט קיין קינע און ניט קיין סינע צווישן ביידע שרײַבער. די באַדײַטונג פון שאָלעם־אַלייכעמס „ייִדישער פאָלקס־ביבליאָטעק" האָט פּערעץ הויך אָפּגעשאַצט, האַגאַם ער איז געווען אומצופרידן מיט שאָלעם־אַלייכעמס רעדאַקציע פון זײַן פּאָע־

---

[1] נאַכמען מײַזיל. ייִצכאָק־לייבוש פּערעץ און זײַן דאָר שרײַבער. „איקוף"־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1951, ז. 271.

[2] י.־ל. פּערעץ. בריוו און רעדעס. ז. 43.

[3] דאָרטן, ז. 44.

[4] דאָרטן. מײַן אונטערשטרײַכונג.

מע. אין טאָך זײַנען די באַציִונגען צווישן פּערעצן אַלס אוטאָר און שאָלעם־אַלייכעמען אַלס רעדאַקטאָר געווען גאַנץ נאַטירלעכע. קיין שום אויסערגעוויינלעכס איז דאָ נישט געווען. אַזעלכע קאָנפליקטן קומען פאָר זייער אָפט צווישן רעדאַקטאָרן און אויטאָרן. שאָלעם־אַלייכעם האָט געהאַט ענלעכע קאָנפליקטן מיט אַנדערע אויטאָרן אויך. אַשטייגער, מיט לינעצקין און אַפילע מיט מענדעלען, צו וועלכע שאָלעם־אַלייכעם איז געווען א סאך נעענטער, איידער צו פּערעצן.

כאַראַקטעריסטיש איז פאָלגנדיקער פאַקט. „די יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק" האָט אַרויסגערופן שאַרפע אָנפאַלן מיצאַד דער יידישער, העברעיִשער און רוסיש־יידישער רעאַקציאָנערער פּרעסע און ליטעראַטור. וויאַזוי האָט פּערעץ זיך באַצויגן צו אָט דער אַטאַקע פון די רעאַקציאָנערע קויכעס? זײַענדיק באַליידיקט, האָט ער זיך עפּשער פאַראייניקט צו די אָנפאַלן אף שאָלעם־אַלייכעמען? פּערעץ איז ניט בלויז ניט אַרויסגעטראָטן קעגן אים, נאָר, פאַרקערט, ער האָט אים אַקטיוו געשטיצט אין קאַמף פאַר א פּראָגרעסיוונער יידישער פאָלקס־ליטעראַטור. אין א בריוו צו שאָלעם־אַלייכעמען, וועלכער איז געשריבן, ווען פּערעץ האָט שוין געוווּסט וועגן די רעדאַקציאָנעלע ענדערונגען פון „מאַניש", לייענען מיר:

„דאָס, וואָס ס'איז געווען געדרוקט קעגן אײַך, האָב איך נישט געלייענט, אָבער קעגן דעם אַרטיקל פון קאַמינקא אין „האצפירא" (פּערעץ האָט אין זינען אן אַרטיקל, וואָס איז געווענדט קעגן שאָלעם־אַלייכעמס „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק". — ה.ר.) האָב איך אָנגעשריבן א שאַרפן ענטפער. ווען איך זאָל אימשטאַנד זײַן צו דרוקן אים באַזונדער, וואָלט איך עס פאַנאַנדערגעטיילט אומזיסט.

איך וויל שיקן דעם אַרטיקל ציטראָנען, אָבער עפּשער ווילט איר אים לייענען, אָדער עפּשער אים אויסניצן, ענטפערט מיר גלײַך, און איך וועל אים פריִער שיקן אײַך"[1].

פונדאַנען איז קלאָר, אַז פּערעץ איז געשטאַנען העכער פון קליינלעכע עגאָיִסטישע אינטערעסן און האָט געהאַנדלט פּרינציפּיעל אין פראַגן פון ליטעראַטור. ניט געקוקט אַפן סיכסעך אַרום „מאַניש", איז פּערעץ אין ליטעראַרישן קאַמף פון יענער צײַט געווען אין איין לאַגער מיט שאָלעם־אַלייכעמען.

דאָס ווערט באַשטעטיקט אויך דערמיט, וואָס פּערעץ האָט פולשטענדיק זיך סאָלידאַריזירט מיט שאָלעם־אַלייכעמס קאַמף קעגן שאָמערן; אין א בריוו צו שאָלעם־אַלייכעמען שרײַבט פּערעץ: „אײַער מישפּעט איבער שאָמערן (וואָס איך האָב אים ניט געקאָנט און ניט געלייענט) האָט מיר פאַרשאַפן פאַרגעניגן אין פולן זין פון וואָרט, און דערנאָך האָב איך געקרעכצט: פאַרוואָס איז ניטאָ אַזא מין קריטיק אין העברעיִש, וואָס זאָל פאַרטרײַבן דעם שטרוי און פּאָלאָווע פונעם שײַער" (י.־ל. פּערעץ, בריוו און רעדעס. ז. 20).

די פאַרשטעלטע פּאָלעמיק אַרום „מאַניש" און איר ליטעראַריש־עסטעטישער טאָך

דיווירקלעכע סיבעס פונעם קאָנפליקט צווישן פּערעצן און שאָלעם־אַלייכעמען זײַנען פאַרבונדן מיט דער גאַנצער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור סאָף XIX יה. און מיט אירע אויפגאַבן אין דעם נײַעם פּעריִאָד, ווי עס האָבן זיי פאַרשטאַנען פּערעץ און שאָלעם־אַלייכעם.

סאָף 80־ער און באַזונדערס אין די 90־ער יאָרן האָט זיך ראַדיקאַל געענדערט די סיטואַציע אין דער ליטעראַטור. דער שטורמישער אויפשטײַג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג האָט פאַרברייטערט איר מאַסן־באַזע. עס אַנטשטייט א פאַרצווײַגטע יידישע פּרעסע אין דרײַ שפּראַכן: אין דער רוסישער, יידישער און העברעיִשער. די ליטעראַטור ווערט רײַך און פאַרשיידנאַרטיק לויט אירע אידייִשע און קינסטלערישע שטרעמונגען און ריכטונגען. עס האָט שוין הילכיק געקלונגען דאָס וואָרט פון דער פּאָלאַנגע אַרבעטער־דיכטער (ווינטשעווסקי, עדעלשטאַט, באָװשאָווער, ראָזענפעלד); עס זעצן פאָר זייער שאַפונג מאָרדכע ספּעקטאָר און יאַנקעוו דינעזאָן, די פאָרשטייער פונעם אַזויגערופענעם פאַרשפּעטיקטן סענטימענטאַליזם; זייער ליטעראַרישע טעטיקײַט הייבן אָן אַווראָם רייזין און דאָוויד פּינסקי, וועלכע האָבן געבראַכט די טענער און מאָטיוון פון נויט, פון אַרבעט און פון קאַמף. דאָס איז געווען א נײַער עטאַפּ אין דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור. די צענטראַלע פיגורן פון אָט דעם נײַעם עטאַפּ זײַנען געווען שאָלעם־אַלייכעם און פּערעץ. זיי האָבן געהאַט א סאך אַלגעמיינס צווישן זיך.

אין דער ערשטער ריי דאַרף אָנגעוויזן ווערן אף דעם געמיינזאַמען אין די אידייִשע פּאָזיציעס פון ביידע שרײַבער: זייער דעמאָקראַטיזם, זייער אייגנאַרטיקער פּאָלקיזם, זייערע סימפּאַטיעס צו דער אַרבעטער־באַוועגונג. אין דער זעלבער צײַט איז פאַר זיי ביידע געווען אייגנטימלעך די מעטושטעשע, אומקלאָרע פאָרשטעלונגען וועגן די געזעצמעסיקײַטן פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג, באַזונדערס וועגן די גרונט־יעסוידעס פון דעם וויסנשאַפטלעכן סאָציִאַליזם.

עס זײַנען אָבער געווען וויכטיקע אונטערשיידן צווישן שאָלעם־אַלייכעמען און פּערעצן. זיי האָבן, זעלבסטפאַרשטענדלעך, געמוזט ברענגען צו מיינונגס־פאַרשיידנהײַטן.

שאָלעם־אַלייכעם איז געווען פאַרבונדן דעריקער מיט דער מענדעלע־טראַדיציע אין דער יידישער ליטעראַטור און אין דער יידישער ליטעראַרישער שפּראַך, מיט דער פּראָגרעסיוונער טראַדיציע פון דער דעמאָקראַטישער האַסקאָלע, וועלכע האָט זיך אָריִענטירט אף די פאָלקסמאַסן און איינצײַטיק זיך אָנגעקניפּט אינעם קריטישן רעאַליזם פונעם XIX יה., דעם אייראָפּעיִשן און באַזונדערס דעם רוסישן. די נײַע העברעיִשע ליטעראַטור, וועלכע שאָלעם־אַלייכעם האָט ליב געהאַט און הויך געשעצט, האָט ווייניק געווירקט אף אים. וואָס איז שײַך דער מיטלאַלטערלעכער טעאָלאָגישער און מיסטישער ליטעראַטור, האָט זי קלאָל ניט געלאָזט קימאַט קיין מערקבאַרע שפּורן אין זײַן שאַפונג.

גאָר אַנדערע טראַדיציעס און ווירקונגען זײַנען כאַראַקטעריסטיש פאַר פּערעצן. די קוואַלן פון פּערעצעס שאַפן דאַרף מען זוכן סײַ אין דער ביבלישער און יידישער רעליגיעז־מיסטישער ליטעראַטור, סײַ אין דער מײַרעוו־אייראָפּעיִשער ליטעראַטור, דעריקער אינעם מײַרעוו־אייראָפּעיִשן ראָמאַנטיזם. פּערעצן האָבן, נאַטירלעך, באַאײַנפלוסט אויך די פּוילישע און די רוסישע ליטעראַטור; נאָר צום אונטערשייד פון שאָלעם־אַלייכעמען, וועלכער האָט אַלס מוסטער געהאַט פאַר זיך די רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטישע ליטעראַטור פון גאָגאָלן, נעקראַסאָוון, שטשעדרינען און די רעוואָלוציאָנערע עסטעטיק פון בעלינסקין און טשערנישעווסקין, איז פּערעץ געווען באַווירקט פון

[1] י.־ל. פּערעץ. בריוו און רעדעס. ז. 44.

דעם ראָמאַנטישן שטראָם אין די צוויי סלאַווישע ליטעראַטורן. (עמעס, שפּעטער איז פּערעץ געווען באַגײַסטערט פון גאָרקיס שאַפונג, פון זײַן רעוואָליוציאָנערן ראָמאַנטיזם. אין דעם איז פּערעצעס שטאַנדפּונקט זיך צונויפגעפאַלן מיט שאָלעם־אַלייכעמס ליטעראַריש־עסטעטישע אָנשויונגען.)

אַלס קינסטלער האָבן פּערעץ און שאָלעם־אַלייכעם אויך געהאַט אַ סאַך אַלגעמיינס. נאָך מענדעלען זײַנען זיי ביידע געווען גרויסע נאָוואַטאָרס. יעדערער פון זיי האָט געשאַפן זײַן אייגנאַרטיקן סטיל. זיי האָבן אויך געהאַט קרויווישע טעמעס, געשטאַלטן און איינעם און דעם זעלבן גרונט־זשאַנער — די נאָוועלע.

נאָר דערבײַ זײַנען פּערעץ און שאָלעם־אַלייכעם געגאַנגען מיט פאַרשיידענע וועגן. שאָלעם־אַלייכעם איז געווען אַ רעאַליסט און בלויז אַ רעאַליסט. קיין אַנדערע מעטאָדן פון שאַפן האָט ער ניט אָנערקענט. שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָס ער איז געווען אַן אַנטשיידענער קעגנער פון די מאָדערניסטישע ריכטונגען און שטרעמונגען סוף XIX און אָנהייב XX יה. (נאַטוראַליזם, סימבאָליזם, עקספּרעסיאָניזם אאַ.). די רעאַלע היסטאָרישע עפּאָכע (די עקאָנאָמישע עוואָליוציע, סאָציאַלע דיפערענציאַציע, פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען) האָט געפונען אין שאָלעם־אַלייכעמס שאַפונג אַ גלענצנדיקע קינסטלערישע אָפּשפּיגלונג.

פּערעץ איז אויך געווען אַ רעאַליסט, אָבער, צום אונטערשייד פון שאָלעם־אַלייכעמען, ניט בלויז אַ רעאַליסט און אַפילו ניט דעריקער אַ רעאַליסט. פּערעצעס רעאַליזם פּאָרט זיך מיט די ראָמאַנטישע און מאָדערניסטישע שטרעמונגען אין דער קונסט אָנהייב XX יה., דעריקער מיטן סימבאָליזם.

דער סימבאָליזם אַלס פילאָסאָפיש־אידייִשע וועלטאויפאַסונג איז אין אַלגעמיין אַן אָפּשפּיגלונג און אַן אויסדרוק פון דער בורזשואַזער אידעאָלאָגיע און פּסיכאָלאָגיע. די סימבאָליסטישע קונסט האָט אָבער גאָר שטאַרק געווירקט אויף אַ ריי גרויסע קינסטלער מיט שאַרף אויסגעשפּראָכענע שטרעבונגען צו נאָוואַטאָרישע זוכונגען און שעפערישע אַנטפּלעקונגען.

אין דער ליטעראַטור, באַזונדערס אין דער דיכטונג, האָט דער סימבאָליזם אין דער אָדער יענער מאָס געפאַנגען אַזעלכע מעכטיקע טאַלאַנטן, ווי באָדלער, ווערלען, רעמבאָ, ווערכאַרן. אין דער רוסישער ליטעראַטור האָט דער סימבאָליזם אַרויפגעלייגט זײַן האַרבן שטעמפּל אויף דער שאַפונג פון וואַלערי בריוסאָוו, פיאָדאָר סאָלאָגוב, אַנדריי בעלי, מאַרינאַ צוועטײַעוואַ און אויף דעם גענים־אַלן צווישן זיי — אַלעקסאַנדער בלאָק. אויך די ייִדישע ליטעראַטור האָט אַרויסגערוקט צוויי קינסטלער פון אַלוועלטלעכן מאַסשטאַב, וועלכע האָבן ניט אויסגעמיטן די סימבאָליסטישע צוואַנגען: דאָס זײַנען פּערעץ און לייוויק.

אויב דער סימבאָליזם האָט פאַרכאַפּט אין זײַן נעץ גרויסע טאַלאַנטן, האָט ער אָבער זיי ניט געקאָנט אײַנהאַלטן ביזן סוף. אַזוי איז געווען מיט בריוסאָוון, מיט בלאָקן, אין אַ באַשטימטער מאָס מיט אַנדריי בעלי. די סימבאָליסטישע קליידער זײַנען געוואָרן ענג פאַר די עמעס גרויסע קינסטלער. די רעאַלע ווירקלעכקײַט איז געווען שטאַרקער פון די מאָדערניסטישע קונסט־מעטאָדן. די גרויסקײַט פונעם שרײַבער האָט זיך, צווישן אַנדערן, אַנטפּלעקט אויך אויף אַזויפיל, אויף וויפל ער איז פייִק געווען זיך צו באַפרײַען פון די סימבאָליסטישע באַדינגלעכקײַטן, און, אַגעוו, די טעאָרעטישע און עסטעטישע שוואַכקײַט פון דעם סימבאָליזם האָט זיך אַנטפּלעקט אויך אין דעם, וואָס ער איז ניט געווען בעקויעך צו באַפרידיקן אַפילו זײַנע אייגענע שעפער.

פּערעץ האָט געהערט צו אָט דער גרופּע גרויסע קינסטלער, וואָס האָבן געפילט אויף זיך די פײַנלעכע לאַסט פון דעם מאָדערניזם: ער האָט געשטרעבט צו נײַע אַנטפּלעקונגען, צו הויכע אידעאַלן, צו פרײַדענקערישער גײַסטיקער נײַ־שאַפונג. אָט די דאָזיקע אידעאַלן האָט ער געזוכט אין פאַרשיידענע אינטערנאַציאָנאַלע און נאַציאָנאַל־ייִדישע קוואַלן. זײַענדיק אַ דענקערישע און זוכערישע נאַטור, האָט ער אַבער אַלס דענקער זיך אַרויסגעוויזן ניט אויף אַזויפיל זיכער, אַז ער זאָל זיך קאָנען פרײַ אָריענטירן אין דער אַלוועלטלעך־היסטאָרישער סיטואַציע פון דער עפּאָכע, און די פילצאָליקע ווענדונגען און בלאָנדזשעניש האָבן אים געוואָרפן פון איין ברעג צום אַנדערן. דערמיט קאָן מען דערקלערן די פּעסימיסטישע טענער אין זײַן שאַפונג, זײַן סקעפּסיס און צומאָל די אַנטוישונג אין דער היסטאָרישער באַוועגונג און אין איר אַנטוויקלונג. די אידייִשע אויפשטײַגן, ראַדיקאַלע דעמאָקראַטישע אויפשוווּנגען פּערעצעס זײַנען געווען פאַרבונדן מיט דער מעכטיקער אַנטוויקלונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און מיט דער ערשטער רעוואָליוציע אין רוסלאַנד. דאָס זײַנען אויפבליצן פון אַ זוכנדיקן גײַסט. אָבער די דאָזיקע אויפבליצן האָבן זיך בײַ אים געפּאָרט מיט ראָמאַנטישע, פאַנטאַסטישע זעונגען. אין די כסידישע און קאַבאָלישע מײַסעס און לעגענדעס פון דער ווײַטער פאַרגאַנגענהײַט האָט ער געזוכט דעמאָקראַטישע און פאָלקסטימלעכע טענדענצן, וועלכע האָבן געדאַרפט קומען און באַשטעטיקן די הײַנטצײַטיקע רעוואָליוציאָנערע אידייען. „אַמאָל איז געווען אַ מיילעך“, „וואָס אַמאָל ווייניקער“, „פיר דוירעס, פיר צוואָעס“ און באַזונדערס די דראַמעס „די גאָלדענע קייט“ און „באַנאַכט אַפן אַלטן מאַרק“ זאָגן איידעס וועגן דעם, אַז קיין רעאַלע רעוואָליוציאָנערע פּערספּעקטיוון האָט ער ניט געזען. פּערעץ האָט, ווי אַלע גרויסע קינסטלער פון דער בורזשואַזער וועלט, אָפּגעלייקנט די בורזשואַזע ווירקלעכקײַט פון זײַן עפּאָכע, ער האָט ניט געקאָנט שאָלעם מאַכן מיט איר. ער איז געווען ניט קיין בורזשואַזער, נאָר אַן אַ נ ט י ב ו ר ז ש ו אַ ז ע ר קינסטלער, וועלכער האָט געטרוימט וועגן אַ נײַ לעבן פאַרן פאָלק. נאָר די וועגן צו דעם זײַנען פאַר אים געווען ניט שטענדיק קלאָר.

פּערעץ און שאָלעם־אַלייכעם האָבן סוף 80־ער יאָרן פאַרשיידן געקוקט אויף די אויפגאַבן פון דער ליטעראַטור. אין דעם זעלבן 1888 יאָר, ווען עס איז פאָרגעקומען דער ערשטער קאָנפליקט צווישן פּערעצן און שאָלעם־אַלייכעמען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער רעדאַקציע פון „מאָניש“, איז דערשינען שאָלעם־אַלייכעמס פּאַמפלעט „שאָמערס מישפּעט“, דער ערשטער באַנד פון דער „ייִדישער פאָלקס־ביבליאָטעק“ און די סעריע אַרטיקלען „דער דאָלעס אין די ווערק פון אונדזערע בעסטע ייִדישע פאָלקס־שריפטשטעלער“. שאָלעם־אַלייכעם האָט צוגעגעבן אַ גרויסע באַדײַטונג דער אַנטוויקלונג פון ייִדיש אַלס שפּראַך און פון דער ייִדישער ליטעראַטור. ער האָט געהאַלטן, אַז די אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור וועט פאַרגיכערן די גײַסטיקע אויפוואַכונג פון די סאַמע ברייטסטע מאַסן. אין „שאָמערס מישפּעט“ האָט שאָלעם־אַלייכעם געשריבן: „שוין אַ יאָר צוואַנציק, לערעך, אַז דער ייִדישער זשאַרגאָן האָט אָנגעהויבן צו באַווײַזן סימאָנים פון אַ שפּראַך, צו רירן מיט אַן אייווער,

אַרויסווײַזן א באַוועגונג. אַזעלכע דרײַ ריזן, ווי אבראַמאָוויטש, לינעצקי, גאָלדפאַדען אין פּוילן, און אײַזיק־מייער דיק אין דער ליטע האָבן זיך געפונען גענוג אין קויעך צו שטעלן דעם זשאַרגאָן אַף די פיס, אַריבערטראָגן אים פון דער צענע־אורענע מיט טײַטש־כומעש — אין דער לעבעדיקער ליטעראַטור אַרײַן. פון דער באַבעמײַסע — אין ראָמאַן אַרײַן, פינעם שיווכיי־בעשט — אין דער פּאָעזיע, פון די טכינעס — אין דער סאַטירע אַרײַן. אָט די דאָזיקע פיר גיגאַנטן, גרויסע לײַט האָבן געשאַפן א נײַעם זשאַרגאָן און האָבן אַרײַנגעבלאָזן דעם אייראָפּעיִשן דוך אין דעם אַלטן זשאַרגאָן"[1].

שאָלעם־אַלייכעם טרעט דאָ אַרויס ווי א ליטעראַטור־היסטאָריקער; ער גיט א ריכטיקן אַנאַליז פון דער אַנטוויקלונג און פון דעם צושטאַנד פון דער ייִדישער ליטעראַטור און פון דער ייִדישער ליטעראַרישער שפּראַך.

אין דעם פּעריאָד האָט פּערעץ, טאַקע אין „מאָניש", געשטעלט אַנדערע אַקצענטן. ריידנדיק וועגן ייִדיש, האָט פּערעץ דערקלערט, אַז אַנדערש וואָלט זײַן ליד געקלונגען, ווען ער זאָל זינגען „ניט קיין ייִדיש, ניט זשאַרגאָן". דאָס באַטײַט, פאַרשטייט זיך, ניט, אַז פּערעץ האָט ניט דערשאַצט די פאָלקס־שפּראַך. ער האָט שוין פון אָנהייב אָן פון זײַן ליטעראַרישער טעטיקײַט אין ייִדיש אַרויסגעשטעלט הויכע פאָדערונגען פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור. און טאַקע אַף דעם באָדן האָבן זיך אַנטפּלעקט די מיינונג־פאַרשיידנהײַטן צווישן די ביידע שרײַבער. ניט איבער דער רעדאַקציע פון „מאָניש", נאָר איבער פּרינציפּיעלע אָנשויונגען אַף די אויפגאַבן פון דער ליטעראַטור האָט זיך אָנגעהויבן פריִער א פאַרשטעלטע און נאָכדעם אַן אָפענע פּאָלעמיק צווישן פּערעצן און שאָלעם־אַלייכעמען.

די פאַרשטעלטע פּאָלעמיק האָט אָנגעהויבן פּערעץ, און אַפילע נאָך ביז „מאָניש". עס איז פאַראַן א באַוווּסטער בריוו, וווּ פּערעץ אַנטוויקלט זײַנע אָנשויונגען גאַנץ קלאָר. דער בריוו ווערט אָפט ציטירט, אָבער ניט גענוג פול. דעריבער פאַרלירט ער זײַן קאָנקרעטע באַדײַטונג.

פּערעץ רופט אָן דרײַ גרונט־פּונקטן, וועלכע אונטערשיידן אים פון שאָלעם־אַלייכעמען: דער כילעק צווישן פּוילישן און אוקראַיִנישן דיִאַלעקט אין ייִדיש; די אָפּשאַצונג פון ייִדיש; און דער שעפערישער מעטאָד: בא פּערעצן — ראָמאַנטיזם, בא שאָלעם־אַלייכעמען — רעאַליזם.

דאָס איז געווען דער אָנהייב פון א ניט עפנטלעכער פּאָלעמיק. פון פּערעצעס בריוו איז צו זען, אַז שאָלעם־אַלייכעם האָט ניט אָנגענומען פּערעצעס פּאָלעמישן אַרויסרוף און האָט ניט געענטפערט מיט קיין דערווידערונג. פאַרוואָס? דאָס דערקלערט זיך, ווײַזט אויס, מיט פּאָלגנדיקע מאָטיוון. ערשטנס, האָט שאָלעם־אַלייכעם, ווען ער איז אַרויסגעטראָטן ווי אַן אָרגאַניזאַטאָר פון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור און האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן די „ייִדישע פאָלקס־ביבליאָטעק", זיך געשטעלט אַן אויפגאַבע ניט צעשפּליטערן די קויכעס פון דער ליטעראַטור, נאָר קאָנסאָלידירן זיי; צווייטנס, איז דער יאָרבוך אַטאַקירט געוואָרן פון די רעאַקציאָנערע קויכעס פון דער ייִדישער ליטעראַטור, און שאָלעם־אַלייכעם איז געווען פאַרינטערעסירט צו האָבן אינעם דאָזיקן קאַמף פּערעצן

[1] שאָמערס מישפּעט אָדער דער סוד פּריסיאַזשניך אַף אַלע ראָמאַנען פון שאָמער, סטענאָגראַפירט וואָרט־אַם־וואָרט דורך שאָלעם־אַלייכעם. בערדיטשעוו, 1889.

אַף זײַן זײַט; דריטנס, זײַנען נאָך ניט געווען קלאָר ענדגילטיק די טענדענצן פון פּערעצעס שאַפן, און שאָלעם־אַלייכעם האָט נאָך געקאָנט מיינען, אַז אים וועט זיך אײַנגעבן גיין צוזאַמען מיט פּערעצן אויך שפּעטער.

שאָלעם־אַלייכעם מאַכט דאַן א צווייענדיקן פּרוּוו צו ווירקן אַף פּערעצן אין דער נייטיקער ריכטונג: פון איין זײַט, רעדאַגירט ער אויס די פּאָעמע „מאָניש" אַזוי, אַז זי זאָל מער אָדער ווייניקער אָנווערן אירע ראָמאַנטישע שטריכן און זאָל קאָנען אײַנגעשלאָסן ווערן אינעם אַלגעמיינעם שטראָם פון דער רעאַליסטישער ליטעראַטור; פון דער צווייטער זײַט, ענטפערט ער פּערעצן אַף זײַנע בריוו עפנטלעך, ניט אָנרופנדיק אָבער אים באַם נאָמען. עס איז פאַראַן א דאָקומענט, א פּרינציפּיעל אַרטיקל פון שאָלעם־אַלייכעמען, וווּ ער אַנטוויקלט זײַנע ליטעראַריש־עסטעטישע אָנשויונגען, פּרוּוונדיק אַזויאַרום כאַווערישׂ איבערצײַגן פּערעצן אין דער ריכטיקײַט פון זײַן, שאָלעם־אַלייכעמס, ליטעראַרישער פּראָגראַם.

דער דאָזיקער דאָקומענט איז שאָלעם־אַלייכעמס „א בריוו צו א גוטן פרײַנט", פאַרעפנטלעכט אין צווייטן באַנד פון דער „ייִדישער פאָלקס־ביבליאָטעק". דאָס איז געווען שאָלעם־אַלייכעמס ענטפער אַף די טײַנעס און אָפּקלאַנגען אַף דעם ראָמאַן „סטעמפּעניו". עס זײַנען ניטאָ קיין באַווײַזן, אַז דער „בריוו צו א גוטן פרײַנט" איז געווענדט גראָד צו פּערעצן אָדער בלויז צו פּערעצן. דער בריוו האָט געקאָנט זײַן אַן ענטפער מענדעלען, לעמאַשל, וועלכער האָט קריטיקירט די „פאַרליבעניש" אין ראָמאַן. דער בריוו האָט געקאָנט זײַן אַן ענטפער אויך דאָוויד פרישמאַנען, וועלכער האָט געהאַלטן, אַז „סטעמפּעניו" איז ניט גענוג נאָוואַטאָריש. נאָר אויב שאָלעם־אַלייכעם האָט זיך געווענדט ניט בלויז צו פּערעצן, איז דאָ א סמאַך צו מיינען, אַז אויך צו פּערעצן. דער אינהאַלט און די פאָרם פון שאָלעם־אַלייכעמס „א בריוו צו א גוטן פרײַנט" באַשטעטיקט אין א גרויסער מאָס די היפּאָטעזע, וואָס גיט א מעגלעכקײַט אויסצוקלאָרן א וויכטיקע פּראָבלעם פון אונדזער ליטעראַטור־געשיכטע. אַז מע טראַכט זיך אײַן אין דעם „בריוו", זעט מען גלײַך, אַז ניט בלויז דער אינהאַלט, נאָר אויך די פאָרם, די פּראָזעאָלאָגיע איז פּאָלעמיש געווענדט קעגן דעם אינהאַלט און דער פאָרם פון פּערעצעס בריוו צו שאָלעם־אַלייכעמען. צווישן ביידע שרײַבער קומט פאָר א פּרינציפּיעלער דיִאַלאָג, א גײַסטרײַכער אידייִשער שמועס וועגן דעם גוירל פון דער ייִדישער ליטעראַטור און אירע אויפגאַבן. מיר וועלן פאָרשטעלן דעם דיִאַלאָג מיט די ווערטער פון פּערעצן און שאָלעם־אַלייכעמען:

פּערעץ: „איך שרײַב צוליב זיך, צוליב מײַן האַנאָע וועגן. אויב איך דערמאָן זיך אַמאָל אין דעם לעזער, איז ער פון א העכערער מאַדרייגע פון דער געזעלשאַפט. ער איז א מענטש, וואָס האָט געלערנט א לעבעדיקע שפּראַך"[1].

שאָלעם־אַלייכעם: „איך שרײַב מײַנע ראָמאַנען צומיינסטנס פאַרן האַמוין־אַם. דאָס הייסט, פאַר אַזאַ מין אוילעם מענטשן, וואָס זײַנען נאָך פרעמד פון הויכע געדאַנקען, אָדער ווי מע רופט דאָס אָן „אידייען""[2].

פּערעץ: „אַז מיר ווילן אַרײַנברענגען נײַע געדאַנ־

[1] י.־ל. פּערעץ. בריוו און רעדעס, ווילנע, 1929, ז. 14.

[2] שאָלעם־אַלייכעם. א בריוו צו א גוטן פרײַנט. „די ייִדישע פאָלקס־ביבליאָטעק", א בוך פאַר ליטעראַטור, קריטיק און וויסנשאַפט, אַרויסגעגעבן פון ש. ראַבינאָוויטש, צווייטער בוך, קיִעוו, תרמ״ט (1889), ז. 307.

קען, מוזן מיר אויך געבן נײַע פאָרמען, נײַע אויסדרוקן, ווײַל דער אַלטער לעוווש פּאַסט זיך ניט צו דעם נײַעם. די אויסדרוקן זעען אויס לעכאַטשילע פרעמד, אָבער סאָף־קאָלסאָף וועלן זיי אַרײַנדרינגען צום לעזער און וועלן באַרײַכערן זײַן פאַרשטאַנד. דעריבער האָב איך זיך ניט באַמיט צו באַשרענקען מײַנע געדאַנקען און באַגרענעצן זיי מיט די אויסדרוקן פונעם האַמוין. איך האָב זיך געווענדט ניט צו זײַן שפּראַך, נאָר צו דער שפּראַך, וואָס דריקט אַמשטאַרקסטן אויס דאָס פילבאַרע, און דער לעזער, וואָס איז ניט געבילדעט, זאָל זיך אויסבילדן"[1].

ש אָ ל ע ם־א ל ײ כ ע ם: „אײדער מע זאָל זיי פאָרשטעלן דורך א דערציילונג הויכע אידייען, מוז מען זיי באַקאַנט מאַכן ביסלעכווײַז מיט אַלע מאַדרייגעס פון דעם לייטערל, וועלכער פירט אונדז גלײַך אין יענעם וועלטל, וואָס ווערט אָנגערופן „פּאָעזיע". „קעדיי צו באַקאַנט מאַכן דעם פּאָשעטן לעזער מיט דעם, וואָס באַדײַט „פּאָעזיע" און וואָס עס ווערט אָנגערופן באַ דער וועלט הערעיען, טאָר מען ניט פליִען מיטאַמאָל צו הויך און לעכאַטשילע פאָרשטעלן דעם אוילעם א ריזן־העלד, מאַכמעס דער אוילעם וועט ניט פאַרשטיין, און אונדזער שרײַבן וועט זײַן אַרויסגעוואָרפן. מע מוז גיין מיטן פאָלק בעהאַדראָגע, ניט געכאַפּט, טריט בא טריט. פון דער נידעריק אָן ביז אַלץ העכער און העכער"[2].

אָט די פאַרשטעלטע פּאָלעמיק אַנטפּלעקט פאַר אונדז דעם טאָך און דעם אינהאַלט פון דעם וויקועך צווישןביידע שרײַבער. שאָלעם־אַלייכעם און פּערעץ האָבן געהאַט איין ציל, נאָר געגאַנגען זײַנען זיי צו דעם ציל מיט פאַרשיידענע וועגן, וועלכע האָבן דאַן, אין די 80־ער יאָרן, געקאָנט אויסזען ניט נאָר פאַרשיידן, נאָר אויך פרעמד. סײַ שאָלעם־אַלייכעם, סײַ פּערעץ האָבן געוואָלט שאַפן א פאָרגעשריטענע פאָלקס־ליטעראַטור פאַר די לייענער. דאָס איז געווען זייער ביידנס ציל. נאָר פּערעץ איז געגאַנגען צו דעם ציל, אַזוי צו זאָגן, פון אויבן אַראָפּ; שאָלעם־אַלייכעם — פון אונטן אַרויף.

נאָר דאָס אַלץ איז נאָך ווייניק. פּערעץ האָט אין זײַן ערשטן בריוו צו שאָלעם־אַלייכעמען אַוועקגעשטעלט אָפן די פּראָבלעם פון שעפערישן מעטאָד. „פאַראַן א גרויסער אונטערשייד, — שרײַבט פּערעץ, — צווישן די אָביעקטן גופע. איר קלײַבט אָן פרעמדע, נאַקעטע געדאַנקען פון אַן אויסערער וועלט און דעריקער — פון דער רעאַלער וועלט, און איך, וואָס שרײַב פון מײַן האַנאָע וועגן און לויט דער שטימונג, בייס איך האַלט די פעדער, נעם איך גלײַכצײַטיק פון פאַרשיידענע וועלטן"[3].

איצט איז קלאָר דער ליטעראַטור־היסטאָרישער טאָך פון דער פּאָלעמיק צווישן פּערעצן און שאָלעם־אַלייכעמען. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער הויפּט־ריכטונג פון דער יידישער ליטעראַטור, א וועלכע דאַרף זי זײַן: א רעאַליסטישע אָדער א ראָמאַנטישע? ביידע שרײַבער האָבן געגעבן אָף דער פראַגע פאַרשיידענע ענטפערס און האָבן געפּרוווט איבערצײַגן איינער דעם צווייטן אין דער ריכטיקייט פון זייער ליטעראַרישער פּראָגראַם. און דאָס גיט אונדז א מעגלעכקייט צו פאַרשטיין אויך דעם קאָנפליקט אַרום דער רעדאַקציע פון „מאָניש".

---

[1] י.־ל. פּערעץ. בריוו און רעדעס, ז. 41.

[2] „די יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק", צווייטער בוך, ז. 307.

[3] י.־ל. פּערעץ. בריוו און רעדעס, ז. 14.

די רעדאַקציע פון „מאָניש"

ווען מע רעדט וועגן דעם, אַז שאָלעם־אַלייכעם האָט ניט געלונגען רעדאַגירט „מאָניש", פאַרגעסט מען אָפּט, אַז גראָד שאָלעם־אַלייכעם איז געווען דער רעדאַקטאָר, וואָס האָט פּובליקירט פּערעצעס ערשט ווערק אין יידיש. אייניקע ריידן שיר ניט ווי וועגן א קרימינעלן פאַרברעכן שאָלעם־אַלייכעמס לעגאַבע פּערעצן און אַפילע לעגאַבע דער יידישער ליטעראַטור. ס'איז אָבער קיין שום פּרווו ניט געמאַכט געוואָרן צו אַנאַליזירן און אויספאָרשן, ווי־אַזוי האָט שאָלעם־אַלייכעם רעדאַגירט פּערעצן; וואָס האָט ער געקירצט און וואָס האָט ער געענדערט. צי איז דערבײַ דערלאָזט געוואָרן ווילקיר, בייזער ווילן, אָדער די רעדאַקציע איז געמאַכט פון פּרינציפּיעלע פּאָזיציעס.

נאַכמען מײַזיל האָט דאַפקע געפּרווט פאַרגלײַכן די וואַריאַנטן פון „מאָניש". אָבער ער באַנוגנט זיך מיט קאָנסטאַטירן פאַקטן: שאָלעם־אַלייכעם האָט געקירצט, געענדערט אַאַוו. ער דערקלערט ניט דעם פּרינציפּיעלן יעסאָד פון שאָלעם־אַלייכעמס רעדאַגירן פּערעצעס פּאָעמע.

אין פּערעצעס „מאָניש" לאָזן זיך דײַטלעך הערן צוויי קינסטלעריש־שעפערישע סטיל־טענדענצן: א ראָמאַנטישע און א רעאַליסטישע. עס קאָן זיך שאַפן אַן אײַנדרוק פון ווידערשפּרעכיקײַט, אָבער דאָס איז די ווידערשפּרעכיקײַט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר פּערעצעס שאַפונג בי־כלאַל. אַנדערש גערעדט, פּערעצעס סטיל־צעצווייטקײַט איז ניט קיין שעפערישע סיסטעמלאָזיקײַט אָדער שעפערישער עקלעקטיזם. פאַרקערט, גראָד אין דעם אַנטפּלעקט זיך בולעט די קינסטלערישע אייגנאַרטיקײַט פון פּערעצעס שעפערישן מעטאָד און סטיל.

שאָלעם־אַלייכעם האָט, ווײַזט אויס, געפּרווט באַזײַטיקן ווי ווײַט מעגלעך די סטיל־צעצווייטקײַט פון דער פּאָעמע „מאָניש" און אָפּשוואַכן די שעפערישע ווידערשפּרעכיקײַט פונעם ווערק, פאַרקירצנדיק די אויסגעשפּראָכן ראָמאַנטישע עלעמענטן און פאַרשטאַרקנדיק אַזויאַרום די רעאַליסטישע.

פאַרגלײַכנדיק דעם וואַריאַנט פון „מאָניש", וואָס איז געדרוקט אין דער „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק", מיט דעם שפּעטערדיקן קאַנאָניזירטן וואַריאַנט, זעען מיר, אַז שאָלעם־אַלייכעם האָט די קירצונגען און ענדערונגען אינעם ווערק געמאַכט אויסשליסלעך פּרינציפּיעל. א פּאָר בײַשפּילן וועט זײַן גענוג, קעדיי צו איבערצײַגן זיך דערין.

פריִער פאַר אַלץ וואַרפט זיך אין די אויגן די ערשטע באַדײַטנדיקע קירצונג פון דער אַרײַנפיר־ליד צו דער פּאָעמע. אָט איז די דאָזיקע ליד:

איר ווייסט מינעסטאם —
די וועלט איז א יאַם.
מיר זײַנען פיש!
(טייל זײַנען העכט,
שלינגען ניט שלעכט...
זאָגט, עפּשער נישט?)
די וועלט איז א יאַם,
ברייט אָן א שיר;
די פיש זײַנען מיר,
דער פישער איז ס'מ[1].

---

[1] סמ (סאַם) — ראָשעטייוועס: שטן מקטרג (סאָטן מעקאַטרעג).

*

ער האָט זיך אַלס פישער
באַם לעבן געשטעלט!
די טײַווע — דאָס ווערעמל! —
פירט איבער די וועלט!
עס כאַפּט ווײַל די אַנגל
אַ פיש נאָך אַ פיש;
עס דאַכט זיך, אַ ווערעמל —
אַ בליק נאָר, אַ קוש...
נאָר באַלד נאָכן ווערעמל
גייט — האָקן און שטריק;
געעקט מיטן לעבן,
אַ סאָף פונעם גליק;

*

און יעדערער ווייסט עס,
און יעדערער קען אים,
דעם שמאַדניק, דעם סאָטן,
דעם סאַר פונעם גענעם;
און זעלטן איז עמעץ
באַשירמט און באַהיט...
אָט, אײַך צו וואָרענען
זינג איך מײַן ליד!

מיר קאָנען זיך פאָרשטעלן, אַז שאָלעם־אַלייכעם האָט געקירצט אָט דאָס בינטל סטראָפן, ווײַל ער האָט געהאַלטן, אַז זיי פירן אַראָפּ די גאַנצע פּאָעמע פון איר רעאַליסטישן גאַנג. די גאַנצע שטייגער־שילדערונג, דער סוזשעט, די קאָנקרעטע געשטאַלטן און בילדער באַקומען איבער די דאָזיקע אַלעגאָרישע סטראָפעס אַ גאַנץ באַדינגלעכן כאַראַקטער און ווערן פאַרוואַנדלט אין איליוסטראַטיווער מאָלערײַ, וואָס האָט ניט קיין זעלבשטענדיקע קינסטלערישע באַדײַטונג און איז אינגאַנצן אונטערגעוואָרפן דער פאַראַלגעמיינערונג, דעם פילאָסאָפיש־אַלעגאָרישן מיין, וואָס איז אײַנגעשלאָסן אין די געקירצטע סטראָפעס. פּערעצעס „מאָניש“ איז אַ שמעלצונג פון ראָמאַנטישע און רעאַליסטישע עלעמענטן, וואָס בילדן אַן אָרגאַנישע קינסטלערישע איינהײַט. שאָלעם־אַלייכעם האָט דאָס געפילט און איז געווען גאַנץ געהיט אין דער רעדאַקציע, האַגאַם ער האָט געשטרעבט אָפּשוואַכן און באַזײַטיקן דאָס, וואָס האָט, לויט זײַן מיינונג, געקאָנט זײַן אַ שטערונג צו דעם רעאַליסטישן יעסאָד פון הער פּאָעמע. אָבער די קירצונגען, וועלכע ער האָט געמאַכט, האָבן, לײדער, ניט פאַרשטאַרקט די פּאָעמע, נאָר קינסטלעריש זי אָפּגעשוואַכט.

אָפּשוואַכן דעם ראָמאַנטישן און פאַרשטאַרקן דעם רעאַליסטישן עלעמענט — דאָס איז געווען איין אויפגאַבע, וואָס שאָלעם־אַלייכעם האָט פאַר זיך געשטעלט באַם רעדאַגירן „מאָניש“. די צווייטע אויפגאַבע איז געווען באַזײַטיקן אָדער לעכאָל־האַפּאָכעס אָפּשוואַכן דעם גערדיכטן לעקסישן שטראָם העברעיִזמען, אַראַמעיִזמען און אויך אַרטיקע דיִאַלעקטאַלע שפּראַך־עלעמענטן (פּאָלאָניזמען), וואָס האָבן געמאַכט קימאַט אומפאַרשטענדלעך פאַרן מאַסן־לייענער גאַנצע שטעלן פון דער פּאָעמע. דאָס איז צו זען פון אַ ריי קירצונגען. מיר ברענגען דאָ בלויז איינע:

עס ווערט ניט פאַר כּצאָס
קיין ליכטל פאַרלאָשן;
און פראַזשבעס צו רענדלעך,
און טוירע מעגראָשן!
און דעמלט האָט „מאָניש“
אַלס אילוי געשעמט;
די גרעסטע ראַבאָנים,
פון ווײַט, פון דער פרעמד:
דער פּאַטיש פון לאַשטשעוו,
דער „סינײַ“ פון קאָזיץ
דער מעויר האַגאָדל,
פון קליין מאַזילבאָוויץ,
זיי קומען אומישנע,
פאַרהערן דעם אילוי,
און טאַנצן פאַר סימכע:
אַסכאַלטאָ דעגעוולאָ.

מיר קאָנען איצט לײַכט פאַרשטיין, אַז שאָלעם־אַליכעם מיט זײַן זאָרג פאַרן לייענער, מיט זײַן פּאַטאָס פאַר שאַפן אַ פאָלקס־ליטעראַטור האָט ניט געקאָנט דרוקן קיין סטראָפן, וואָס פאָדערן דערקלערונגען קימאַט צו יעדן וואָרט, אָדער וואָס וועלן אינגאַנצן ניט דערגיין צום לייענער.

אויסער די קירצונגען, האָט שאָלעם־אַלייכעם אַרײַנגעטראָגן אין פּערעצעס פּאָעמע אַ ריי קאָרעקטיוון. עס וואָלט אונדז פאַרפירט צו ווײַט, ווען מיר זאָלן פרוּוון אַנאַליזירן אַלע רעדאַקציִאָנעלע ענדערונגען. וויכטיק איז פאַר אונדז פעסטשטעלן דעם פּרינציפּ פון דער רעדאַקציע. ער איז באַשטאַנען דערין, אַז דער שפּראַך־געוועב פונעם ווערק זאָל אַלזײַטיק דערנעענטערט ווערן צו דער גערעדטער שפּראַך.

אָבער שאָלעם־אַלייכעם, האָבנדיק אַ גוטע קאַוואָנע, האָט זיך צופיל אַרײַנגעמישט אין טעקסט פון „מאָניש“, האַגאַם ער האָט שוין דאַן דערפילט, אַז אין דער ייִדישער ליטעראַטור איז מיט פּערעצן געקומען אַ גרויסער קינסטלער.

אַז דאָס איז ווירקלעך אַזוי, קאָן מען זען דערפון, וואָס שאָלעם־אַלייכעם האָט נאָכן „קאָנפליקט“ אַרום „מאָניש“ גענומען בײַ פּערעצן אַ ריי דערציילונגען פאַרן צווייטן באַנד פון דער „ייִדישער פאָלקס־ביבליִאָטעק“. דער דאָזיקער פאַקט איז באַזונדערס וויכטיק, אַף וויפל „מאָניש“ האָט באַקומען אין אַלגעמיין אַ נעגאַטיווע אָפּשאַצונג אין דער קריטיק. דער אַווטאָריטעטער קריטיקער אין יענער צײַט שימען דובנאָוו (קריטיקוס) האָט אין „וואָסכאָד“ געשריבן, אַז פּערעצעס „מאָניש“ איז קינסטלעריש שוואַכער אַפילע פון דאָוויד פרישמאַנס פּאָעמע „אויפיר“, וועלכע איז אויך געווען געדרוקט אינעם ערשטן באַנד פון דער „ייִדישער פאָלקס־ביבליִאָטעק“. שאָלעם־אַלייכעם האָט געהאַט זײַן אייגענע מיינונג אַי וועגן פּערעצן, אַי וועגן דער פּאָעמע „מאָניש“. אין 1915, גלײַך נאָך פּערעצעס טויט, האָט שאָלעם־אַלייכעם געשריבן אין זײַן אַרטיקל „אַ וואָך מיט י.־ל. פּערעצן“, אַז ווען ער האָט באַקומען אין 1888 „מאָניש“, איז ער געווען אַנציקט פון דער באַלאַדע און אַז איר אַווטאָר האָט אים געשײַנט צו זײַן אַ גרויסער טאַלאַנט[1].

[1] שאָלעם־אַלייכעם. ייִדישע שרײַבער, ב. 15, ז. 71.

(סאָף קומט)

ווען איז דערשינען פּערעצעס ערשטער בוך אין רוסיש?

אין דער „פּערעץ־ביבליאָגראַפיע"[1], וואָס איז געווען דער ערשטער פּרווו פון געבן א רעשימע פון פּערעצעס ווערק, דערשינענע אין פאַרשיידענע שפּראַכן, ווערט אָנגעוויזן, אז פּערעצעס ווערק אין רוסיש הייבן אָן צו דערשײַנען אין א בוך־פאָרם פון 1904.

מיר ווייסן אָבער אויך וועגן א פריערדיקער אויסגאַבע.

אין 1902 יאָר איז אין פּעטערבורג דערשינען א זאַמלונג דערציילונגען אין רוסיש, אין וועלכער ס'זײַנען אײַנגעשלאָסן איבערזעצונגען פון פאָלגנדיקע דערציילונגען: „דאָס שטרײַמל", „מעקובאַלים", „א קאַס פון א ייִדענע", „א קלעזמער־טויט". אַף דער הילע פונעם בוך איז אָפּגעדרוקט פּערעצעס בילד. די ביבליאָגראַפישע באַשרײַבונג פון דער אויסגאַבע איז אַזאַ:

Л. Перец. Картинки еврейской жизни. С. Петербург. Типография и литография И. Лурье и К°. 1902. 28 стр.

אן עקזעמפּליאַר פון אָט דער זאַמלונג געפינט זיך אין דער אלפאַרבאַנדישער לענין־ביבליאָטעק. די דאָזיקע אויסגאַבע, וואָס איז איצט א יעקאַר־האַמציִעס, האָט א באַדײַטנדיקן אינטערעס פאַר דער פּערעץ־פאָרשונג.

וועגן פּערעצעס ערשטן באַזוך אין אָדעס

אין נאָכמען מײַזילס בוך „ייִצכאָק־לייבוש פּערעץ און זײַן דאָר שרײַבער" לייענען מיר: „מיר האָבן גאַנץ גענויע ידיִעס וועגן פּערעצעס א באַזוך אין אָדעס אין 1904 יאָר. אָט די ידיִעס קומען פון צוויי באַזונדערע קוועלן, זײַנען זיי דעריבער זיכער און פאַרלאָזלעך". נ. מײַזיל ציטירט זיכרוינעס פון ה. אבראַמאָוויטש און ש. שנייפאַל וועגן דעם דאָזיקן באַזוך, און זײַענדיק זיך סוימעך אַף זיי, שרײַבט ער ווײַטער, אז „פּערעצעס באַזוך אין אָדעס בא די פירנדיקע אָדעסער שרײַבער האָט אים נישט דערנענטערט צו זיי".

קוידעמקאָל דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן, אז פּערעץ איז געווען דער גאַסט ניט בלויז בא „די פירנדיקע אָדעסער שרײַבער", נאָר באַם ברייטן לייענער, בא זײַנע אָדעסער פאַרערער. מיר מיינען, אז פאַרלאָזן זיך אינגאַנצן אַף די דערמאָנטע צוויי באַליי־זיכרוינעס קאָן מען ניט. מער באַגלייביק זעט אונדז אויס צו זײַן א קאָרעספּאָנדענץ פון אָדעס וועגן פּערעצעס באַזוך, וואָס איז אָפּגעדרוקט געווען אינעם רוסיש־ייִדישן זשורנאַל „וואָסכאָד"[1]. פון דער דאָזיקער קאָרעספּאָנדענץ, ווי מיר געפינען, אגעוו, א סאַך מער פּראַטים וועגן באַזוך, ווי אין די דערמאָנטע זיכרוינעס, לאָזט זיך גראָד מאַכן א פאַרקערטער אויספיר, אז פּערעצעס באַזוך אין אָדעס האָט אים דערנענטערט סײַ מיט די שרײַבער, סײַ מיט די לייענער.

דער קאָרעספּאָנדענט שרײַבט: „אכט טעג איז געווען צוגאַסט אין אָדעס דער באַוווסטער שרײַבער ל. פּערעץ. דעם געערטן גאַסט, וועלכער ווײַלט איצט דאָס ערשטע מאָל אין אָדעס, האָבן די אָרטיקע שרײַבער און יוגנט הייס און מיט ליבע באַגעגנט. אין די ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע קרײַזן האָט מען געהאַלטן אין איין ריידן וועגן פּערעצן, וועגן דעם באַוווסטן אויטאָר פונעם „שטרײַמל", „באָנציע שווײַג", כסידישע דערציילונגען. פאַר זײַן אָפּפאָרן, דעם 25 מאַרט, האָבן די אָדעסער שרײַבער און א סאַך פון זײַנע פאַרערער אײַנגעאָרדנט פאַר פּערעצן א כאַווערישן מאָלצײַט".

ווײַטער ווערט אינעם באַריכט דערציילט וועגן אָט דעם באַנקעט, אַף וועלכן עס איז הויך אָפּגעשאַצט געוואָרן פּערעצעס ליטעראַרישע טעטיקײַט אָפן געביט פון ביידע ליטעראַטורן: דער ייִדישער און העברעיִשער.

דאָס ערשטע באַגריסונג־וואָרט האָט געהאַלטן מענדעלע מויכער־ספאָרים. מיט א גרעסערער רעדע איז אַרויסגעטראָטן אכאַד־האַאָם. ער האָט, עמעס, באַטאָנט, אז פּערעצעס גאָט איז ניט זײַן גאָט, דאָך האָט ער מיט גרויס וואַרעמקײַט גערעדט וועגן פּערעצעס טאַלאַנט, „וועלכן מיר אכטן".

זייער וואַרעם איז געווען די רעדע פון דאָקטאָר יוסעף קלויזנער, וועלכער איז זײַן גאַנץ לעבן געווען פּערעצעס א גרויסער פאַרערער. צווישן אנדערס האָט קלויזנער אונטערגעשטראָכן, אז „פּערעצעס טאַלאַנט בליט אָן אויפהער, באַנײַט זיך אָן אופהער".

אויב אָדעס, האָט געזאָגט י. קלויזנער, קאָן געקרוינט ווערן מיטן טערמין „סטאַטיק" פון דער ייִדישער ליטעראַטור, און וואַרשע — „דינאַמיק", איז פּערעץ קוילעל אין זיך ביידע זײַטן.

[1] די פּערעץ־ביבליאָגראַפיע. י.־ל. פּערעץ. א זאַמלבוך צו זײַן אָנדענקען. ניו־יאָרק, 1915, זז. 103—126.

[1] Чествование Л. Переца в Одессе, «Восход», 1904, № 14, стр. 9—11.

מיט א באַגײַסטערטער רעדע איז אָפּן באַנקעט ארויסגעטראָטן כאַיִם־נאַכמען ביאַליק. ער האָט אָפּגעמערקט די פּאָעטישקײַט און דעם ליריזם פון פּערעצעס שאַפונגסטאַלאַנט, איבערהויפּט זײַן קראַפט און מעכטיקײַט, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט אין די כסידישע דערציילונגען.

דער באַקאַנטער העברעיִשער פּובליציסט און פעליעטאָניסט עלכאָנאָן־לייב לעווינסקי האָט זײַן רעדע געווידמעט דעם באַדײַט פון פּערעצעס פעליעטאָנען, אין וועלכע ס׳איז פאַראַן אַזויפיל הומאָר און סאַטירע.

אין דעם באַריכט ווערט געבראַכט א קיצער פון די רעדעס פון א. דרויאַנאָוו, י.־כ. ראַווניצקי און אַנדערע שרײַבער און לייענער. באַזונדערס אינטערעסאַנט זײַנען געווען די רעדעס פון די לייענער פראַנקפעלד און לעווין. זיי האָבן גערעדט וועגן פּערעצעס פאַרדינסטן אַלס שרײַבער דעמאָקראַט, וועלכער האָט דער ערשטער אין דער ייִדישער ליטעראַטור ניט נאָר דערזען, נאָר אויך אָנגעהויבן מאָלן דאָס ייִדישע לעבן פון די קעלערס און כורוועס.

אין זײַן ענטפער־רעדע האָט פּערעץ דערציילט וועגן די שוועריקײַטן, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אין די ערשטע יאָרן פון זײַן ליטעראַרישער טעטיקײַט. ער האָט זיך געוואָרפן פון איין ליטעראַרישן זשאַנער צום אַנדערן. דיכטונג און פּראָזע, קריטיק און פּובליציסטיק... „די קומענדיקע פּערעצעס, — האָט דער שרײַבער געזאָגט, — וועט זײַן א סאַך לײַכטער צו אַרבעטן און שאַפן“.

אַקטועל אויך פאַר אונדזער צײַט קלינגען די ווערטער, מיט וועלכע פּערעץ האָט זיך דאַן געווענדט צו די שרײַבער: „א שרײַבער דאַרף האַרציק זיך אָפּרופן אויף אַלדאָס גרויסעס און שיינס, וואָס זײַן אויג באַגעגנט אין דער סוויווע, פאַר וועלכער ער שרײַבט“.

דער קאָרעספּאָנדענט, וואָס האָט זיך געכאַסמעט מיט די איניציאַלן מ. ל., דערציילט אין סאָף פון זײַן באַריכט, אַז א יוגנט־דעלעגאַציע האָט אונטערגעטראָגן פּערעצן אַן אַלבאָם מיט גראַווירן פון לעוויטאַנס בילדער — אַן אָנדענק פון דעם שרײַבערס באַזוך אין אָדעס.

דער אָנהייב פון פּערעצעס קאַמף קעגן קלעריקאַליזם

ווי באַוווּסט, זײַנען פּערעצעס ערשטע ליטעראַרישע טריט געמאַכט געוואָרן אין העברעיִש. אין דער פּערעץ־פאָרשונג איז יאָרנלאַנג אָנגעגאַנגען א סיכסעך: וועלכע ליד זײַנע דאַרף אָנגענומען ווערן אַלס די ערשטע: „חלוקת החכמות“ (כאַלוקאַס האַכאָכמויס), „השותפות“ (האַשוטפוס) צי גאָר אַן אַנדער ליד?

מיט רעכט האָט נאַכמען מײַזיל דערוויזן, אַז פּערעצעס ערשטע געדרוקטע ליד איז געווען: „השותפות“[1].

די דאָזיקע ליד איז געווען פּובליקירט אין פּערעץ סמאָלענסקינס זשורנאַל „השחר“ (האַשאַכאַר) אין 1875 יאָר.

עס ווײַזט זיך ארויס, אַז דעם סוזשעט פון דער ליד האָט פּערעץ גענומען פון פאָלקס מויל. דער אינהאַלט פון „השותפות“ איז אין קורצן אַזאַ.

א ייִד א קאַפּצן איז געקומען צום רעבן, ער זאָל אים געבן א סגולע, אַז זײַנע בעהיימעס זאָלן ניט פּייגערן ביז דער שכיטע. אַלס סגולע האָט דער רעבע פאָרגעלייגט, דער ייִד זאָל אים נעמען פאַר א שוטעף צום מיסכער.

אין א שטיקל צײַט אַרום איז דער ייִד געקומען צום רעבן זיך קלאָגן, אַז די בעהיימע, וואָס ער האָט געקויפט, איז דאָך געפּייגערט. דער רעבע האָט טייקעף געמאָנט בא אים די העלפט פאַר דער פאַרקויפטער פעל — שוטפעס איז שוטפעס!

וואַריאַנטן פון דעם דאָזיקן אַנטיקלעריקאַלן וויץ ווערן געבראַכט אין פאַרשיידענע פאָלקלאָר־אויסגאַבעס.

מערקווירדיק, וואָס שוין פון זײַנע ערשטע ליטעראַרישע טריט האָט פּערעץ אָנגעהויבן זײַן קאַמף קעגן די קלעריקאַלן.

צוויי איבערזעצונגען פון פּערעצעס א ליד

אינעם מײַ־נומער פונעם רוסישן זשורנאַל „זנאַמיאַ“ פאַרן 1941 יאָר איז פּובליקירט געווען פּערעצעס א ליד פון די „ביבלישע מאָטיוון“: „עס שלײַכט צו׳ן א שטאָט באַנאַכט די שווערד...“ די פּרעכטיקע איבערזעצונג געהערט דער טאַלאַנטפולער דיכטערין מאַרינא צוועטײַעוואַ. שפּעטער איז די דאָזיקע איבערזעצונג ארײַן אינעם פּאַטריאָטישן זאַמלבוך «О Родине» (מאָסקווע, 1944) און אויך אין צוועטײַעוועס בוך געווײלטע לידער[2]. ס׳דאַרף דערמאָנט ווערן, אַז מיט זעקס און צוואַנציק יאָר פריִער האָט די ליד איבערגעזעצט אין רוסיש לייב יאָפע. זי איז געווען פּובליקירט אינעם זשורנאַל „ראַססוועט“ נום. 1 פאַרן יאָר 1916.

---

[1] פּערעצעס ערשטע ליטעראַרישע טריט. „ליטעראַרישע בלעטער“, 1925, נום. 49—50.

[2] *М. Цветаева.* Избранное. М. 1961, стр. 243.

כ. נאַדעל

כראָניק

דעם 22 אַפרעל איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער באַשלוס וועגן באַלוינונגען מיט לענין־פרעמיעס פון 1965 יאָר פאַר די באַדײַטנדיקע דערגרייכונגען אין געביט פון ליטעראַטור און קונסט. מיט די העכסטע אויסצייכענונגען זײַנען באַלוינט: דער רעזשיסער יורי זאַוואַדסקי און דער אַרטיסט ניקאָלײַ מאָרדווינאָוו — אויספילער פון דער ראָל אַרבענין (ספעקטאַקל „מאַסקאַראַד" אינעם אַקאַדעמישן טעאַטער אָפן נאָמען פון „מאָססאָוועט"); דער פידלער לעאָניד קאָגאַן — פאַר זײַן אויספילערישער טעטיקייט (אין די קאָנצערט־פראָגראַמען פאַר די יאָרן 1962—1964); דער רעזשיסער גריגאָרי קאָזינצעוו און דער אַרטיסט אינאָקענטי סמאָקטונאָווסקי — אויספילער פון דער ראָל האַמלעט (קינסטלערישער פילם „האַמלעט"); די קינסטלער מיכאַיל קופריאַנאָוו, פאָרפירי קרילאָוו, ניקאָלײַ סאָקאָלאָוו (קוקריניקסי) — פאַר דער סאַטיריש פאָליטישע קאַריקאַטורן, וואָס זײַנען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער צײַטונג „פראַוודאַ" און אין זשורנאַל „קראָקאָדיל"; דער שרײַבער סערגיי סמירנאָוו — פאַר זײַן בוך „ברעסטער פעסטונג".

●

אין דער צענטראַלער טעלעוויזיע איז אין דער פראָגראַם פונעם אַלמאַנאַך „העלדנטאַט" אַרויסגעטראָטן איינער פון די אַוטאָרן פונעם בוך „דער צוריקער איז ניט געוואונטשן" וואַלענטין טאָמין. ער האָט דערציילט וועגן זײַן בוך, וואָס איז געווידמעט דעם אופשטאַנד אין סאָביבאָר און דעם העלדנטאַט פון אַלעקסאַנדער פעטשערסקי און אַנדערע אַנטיילנעמער פון דעם אופשטאַנד.

●

באַם מוזיקאַלן אָפטייל פון דער ביראָבידזשאַנער געגנטלעכער ביבליאָטעק אַף שאָלעם־אַליכעמס נאָמען איז אָרגאַניזירט אַ קלוב „פאָעזיע". ליבהאָבער פון פאָעזיע נעמען זיך דאָ רעגולער צונויף צו באַהאַנדלען נײַע ווערק, אויסהערן אַרויסטרעטונגען פון זייערע כאַווירים, וואָס פרוּוון די קויכעס אין דיכטונג.

אַף דער אָרדנטלעכער באַגעגעניש זײַנען אין קלוב געקומען די יונגע אַרבעטער פון די שטאַטישע אונטערנעמונגען וועקסלער, שקאָלניק, דאַנילאָווע, די סטודענטן סאַמאַר, דווידזאָן און אַנדערע.

מיט גרויס אינטערעס זײַנען אויסגעהערט געוואָרן פאַרשריבענע אַף אַ מאַגניטאָפאָן־לענטע לידער פון ס. מאַרשאַק, וועלכע דער דיכטער האָט אָנגעשריבן ניט לאַנג פאַרן טויט.

●

אין עלטער פון 60 יאָר איז אין ריגע געשטאָרבן דער טאַלאַנטפולער אַרטיסט הירש פייגין, איינער פון די פיאָנערן פון דעם ביראָבידזשאַנער ייִדישן טעאַטער.

הירש פייגין איז געווען אַן אַקטיאָר פון אַ ברייטן און רײַכן קינסטלערישן דיאַפאַזאָן. ער האָט באַשאַפן אַן אינטערעסאַנטע גאַלעריי פון סצענישע געשטאַלטן: מאַטיש אין אָרן קושניראָווס „דער אורטייל קומט", אָרן־וואָלף דער פאַרנעס־כוידעש אין מוישע קולבאַקס „בויטרע גאַזלען", בראָדסקי אין ל. סלאָווינס „אינטערווענץ", קאָלעסניקאָוו אין ל. לעאָנאָווס „אינוואַזיע", הירש גליק אין פערעץ מאַרקישעס „דער אופשטאַנד אין געטאָ" אאַ.

די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן האָט הירש פייגין מיט דערפאָלג געאַרבעט אין ריגער דראַמאַטישן טעאַטער. די ראָל פון טעוויע דעם מילכיקער, וואָס ער האָט געשפילט אין אָט דעם טעאַטער, איז הויך אָפגעשאַצט געוואָרן פון דער טעאַטער־קריטיק.

צום 75־טן געבורטסטאָג פון שלוימע מיכאָעלס

די טעאַטראַלע געזעלשאַפטלעכקייט פון מאָסקווע האָט ברייט אָפגעמערקט דעם 75־טן געבורטסטאָג פונעם פאָלקס־אַרטיסט פון פססר שלוימע מיכאָעלס. אין מאַרט און אין אַפרעל זײַנען פאַרגעקומען אָוונטן אין צענטראַלן טעאַטער־מוזיי אַף באַכרושינס נאָמען, אין צענטראַלן הויז פון די קונסט־טוער אאַ.

אַ גרויסן אָוונט האָט דורכגעפירט אינעם צענטראַלן הויז פון די אַקטיאָרן די אַלרוסלענדישע טעאַטער־געזעלשאַפט.

דער פאָלקס־אַרטיסט פון פססר מיכאַיל צאַריאָוו, וואָס האָט געעפנט דעם אָוונט, האָט גערעדט וועגן מיכאָעלסן דעם אַרטיסט, „איינעם פון אונדזערע גרעסטע שוישפילער, וועלכער איז אַף אייביק אַרײַן אין דער געשיכטע פונעם סאָוועטישן טעאַטער". וועגן מיכאָעלסעס פאַרדינסטן פאַר דער סאָוועטישער טעאַטער־קונסט האָבן אין זייערע אַרויסטרעטונגען דערציילט די פאָלקס־אַרטיסטן יורי זאַוואַדסקי, רובען סימאָנאָוו, לעאָניד אוטיאָסאָוו, דער טעאַטער־פאָרשער אַלעקסאַנדער אַניקסט.

דער שרײַבער און ליטעראַטור־פאָרשער איראַקלי אַנדראָניקאָוו האָט זיך געטיילט מיט זײַנע אײַנדרוקן וועגן אַ רײַ ספעקטאַקלען, אין וועלכע ס'האָט געשפילט מיכאָעלס.

מיט אינטערעסאַנטע זיכרוינעס וועגן מיכאָעלסן איז אַרויסגעטראָטן דער קינסטלערישער אָנפירער פונעם ווילנער ייִדישן זעלבסטעטיקן דראַמאַטישן קאָלעקטיוו לייב לוריע, וועלכער האָט לויט דער רעזשיסערישער טראַקטירונג פון מיכאָעלסן אופגעפירט אין ווילנע דעם ספעקטאַקל „פריילעכס".

אַפן אָוונט זײַנען דעמאָנסטרירט געוואָרן פראַגמענטן פון פילמען און ספעקטאַקלען, אין וועלכע ס'איז פאַרהיט געוואָרן דאָס אומפאַרגעסלעכע געשטאַלט פון דעם גרויסן אַרטיסט.

אין פאָיע פון אַקטיאָרן־הויז איז אײַנגעאָרדנט געוואָרן אַ פאָטאָ־אויסשטעלונג, אַף וועלכער עס זײַנען עקספאָנירט געוואָרן אַ רײַ אוניקאַלע פאָטאָגראַפיעס פון מיכאָעלסן אין פאַרשיידענע פעריאָדן פון זײַן לעבן: מיכאָעלס צוזאַמען מיט די באַרימטע סאָוועטישע אַרטיסטן שטשוקין, קאַטשאַלאָוו, באַרסאָווע, מיכאָעלס און אַלבערט איינשטיין אאַ.

●

אינעם אָדעסער הויז פון פאָלקס־שאַפונג איז פאַרגעקומען אַ גרויסער מיכאָעלס־אָוונט, אַף וועלכן עס זײַנען אַרויסגעטראָטן דער פאָלקס־אַרטיסט פון פססר וו. וואַסילקאָ, דער קאַנדידאַט פון קונסט־וויסנשאַפטן א. גרין און דער דיכטער כאַנע ווײַנערמאַן.

דער רעזשיסער מ. רודיאַק האָט פאָרגעלייענט אין דער רוסישער איבערזעצונג אַ דערציילונג פון אירמע דרוקער, געווידמעט מיכאָעלסן. צום שלוס האָבן די אַרטיסטן פון אָדעסער דראַמאַטישן טעאַטער אַפן נאָמען פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע באַוויזן אַ סצענע פון „טעוויע דער מילכיקער".

מיכאיל שאָלאָכאָוו

(צום זעכציקסטן געבורטסטאָג)

דעם 19 סעפּטיאַבער 1923 איז אין דער מאָסקווער צייַטונג „יונאָשעסקאַיאַ פּראַוודאַ“ פאַרעפֿנטלעכט געוואָרן א פעליעטאָן „דער אויספּרוּוו“, אונטערגעשריבן מ. שאָלאָך. אזוי באַשיידן האָט אָנגעהויבן זייַן ליטעראַרישע טעטיקייַט איינער פון די גרעסטע שרייַבער פון אונדזער צייַט מיכאיל שאָלאָכאָוו, וואָס זייַן זעכציקסטן געבורטסטאָג (דעם 24 מייַ) מערקן מיר איצט אָפּ.

אין פיר יאָר ארום נאָכן דערמאָנטן פעליעטאָן איז דערשינען דער ערשטער בוך פון דער עפּאָפּיי „דער שטילער דאָן“. דאָס איז געווען א ווערק פון א גרויסן שרייַבער, וועלכער לייגט דורך נייַע וועגן אין דער ליטעראַטור. אפילו איצט איז שווער צו גלייבן, אז א צוויי־און־צוואַנציקיאָריקער אָנפאַנגער האָט געקאָנט שאַפן א בוך מיט אַזאַ רייַכן היסטאָרישן, אידייִש־פילאָסאָפישן אינהאַלט, מיט אַזויפיל פאָלקס־כאָכמע, מיט אַזעלכע אייגנאַרטיקע טיפּן און געשטאַלטן, מיט דערשיטערנדיקע דראַמאַטישע און טראַגישע גורלען, מיט קאָמפּליצירטע סאָציאַלע, נאַציאָנאַלע, שטייגערישע און פּסיכאָלאָגישע קאָליזיעס.

פון דעמלט אָן איז יעדער שאָלאָכאָווס ארויסטרעטונג א געשעעניש אין דער סאָוועטישער און אין דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור. פאַר די יאָרן 1927—1940 דערשייַנען די ווייַטערדיקע דרייַ ביכער פונעם ראָמאַן „דער שטילער דאָן“. פאַר דער זעלבער צייַט שאַפט שאָלאָכאָוו אויך זייַן צווייט קלאַסיש ווערק „אויפגעאַקערטע רויערד“ (1930—1932). אין 1943 פאַרעפֿנטלעכט ער דעם ערשטן בוך פון דער עפּאָפּיי „זיי האָבן זיך געשלאָגן פאַרן היימלאַנד“ און אין 1956 די דערציילונג „דער גורל פון א מענטשן“. אין 1960 — דעם צווייטן בוך „אויפגעאַקערטע רויערד“, וואָס זעצט פאָר די קינסטלערישע פאַרקערפּערונג פון דער קאָלעקטיוויזאַציע־טעמע.

מיכאיל שאָלאָכאָוו איז, נאָך גאָרקין, דער גרעסטער רעאַליסטישער קינסטלער אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור. אין זייַנע ווערק האָט ער אָף א געניאַלן אויפן פאַרקערפּערט די גרונט־עטאַפּן פון דער רעוואָליוציע: דעם אָקטיאַבער־אויפשטאַנד און דעם בירגערקריג („דאָנער דערציילונגען“, „דער שטילער דאָן“), די איבערגעשטאַלטונג פונעם סאָוועטישן לעבן אָף סאָציאַליסטישע יעסודעס („אויפגעאַקערטע רויערד“), די גרויסע פּאַטערלענדישע מילכאָמע („זיי האָבן זיך געשלאָגן פאַרן היימלאַנד“, „דער גורל פון א מענטשן“).

די קראַפט פון עמעסדיקייַט אינעם שילדערן דאָס לעבן פונעם פאָלק, און צוזאַמען דערמיט דאָס לעבן פונעם איינצלנעם מענטשן, דאָס איז, קאָן מען זאָגן, דער אוניווערסאַלער פּרינציפּ פון שאָלאָכאָווס שאַפן. שאָלאָכאָווס עמעס איז האַרב און שרעקלאָז. דער הומאַניזם פונעם קינסטלער, זייַן ליבע צום פאָלק, די קאָמוניסטישע פאַרטייִשקייַט דיקטירן אים דעם ניט־צוגעפּוצטן עמעס אין באַשרייַבן דאָס לעבן. שאָלאָכאָווס טאַלאַנט איז דער טאַלאַנט פון עכטן פאָלקס־עמעס וועגן דעם גרויסן קאַמף פאַר א גערעכטיק מענטשלעך לעבן. דער קינסטלערישער עמעס אנערקענט ניט קיין צופאַסלערייַ, קאָניונקטורישקייַט, קיין פּסעוודאָ־אָפּטימיזם, קיין באַלעבעסלדיקע זעלבסטצופרידנקייַט. שאָלאָכאָווס קונסט איז דראַמאַטיש, טראַגיש, אָבער פול מיט גלויבן אין די קויכעס פונעם פאָלק און פונעם מענטשן.

מיכאיל שאָלאָכאָוו איז איינער פון די נאָוואַטאָרס אין דער הייַנטצייַטיקער ליטעראַטור. ער האָט ניט בלויז אַנטדעקט פאַר דער וועלט דעם ביז אים ניט באַוווּסטן שטייגער פון די דאָנער קאָזאַקן, נאָר אויך געשאַפן פיל טיפּן און געשטאַלטן, נייַע מענטשלעכע כאַראַקטערן, וואָס זייַנען שוין איצט אָף שטענדיק פאַרבליבן אין דער ליטעראַטור. גריגאָרי מעלעכאָוו, אַקסיניע, נאַטאַליע, דאַווידאָוו, נאַגולנאָוו, שטשוקאַר, סאָקאָלאָוו — דאָס איז בלויז א קליינע טייל פון די געשטאַלטן, וואָס זייַנען ניט נאָר באַוווּסט, נאָר אויך באַליבט בא די סאַמע ברייטסטע לייענער. שאָלאָכאָווס העלדן זייַנען געזונטע פאָלקס־מענטשן, וואָס ווייסן פון ·עכטע מענטשלעכע לייַדנשאַפטן — ליבע און האַס, אַרבעט און קאַמף. לויט דער קראַפט פון טיפּיזירן און אינדיווידואַליזירן א געשטאַלט שטייט שאָלאָכאָוו אין איין ריי מיט די גרעסטע קינסטלער פון אונדזער צייַט. אָבער שאָלאָכאָוו האָט געגעבן ניט בלויז טיפּן פון מענטשן. ער האָט אויך געשאַפן דאָס קאָלעקטיווע בילד פונעם פאָלק אין דער עפּאָכע פון דער רעוואָליוציע.

זייַענדיק א גרויסער נאָוואַטאָר, איז שאָלאָכאָוו איינצייַטיק ענג פאַרבונדן סייַ מיט די רומפולע נאַציאָנאַלע טראַדיציעס פון דער רוסישער קלאַסישער ליטעראַטור, סייַ מיט די אינטערנאַציאָנאַלע טראַדיציעס פון דער אַלוועלטלעכער ליטעראַטור. לויט דער מייַסטערשאַפט פון אויסבויען א קאָמפּליצירטע פילפלאַניקע סטרוקטור פון א פאָלקס־עפּאָפּיי דערנעענטערן זיך זייַנע ווערק צו די ברייטע עפּישע לייַוונטן פון ל. נ. טאָלסטאָי; לויט דער שאַרפקייַט פון סאָציאַלע און פּסיכאָלאָגישע קאָליזיעס, לויטן טראַגישן אָנגלי אין דער שילדערונג פון היסטאָרישן פּראָצעס דערמאָנט שאָלאָכאָווס עפּאָס די טראַגעדיעס פון שעקספּירן, פון דער אַנטישער ליטעראַטור; לויט דער קראַפט פון פאָלקס־הומאָר, פון לעבנסלוסטיקן פאָלקס־אָפּטימיזם, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין קאָמיזם פון שפּראַך, פון סיטואַציע און כאַראַקטער, פילט זיך די שטאַרקע קרויוועשאַפט פון שאָלאָכאָוון מיט גאָגאָלן; לויט די פּאָעטישע בילדער פון דער נאַטור, לויט די רייַכע רוסישע פייזאַזשן אין שאָלאָכאָווס ווערק איז ניט שווער צו פעסטשטעלן די טורגעניעווישע טראַדיציע און עפשער אפילו ווירקונג; און, לעצטנס, לויט דער רייַכקייַט פון דער פאָלקס־שפּראַך, לויט איר עמאָציאָנעלער לייַדנשאַפטלעכער אָנגעזעטיקטקייַט שליסט זיך שאָ־

לאַכאָוו אָן אין דער ריי פון די סאַמע באַדייַטנדיקסטע מייַסטערס פון דער רוסישער ליטעראַטור.

שאָלאָכאָווס שאַפונג איז אַ מעכטיקער זייַל פון דער אַלוועלטלעכער רעאַליסטישער קונסט אין קאַמף קעגן מאָדערניזם. אין דער מייַרעוו־אייראָפּעיִשער קונסט האָט דער מאָדערניזם (אַבסטראַקציאָניזם, עקזיסטענציאַליזם אאַ.) ווידער אופגעהויבן דעם קאָפּ פאַר די לעצטע יאָרן. ניט בלויז די בורזשואַזע רעאַקציאָנערע ליטעראַטור און עסטעטיק פירט לעצטנס אַן אָפענעם קאַמף קעגן דער רעאַליסטישער ליטעראַטור און קונסט, באַזונדערס קעגן דעם סאָציאַליסטישן רעאַליזם. אַפילע אין די רייען פון דער פּראָגרעסיווער ליטעראַטור זייַנען איצט פאַראַן באַלאַנגים צונויפצופאָרן רעאַליזם מיט מאָדערניזם, ל. נ. טאָלסטאָיען — מיט פראַנץ קאַפקע, מאַקסים גאָרקין — מיט דזשעמס דזשויסן. אונטער דעם צייכן פון קאַמף קעגן סטאַלינישן דאָגמאַטיזם מאַכן אייניקע טעאָרעטיקער און עסטעטיקער (אשטייגער, די פראַנצויזישע עסטעטיקער ראָזשע גאַראָדי און אַ. זשיסעלברע) פּרווון צו רעאַביליטירן די מאָדערניסטישע ליטעראַטור אַלס „געזעצלעכן" טייל פון דער קונסט, וועלכן מע דאַרף דערלערנען און יאַרשענען און אָן וועלכן עס איז קלוימערשט אומעגלעך צו שאַפן די נייַע קונסט. דערבייַ פּרוּוון זיך די דאָזיקע טעאָרעטיקער סוימעך זייַן אַף דער שאַפונג פון אַזעלכע קינסטלער, ווי מאַיאַקאָווסקי, מייערכאָלד, ברעכט, פּיקאַסאָ אאַ.

די סאָוועטישע ליטעראַטור קאָן ניט מאַסקים זייַן מיט אַזעלכע עסטעטישע קאָנצעפּציעס. זי איז געווען און איז געבליבן אַ ליטעראַטור פון רעאַליסטישן עמעס, פון רעוואָליוציאָנערער נאָוואַטאָרישקייַט, און אין קאַמף פאַר אַזאַ ליטעראַטור און קונסט איז שאָלאָכאָווס שאַפונג אַ מעכטיק געווער.

מיכאיִל שאָלאָכאָוו איז אַנערקענט אין דער גאַנצער וועלט. און קיינער צווייפלט ניט, אַז ער וועט נאָך שאַפן ניט איין באַדייַטנדיק ווערק, וואָס וועט באַרייַכערן די ליטעראַטור פון אַלע פעלקער.

ה. ראָזען

כראָניק

ניט פאַרגעסן, ניט מויכל זייַן!

עס איז געוואָרן 20 יאָר, זינט די סאָוועטישע אַרמיי האָט באַפרייַט דעם טויט־לאַגער אָשווענטשים, ווו די פאַשיסטישע הענקערס האָבן פאַרניכטעט מיליאָנען אומשולדיקע מענטשן פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן.

דעם 11 אַפּרעל איז אַף דער טעריטאָריע פונעם געוועזענעם לאַגער פאָרגעקומען אַ מאַניפעסטאַציע, אין וועלכער עס האָבן אָנטייל גענומען 30 טויזנט מענטשן. יעדן פון זיי האָט פאַרייניקט דער רוף: „ניט פאַרגעסן, ניט מויכל זייַן!".

די אָנטיילנעמער פון דער מאַניפעסטאַציע האָבן איינשטימיק אויסגעדריקט זייער אַנטשיידענעם פּראָטעסט קעגן דער מעכילע־פּאָזיציע פון דער באָנער רעגירונג אין דער פראַגע פון באַשטראָפן די היטלעריסטישע מילכאָמע־פאַרברעכערס.

אין דעם טאָג איז אין אָשווענטשים פאַרלייגט געוואָרן אַ שטיין פאַר אַ דענקמאָל די אומגעקומענע אין דעם טויט־לאַגער.

צווישן די פאָרשטייער פון פאַרשיידענע לענדער האָט זיך געפונען אַ דעלעגאַציע פונעם סאָוועטישן קאָמיטעט פון מילכאָמע־וועטעראַנען: דער גענעראַל אַ. גאָנטשאַראָוו, די געוועזענע אָשווענטשים־קאַצעטלער אַ. לעבעדיעוו און יע. בעלאָסטאָצקאַיאַ („נאַטאַשאַ") און דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאַנד" אַ. ווערגעליס.

בייס די געדענק־טעג, געווידמעט דעם 22־טן יאָרטאָג פונעם העלדישן אופשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, האָבן אין די פייַערלעכע אָוונטן און באַגעגענישן, ווי אויך בא דער צערעמאָניע פון לייגן קרענץ באַם דענקמאָל די געטאָ־קעמפער, זיך באַטייליקט די סאָוועטישע ייִדישע שרייַבער אַרן ווערגעליס, הערש פּאָליאַנקער און שלוימע ראַבינאָוויטש.

אין בוקאַרעשטער ליטעראַטור־פאַרלאַג איז דערשינען אַן אַנטאָלאָגישער זאַמלבוך „אופשטייַג", אין וועלכן עס זייַנען פאָרגעשטעלט ווערק פון פיר און דרייַסיק ייִדישע שרייַבער, וואָס האָבן געלעבט אין רומעניע אין פאַרלויף פון די לעצטע הונדערט יאָר. אינעם זאַמלבוך זייַנען אייַנגעשלאָסן ווערק פון וועלוול זבאַרזשער, אַווראָם גאָלדפאַדען, מוישע אַלטמאַן, עליִעזער שטיינבאַרג, מוישע לאַקס, יאַנקעוו שטערנבערג, איציק מאַנגער, מייער ריספּלער, י. ווײַדנפעלד, יעכיִעל שרייַבמאַן, שימשן פערסט, י.־ל. ברוקשטיין, מאָטל סאַקציִער, דאָוויד רובין, הערץ ריוווקין, ש״ס ראָמאַן, זעליק באַרדיטשעווער, וואָלף סאַמבור, ס. בראָנשטיין, י. קאַרא, ליטמאַן ווינגדער, י. ראָזענהעק, ל. בערטיש, י. בערקאָוויטש, עפראַיִם בליי, רעלי בליי, יאַנקל יאַקיר, קובי וואָל, אַ. עוויין, ה.־ל. קאַזשבער, יאָסל לערנער, יוינאָסן שניידער, י. האָראָוויץ, מ. בוויומאָוויטש, מייער שטערנבערג.

דער צונויפשטעלער פון דער אַנטאָלאָגיע איז דער שרייַבער מייער ריספּלער.

אין יערושאָלאַיִם זייַנען אויסגעשטעלט געוואָרן פאַרשיידענע אַלטערטימלעכקייַטן פון דער טקופע פון דער ייִסראָעל־מעלוכע, וועלכע זייַנען אַנטדעקט געוואָרן בייס אַרכעאָלאָגישע גראָבונגען אין טייל־אַראַד.

צווישן די עקספּאָנאַטן געפינען זיך בריוו, געשריבן אַף שערבעלעך, וואָס זייַנען אַנטדעקט געוואָרן אין די צימערן פון אַ פעסטונג, וואָס האָט עקזיסטירט אין אַרעד אין זיבעטן יאָרהונדערט פאַר דער קריסטלעכער ציילונג.

די דאָזיקע פעסטונג האָט כאָרעוו געמאַכט נעבוכאַדנעצער מעלעך באַווע. דאָס איז געווען די זעקסטע פעסטונג אין אַרעד נאָך פינף פריִער אויסגעבויטע ענלעכע פעסטונגען, צווישן זיי איינע, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן דורך שלוימע האַמעלעך.

אין דער דאָזיקער פעסטונג האָט שלוימע האַמעלעך געבויט אַ בייס־האַמיקדעש לויטן מוסטער פון בייס־האַמיקדעש אין יערושאָלאַיִם.

מוישע אלטשולער

„מילכאָמע״

פערעץ מארקישעס פּאָעמע „מילכאָמע״ איז דער לעצטער פארעפנטלעכטער בא זײַן לעבן בוך.

די גרויסע פּאָטערלענדישע מילכאָמע, וועלכער ס׳איז געווידמעט דאָס דאָזיקע באַדײַטנדיקע ווערק מארקישעס, איז געווען א העלדישער בלוטיקער געראנגל פאר דער מענטשלעכקײַט פון דער מענטשהײַט.

פערעץ מארקיש האָט געוווסט דעם סאָציאַלן מעהוס פון אָט דער מילכאָמע, ער האָט דאָס געוווסט און האָט אונדז געזאָגט: די פאשיסטישע גערמאניע איז דער שאַליַיך פון דעם אינטערנאציאָנאלן קאפּיטאל, איז דער גוילעם, וואָס דער אימפּעריאַליזם האָט ארויסגעלאָזט צו רויבן, שענדן און פארוויסטן די וועלט. „זײַן מאיעסטעט דער קאפּיטאל״, וואָס האָט פון גערמאניע אויסגעשמאָלצן דעם דאָזיקן גוילעם, האָט אים געזאָגט:

„— גיי פרעס! פארדארב, רײַס אוף!
אף אומגליק גיי! לאָז מיטן טויט זיך אין
גערוויכער! —
און אף דער ערשטער פײַערלעכער פרווו
דערלאנגט מע האָט אים גלײַך
טשעכאָסלאָוואקיע אין מינכען!״

ווען אָבער דער פאשיזם האָט דעם שטריק זײַנעם ארופּגעוואָרפן „איבערן גאָרגל פון די זעכצן רעפּובליקן״, דאַן איז אין א טויט־סאקאָנע געשטאנען די גאנצע וועלט, אלע פעלקער; ווען אף מאָסקווע אָנגערוקט האָט זיך די געפאר, איז דאָס געווען א געפאר „זיך אָפּשטעלן דאָס הארץ זאָל פון דער מענטשהײַט״.

דאָס זאָגט אונדז מארקיש אף די לעצטע זײַטן פון זײַן פּאָעמע, ער זאָגט עס שוין נאָך דעם, ווי ער האָט עס אונדז באוויזן אף די פריערדיקע זײַטן, און אף די ווײַטערדיקע באשטעטיקט ער עס ווידער און ווידעראמאָל אין מײַסטערהאפטע בילדער און געשטאלטן. מיר זעען פאר זיך דעם פארצעף פונעם סוינע אין זײַן גאנצער העסלעכקײַט און נישטיקײַט. אָבער ניט ער איז די הויפּט־פיגור אין דער „מילכאָמע״. דער העלד פון דער פּאָעמע, פונקט ווי פון דער מילכאָמע, איז דער סאָוועטישער מענטש, דאָס סאָוועטישע פאָלק.

גרויס איז דער פלאצדארם פון דער מילכאָמע, און פארשיידנארטיק זײַנען אירע פאָרמען. זי ווערט געפירט אף דער יאבאָשע און אפן וואסער, אין דער לופט און אף דער ערד, אין זאוואָד, אין וואלד און אין פעלד, אין די טויט־לאגערן און אין די געטאָס. אומעטום פירט אונדז מארקיש. ער באווײַזט אונדז אלע זיבן אָפּטיילן פונעם פאשיסטישן גענעם, ער באווײַזט אונדז דעם שוידערלעכן טויט פון פרויען, קינדער און זקיינים, ער באווײַזט עס אזוי איבערצײַגנדיק, אז באם לייענער אנטשטייט די פראגע וועגן דער מוירעדיקער מעטאמאָרפאָזע:

„אזויפיל צײַט געענדערט די נאטור האָט זיך,
ביז פון דער מאלפּע זי דעם מענטש האָט
אויסגעשטײַערט,
און זיי, ווי שנעל זיי האָבן עס אָרגאניזירט
דעם צריקמארש — פון דעם מענטשן צו
דער כײַע!״

די פערסאָנאזשן פון דער פּאָעמע — קלאָפּס, פאָן שפּעק און די אנדערע פאשיסטישע ברוים — זײַנען אידעס, אז אזא צוריקמארש האָט דער פאשיזם ווירקלעך דורכגעמאכט און אז זײַן „נײַע אָרדענונג״ דראָט דער גאנצער מענטשהײַט.

מארקיש פירט אונדז, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, דורך אלע אָפּטיילן פון פאשיסטישן גענעם. מיר זעען זקיינים, קינדער און פרויען אונטער א האָגל בלײַ פון פליִענדיקע פארדארבער און א פרישן קייווער אפן וועג, בא וועלכן ס׳שטייט א מאן, „ווי א מאצייווע מיט אן אופשריפט פון דעם אורואלט״; ארום איז פײַער און טויט, אזוי אז דעם אָוול, דעם קיִעווער דאָקטער צווי מארגוליס, דוכט זיך, אז די וועלט גויסעסט, אז:

„ווי ליכט געצונדענע צוקאָפּנס בא דער וועלט
האָבן זיך סרייפעס אין פארטאָג ארײַן געהויבן״.

מיר זעען פארלאָזענע שטעט און דערפער, ווײַל:

„די כײַע איז ארײַן אין שטאָט,
און מענטשן לויפן אין די וועלדער!..״

און אן איינזאמען אלטן טאָפּאָל באם דניעפּער, אן אלטן רוסישן פויער סאדאָווסקי זעען מיר, א געוועזענעם לייבגווארדיע־סאָלדאט, וואָס

„אים איז פון פאנשטשינע געבליבן נאָך א שפור
און פון מילכאָמעס דרײַ — פארצירעוועטע
טראמען״.

ער איז אַליין א שטיק געשיכטע פון רוסלאַנד: „גע־
שלאָגן האָט זיַין טאַטע זיך בא סעוואַסטאָפּאָל“, „געשלאָגן
האָבן זיך אין פּאָרט־אַרטור“, ער האָט זיַינע אייניק־
לעך שוין אַמאָל אין שלאַכט באַגלייט קעגן דיַיטש, און
„עס שלאָגן זיך זיַינע אורייניקלעך אַצינד“.

ער, דער אַלטער, געבליבן איז אַן אַוול אין דעם אָפּגע־
שטאָרבענעם יישעוו באם דניעפּער. ער ווייסט אָבער:

„אַז ס׳גייט אין ביידע זיַיטן דאָ דער וועג —
אי קיין ראַסיי אי קיין גערמאַניע!“.

ער גלייבט, אַז „מיר וועלן פריַיער דאָס דריטע מאָל
אַריַינגיין קיין בערלין, איידער זיי וועלן ס׳ערשטע מאָל
אַריַין קיין מאָסקווע“.

וויַיטער וועט אונדז מאַרקיש באַוויַיזן ביידנס קינדער:
צווי מאַרגוליסעס זון — דעם פליִער אבראַם מאַרגו־
ליס אין קאַמף קעגן די רויב־פייגל, און דעם אַלטן
סאַדאָווסקיס אוריייניקל — דעם קאַפּיטאַן אַלעקסיי סאַדאָוו־
סקי אף פאַרשיידענע פראָנטן פון דער פאָטערלענדי־
שער מילכאָמע. אויך דעם דאָקטער צווי מאַרגוליס וועלן
מיר נאָך טרעפן לעבן דעם קאַפּיטאַן סאַדאָווסקי, אין זיַין
מיליטער־טייל, אַלס אַקטיוון קעמפער. מיר וועלן אים
זען אין פאַרשיידענע מילכאָמע־אומשטענדן — אין אַרומ־
רינגלונג און אין אַנגריף, אין פעלד־שפּיטאָל — א שפּי־
טאָל אָן ווענט און אָן א דאַך, אין פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד
און אין געטאָ, אין טויט־לאַגער און אין די שלאַכטן בא
דער וואָלגע.

מאַרקיש מאָלט אונדז וויַיטער סאָוועטישע מענטשן
אין אַרומרינגלונג. אויך דאָ בליַיבן די סאָוועטישע קריי־
גער — סאָלדאַטן פונעם סאָציאַליזם.

מאַרקיש שילדערט די סאָוועטישע מענטשן אין
זייער געראַנגל מיט דער דיַיטשישער כיַיע בא מאָסקווע,
בא דער וואָלגע, באם דניעפּער און בא בערלין — אף
פאַרשיידענע פראָנטן און אין פאַרשיידענע שלאַכטן. מיר
זעען זיי אין הינטערלאַנד באם סוינע, מיר זעען זיי
אפן פראָנט. דאָס איז דער קאַפּיטאַן אַלעקסיי סאַדאָוו־
סקי, א געוועזענער אַגראָנאָם, דער אינזשעניער אַוואַדיס,
גוראַריע — דער וויסנשאַפט־טוער, לעווין — דער שניַי־
דער, מאַרגוליס — דער פליִער, מאַרגוליס — דער דאָק־
טער, די פּויערים מאַנציס, אַרלאָוו, פּערעליאַט, דראָזד,
סעמיבראַט, מאַמעדאָוו, סאַפּאַדי, די פינף ברידער ראַקיטא
און זייער פאָטער, דער מאַטראָס קאַרעלין, דער סעקרע־
טאַר פון אונטערערדישן פּאַרטיי־קאָמיטעט וואַסילי
דוב — איר זעט זיי אַלעמען אין די באַדינגונגען פון
בלוטיקן קאַמף. דאָס זיַינען, נאַטירלעך, פאַרשיידענע
פּערזענלעכקיַיטן, אָבער דורכויס פּערזענלעכקיַיטן, פאַר־
שיידענע כאַראַקטערן, אָבער דורכויס כאַראַקטערן. קווי־
דעמקאָל זיַינען עס מענטשן, לעבעדיקע מענטשן.

דעם אינזשעניער אַוואַדיס, דעם זון פון א בּיראָבּידזשאַ־
נער פליטן־טריַיבער, זעען מיר אין פאַרשיידענע לעבנס־
פאַרהעלטענישן.

איינער פון מיליאָנען סאָוועטישע מענטשן, האָט ער זיך
א לאָז געטאָן אין פאָלקס־אָפּאָלטשעניע:

„ער איז געגאַנגען מיט פריַינט פון יונגטלעכע
טעג
אין גרויסן גורל פונעם פאָלק זיך א פאַרליר
טאָן“.

די שווערע בלוטיקע שלאַכטן אפן פראָנט, וועלכע אים
איז אויסגעקומען דורכצומאַכן, קעדיי אַרויסצוריַיסן זיך
פון דער אַרומרינגלונג אין די ערשטע כאַאָשים פון דער
מילכאָמע, דערמאָנען אים אין די אַנדערע שלאַכטן —
שלאַכטן פון פרידנס־ציַיט:

„אָ, סאַראַ סימכע ס׳איז געווען, ווען, ווי אין
שלאַכט,
האָט ער, א טויזנטלער, געטראָגן זיך קיין
מאָסקווע
די פעסטונג שטורעמען פון וויסן און געדאַנק
אינייַנעם מיט א דאָר א גאַנצן פון דער יוגנט...“

אַוואַדיס ווייסט געשיכטע. ער ווייסט דעם שווערן וועג
פון קאַמף און בּויונג, פון קאַמף פאַר בּויונג און בּויונג
פאַר וויַיטערדיקן זיגריַיכן קאַמף. ער ווייסט, מיט וואָס
פאַר א מעסירעסנעפעש און ליבע צו פריַיהיַיט דאָס
פאָלק האָט זיך געשלאָגן פאַר דער פריַיהיַיט, זי צו דעראָ־
בערן און איַינצוהאַלטן (בּירגערקריג):

„געשלאָגן, ווי פאַר א געליבטער, האָט זיך
דאַן דאָס פאָלק,
און איצט, קאָמאַנדיר, ווי פאַר א מאַמע מיט
די קינדער!“

און אָט איז ער אַן אָנטיילנעמער פון דער גרויסער
שלאַכט בא דער וואָלגע. דער סוינע, ווייסט ער, איז בלוט־
דורשטיק און ווילד, א סאַך מעלוכעס זיַינען שוין צע־
טראָטן און געשענדט פון אָט דער ווילדער באַשעפעניש,
אָבער ס׳איז ניטאָ אַזא קראַפט אין דער וועלט, וואָס זאָל
קאָנען אָנטאָן ווידער דעם יאָך אף די באַפריַיטע פעלקער
פונעם לאַנד פון סאָציאַליזם, וויַיל

„ס׳איז קיינמאָל נאָך אַזוי ניט שיין געווען דאָס
פאָלק,
און קיינמאָל אַזוי הייליק ניט געווען איז נאָך
זיַין פריַיהיַיט,
ווי איצט, ווען ס׳איז זיַין גורל — שלאַכט,
און אָפּפער פאַרן גליק זיַין יעדער טראָט איז...“

אויך אַלעקסיי סאַדאָווסקין זעען מיר פון די ערשטע
זיַיטן פון דער פּאָעמע ביז די לעצטע. א יונגער אַגראָנאָם,
וואָס שטאַמט פון די טיפע פאָלקס־שיכטן („זיַין טאַטע
האָט נאָך געטריבן א פּאָראָם, פאַרזוכט די פּאַנטשטשינע
האָט קינדוויַיז נאָך זיַין זיידע“), א קאָמוניסט, וואַרט ער
ניט, אַז מע זאָל אים רופן אין דער אַרמיי — דער פּאַר־
טיי־בּילעט זיַינער איז א „געזעצלעכע פּאָוועסטקע“. אף
דער פראַגע פון זיַין פרוי, צי האָט מען אים שוין אַרויס־
גערופן, ענטפערט ער: „איך בין אַן אייגענער! קיין איַינ־
לאַדונג באַדאַרף איך ניט, וואַסיאַנע!“. מיר זעען סאַדאָוו־
סקין אין דער אַרמיי, אין דער פיַינטלעכער אַרומרינג־
לונג, א גרייטן „דעם קלעם כאַטש מיט די ציין אַדורכ־
צוהאַקן“, אַרום אים טריַיע זין פון פאָלק, איבערגעגע־
בענע סאָוועטישע מענטשן — דער פאַרטאַרג מאַנציס,
אַוואַדיס, סעמיבראַט, מאַמעדאָוו, דראָזד, לעווין, טאַניע,
צו אים קומט פון „יענער־וועלט“ און בליַיבט אין זיַין
טייל גוראַריע.

פונקט ווי קימאַט יעדער סאָוועטישער מענטש, טראָגט
סאַדאָווסקי אין האַרצן, כוץ די ליידן פון זיַין פאָלק,
וואָס האָט איצט אויסצושטיין אַזעלכע ניסיוינעס, אויך
א פערזענלעכן צאַר: זיַין פאַמיליע איז געבליבן באם
סוינע אין די הענט. ער הערט ניט אויף צו טראַכטן וועגן
זיַין וואַסיאַנע און קוקט ווידער און ווידער אַריַין אינעם
איינציקן בריוו, וואָס ער האָט באַוויזן צו באַקומען פון

איר און פון זײַן זיבניאָריק זונעלע וואָראָביי, ער קוקט מיט טרערן אין די אויגן אפן געמעל, וואָס אפן ראַנד פונעם בריוו, „דאָס שטיבעלע — א לעבעדיקס, ווי ס'שטייט באם דניעפּער", ער בענקט: „צי וועט ער זיי אמאָל נאָך זען צי ניין?" (ער וועט עס מיט דער צײַט זיך דערוויסן: קיינמאָל וועט ער זיי מער ניט זען, וואַסיאָנע און זײַן זון האָט דער דײַטשישער טאַליען אופגעהאנגען צוזאמען מיט זיבן ידישע קינדער, וועלכע זי האָט באהאלטן בא זיך אין שול). יאָ, קאַפּיטאַן סאַדאָווסקי בענקט אהיים:

„און קיינער איז מיט דעם אים שיידן ניט
אימשטאַנד,
ווי קיינער קאָן מיט זײַן געדאַנק אים ניט
צעשיידן.
ס'איז היים. ס'איז ערד. ס'איז לאַנד.
ס'איז מוטער, קינד און זיידעס..."

דאָס איז — געפיל פון היימלאַנד, און וואָס שטאַרקער דאָס געפיל איז, אלץ אנטשיידענער, אלץ פעסטער דער ווילן צו באפרײַען דאָס לאַנד פונעם סוינע, אלץ מער איז ער גרייט אָפּצוגעבן דאָס אייגענע לעבן פאַר גליק פונעם היימלאַנד. און ווען סאַדאָווסקי זעט וואַסילי דראַזדן, א ליבן אוקראַינישן באָכער, א דרייסטן קעמפער, ווי ער גייט אום פון בוים צו בוים און „טוליעט זיך צו יעדן שטאַם, ווי צו א מאַמע", פילט ער זייער גוט זײַן געמיט:

„— עפּעס געטראָפן, דראָזד? אנו, בראַטאָק,
איז לאָמיר הערן!
— ס'איז גאָרניט, כאַווער קאַפּיטאַן... איך
טראַכט פון אונדזער דאָרף.
און דאָ, ווײַזט אויס, וועט אויסקומען
געהאַרגעט ווערן...".

און סאַדאָווסקי ענטפערט:

„—נו, יאָ, מע ווערט געהאַרגעט אויך...
געוויס. און ווער עס ווערט דאָרט בלויז
פאַרוווּנדעט...
עס איז דאָך ניט קיין כאַסענע — ס'איז דאָך
א קריג,
נאָר פון א קריג אויך אומקערן א העלד
סע קאָן זיך...".

מיר זעען שפּעטער אי סאַדאָווסקין, אי דראָזדן אין שלאַכטן בא דער וואָלגע, באם דניעפּער, און מיר איבערצײַגן זיך: די העלדישקײַט פונעם סאָוועטישן מענטשן איז גויווער דעם טויט.

סאַדאָווסקי, פּונקט ווי אָוואַדיס, שלאָגט זיך פאַר דעם באָלשעוויסטישן עמעס און קוקט אַרײַן טיף אין דער געשיכטע, ווו עס וואָרצלען זיך די יעסוידעס פון אָט דעם עמעס. דער דאָזיקער עמעס:

„ער איז אנטשטאַנען אין יאָרהונדערטן פון
שטרײַט.
געבענטשט פון שטיבלעך אָרעמע קעגן
פּאַלאַצן און באַטריגער,
און איז אדורך אונטער די שפּיצרוטן פון צײַט
מיט אופגעהויבענע, מיט אויסגעשפּרייטע
פליגל".

. . . .

„איז ער אדורכגעגאַנגען דורך ראַזינס
אָפּגעהאַקטן קאָפּ
און דורך געקעפּטע טרוימען פון די
דעקאַבריסטן".

. . . .

„אין לייד און ליכט אין אָנגעזאָפּטער פון דער
וועלט,
האָט ער דער וועלט אנטפּלעקט זיך אין
געשטאַלט פון לענין!".

און ווײַל ער איז אזוי איבערצײַגט אין לענינס עמעס און ווײַל ער ווייסט, ווי טײַער דאָס פאָלק האָט פאַר אים באַצאָלט, פאַרטיידיקט ער מיט אזא מעסירעסנעפעש יעדעס בערגעלע בא סטאַלינגראַד, דערפאַר קלינגט זײַן קאָמאַנדע אזוי איבערצײַגנדיק גרויזאַם:

„און ס'איז אין אָט דעם בערגעלע דאָס גאַנצע
לאַנד,
און שטרעקן דאַרף מען לאָזן זיך פאַר דעם
די העלדזער,
אז אויב פון דאָרט זיך עפּנט פאַר דעם
פײַנט דער קאַנט,
פאַרמאַכט פאַר רוסלאַנד און פאַר אלעמען
די וועלט זיך!".

ער ווייסט, אז „עפּשער פאַר א קיווער איז עס אים באַשערט, נאָר אויסער דעם איז אין דער וועלט איצט גאָר נישטאָ מער".

נאָענט לעבן סאַדאָווסקין שטייט אָוואַדיס, שטייט גוראַריע, שטייט דער דאָקטער מאַרגוליס.

גוראַריע אין מאַרקישעס פּאָעמע איז ניט נאָר א זייער אינטערעסאַנט געשטאַלט. גוראַריע איז א פּראָבלעם. גוראַריע, א ידישער קולטור־טוער, א קאָמוניסט, וואָס האָט שוין איין מאָל אויסגעפּילט זײַן באָלשעוויסטישן כויוו צו שלאָגן זיך קעגן דעם פאַשיזם — געקעמפט אין שפּאַניע, פאַלט אין די ערשטע שווערע טעג פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע אַרײַן אין געפאַנגענשאַפט. ער בלײַבט לעבן. מיט אים איז געשען א „נעס". ער איז אופגעשטאַנען א לעבעדיקער פון דער גרוב, ווו ס'זײַנען געבליבן ליגן טויזנטער פאַרפּײַניקטע ידן. מיט דער הילף פון א רוסישן פּויער קומט ער אין סאַדאָווסקיס מיליטער־טייל, ער קומט ווי א מענטש „פון יענער־וועלט". גוראַריע געפינט אין סאַדאָווסקין גיך א טרײַען כאַווער און קאָמאַנדיר. די גרוב האָט אָבער א קער געטאָן גוראַריעס געדאַנק צו דער געשיכטע פון ידן, צו די גרויסע ניסיוינעס, וואָס זײַן פאָלק האָט געהאַט אויסצושטיין און בײַצושטיין:

„די גרוב איז ווי א באַרג פון אומעטום
אָן אָפּענע געגאַנגען אים אנטקעגן...
און נאָכגעגאַן אים, ווי אווילים, זײַנען טעג,
די לעצטע טעג פון אָפּגעוועלקטן זומער".

גוראַריען הייבן אָן מאַטערן געדאַנקען וועגן דעם, פאַרוואָס איז אזא דער גוירל פון זײַן פאָלק. דער „סאָטן" וויל אים אײַנריידן, אז ער איז נאָר א „שאָכן בא דער וועלט", אז דער גוירל פון זײַן פאָלק איז „פון יעדן אומגליק זײַן די שולד, פון יעדן אופבלי די געפאַר זײַן, די האַק זאָל שטענדיק זײַן גערעכט און זײַן באַרעכטיקט זאָל דער אכזער". אזעלכע געדאַנקען קומען אוף, ווען ס'עפּענען זיך פאַר אים די קוואָרים פון די פאַרפּײַניקטע,

ווען ער לייענט אין א פארבליבענער שול פון אן אויסגעקוילעטע שטעטל די אופשריפטן, וועלכע עס האָבן איבערגעלאָזט נאָך זיך די צו פּײַן און טויט פארורטיילטע אף די גרויע ווענט אופשריפטן, וואָס

„איבערגערופן האָבן זיי זיך פון דער ווײַט,
פארטרויט
מיט שטומען וואלד־געוואָי אין ווינטיקן
געכוואליע
פון פארטיזאנער פון פארפּײַניקטע צום טויט“.

גוראריע זעט, דאכט זיך, דעם צוזאמענהאנג צווישן דעם אויסגעקוילעטן שטעטל און די צום טויט פארפּײַניקטע פארטיזאנער, ער זעט דעם צוזאמענבונד צווישן אנטיסעמיטיזם, וועלט־פארקנעכטונג און בארויבונג, און דאָך מאטערט אים דער געדאנק, צי איז דאָס ייִדישע פאָלק ניט קיין „אויסגעווײלטס“ צו פּײַן און אויסקויפונג פון די זינד פון דער וועלט.

סאָפקאָלסאָף קומט גוראריע צו־זיך און געפינט זײַן היילונג אין שלאכט קעגן די פאשיסטישע הענקער. ווען גוראריע שלאָגט זיך האנט־בא־האנט מיט סאדאָווסקין, מיט דראָזדן, מיט לעווינען, מיט פערעליאָטן בא מאָסקווע, פילט ער:

„ניטאָ פאר ווי זײַנעם אין גאָר דער וועלט איז
אזא זאלב,
ווי אָט די שלאכט! מיט רויטארמייער —
פלייצע נעבן פלייצע!
. . . .
ער האָט! ער האָט א היים! א לאנד און אלץ!
ער האָט א כיילעק אין די שלאכטן אונטער
מאָסקווע!“.

גוראריע פארגעסט ניט די גרוב, ער צערײַסט ניט זײַן בונד מיט די הארוגים, — ער באטראכט זיך אָבער ווי א שאָליִעך־ציבור זייערער. „זיי האָבן אים אויסגעריכט אין וועג“, פארזאָגט, אז אין זײַן קאָל „ניט זײַן זאָל קיין געוויין גאָר“.

ער ווייסט, וואָס פאר א צושטײַער יעדעס פאָלק גיט פאר „ברידערלעכקײַט הייליקער פון פעלקער“. ער האָט דען ניט געזען:

„אז פויערס רוסישע אונטער געפאר פון טויט
איבערגעטאָן האָבן פארפאָלגטע אין די אייגענע
די לעצטע קליידער“.

און וואָס שײַעך מיִעסקײַטן, זײַנען מײַז פאראן אומעטום: „אין קלויסטערס, און אין שולן, און אין שײַערס“:

„צי האָט דזשאָרדאנאָס לייבן־קאָפּ ניט אָפּגעהריזעט
דען א מויז?
צי האָט ניט אָפּגעהריזעט דען א מויז דעם
קאָפּ בא גאליליי‌ען?“.

גוראריע בלײַבט קאָמוניסט און קעמפט ווי א קאָמוניסט. ער בלײַבט אינטערנאציאָנאליסט און פארשטייט, ווי צו שעצן סאדאָווסקין, ווי צו שעצן דאָס רוסישע פאָלק. דער רוסישער קאָמוניסט סאדאָווסקי זאָגט גוראריען, מיט וועלכן ער האָט צוזאמען אין קאמף־מארש אף דײַטשלאנד באזוכט דעם באבי־יאר: „מיר וועלן זיי, גוראריע, שנײַדן היינט באנאכט, מיר וועלן זיי דעם טאָל דעם דאָזיקן דערמאנען...“.

עס זיגט אין גוראריען דאָס לעבן. דאָס באשטעטיקט דאָס לעצטע זײַטל פון דער פּאָעמע, וואָס באווײַזט גוראריען מיט א קינד אף די הענט. אים דוכט זיך, אז עס זאָגט אים: „טאטע!“.

מיר האָבן געזאָגט: גוראריע איז א פּראָבלעם. יאָ, גוראריע איז זייער א רעאל געשטאלט און גלײַכצײַטיק קימאט א סימבאָל. ער איז ארויס א לעבעדיקער פון א ברודער־קייווער, ער איז אָבער טיף פארוואונדעט, און גראָד אין דעם געפערלעכסטן אָרט — אין דער נעשאָמע. בא א פאָלק, וואָס האָט אין איין טויטן־גרוב באגראָבן זעקס מיליאָן זײַנע קינדער, איז ניט נאָר ארויסגעריסן א שטיק פלייש פון לײַב; דאָס פאָלק האָט באקומען, אָן סאָפעק, אויך א טיפע פסיכישע וואונד — א וואונד פון סקעפּסיס, פון פארשארפטער נאציאָנאלער עמפינדלעכקײַט, וואָס קאָן פארוואקסן ווערן מיט ווילדפלייש פון נאציאָנאליזם.

מארקיש שטעלט פאר אונדז די דאָזיקע פּראָבלעם און ווײַזט דעם וועג פון איר לייזונג: אקטיווער קאמף פארן סאָוועטישן היימלאנד, פארן קאָמוניזם צוזאמען מיט אלע אנדערע פעלקער פונעם סאָוועטנפארבאנד אונטער דער אָנפירונג פון דער קאָמוניסטישער פארטיי — אָט איז דאָס אקטיווסטע הייל־מיטל קעגן נאציאָנאליזם. די ווירקונגסקראפט פון אָט דעם מיטל זעען מיר ניט נאָר אפן בײַשפּיל פון גוראריען, וואָס האָט, ווי געזאָגט, פארמאָגט אין זיך גענוג קעגנגיפט, נאָר אויך אפן בײַשפּיל פון אזא מענטשן, ווי דער דאָקטער צווי מארגוליס, וואָס איז געווען פון פריִער געניינט צו אזא כאלאס. זײַן נאציאָנאליזם איז געגאנגען אין פאָר מיט זײַן גאנצן וועלט־באנעם. אין דער היים איז ער געווען א בורזשואזער הומאניסט, אין טויטן־לאגער דוכט אים, אז ער איז אף דער וועלט בלויז „אן אוירעך אין דער פרעמד“, און ערשט אין פײַער פון שלאכט הייבט אָן זײַן געדאנק אויסצולײַטערן זיך — ער ווערט א קעמפער פאר אינטערנאציאָנאליזם און דער באוווסטזײַן קומט צו אים צוזאמען מיט דער טאט.

א סאך פּאָשעטע מענטשן באווײַזט אונדז מארקיש, וואָס זײַנען עמעסע ריזן טאקע אין זייער פּאשטעס: ראקיטא מיט זײַנע פינף זין, מעפאָדי און זײַן זון, דראָזד, גאלינע, קארעלין, מאמעדאָוו, לעווין, מאלאניע, פערעליאָט, וואסילי דוב און נאָך און נאָך.

אין איוואן ראקיטא און זײַנע פינף זין האָט מארקיש קינסטלעריש פארקערפּערט דעם העלדישן רעוואָליוציאָנערן רוסישן ארבעטער־קלאס, וואָס האָט אין אקשאָנעסדיקן קאמף געשאפן די ארבעטער־מעלוכע, געבויט און אויסגעבויט דעם סאָציאַליזם, מיט לײַב־און־לעבן אים פארטיידיקט און צום טריִומף געבראכט.

די טעמע געטאָ איז אן אָרגאנישער טייל פון מארקישעס פּאָעמע. די ייִדישע געטאָ, באווײַזט דער דיכטער, איז א מין רעפּעטיציע פון דעם, וואָס די פאשיסטישע ראָצכים האָבן געוואָלט מאכן מיט דער וועלט, ווען זיי וואָלט געלינגען צו פארווירקלעכן זייערע מענטשנפרעסערישע פּלענער.

ווען כאנינע דער צירולניק טראָגט זײַן שפּיגל אין געטאָ,

„זיך אָפּגעשפּיגלט האָט אין אים דער הימל
און די שײַן,
דער גאנצענער ארום האָט זיך אין אים
ארײַנגעבעט דאָרט,
און ס'האָט געדאכט, אז ס'טראָגט די וועלט ארײַן
כאנינע דער צירולניק אין דער געטאָ“.

מארקיש באווײַזט אונדז אָבער ניט נאָר די טראגעדיע פון אומקום אין געטאָ, נאָר אויך דעם פּאַטאָס פון קאַמף. און ניט נאָר דעם קאַמף קעגן דעם פאשיסטישן הענקער, נאָר אויך דעם אינערלעכן קאַמף, דעם קאַמף קעגן דעם אלטן ראבאָנישן: „ס׳איז פאראן א דין“, קעגן דעם נאַציאָנאַליסטישן, פארן פאָלק פאטאלן פאסיוון „קידעש־האשעם“. דעריבער טאקע קלינגט אזוי ריין, מיט אזא וועקנדיקן קלאנג דאָס וואָרט פון דער שמידערײַ (דאָס קאפיטל „דאָס וואָרט באקומט די שמידערײַ!“):

„שוין ניט פרי און נאָך ניט שפעט,
אויס האכנאָע! אויס געבעט!
אויסגעצערטע ביז צום ביין,
אויס טאנייסים! אויס געוויין!
דורכגעיאָגטע קאליסטרוי,
אויס טאכנונים! אויס פארטרוי!
דורכגעספּירטעוועט אין האס.
אויס מיט באָבעמײַסעס, אז:
וואָס מיר זײַנען, זײַנען מיר,
אָבער ייִדן זײַנען מיר!“.

מארקיש מײַדט ניט אויס צו ענטפערן אויך אף איינער א שמערצלעכער פראגע, וואָס עס האָט ארויסגערופן און רופט נאָך ארויס א פארדינטן שארפן אינטערעס. דאָס איז די דערשײַנונג: „ייִדנראט“. מיר זעען אים מיט אלע זײַנע טראגישע ווידערשפּרוכן, און מיר בארעכטיקן גליקס אויספיר:

„— דער ייִדנראט האָט אופגעפאָדערט גיין
אף טויט,
און מיר — מיר וועקן אוף אף גיין זיך שלאָגן“.

מארקישעס רײַכע בילדערישקײַט דינט אפן בעסטן אויפן פאר א פארקערפּערונג פון דער אידיי, און דעריבער איז זי עמעס קינסטלעריש און קינסטלערישער עמעס. אלס באשטעטיקונג קאָנען געבראכט ווערן צענדליקער קאפּיטלען פון דער פּאָעמע. דאָס קאפיטל „דער מיף אפן דניעפּער“ — דער אפּאָטעאָז פון העראָישן קאַמף פונעם העראָישן פאָלק — איז, לויט אונדזער מיינונג, אויך דער אפּאָטעאָז פון מארקישעס שאפן. דאָס, וואָס איז געשען „אין דער דאָזיקער נאכט“, איז בעעמעס לעגענדאר, און דעריבער טאקע הערן מיר דאָ בא מארקישן דעם ווידערקאָל פון „ויהי בחצות הלילה“[1]. אָבער וואָס פאר א גילגל דער מיף האָט דורכגעמאכט! פון א הימן דעם ריבוינע־שעל־אוילעם פאר זײַנע ניט געשטויגענע, ניט געפלויגענע ניסים ביז א הימן דעם פאָלק פאר ווירקלעכע וווּנדער. מע וואָלט געדארפט ברענגען א מוסטער, איז עס קימאט אומעגלעך: איבערדרוקן דאָס גאנצע קאַפּיטל וואָלט מען געדארפט.

בא דער געלעגנהײַט דארף געזאָגט ווערן, אז פארוואנדלונגען פון ווערטער און באגריפן, וואָס באקומען א נײַעם אינהאלט, א נײַע קוואליטעט, טרעפן מיר בא מארקישן ניט זעלטן. זיי באווײַזן נאָר, אז מארקיש האָט געוווּסט, וויאַזוי צו באגיין זיך מיט יערושע, ער האָט געוווּסט, וואָס צו יארשענען. קאדעש איז בעפּיירעש, דאכט זיך, א רעליגיעזער באגריף, אָבער ווען מיילעך מאנציס דערוויסט זיך אף זײַן טריבן עוואקואציע־וועג וועגן דעם העלדישן טויט פון זײַן זון, וואָס האָט פון א דײַטשישן טראָפּיינעם טאנק אוועקגעלייגט א גאנצע ראָטע דײַטשן, און ווערט געוווירע, „אז יעדן טאָג רופט מען זײַן נאָמען אקוראט אויס“, פארטײַטשט ער דאָס פאר זיך: „דאָס הייסט, אז ס׳זאָגט דאָס פאָלק נאָך זײַן בעניאָכיד קאַדעש“. דער „קאדעש“ כאראקטעריזירט ניט נאָר זייער טרעפלעך דעם אלטן מאנציס רייד־ארט. ער האָט דאָ באַקומען ניט נאָר א נײַעם אינהאלט, ער איז מעגולגל געוואָרן אין א נײַעם דערהויבענעם באגריף — קאָלעקטיווע פארהייליקונג פונעם אָנדענק פון א העלד.

די פעלדער פון סאָוועטנפארבאנד האָט דער פאשיזם געוואָלט מאכן פארן בעסוילעם פון דער מענטשהײַט, אין די פײַערן פון סאָוועטישע שטעט און דערפער האָט ער געוואָלט פארברענען איר קולטור. אין די גריבער פון באבי־יאר האָט ער געוואָלט באגראָבן די פרײַהײַט, מיט די פידלען פון צום טויט פארורטיילטע קלעזמער האָט ער געוואָלט באגלייטן צום טויט די מענטשלעכע קונסט.

די מענטשהײַט איז אָבער ניט אומגעקומען. געראטעוועט האָט זי די העלדישקײַט פונעם סאָוועטישן פאָלק, און זי וועט ניט אומקומען, ווײַל עס עקזיסטירט דער מעכטיקער לאגער פון סאָציאַליזם.

איצט, ווען די פינצטערע קויכעס שטויסן די וועלט צו אן אטאָם־קאטאסטראָפע, ווען די אופלעבנדיקע פאשיסטישע בריִע קריכט ארויס פון איר הייל, קלינגט מארקישעס פּאָעמע ווי אן איבערצײַגנדיקע וואָרענונג: „ניט פארגעבן, ניט פארגעסן!“

[1] ווײַהי באכצויס האלײַלאָ — עס איז געווען אין מיט נאכט.

מוישע נאָטאָוויטש

יאשע בראָנשטיין

ניט צופעליק האָט דער יונגער יאשע בראָנשטיין, וואָס איז אזוי שטורמיש ארײַן אין דער קריטיק, אויסגעקליבן אלס טעמע פון זײַן דיסערטאציע די שאפונג פון אווראָם־אורי קאָוונערן — דעם „ייִדישן פיסארעוו“.

בראָנשטיין האָט אויך, ווי קאָוונער, פארמאָגט א נאטור פון א „צוימען־ברעכער“. נאָך אין דער קינדהײַט, אין 1912—1913, אין עלטער פון 15—16 יאָר האָט ער צוזאמען מיט כאוויירים ארויסגעגעבן אין דער בעלסקער שול א געשריבענעם פון דער האַנט זשורנאל „באפרײַונג“, אין 1919 יאָר גייט ער פרײַוויליק אוועק אין דער רויטער ארמיי, אין פײַער פון בירגערקריג. נאָכדעם קומען די יאָרן, ווען „אין ארבפאקן, אין פארטיי־שול, אין קאָמוניסטישע אוניווערסיטעטן בײַסן מיר, — ווי ער שרײַבט אינעם ארטיקל „וועגן זיך און אזוינע ווי איך“, — דעם פעלדז פון וויסנשאפט מיט יונגע פאראקשנטע ציינער“. ענדלעך דערזעען מיר אים אזא, ווי ער וועט שוין אָף שטענדיק פארבלײַבן אין אונדזער זיקאָרן, — א קאָמוניסט, א פײַערדיקער רעדנער און שרײַבער, א ליטעראטור־קענער און קריטיקער, א פראָפעסאָר פון מינסקער פעדאגאָגישן אינסטיטוט, א מיטגליד־קאָרעספאָנדענט פון דער ווײַסרוסישער וויסנשאפט־אקאדעמיע.

שטודירנדיק די געשיכטע פון דער קונסט־קריטיק, האָט בראָנשטיין דערזען, ווי „אָפט פלעגן אין אירע פולווערקעלערן געצונדן ווערן בונטארישע קנויטן“. אין שײַן פון אָט די „בונטארישע קנויטן“ האָט ער אויך דערזען אווראָם־אורי קאָוונערן.

ביז בראָנשטיינען איז קאָוונערס לעבנס־געשיכטע געווען קימאט בלויז א סענסאציע־טעמע. בראָנשטיינען האָט גערעגט דאָס געשטאלט פונעם „ייִדישן פיסארעוו“. ער האָט אין קאָוונערס ביאָגראפיע דערזען די טיפישע שטריכן פונעם „ערשטן ייִדישן „ראזנאָטשינעץ“, און וואָס איז באזונדערס וויכטיק — ער האָט דערזען אין קאָוונערן אן אומבעשאָלעמדיקן קעמפער קעגן אידייענלאָזיקײַט אין דער ליטעראטור.

אָפּווארפנדיק בא קאָוונערן די עקסטרעמע אופאסונג פון שרײַבער אלס „מײַסטערס פון וואָרט־ארבעט“, וואָס שאפן לידער לויט „א פלאַן“ און לויט „א באשטעלונג“, שעצט אָבער בראָנשטיין קאָוונערס ליטערארישע אָנשווינגען, ווען ער לאכט אויס די „זינגער פונעם פארליבטן נאכטיגאל“, וועלכע שרײַבן „לידער צוליב לידער“, לייגנדיק זייער זעלטן „אכט אָף דער אידיי פון דער ליד“. ער שעצט קאָוונערס פאָדערונג, אז די ליטעראטור זאָל זײַן „א שול פון לעבן“, קאָוונערס שארפע קריטיק פון דער בורזשואזער האסקאָלע־סכאָלאסטיק, זײַן דעמאָקראטיזם, געזעלשאפטלעכן טעמפעראמענט, זײַן מעכטיקן „צולאָכעס“, מיט וועלכן ער שטעלט זיך קעגן די העברעיִשע „מעליצע־קנאקער“ און „קאסרילעווקער עסטעטן“.

בראָנשטיינס ארבעט וועגן קאָוונערן האָט פארטיפערט אונדזער פאָרשטעלונג וועגן דער דעמאָקראטישער טראדיציע אין דער ייִדישער ליטעראטור פון די 60־ער יאָרן. קאָוונער איז ניט אראָפּגעפאלן פון הימל, ער האָט ניט „ארײַנגעשלעפט פאר די האָר“ דעם ניהיליזם אין דער

יאשע בראָנשטיין

ייִדישער ליטעראטור. בראָנשטיין האָט באוויזן, ווי דער אלגעמיינער געזעלשאפטלעך־פּאָליטישער אופברויז אין רוסלאנד האָט דיפערענצירט אויך די רייען פון דער ייִדישער האסקאָלע.

נאָך בראָנשטיינס ארבעט וועגן קאָוונערן האָט די ליטעראטור שוין אנדערש געקוקט אָף א ריי ליטעראטור־היסטאָרישע פאקטן פון די 60־ער יאָרן. מייער ווינער פארצייכנט אין זײַן בוך „צו דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראטור אין XIX יאָרהונדערט“, אז „קאָוונער, אן אָנהענגער פיסארעווס, האָט דאָ מיט זײַן שארפער קריטיק מענדעלען א סאך געהאָלפן. ער האָט מענדעלען געהאָלפן אוועקגיין פון די אבסטראקטע אידעאלן — צו די פאָלקס־מאסן, צו זייער לעבן און זייערע נויטן, צום לעבעדיקן לעבן“.

בראָנשטיין וואָלט געוויס נאָך א סאך געקאָנט אופטאָן אין געביט פון פאָרשן די ייִדישע ליטעראטור פון פאָריקן יאָרהונדערט, נאָר ער האָט זיך מער צו דער ליטערארישער פארגאנגענהײַט ניט אומגעקערט. זײַן אינטערעס איז דורכויס געווען געווענדט צו דער הײַנטצײַטיקער ליטעראטור.

נאָך דער ארבעט וועגן קאָוונערן, וואָס בראָנשטיין האָט פארעפנטלעכט אין מארט 1930, דערשײַנט דער בוך „אטאקע“, אין וועלכן ס׳זײַנען אופגעזאמלט זײַנע ליטעראריש־קריטישע ארטיקלען פון 1925—1930. די דאָזיקע ארטיקלען האָט בראָנשטיין געשריבן „אין ברען פון טאָגטעגלעכע שטרײַטן“. קעדיי צו באגרײַפן די „טעמפעראטור“ און דעם „טאָן“ פון אָט דעם בוך, איז נייטיק זיך באקענען מיט דער דעמלטיקער ליטערארישער אטמאָספער.

אין דער ייִדישער ליטעראטור־קריטיק זײַנען דאן אונטערגעפירט געוואָרן סאכאקלען פון די הייסע דיסקוסיעס ארום אונדזער „ליטערארישן ייִכעס“ — די ערשטע ייִדישע רעוואָליוציאָנערע דיכטער ווינטשעווסקי, עדעלשטאט, באָוושאָווער. די פאלאנגע יונגע ייִדישע ליטעראטור־קריטיקער, וואָס איינער פון אירע טאלאנטפולסטע פאָרשטייער איז געווען בראָנשטיין, שטייט פעסט אָף די פּאָזיציעס פון דער מארקסיסטישער מעטאָדאָלאָגיע. דער פאָרמאליזם האָט אלץ מער אָפּגעגעבן זײַנע פּאָזיציעס. נאָר

ווען־ניט־ווען האָבן זיך נאָך אין דער קריטיק געלאָזט הערן פאַרמאליסטישע רעצידיוון. בראָנשטיין קריטיקירט אל. פינקלס פאַרמאליסטישע ארטיקלען.

אין צענטער פון די ליטעראַרישע שטרייַטן זייַנען אופגעקומען נייַע פּראָבלעמען פון דער מארקסיסטיש־לענינישער ליטעראַטור־מעטאָדאָלאָגיע אין זייער קאָנקרעטער אָנווענדונג. עס האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט די דיסקוסיע וועגן פּסיכאָלאָגיזם און סכעמאַטיזם, וועגן דיאַלעקטיש־מאַטעריאַליסטישן שעפערישן מעטאָד אאַוו.

איצטער זעען אויס אייניקע פון יענע פּראָבלעמען ווי א „קינדער־קרענק" אין דער געשיכטע פון אונדזער קריטיק. נאָר דעמלט האָבן זיי אַרויסגערופן א סאַך לייַדנשאַפט סייַ באַם שרייַבער, סייַ באַם קריטיקער.

אַרן קושניראָוו האָט אין אָנהייב דרייַסיקער יאָרן דערמאָנט אין א ליד:

עס רוישן נאָך די שלאַכטן
אף אונדזער ליטפּלאַנעטע,
נאָר צייַט איז אויך באַטראַכטן
דעם שעפערישן מעטאָד.

איציק פעפער האָט געפאָדערט פון דער קריטיק, זי זאָל זייַן די „ערשטע ראַזוועדקע" אפן ליטעראַרישן פראָנט".

אָט דעמלט איז בראָנשטיין אַרויס אין „אַטאַקע" — קעגן פאָרמאַליזם, אַבסטראַקטער קונסט, „ליטעראַרישע גענעראַלן" און אַמאָל אויך... קעגן פּוסטע ווינטמילן...

יאָ, זייַן קריטיק האָט באַ אַלע אירע מייַלעס געהאַט „שפּרענקעלעך", נאָר דאָס האָט ניט קיין שייַכעס צו דעם „שלעכטן שעם", וועלכן ער האָט געהאַט אין „אייניקע קרייַזן" פון אונדזער ליטעראַטור. אין די ברייטע ליטעראַרישע קרייַזן האָט בראָנשטיין באַקומען א גוטן שעם פון א באַגאַבטן סאָוועטישן קריטיקער.

וועגן מאַרקס' אָנשויונגען אין פראַגן פון ליטעראַטור און קונסט האָט בראָנשטיין אָנגעשריבן א ספּעציעלע אַרבעט. אין פלעכאַנאָווס אַרבעטן וועגן ליטעראַטור האָט ער זיך געפילט, „ווי באַ זיך אין דער היים" (אין די צוואַנציקער יאָרן איז בראָנשטיין געווען אונטערן אייַנפלוס פון דער „פּלעכאַנאָווישער אָרטאָדאָקסיע". שפּעטער הייבט ער זיך אָן באַציִען צו איר קריטיש). אַלס קריטיקער האָט ער צוגעצויגן דעם לייענער מיט זייַן אייגנאַרטיקן פּאָלעמישן סטיל. זייַנע אַרבעטן צייכענען זיך אויס מיט זייער שאַרפזין, מיטן בילדעריש־פּובליציסטישן עלעמענט, מיט געפליגלטע אויסדרוקן, גענומענע פון שפּראַך־פאַרקער, מיט וואָרט־קאַלאַמבורן, שאַרפע קולטור־אַסאָציִאַציעס.

אָבער שוין דעמלט איז אין זייַן טאָן אויך געווען אַזוינס, וואָס האָט אַרויסגערופן דערווידערונג. פּאָלעמיזירנדיק מיט איין קריטיקער, האָט ער אָפט זיך ניט געקאָנט באַגיין אָן א „שטויס אין דער זייַט" דעם אַנדערן. ניט שטענדיק באַגרינדעט איז געווען זייַן קריטישע שטעלונג צו י. דאָברושינען. אומזיסט האָט בראָנשטיין, ליטוואַקאָווס שילער, פאַרגעוואָרפן זייַן לערער, אַז ער „זיצט קלוימערשט אין אַן אַריסטאָקראַטיש־טאַלמידכאָכעמישן אויבער־שטיבל און וואַרט, ביז עס וועט פאַרטיק ווערן אַן „עכטע", ניט קיין „געמאַכטע" ליטעראַטור". ליטוואַקאָוו האָט געלערנט בראָנשטיינען, ווי מע דאַרף בויען אַן עמעסע ליטעראַטור. ער האָט אים אָנגעוויזן אף דער אומדערלאָזבאַרקייַט זיך באַניצן מיט „שרעק־ווערטער" אָן אַן „ערנסטן גרונט קעגן כאַווערים, וועלכע אַרבעטן מיט אונדז צוזאַמען מיט פולער איבערגעגעבנקייַט".

בראָנשטיין האָט זיך פיל פאַרנומען מיט סטיל־פּראַגן פון דער נאָכאָקטיאַבערישער ייִדישער ליטעראַטור. אין די צוואַנציקער יאָרן האָט ער פאַרעפנטלעכט דרייַ אַרבעטן: „דער סטילן־קאַמף אינעם פּעריאָד פון מיליטערישן קאָמוניזם", „סטיל־זוכענישן" און „אף די וועגן צו דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור (עטאַפּן)".

צום אַנאַליז פון סטילן־קאַמף אין אונדזער ליטעראַטור אין די יאָרן 1917—1921 באַניצט ער זיך צוציִען א גרויסן מאַטעריאַל פון די דעמלטיקע ייִדישע צייַטונגען, זשורנאַלן, איינמאָליקע אויסגאַבעס. שטודירנדיק „די ערשטע אופבליצן פון סטיל־בונטן" און אופכאַפּנדיק די „מינדסטע רעוואָליוציאָנערע סטיל־דעמאָנסטראַציע אין דער טראַנספאָרמאַציע פון זשאַנרען, מאָטיוון, געשטאַלטן, סטיליסטיק", פּרוּווט ער פעסטשטעלן די פעדעם, וואָס פאַרבינדן די ייִדישע פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור אין פּעריאָד פון מיליטערישן קאָמוניזם, פון איין זייַט, מיט דער עלטערער ייִדישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור פון די 80־ער און 90־ער יאָרן. אינטערעסאַנט זייַנען בראָנשטיינס באַאָבאַכטונגען, וויאַזוי דער טראַדיציאָנעל־באָוושאָווערישער געוויכער־פּייזאַזש ווערט איבערגעפלאָכטן מיט נייַעם לירישן פּייזאַזש, וואָס שפּילט אַזאַ ראָליע אין כאַריקס און פעפערס לידער וועגן בירגערקריג.

אינטערעסאַנט איז בראָנשטיינס פעסטשטעלונג, אַז דער גאָר יונגער זעליק אַקסעלראָד איז טרייַ דער באָוושאָווער־טראַדיציע, ווען ער גייט אַרויס אין א „טיטאַנישן געוועט מיט גאָט". (צוזאַמען מיט אַקסעלראָדן „שטורעמט דעם הימל" אויך כאַריק אף די זייַטן פון „וועקער" אין 1921).

צו אָט דער טראַדיציע פאַררעכנט בראָנשטיין אויך די „פּאָעזיע" פון פיל שוואַכע דיכטער, וואָס זייַנען, אַזוי צו זאָגן, טרייַ געבליבן דעם גראַם „פּאָן" — „רעוואָליוציאָן".
„פּאָן — רעוואָליוציאָן, — האָט געשריבן בראָנשטיין, — אַזוי האָט זיך אויך געגראַמט אין לעבן". די דעקלאַראַטיווע דיכטערישע פּרימיטיווקייַט איז געווען, לויט זייַן מיינונג, באַדינגט מיט „אָביעקטיווע סאָציאַלע סיבעס".

דער גראַם „פּאָן" — „רעוואָליוציאָן" איז אָבער אָפּטמאָל געקומען ניט אַזוי פון די „אָביעקטיווע סאָציאַלע סיבעס", ווי פון... דיכטערישער אומבאַהאָלפנקייַט.

אינגיכן האָט בראָנשטיין אַליין זיך איבערצייַגט דערין. די ייִדישע סאָוועטישע פּאָעזיע איז אַוועק אַזוי ווייַט אין איר אַנטוויקלונג, אַז ס'האָט ניט געהאַט קיין שום זין צו אַרויסווייַזן פּאַטאָס פאַרן פּרימיטיוו.

אין זייַנע אַרטיקלען „סטיל־זוכענישן" און „אף די וועגן צו דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור (עטאַפּן)" פּרוּווט זיך בראָנשטיין אופדעקן די נאָוואַטאָרישע קוואַליטעט פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, וואָס איז „א נייַע ליטעראַטור, מיט נייַע אָרגאַניזיר־פּרינציפּן, מיט א נייַער פּסיכאָ־אידעאָלאָגישער ציל־אייַנשטעלונג, מיט נייַע פאָרם־געזעצן — האַקלאַל, מיט א נייַעם סטיל".

די פּראָבלעם פון ליטעראַרישער טראַדיציע ווערט איצט אופגעפאַסט דורך בראָנשטיינען ניט גראָדליניק. ער זעט אויך דעם „צינש", וואָס די יונגע נאָכאָקטיאַבערדיקע ייִדישע (און ניט נאָר ייִדישע) פּראָזע האָט די ערשטע יאָרן געצאָלט דער אַלטער „דינאַסטיע פון ליריק": לירישער כאַאָס פון קאָמפּאָזיציע, אָפּהעזנהייַט פון לעבעדיק־דיאַלאָגישער אינטאָנאַציע, איבערפלוס פון באַשרייַבערישע סטאַטישע מאָטיוון אָנשטאָט דינאַמיש־פּאַבולדיקער האַנדלונג אאַוו.

ריידנדיק וועגן די סטיל־זוכענישן און טענדענצן אין דער אַנטוויקלונג פון דער יונגער סאָוועטישער פּראָזע,

וואָס רײַסט זיך פון סכעמאַטישקײַט צו פּסיכאָלאָגישער פּאַרטיפּטקײַט, ווײַזט בראַנשטיין אָן אפן דראנג פון א ריי נאָכאָקטיאבערישע יִדישע פּראָזאיִקער צו בערגעלסאָנען, צו זײַן אייגנאַרטיקער קינסטלערישער דעטאַל און שפּראַך־מײַסטערשאַפט.

די בערגעלסאָנישע האשפּאָע לאָזט זיך נאָך אדהײַעם פילן אין אונדזער פּראָזע. אַלס בײַשפּיל קאָן דינען עליע שעכטמאַנס ראָמאַן „ערעוו“, אין וועלכן דער אווטאָר האָט אייגנאַרטיק אופגענומען בערגעלסאָנישע ווירקונגען. שעכטמאַן איז דורכויס זעלבשטענדיק אין זײַן סטיל. ניט פאַרעלטערט בלײַבט דאָך בראַנשטיינס וואָרענונג, אַז דער „פּראָצעס פון יאַרשענען איז א דיִאַלעקטישער, א סטירעסדיקער“, און די, וואָס ווילן זיך ניט רעכענען דערמיט באם „יאַרשענען בערגעלסאָנען“, מוזן ארײַנפאַלן „אין די אָרעמס פון מעכאַנישער נאָכמאַכערײַ“.

אין יענע יאָרן, ווען בראַנשטיין האָט געשריבן זײַנע אַרטיקלען, האָט זיך נאָך געלאָזט הערן די קאָנסערוואַטיווע סײַנע, אַז פאַר ברייטער קינסטלערישער אָפּשפּיגלונג איז נאָך דאָס לעבן דערווײַל רוי, מע דאַרף צוּוואַרטן, ביז דאָס לעבן וועט זיך „אָפּזעצן“. די אומבאַגרינדעטקײַט פון אָט דער דיסטאַנץ־טעאָריע האָט בראַנשטיין באַוויזן מיט קאָנקרעטע בײַשפּילן פון דער ליטעראַטור גופא. כאַראַקטעריסטיש אין דעם צוזאַמענהאַנג איז כאַריקס דראַנג גראָד נאָך „רויערד, נאָך רוילעבן“, פון וועלכן ס'הערט זיך דער „אויסגעשריי פון וואַקסן“.

פאַר בראַנשטיינען איז „מיט לײַב און לעבן“ געווען ניט בלויז א נאָמען פון א פּאָעמע, נאָר א נײַער באַגריף אין דער ליטעראַטור. אין כאַריקס פּאָעמע האָט ער דערזען, ווי די פּאָעטישע שורע האָט באַקומען „לײַב און לעבן“ און „אָן אָטעם געטאָן מיט סאָציאַלער לײַדנשאַפט“. „מיט סאָציאַלער לײַדנשאַפט — סאַראַ וויכטיקער געווינס ס'איז פאַר א ליטעראַטור!“ — שרײַבט אויס דער קריטיקער.

בראַנשטיינס שענסטע אַרבעטן זײַנען געווידמעט כאַריקן. ער לאָזט ניט אַרויס פון אויג יעדן טראָט פון איזי כאַריקס גאַנג „אויף דער ערד“, זײַנע „קײַלעכדיקע וואָכן“. ער פאָרשט נאָך דעם וועג פון כאַריקס לירישן העלד, אָנגעהויבן פון יענער „געהיימניספולער“ פיגור, וואָס שלײַכט זיך דורך נאַכט איבער די געסלעך פון שטעטל, ווי א „פרעמדער גאַסט“, ביז זײַן אומקערן זיך „צוריק אַהיים“; פון די מאָטיוון „זאָל ברענען“ ביז צו די לירישע דערמאָנונגען פון שטעטלשן „קינדערשן אַמאָל“, ביז צו די טרוימען אָנצוטאָן דאָס שטעטעלע אין „שטיין און שטאָל“ — ביז צו די „לופטיקע הימלען, צעוויקלטע, קלאָרע“.

בראַנשטיין האָט געגעבן אַן אינטערעסאַנטן אַנאַליז פון כאַריקס פּאָעטישער פאָרם, פון זײַן אייגנאַרטיקער ריטמישער קלאַוויאַטור, פון זײַן פּייזאַזש, פאָלקסטימלעכקײַט, סטיליזאַציע. בראַנשטיינס אַרטיקלען וועגן כאַריקס פּאָעזיע זײַנען אַליין פּאָעטישע ווערק.

אין דער צײַט, ווען אייניקע קריטיקער האָבן, ווי קינדער אויף דער שול־באַנק, זיך פאַרנומען מיט ציילן בא דיכטער די עפּיטעטן און מעטאַפאָרן, די ווײַבלעכע און מענלעכע גראַמען, זאָגט בראַנשטיין אַרויס דעם וויכטיקן געדאַנק וועגן איינעם פון די הויפּט־קריטעריען פון דיכטערישן שאַפן: „דאָס באַוווּסטזײַן פון דער דיכטערישער אינדיווידואַליטעט, איר קולטור־הייך, — דאָס וועט מוזן ווערן אינעם נאָענטסטן פּעריאָד דער קריטעריִ פאַרן וווּקס פון אונדזער ליריק“.

אין פּאָעזיע זוכט בראַנשטיין קוידעמקאָל וועלט־אָנשויונג און וועלט־אויפפאַסונג, רײַכע דיכטערישע אינדיווידואַליטעט.

אַזאַ דיכטערישע אינדיווידואַליטעט, האַלט בראַנשטיין, איז אַרן קושניראָוו. זײַן „ברויזיקע רו“ איז א „סינטעז פון דער צײַט“. אַוואַדע פאַרדינען זײַנע גראַמען אויפמערקזאַמקײַט („אויף קושניראָווס נײַע גראַמען האָט זיך געלערנט א גאַנצער דאָר יונגע יִדישע פּאָעטן“), נאָר קושניראָווס מײַסטערשאַפט, ווי די מײַסטערשאַפט פון אַלע אונדזערע באַדײַטנדיקע דיכטער, דאַרף מען ניט שאַצן בלויז לויט די קלאָלים פון דער פאָרמעלער פּאָעטיק. אָן הויכער אידייִשקײַט וואָלט קושניראָוו ניט בלויז ניט „בײַגעקומען דעם רויש פון האַרבסטיקן געבלעטער“, נאָר אויך דעם שטאַמפּ פון „איבערזאָגן שוין געזאָגטע ווערטער“. קושניראָוו האָט געשאַפן אין אונדזער דיכטונג אַן אַטמאָספער פון געצוימטער לײַדנשאַפט, וואָס „מאַכט ניט קיין קוילעס“, נאָר „האַלט אָבער פעסט דעם לייענער אין אירע קלאַמערן“.

איינע פון די גרונט־מײַלעס פון בראַנשטיינס אַנאַליטישן מעטאָד באַשטייט דערין, וואָס די שאַפונג פון עפּעס שרײַבער באַטראַכט ער פון עפּעס שטאַנדפּונקט, אויף וויפל פּרינציפּיעל נײַ זי איז פאַר דער ליטעראַטור ביכלאַל. אין „טאָג אַנטקעגן“, לעמאָשל, איז ש. גאָדינער געגאַנגען נאָך דער סכעמע פון פּאַציפיסטישן מילכאָמע־ראָמאַן, נאָך דער סכעמע פון שילדערן די „גרויסע סטאַדע“ („ניט קעפּ, ניט פּענעמער, נאָר ברעטלעך אַזעלכע“), פון ווײַזן דעם קאַשמאַר פון „ערד־וואַמפּיר“. קאַשמאַר האָט פּײַנט דעטאַלן — דאָס איז אַן אַלטער קלאַל. בראַנשטיין גיט נאָך צו: „קאַשמאַר האָט פּײַנט אויך לאָשן, פאַרב“. ווען גאָדינער אָבער האָט אָנגעהויבן צעוויען דעם קאַשמאַר־נעפּל פון זײַן סימבאָליק („איוואַנגאָראָד“, „קאָמיסאַרן“, „רינגען“), איז געקומען די פּאַנאַנדערוויקלונג פון געשעענישן, דער שטייגער־פּייזאַזש. די שורע איז געוואָרן עפּישער, די מענטשן — ערדישער. און דאָס איז געווען א נײַס ניט נאָר פאַר גאָדינערן, נאָר אויך פאַר דער גאַנצער יִדישער סאָוועטישער פּראָזע.

דאָס מאָנאָגראַפישע אַרטיקל וועגן ש. גאָדינערן געהערט צו בראַנשטיינס געלונגענע פּרוּוון צו באַטראַכטן דעם שרײַבערס אידייִש־קינסטלערישע עוואָליוציע. בראַנשטיין האָט איינער פון די ערשטע פעסטגעשטעלט, אַז גאָדינער נעמט „פּאַמעלעך, אָבער זיכער א נײַעם קורס: א קורס צום קינסטלערישן רעאַליזם, צו סאָציאַל־דיפערענצירטן קאָנקרעט, צו פּאַבולרײַכן, גרויסן, סינטעטישן ראָמאַן“.

„יעדער פּרוּוו צו איגנאָרירן דיִאַלעקטיק, — האָט געשריבן י. בראַנשטיין, — ברענגט אומפאַרמײַדלעך צו אולטראַ־לינקער קוויטשערײַ“. דאָס איז עמעס, און יענע אַרבעטן, אין וועלכע בראַנשטיין האָט ניט איגנאָרירט די געזעצן פון דיִאַלעקטיק, האָבן פאַרהיט זייער באַדײַטונג ביז איצט. דעמלט אָבער, ווען ער האָט די „דיִאַלעקטיק“, אַליין ניט וויסנדיק דערפון, צוגעטראַכט צוליב סאָציאָלאָגישע סכעמעס, — דעמלט איז ער אויך ניט געווען פרײַ פון „אולטראַ־לינקער קוויטשערײַ“.

עס דערמאָנען זיך א פּאָר שוין לאַנג אָפּגערוישטע אַרטיקלען בראַנשטיינס — איינס וועגן בערגעלסאָנען, דאָס אַנדערע וועגן אָרלאַנדן.

בערגעלסאָנס „מידאַס האַדין“ לייענען מיר ביז איצט מיטן גרעסטן אינטערעס. בראַנשטיין אָבער באַהאַנדלט עס אויף אַזאַ אופן. רײַסט אַראָפּ פון פיליפּאָוון דעם שינעל און שלעפּט אים אַראָפּ פון פערד — און „פאַר אײַערע

אויגן בלײַבט שטיין א כאָים־מוישע פון „אָפּגאַנג“. און וואָס דערוויסן מיר זיך וועגן סאָפיע פּאָקראָווסקע — דער אָנפירערן פון עסעריש־באַנדיטישע אופשטאנדן, אכוץ דעם, אז זי „הינקט אונטער ווי א ווײַבל אין קליין־טראָגן“? וואָס ווייסן מיר וועגן דער „בלאָנדער“ — דער ווײַס־גוואַרדייִשער קוריערשע, אכוץ דעם, אז זי איז „א שטיק זאָכערטע“? „בערגעלסאָן קרעכצט אונטער דער לאַסט פון זײַן גרויסער יערושע“, — מאַכט דער קריטיקער אָן אויספיר; א סימען האָט איר, אז אין „מידאס האדין“ האָט בערגעלסאָן „פארבערגעלסאָנעוועט“ די רעוואָליוציע...

אַרלאַנדס „הרעבליעס“ איז מיט באַגײַסטערונג אופגענומען געוואָרן אין אונדזער ליטעראַטור. אויך בראָנשטיין האָט זיך וואַרעם אָפּגערופן וועגן די ערשטע קאַפּיטלען, ווי נאָר זיי האָבן זיך באוויזן אין דער „רויטער וועלט“. פאַר אַלעמען איז קלאָר געווען, אז אין דער פּראָזע איז געקומען א זאַפטיקער פּראָזאַיִקער. אויך בראָנשטיין איז געווען איבערצײַגט, אז אָט דאָס ווערק וועט אָן שום ספק זײַן אין אונדזער פּראָזע „א וויכטיקער מערקצייכן אפן וועג צו ווײַטערדיקן קינסטלערישן וווּקס“.

נאָר אָט זײַנען דערשינען אַרלאַנדס „הרעבליעס“ אין א בוך־פאָרם, און דאָס ווערק איז געוואָרן אַן אָביעקט פון סטילן־קאַמף, וואָס איז די „אַקס, — ווי עס דריקט זיך אויס בראָנשטיין, — אַף וועלכער ס׳דרייט זיך די געשיכטע פון יעדער ליטעראַטור“.

ארום אָט דער אַקס האָבן זיך דעמלט ניט אינגאַנצן געלונגען געדרייט אייניקע קריטיקער... אין כאַרקאָווער „שטערן“ פּרוּווט א. דאַמעסעק אופדעקן די „ראָמאַנטיש־קליינבירגערלעכע פּרוזשינעס“ פון אַרלאַנדס עקזאָטישער ליבע צו מאַרקאָ. כ. דונעץ קאָנסטאַטירט, אז די „באַהעפטונג צווישן מענטש און נאַטור“ אין אַרלאַנדס „הרעבליעס“ איז א קינסטלעכע, אז די נאַטור־צייכענונגען בילדן „פּאָעטישע אַפּליקאַציעס“.

נאָר מער פון אַלע האָט זיך בראָנשטיין אָוועקגעלאָזט אין „אַטאַקע“ קעגן אַרלאַנדס ראָמאַנטיק — „קעגן דער ליימענער פּיפּקע, קעגן קראַן־קריגעלעך!“ ניין, ניט דער העלד פונעם ראָמאַן, דער אינזשעניער גאָרן, וואָס קומט אין א פאַרוואָרפענעם פאַרבלאָטיקטן העק אין פּאָלעסיע דורכצופירן ברייטע מעליִאָראַטיווע ארבעטן, נאָר דער ליטעראַטור־קריטיקער בראָנשטיין נעמט אַף זיך די „אופגאַבע“ צו פאַרניכטן די בלאָטיקע „קראַן־קריגעלעך“ און מאַכן א סאָף צו דער פּאָלישוקישער „ליימענער פּיפּקע“... גאָרן, האַלט בראָנשטיין, איז ניט דער, וועלכער איז „באַרופן אָט די דאָזיקע דאָפּלט שווערע אופגאַבע צו לייזן“. אין דער „אָנגעגליטער אַטמאָספער פון קלאַסן־שטרײַטן“ דערזעט בראָנשטיין, אז אַרלאַנד פאַרנעמט זיך בלויז מיט „קאָלאָריסטישער יוּוועליר־שפּיל, מיט „גרינגעם שפּין“ און „בורשטינענעם פאָדעם“.

בראָנשטיין האָט דערפילט דעם געוויסן פּגאם, וואָס דער אימפּרעסיִאָניסטיש באַפאַרבטער קאָלאָריט פאַרכאַפּט אין אַרלאַנדס „הרעבליעס“ צופיל סוזשעטישן שעטעך און שוואַכט אָפּ דעם טעמפּ און די אינטענסיווקײַט פון דער אָנגעשטרענגטער האַנדלונג; נאָר די קראַפט פון „אַטאַקע“ דערגייט אזוי ווײַט, אז ס׳איז קימאַט ניט פאַרבליבן אזוינס אין אַרלאַנדס ראָמאַן, וואָס זאָל ארויסגאַנץ פון אונטער בראָנשטיינס פען — אָנגעהויבן פון גאָרנען און געענדיקט מיט דער ראָמאַנטיק פון „פּאָלעסיער קישעף“.

יאשע בראָנשטיין האָט געשריבן א סאַך, ער איז געווען אויסערגעוויינלעך ארבעטספייִק. אלס קריטיקער איז ער אַקטיוו ניט נאָר אין דער ייִדישער ליטעראַטור. א ריי אינטערעסאַנטע אַרטיקלען האָט ער געווידמעט גאָרקין און מאַיאַקאָווסקין, פורמאַנאָוון און ערענבורגן.

אין די יאָרן 1934—1937 אַרבעט בראָנשטיין פּרוּכטבאַר אין דער ווײַסרוסישער קריטיק. דעם 27 יול 1935 האָט די צײַטונג „פּראַוודאַ“ אָנגעהויבן דרוקן א סעריע ארבעטן וועגן די נאַציִאָנאַלע שרײַבער, אָנגעזעענסטע מײַסטערס פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור. דאָס ערשטע אַרטיקל איז געווען בראָנשטיינס וועגן דעם פאָלקס־שרײַבער פון ווײַסרוסלאַנד יאַנקאַ קופּאַלאַ.

אין 1937 יאָר דרוקט יאשע בראָנשטיין אָפּ איינע פון זײַנע לעצטע ארבעטן „פּושקין און די ווײַסרוסישע ליטעראַטור“.

בראָנשטיינס ארבעט אין געביט פון דער ווײַסרוסישער ליטעראַטור־קריטיק איז געווען עפּשער ניט ווייניקער באַדײַטנדיק, ווי זײַן ארבעט אין דער ייִדישער קריטיק. ער האָט רעאַגירט הייס און צאַפּלדיק אַף אַלץ, וואָס ס׳האָט געַרעגט און מיט וואָס ס׳האָבן געלעבט די ווײַסרוסישע שרײַבער. אָט פאַרוואָס מע היט אזוי זאָרגזאַם אין ווײַסרוסלאַנד זײַן אָנדענק. אין צוזאַמענהאַנג מיט בראָנשטיינס 65־טן געבורטסטאָג, וואָס איז אויסגעפאַלן אין 1963 יאָר, האָט דער פאָלקס־שרײַבער פון ווײַסרוסלאַנד מיכאַס לינקאָוו געשריבן אין דער „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ“: „י. בראָנשטיין איז שוין לאַנג ניטאָ אַף דער וועלט, ער איז אומגעקומען אין פּעריאָד פון פּערזאָנען־קולט, ער איז א קאָרבן פון רעכילעס און ווילקיר. זאָלן די דאָזיקע קורצע שורעס ארויסרופן אינעם זיכּאָרן פון זײַנע פרײַנט דאָס ליכטיקע געשטאַלט זײַנס און דערמאָנען אונדז אַלעמען, אז די בעסטע פון זײַנע ווערק דאַרפן אומגעקערט ווערן דעם הײַנטיקן לייענער“.

ווען בראָנשטיין וואָלט איצט געלעבט, וואָלט ער געוויס אייניקע זײַנע ארבעטן איבערגעשאַצט, פאַריכט. די צײַט האָט געוויסע שטאַנדפּונקטן אָפּגעפּרעגט, אַנדערע, פאַרקערט — נאָך מער באַשטעטיקט. בראָנשטיין וואָלט זיך באַזונדערס געקאָנט גרויסן מיט זײַן קאַמף, וועלכן ער האָט געפירט נאָך אין די 20־ער יאָרן קעגן אַבסטראַקציִאָניזם. מיר געדענקען, ווי לײַדנשאַפטלעך ער איז ארויסגעטראָטן קעגן דער „אַבסטראַקטער מאָלערײַ“, וואָס איז „פרײַ פון אינהאַלט“, קעגן דעם לאָזונג: „זאָל לעבן די אַבסטראַקטע פאָרם!“ מיט פּאַרטייִשן ברען דערקלערט ער: „די טעאָריע (פון די „קוביסטישע נעווייִם“. — מ. נ.) וועגן אַבסטראַקטער, אינטעליגענטישער, אינהאַלטלאָזער, צוועקלאָזער קונצנמאַכערײַ שטעמפּלען מיר אלס רעאַקציִאָנערע טעאָריע“.

איבערלייענענדיק איצט נאָכאַמאָל יאשע בראָנשטיינס ארבעטן, באַוווּנדערן מיר זײַנע טיפע מאַכשאָוועס וועגן די אַנטוויקלונגס־וועגן פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור. אין זיי זײַנען פאַראַן פיל באַאָבאַכטונגען, טרעפלעכע אויספירן און פאַראַלגעמיינערונגען, אזוינס, וואָס געהערט צו די „פּערספּעקטיקטע פּאָזיציעס“ פון אונדזער קריטיק. און פאַראַן אויך אזוינס, וואָס געהערט שוין בלויז צו דער געשיכטע.

נאָך ביז הײַנט געדענקען מיר די ווערטער פון מאַקס עריק: „בראָנשטיין האָט געשטעלט צום ערשטן מאָל אין דער מאַרקסיסטישער ייִדישער קריטיק א ריי וויכטיקע פּראָבלעמעס, און כאָטש ניט אַלעמאָל האָט ער זיי ריכטיק געלייזט, איז אָבער זייער עצעם שטעלונג געווען א פּרוכטבאַרע דערשײַנונג, און איבער דאָסראָוו פון זיי וועט נאָך אויסקומען צו ארבעטן און ארבעטן“.

פון דער שעפערישער לאַבאָראַטאָריע

יאַנקעוו שטערנבערג:

מײַנע ענטפערס

אין מײַן עלטער, ווען מע באַטראַכט קימאַט אַלץ פון דער הייך פונעם אָנגעהויפטן באַרג מיט יאָרן, פונוואַנען ס'איז שוין מיט דער האַנט צו דערלאַנגען ביז צום דאַך פון דער אייביקייט, פעלט, דעם עמעס געזאָגט, דער מינדסטער אינטערעס צו ענטפערן אויף דער פראַגע: „וויאַזוי אַרבעט איר?"

וואָרעם Sub specie aeterniatis, וואָס פאַר אַ נאַפקעמינע איז, צי האָב איך געשריבן, האַלטנדיק די פיס אין אַ שיסל מיט קאַלט וואַסער אָדער האַלטנדיק דעם קאָפּ אין אַ וואָלקן פון פּאַפּיראָסן־רויך?

יאָ, שפּיגלען זיך אין אייגענעם קינסטלער־פּאָרטרעט, קרײַזלען זיך די פּייעס דערלויבן מיר שוין ניט מײַנע אָט לײַכט, אָט שווער הויערנדיקע זיבן מיט אַ האַלבן צענדליק יאָר. איך וויל גלייבן, אַז די קלוגע, קאָרעגירנדיקע צײַט האָט שוין די אַזויגערופענע קינסטלער־גײַוועאַרויסגעבלאָזן פון מײַן געביין און זי צעווייט, דאַנקען גאָט, ווי דער ווינט די קערנער פון אַ זאַנג.

פאַר מיר, וועל איך אײַך מעגאַלע־סאָד זײַן, שטייט דעריבער שוין די פראַגע: וואָס און ניט וויאַזוי. מיך אינטערעסירט הײַנט ניט אַזוי דער שעפערישער פּראָצעס, ווי דער רעזולטאַט. און אויף אָט דער פראַגע ענטפערן עפנטלעך — ווער פון אונדז וועט האָבן דעם נייטיקן מוט?

דאָס הייסט אָבער ניט, אַז איך בין, כאַס־וועכאָלילע, מעוואַטל מײַנע יינגערע פען־כאַווײרים, וועלכע האָבן אפילו זייער האָפּערדיק, צומאָל אויך גײַסטרײַך, געענטפערט אויף דער פראַגע: „וויאַזוי אַרבעט איר?". די אַרויסגעהערטע פאַרגלייבטקײַט, די אַרויסגעהערטע פאַרליבטקײַט אין דעם, וואָס יעדערער פון זיי טוט, איז פאַר שרײַבער אין די סאַמע קרעפּטיקע, שעפעריש רײַפע יאָרן כאַראַקטעריסטיש, און איך וואָלט געזאָגט: אויך סימפּאַטיש אין אַ געוויסן זין. איז עס אַ סימען־בראָכע פאַר אונדזער הײַנטצײַטיקער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור.

נאָר אומקערנדיק זיך צו דער עצעם פראַגע, קאָן איך נאָך זאָגן: דער שעפערישער פּראָצעס איז דאָך ניט איין און דער זעלבער פאַר אַלע שאַפונגס־פעריאָדן. פון מײַן דערפאַרונג ווייס איך, אַז ער ענדערט זיך ניט בלויז צוליב פּסיכאָ־פיזישע סיבעס און אַנדערע קאָנקרעטע מאָטיוון, נאָר אויך צוליב דעם אינהאַלט, וואָס דאַרף קריגן זײַן פאַרקערפּערונג. יעדער אינהאַלט, — אויב ער איז אַ לעבנס־רעזולטאַט, און ניט סטאַם פאַרפאַסערײַ, — האָט זײַן, פון אים באַדינגטן, אייגענעם שעפערישן פּראָצעס.

איך וואָלט נאָך געקאָנט צוגעבן אָט וואָס: האַגאַם איך בין לויט מײַן נאַטור מער אַ לעבנסבאַשטעטיקער, ווי נעגירער, מער, דאַכט זיך, אַ פרידלעכער, ווי קריגערישער מענטש, ווער איך אָנגערעגט צום שרײַבן הויפּטזאַכלעך פון דעם, וואָס טראָגט אין זיך אָדער דראַמאַטיזם, אָדער פּאָלעמיק־פּולווער. מעגלעך, אַז אין דעם דאַרף מען זען ניט אַזוי אַ פּערזענלעכן שטריך, ווי דעם צייכן פון אונדזער עפּאָכע.

מיר איז אויך ניט גרינג צו ענטפערן אויף דער צווייטער פראַגע: „אויף וואָס אַרבעט איר?". ווײַל אַרבעטן אַרבעט מען דאָך ניט בלויז אויף דעם ווערק, וואָס מע שרײַבט עס, נאָר אויך איבער די, וואָס דאַרפן ערשט דערגיין צום שרײַבטיש. איך בין גענייגט צו גלייבן, אַז גראָד זיי, די ניט אָנגעשריבענע ווערק, און באַזונדערס די פון זיי, וועלכע באַגלייטן דעם שרײַבער אין מעשעך פון זײַן גאַנץ לעבן, טראָגן עפּשער אין זיך פּאָטענציעל דאָס ווערטפולסטע, וואָס דער שרײַבער איז געווען באַרופן צו רעאַליזירן. האָב איך בעדייע, כוץ אַנדערע פאַרטראַכטן, אָנצושרײַבן דעם בוך פון מײַנע ביכער, דאָס הייסט דעם בוך, אין וועלכן איך זאָל דערציילן וועגן די ווערק, וועלכע לעבן אין מיר שוין צענדליקער יאָרן, נאָר וואָס איך האָב ניט באַוויזן צו געבן זיי אַ טיקן (אַ פּראָזעראָמאַן, דראַמאַטישע פּאָעמעס, קינאָ־סצענאַריעס). עפּשער וועט אויך אָט דער מאַטעריאַל אַרײַן אין מײַנע פאַרפּלאָנירטע זיכרוינעס, וואָס קלאַפּן אַלץ צודרינגלעכער אין מײַן טיר.

נאָר פריִער פאַר אַלץ דאַרף איך זיך אײַלן מעסאַדער זײַן דאָס שוין אָנגעשריבענע: לידער — מײַן מי פאַר די לעצטע 25 יאָר, אַ בוך עסייען („באַ די ראַנדן פון ליטעראַטור און טעאַטער"), אינסצענירונגען, רעזשיעפּטן, מײַן אייגענע אַנטאָלאָגיע איבערזעצונגען פון דער רוסישער ליריק — פון פּושקינען ביז די סאָוועטישע רוסישע פּאָעטן.

פאַר דער לעצטער צײַט האָט אויך דער טעאַטער־דעמאָן אָנגעהויבן מעלדן זיך צו מיר, ווידער צינדן דאָס בלוט, וועקן דעם קויעך־האַדימיען. צי מאָנט ער ניט באַ מיר מײַן סצעניש שוואַנען־ליד?

נאָר איך זע, אַז איך האָב שוין געזאָגט מער פון דעם, וואָס איך האָב געוואָלט אויסזאָגן. הייסט עס, אַז מע דאַרף שוין דאָ שטעלן אַ פּונקט, ווײַל איך האַלט ניט פון געבן וועקסלען.

אויזער האָלדעס:

טרוימען, טרוימען...

מיר ווײַזט זיך אויס, אַז דער באַוועגער פון דער שעפערישער לאַבאָראַטאָריע פון אַ שרײַבער איז, כוץ אַלעמען, דער טרוים. מיט אַזאַ מין באַהויפּטונג ריזיקיר איך, פאַרשטייט זיך, מע קאָן מיך נאָך, כאַס־וועשאָלעם, כוישעד זײַן, אַז איך וויל דעם שרײַבער (און זיך אַליין בעסויכעם) אָפּרײַסן פון דערווירקלעכקײַט. עס הייבט זיך נישט אָן. דאַפקע צוליב קענען די ווירקלעכקײַט מוז מען זיך לערנען טרוימען, לערנען זיך זען די ווירקלעכקײַט אין דער צוקונפט.

צי איז עס גילטיק בענעגייע צו א קריטיקער, א ליטעראטור־פאָרשער? אזא מענטש, טראכטן אייניקע, דארף זײַן דורכויס אן אנאליטיקער. ער מעג ארויסווײַזן טעמפעראמענט בלויז דעמלט, ווען ער האָט שוין אלץ פעסטגעשטעלט... איז דאָס אָבער נישט אזוי. שוין א היפש ביסל יאָרן פארנעם איך זיך מיט קריטיק און ליטעראטור־פאָרשונג. און ביז הײַנטיקן טאָג בין איך פארבליבן א סרוימער. עפשער בין איך ניט אפן ריכטיקן וועג געגאנגען? איך פיל אָבער נישט, אז די טרוימען זאָלן מיר שטערן. פארקערט.

שוין זייער לאנג שטודיר איך שאָלעם־אליכעמען (און אויך אלץ, וואָס איז געשריבן געוואָרן וועגן אים). איך פיל, אז ביז הײַנטיקן טאָג איז שאָלעם־אליכעם נישט אינגאנצן אנטפלעקט געוואָרן פארן לייענער און פארן פאָרשער. טרוים איך וועגן אן ארבעט, וועגן עטלעכע ארבעטן, וועלכע זאָלן גיין אונטערן צייכן: „שאָלעם־אליכעם אין דער טיף".

אומזיסט קלערן אייניקע, אז שאָלעם־אליכעם איז דער „גרינגסטער שרײַבער". מיר דוכט, אז ער איז ווײַט ניט אויסגעפאָרשט. פאראן ניט ווייניק ווערק בא אים, וועלכע זײַנען אין דער קריטיק באהאנדלט אויבערפלעכלעך. מיר וויסן אויך זייער ווייניק וועגן די פעדעמער, וואָס האָבן אים אזוי פעסט פארבונדן מיט דער גרויסער רוסישער ליטעראטור. איין בײַשפּיל בלויז: איך האָב זיך דערקונדיקט, אז שאָלעם־אליכעמס ראָמאַן „בלאָנדזנדע שטערן" האָט פאר דער רעוואָליוציע, באם לעבן פונעם אווטאָר, איבערגעזעצט אף רוסיש דער רוסישער שרײַבער אנדריי סאָבאָל. מיר האָבן א באגריף, ווי אייפערדיק שאָלעם־אליכעם האָט זיך באצויגן צו די איבערזעצונגען אף רוסיש. מיר געדענקען, ווי העפטיק ער האָט זיך איבערגעשריבן מיט פינוסן און וואָס פאר א געזעלשאפטלעכן אינטערעס עס שטעלט מיט זיך פאָר זײַן קאָרעספּאָנדענץ. פאר מיר איז קיין שום צווייפל ניט, אז פונקט אזוי האָט ער זיך איבערגעשריבן מיט אנדריי סאָבאָלן. ווו געפינען זיך אָט די בריוו? צי זײַנען זיי טאקע אלע פארלוירן געגאנגען? סע ווילט זיך נישט גלייבן. איך זוך זיי. איך יאָג זיך נאָך זיי און וויל האָפן, אז דער געיעג וועט ניט זײַן פרוכטלאָז. אזוי, לייענענדיק שאָלעם־אליכעמען, שטודירנדיק אלעמאָל אפסנײַ זײַנע ווערק, — דאָס איז שוין געוואָרן בא מיר א מין „כאלאס", — פארנעם איך זיך מיט אזא סאָרט געיעג...

האָט איר אײַך איין סאָד פון דער שעפערישער לאבאָראטאָריע. דער צווייטער: איך זוך די סימאָנים פון דער הײַנטצײַטיקײַט אין אונדזער ליטעראטור. מיר דוכט, מיר זײַנען בא דער שוועל פון א סאך, א סאך ווערק אף הײַנטצײַטיקע טעמעס. גלוסט זיך דאָ גאָרנישט ניט דורכלאָזן. דערבײַ ווערן געבוירן פאראלעלן: ייִדישע ליטעראטור איז ניט קיין אָפּגעזונדערט ווינקעלע. זי איז אין שטראָם פון דער גרויסער סאָוועטישער ליטעראטור.

אויב דער בעלעטריסט איז דער אייגנארטיקער פאָרשער פון לעבן (מע שרײַבט פיל און נישט אומזיסט וועגן דעם קינסטלעריש־פאָרשערישן כאראקטער פון דער סאָוועטישער ליטעראטור), מוז דער קריטיקער קענען סײַ דאָס לעבן אין אלע פראָצעסן זײַנע, סײַ די ליטעראטור. סע איז א מין „צווייענדיקע ארבעט". אין מײַן קלייניגקער שעפערישער לאבאָראטאָריע זײַנען אפן ווארשטאט איינצײַטיק די לעצטע נײַסן פון דער ליטעראטור און די וויכטיקע נײַסן פון אונדזער ברויזנדיקן ארום. מעסטן א ליטעראריש ווערק מוז מען מיט דער מאָס פון לעבן. בלויז דעמלט קאָן מען ניט האָבן קיין טאָעס אינעם עסטעטישן אָפּשאצן א ווערק.

איך טראכט: מיטן קריטיקער איז מען אָפטלעך נישט איבעריק צופרידן. דער שרײַבער איז ניט באגײַסטערט, ווען מע געפינט די מינדסטע פגימע אין זײַן ווערק. דער לייענער... ניט שטענדיק כאפּט ער זיך צו צו אן ארטיקל. שולדיק אין דעם זײַנען מיר אליין. מע דארף אָפּאָנעם שרײַבן מיט גרויס לײַדנשאפט, מע דארף קענען איבערצײַגן. מע דארף קענען פארכאפּן דעם לייענער ניט ווייניקער, ווי א דערציילער. און אזוי פארינטערעסירן דעם שרײַבער, אז, ווען ער איז אפילע ניט שטארק צופרידן (צופרידן איז ער נאָר דעמלט, ווען מע לויבט אים, קעגן דעם פּראָטעסטירט קיינער ניט), זאָל אים עפּעס נישט לאָזן רוען, זאָל ער זיך פארטראכטן און דערפילן, אז דער קריטיקער איז אים א פרײַנט.

זוכן מיר טאקע אין דער שעפערישער לאבאָראטאָריע דאָס געווער, די מיטלען, וויאַזוי דאָס צו דערגרייכן. פארשטייט זיך, ס׳איז געווענדט אין טאלאנט. און טאלאנט איז, ווי זאָגט מען, א גאָטס־זאך... נאָר דערבײַ קאָן מען אָבער ניט אויסקומען אָן קיין טרוימען. א טאלאנט אָן טרוים איז ווי א געוויקס אָן זון, ער ווערט פארטריקנט.

איר קאָנט מיך נאָך פרעגן: פארוואָס זײַנען אזוי מײַנע טרוימען ניט אין איין ריכטונג קאָנצענטרירט? שאָלעם־אליכעם — און די ברענענדיקע הײַנטצײַטיקײַט. וויל איך ענטפערן: די וואָרצלען און די קרוין זײַנען אלצייינס נייטיק דעם בוים. א שעפערישע לאבאָראטאָריע מוז האָבן סײַ וואָרצלען, סײַ א קרוין.

איך וואָלט זיך געקאָנט טיילן מיט נאָך א פּאָר טרוימען, נאָר זאָל זײַן גענוג. בלײַבט ארויסזאָגן איין פארלאנג: פון דער שעפערישער לאבאָראטאָריע זאָל יעדער טרוים ארויס אין בלוט און אין פלייש אָנגעטאָן...

העלדן שטארבן ניט...

אן אליארעם־סיגנאַל האָט ארויסגעטריבן די קריגסגעפאנגענע פון די באראקן. אויסגעצערטע, אָפּגעריסענע־אָפּגעשליסענע, האָבן זיי זיך אויסגעשטעלט אפן פּלאַץ. דער קאָמענדאנט האָט דערקלערט: פאראן א באשלוס אריבערפירן אלע קריגסגעפאנגענע אין דער שאכטע, קעדיי אויסהיטן זיי פון מעגלעכע באָמבארדירונגען.

די קאצעטניקעס האָבן געענטפערט מיט א שטילן געמורמל.

ביז סאָף מילכאָמע זײַנען געבליבן עטלעכע געציילטע טעג. דאָס אמעריקאנישע מיליטער האָט שוין אָט־אָט געזאָלט צוגיין צום קאָנצענטראציע־לאגער „עבענזעע“, וואָס איז געשאפן געוואָרן לויטן באפעל פון דער געסטאפּאָ, אין דעם דאָזיקן וואונדער־שיינעם ווינקל פון עסטרײַך. און דער געדאנק אליין — איצט, ערעוו דער באפרײַונג פון דער היטלערישער טפיסע, אראָפּלאָזן זיך טיף אונטער דער ערד, ניט זען דעם הימל איבערן קאָפּ, ניט זען די זון, — אָט דער געדאנק אליין האָט ארויסגערופן בא די געפאנגענע א גרויל. בלויז איינער פון זיי האָט אין דעם מאָמענט געוווּסט דעם עמעסן מיין פון די היטלעריסטן. דער איבערזעצער פונעם לאגער האָט באוויזן אים צו וואָרענען, אז ווי נאָר די געפאנגענע וועלן זיך אראָפּלאָזן אין דער פארוואָרפענער שאכטע, וועט זי אופגעריסן ווערן.

א דארער, מיט אײַנגעפאלענע באקן, האָט דער דאָזיקער קאצעטניק — דער פּאָלקאָווניק סטאראָסטין — קנאַפּ וואָס זיך אונטערשיידט פון די איבעריקע קריגסגעפאנגענע, נאָר די אויגן זײַנע האָבן עפשער מער פיבערדיק געגלאנצט און טיפער איז געווען דער קנייטש אין די ווינקלען פונעם פעסט צונויפגעפּרעסטן מויל. אָבער ניט בלויז די כאווײרים אין לאגער, אפילע דער קאָמענדאנט אליין האָט גוט געוווּסט, אז ס'איז ניטאָ אזא קראפט אין דער וועלט, וואָס זאָל קענען אײַנברעכן דעם ווילן פון דעם דאָזיקן מענטשן, וועלכער האָט געהאלטן באם שטארבן פון טובערקוליאָז. מע האָט געוווּסט, אז ער האָט דורכגעלעבט די גאנצע פּײַן און גרויל פון מאוטהאוזען און אנדערע פאשיסטישע קאָנצענטראציע־לאגערן, אז ער האָט געזען, ווי די היטלערישע הענקער האָבן אומגעבראכט זײַן לאנדסמאַן — דעם גענעראַל דמיטרי קארבישעוו. אייניקע האָבן געוווּסט אויך עפּעס אנדערש. פאר זיי, קאָמוניסטן, איז אָט דער מענטש דאָ, אין היטלערישן לאגער, געווען דער סעקרעטאר פון דער אונטערערדישער פּארטיי־אָרגאניזאציע. און דערפאר טאקע האָבן זיי איצט געווארט, וואָס וועט ער זאָגן, ער, זייער קאָמיסאר.

שווער איבערשטעלנדיק די פיס, האָט סטאראָסטין געמאכט עטלעכע טריט פאָרויס, אָנגעשעפּט א פולע ברוסט מיט לופט, און איבערן פּלאַץ האָט זיך הויך געלאָזט הערן זײַן רויִקע שטים:

— מיר וועלן אלע, ביז איינעם, שטארבן דאָ, נאָר אין שאכטע וועלן מיר ניט גיין!

צוויי מאָל האָט ער געזאָגט די דאָזיקע ווערטער אף רוסיש. דערנאָך, פונקט אזוי הויך און רויִק, איבערגעכאזערט זיי אף דײַטש, פראנצויזיש, איטאליעניש און ענגליש...

בלעטערנדיק זשורנאלן און צײַטונגען

געווען איז אין דער קורצער רעדע פון דעם סאָוועטישן פּאָלקאָווניק אזויפיל קראפט, אזא איבערצײַגעוודיקײַט, אז אלע קריגסגעפאנגענע האָבן פארשטאנען: די הענקער גרייטן א פּראָוואָקאציע. אראָפּלאָזן זיך אין שאכטע טאָר מען ניט! און אלע, ווי איינער, האָבן זיי געמאָלדן: „אין דער שאכטע גייען מיר ניט!“ און טאקע ניט געגאנגען...

אין עטלעכע טעג ארום, דעם 6 מײַ 1945, זײַנען די געפאנגענע פון „עבענזעע“ באפרײַט געוואָרן דורך דעם אמעריקאנער מיליטער. מע האָט זיי באזעצט אין האָטעל „שטיינקאָגעל“ אפן ברעג פון דעם טײַך זעע. דאָ האָבן זיי באגעגנט דעם טאָג פון זיג...

און דער פּאָלקאָווניק סטאראָסטין האָט זיך געפילט אלץ ערגער און ערגער. עס האָט זיך אָפּגערופן די קאָלאָסאלע נערוון־אָנשטרענגונג פון די לעצטע טעג. אין די שווערסטע מינוטן האָט ער שטענדיק געפונען אין זיך גענוג קויעך צו טרייסטן און אונטערהאלטן די ארומיקע. אָבער איצט האָבן זיך די קויכעס אויסגעלאָזט און ער האָט לאנגזאם געגויסעסט... איינמאָל אין אָוונט האָט בא אים פון האלדז א פלייץ געטאָן בלוט. זײַן כאווער לויטן לאגער־באראק, גראנט אײַראפּעטאָוו פון באקו, וועלכער איז אפן פראָנט געווען א שטאב־אָפיצער פון דער 23־טער טאנקען־ארמיי, האָט זיך א וואָרף געטאָן צו אים.

סטאראָסטין האָט קוים צו מערקן א שמייכל געטאָן:

— איצט וועט מיר שוין, דאכט זיך, גאָרנישט ניט העלפן... הער מיך אויס, כאווער מײַנער. איך האָב זיך לאנג צוגעקוקט צו דיר. איך גלייב דיר... הער און פארגעדענק: איך בין ניט סטאראָסטין. איך בין „עטיען“... וועסט זײַן אין מאָסקווע, גיב צו וויסן וועגן דעם דאָרט, ווו מע דארף... אנו, בייג זיך אָן נעענטער און פארגעדענק... וועגן איינס בעט איך: דערציי̆ל אלץ אין מאָסקווע...

אין פערטן יאָרצענדליק פון אונדזער יאָרהונדערט האָט אן אומגעהערטער עקאָנאָמישער קריזיס דערשיטערט די קאפּיטאליסטישע וועלט. מיליאָנען האָרעפּאשניקעס זײַנען געבליבן אָן ארבעט, פארוואנדלט געוואָרן אין אָרעמעלײַט. עס איז געוואקסן די רעוואָליוציאָנערע שטימונג.

די בורזשואזיע האָט פיבערדיק געזוכט, וויִאזוי זיך צו ראטעווען. די רעאקציע האָט געזען דעם אויסוועג פונעם קריזיס אין א מילכאָמע, אין פארכאפּן פרעמדע לענדער, אין פאשיזם. און דער פאשיזם איז אריבער אין אָנגריף. אין דער וועלט איז געוואָרן אומרויִק, זי איז געשטאנען אף דער שוועל פון א נײַער אימפּעריִאליסטישער מילכאָמע.

...אין א גרויסן אינדוסטריִעלן צענטער פון איינער אן אייראָפּעיִשער מעלוכע איז געקומען צו פאָרן א פארמעגלעכער אויסלענדער. דאָס איז געווען א טעטיקער און, ווײַזט אויס, א גאנץ געבילדעטער מענטש. ער האָט זיך געהאלטן סאָליד, מיט זעלבסטווירדע, האָט גערן געשלאָסן באקאנטשאפט.

געלעבט האָט ער אָבער מיט נאָך א לעבן, גאָר אַן אַנדערס, מיט א לעבן, וואָס אַף דעם זײַנען פייִק בלויז מענטשן פון קאָלאָסאַלער געוואַגטקייט, ווילן און אײַזערנער אויסגעהאַלטנקייט, מענטשן, וועלכע זײַנען ביז לעצט איבערגעגעבן א גרויסער אידיי, וואָס פאַר איר זײַנען זיי גרייט יעדע רעגע צו ריזיקירן מיט אַלץ. און אָט די געהיימע אַרבעט, וועגן וועלכער עס האָט געוווּסט בלויז א קליינע גרופּע זײַנע געהילפן, איז טאַקע געווען דער טאָך פון זײַן לעבן.

דער סאָוועטישער אויסשפּירער האָט געזען, אַז די רעאַקציאָנערע רעגירונג פונעם לאַנד, ווו ער האָט זיך געפונען, גרייט זיך פיבערדיק צו א פאַרכאַפּערישער מילכאָמע. און ער האָט אַלץ געטאָן, קעדיי געגוי צו אײַנפּאַרמירן זײַן קאָמאַנדשאַפט. „עטיענס“ יעדיִעס האָבן געהאַט גאָר א באַזונדערן ווערט פאַר דער געפאַרלאָזיקייט פון אונדזער לאַנד.

געאַרבעט האָט „עטיען“ א סאַך און אָנגעשטרענגט. ער האָט ריזיקירט מיטן לעבן, קעדיי צו וויסן, מיט וואָס פאַר א געווער דער פײַנט קלײַבט זיך אַריבערגיין אין אָנגריף, אויב ס'וועט אויסברעכן די מילכאָמע־סרייפע.

דעם סאָוועטישן אויסשפּירער איז געוואָרן אַלץ שווערער צו טאָן זײַן אַרבעט. די קאָנטער־אויסשפּירונג האָט אַרעסטירט איינעם פון זײַנע געהילפן. ניט אויסגעהאַלטן די אַכזאָריעסדיקע פּײַניקונגען, איז יענער אײַנגעגאַנגען אויסצופילן דעם פּלאַן פון דער קאָנטער־אויסשפּירונג: באַגעגענען זיך מיט „עטיענען“ אין א באַשטימט אָרט און איבערגעבן אים „דאָקומענטן“.

בייס דער דאָזיקער באַגעגעניש איז „עטיען“ אַרעסטירט געוואָרן...

מע האָט אים געהאַלטן עטלעכע טעג אין א פינצטערן, פײַכטן קעלער, ניט געגעבן עסן, ניט געלאָזט שלאָפן... נאָר קיין זאַך האָט מען זיך פון אים ניט דערשלאָגן. ער האָט אַקשאָנעסדיק געשוויגן, ניט אויסגעגעבן ניט זיך, ניט זײַנע כאַווײרים. די אָפיצערן, וועלכע האָבן דורכגעפירט די אויספאָרשונג, זײַנען געווען געצוווּנגען צו פאַרשרײַבן אין „עטיענס“ דאָסיע, אַז דער אָנגעקלאָגטער „געהערט צו אַן אויסלענדישער נאַציאָנאַליטעט, נאָר אויסקלאָרן, פון וואָס פאַר א לאַנד ער קומט — איז ניט געווען קיין מעגלעכקייט. די אויספאָרשונג, וואָס איז אונטערגענומען געוואָרן אַף דאָס פעסטצושטעלן, דערלויבט זיך צו באַהויפּטן, אַז די יעדיִעס, וועלכע ער האָט וועגן זיך אָנגעגעבן, זײַנען ניט קיין ריכטיקע. דער פּאַס, וואָס איז בא אים קאָנפיסקירט געוואָרן, איז א פאַלשער. די אויספאָרשונג ווערט פאָרגעזעצט... קימאַט אַלע אָנגעקלאָגטע, וואָס זײַנען געשטאַנען מיט אים אין דירעקטן קאָנטאַקט, זאָגן, אַז ער איז א רוסישער... ער אָבער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו געבן וואָסער־ניט־איז דערקלערונג וועגן דעם איניען, אין וועלכן מע באַשולדיקט אים, און האָט געלייקנט, אַז ער קען די פּערזאָנען, וואָס האָבן אים איבערגעגעבן די דאָקומענטן...“

פונקט אַזוי פעסט און מוטיק האָט זיך „עטיען“ געהאַלטן בייסן געריכט.

קיין מאָסקווע זײַנען דערגאַנגען יעדיִעס וועגן דער מוטיקייט פון דעם אויסשפּירער: „ע. האַלט זיך אין טפיסע ווי א העלד. דער דירעקטאָר פון טורמע האָט פאַר אים מוירע. אַלע איבעריקע אַרעסטאַנטן אַכטן אים. ווי עס טיילט מיט דער אַדוואָקאַט, איז געווען אַזאַ פאַל: ווען די אַרעסטאַנטן האָבן דערקלערט א הונגער־שטרײַק און האָבן דערפאַר באַקומען צו 15 מעסלעס קאַרצער, האָט ע. זיך געווענדט צום דירעקטאָר פון דער טורמע און האָט געפאָדערט, אַלס אויסדרוק פון זײַן סאָלידאַרישקײַט מיט די איבעריקע אַרעסטאַנטן, מע זאָל אים אויך געבן קאַרצער“...

די פּאָליטישע אַרעסטירטע, וועלכע האָבן זיך געפונען אין טורמע, האָבן מיט קאָלאָסאַלן אָפּשײַ גערעדט וועגן זייער כאַווער, דעם קאָמוניסט.

אין טורמע איז „עטיען“ שווער קראַנק געוואָרן. בא אים האָט זיך אָנגעהויבן טובערקוליאָז. נאָר אויך די קרענק האָט ניט אײַנגעבראָכן זײַן גײַסט...

איצט האָבן מיר באַקומען א מעגלעכקײַט צו באַקענען זיך מיט אייניקע דאָקומענטן. „עטיען“ — דאָס איז דער סאָוועטישער פּאָלקאָווניק לעוו יעפימאָוויטש מאַניעוויטש, א קאָמוניסט פון 1918. אין עלטער פון 20 יאָר איז ער פרײַוויליק אַוועק אין דער רויטער אַרמיי. אַלס קריגער פונעם אינטערנאַציאָנאַלן פּאָלק פון באַקוער סאָוועט האָט ער זיך באַטייליקט אין די שלאַכטן קעגן די מוסאַוואַטיסטן. פרילינג־צײַט 1919 האָט ער זיך געשלאָגן קעגן קאָלטשאַקס באַנדעס: געווען מיליטערישער קאָמיסאַר פון א פּאַנצער־צוג, געפירט אַן אַקטיווע פּאַרטיי־אַרבעט אין סאַמאַרע, באַקו, אופאַ.

זײַן שלאַכט־כאַווער אין די יאָרן פון בירגערקריג יא. נ. סטאַראָסטין, וואָס מיט זײַן נאָמען האָט זיך דער סאָוועטישער אויסשפּירער אָנגערופן אין דעם טויט־לאַגער מאַוטהאַוזען אין 1944 יאָר, דערמאָנט זיך:

„אין 1920 בין איך באַשטימט געוואָרן אַלס פּאָרזיצער פונעם ראַיפּאָליטאָפּטייל אַף דער סטאַנציע סאַמאַרע. ווינטער האָבן די מענשעוויקעס אופגעהויבן א פּויערים־אופשטאַנד פון באַשקירן אין עטלעכע דערפער פונעם ראַיאָן סיזראַן, באַטראַקי, טורגוט, פּאָדבעלסקאַיאַ. איך האָב באַקומען אַן אופטראָג מאָביליזירן די פּאַרטיי־מיטגלידער...

מאַניעוויטש איז אַליין געקומען צו מיר דער ערשטער. איך האָב אים באַשטימט פאַרן קאָמאַנדיר פון אָטריאַד. ווען דער אָטריאַד קאָמוניסטן איז אָנגעקומען אַפן אָרט, איז מאַניעוויטש איינער אַליין אַוועק צו די אופשטענדלער און מיטן קויעך פון זײַן וואָרט, מיט דער קראַפט פון באָלשעוויסטישן עמעס זיי איבערצײַגט אַוועקצולייגן דאָס געווער. באַנאַכט האָבן די באַשקירן באַגלייט מאַניעוויטשן צום צוג, ווו די קאָמונאַרן האָבן געוואַרט אַף זייער קאָמאַנדיר“.

עס האָט זיך געענדיקט דער בירגערקריג. די שלאַכטפעלדער זײַנען פאַראַקערט געוואָרן. דאָס סאָוועטן־לאַנד האָט אָנגעהויבן בויען א פרידלעך לעבן. מאַניעוויטש פאַרענדיקט די מיליטערישע אַקאַדעמיע אַף פרונזעס נאָמען. אין עטלעכע יאָר אַרום זעצט ער זיך ווידער אַוועק שטודירן, דאָס מאָל אין דער מיליטערישער לופט־אַקאַדעמיע אַף זשוקאָווסקיס נאָמען.

„ער איז אומדערמידלעך, אַרבעט אָפּט מיט א גרויסער אָנלאָדונג... איז בעיִכוילעס אָנצופירן מיט אַן עסקאַדריליע... מע קאָן זײַן זיכער, אַז ער וועט ווערן א גוטער קאָמאַנדיר פון א באַזונדערן אַוויִאַציע־טייל און ניט קיין ערגערער אָנפירער פון א שטאַב“, — אַזוי אַטעסטירן אים אין יענער צײַט זײַנע קאָמאַנדירן. קיינער פון זיי ווייסט ניט, אַז דאָס היימלאַנד וועט אים שיקן אַף גאָר אַן אַנדערער, אַף א פיל קאָמפּליצירטערער און געפערלעכערער אַרבעט...

וועגן דעם אַלעם — וועגן זײַן שלאַכט־לעבן, וועגן דער מישפּאָכע, וואָס איז געבליבן אין דער היים, האָט, ווײַזט אויס, ניט איין מאָל געטראַכט דער פּאָלקאָווניק מאַניע־

וויטש, זיצנדיק אין טורמע, אַ סאַך געטראַכט אי וועגן דער טאַכטער טאַטיאַנע, אי וועגן דעם ווײַב.

בלעטערנדיק די פאַרגעלטע פון צײַט דאָקומענטן, געפינען מיר אַ קורץ בריוול, וואָס באַגלייבטע מענטשן האָבן איבערגעשיקט אַף דער פרײַ. „טוסענקאַ, דער מענטש, וועלכער וועט איבערגעבן דאָס דאָזיקע בריוול..., איז געווען מיט מיר אין טורמע עטלעכע יאָר. דאָס איז אַ באַכער, וואָס מע קאָן זיך אַף אים פאַרלאָזן... כּוֹץ דעם צעטעלע, האָב איך אים געגעבן אַ פּאַראָל, וועלכן דו וועסט זיכער פאַרשטיין.

איך קוש דיך, מײַן טײַערע טאָכטערקע, דײַן **טאַטע ל.**"

די איבערצײַגטקײַט פון אַ קאָמוניסט אין דער גערעכטיקײַט דערפון, וואָס ער טוט, דער גלויבן אין זײַן אייגן לאַנד, אינעם סאָוועטישן פאָלק, אין אומפאַרמײַדלעכן זיג איבערן פאַשיזם האָבן געהאָלפן דעם פאָלקאָווניק מאַניעוויטש אַלץ בײַקומען, אויסצושטיין אַלע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אין וועלכע עס האָט אים אַרײַנגעשלײַדערט די געסטאַפּאָ.

אַ שווער קראַנקער, אַן אויסגעמאַטערטער ביז לעצט, האָט ער נאָר אַדאַנק זײַן אײַזערנעם ווילן דערלעבט ביזן טאָג פון זיג.

מאַניעוויטש איז געשטאָרבן. ניט דערלעבט האָט ער צו זען מער דעם הימל פון זײַן לאַנד, אָבער ער איז געשטאָרבן אַ פרײַער, אַן אומבאַזיגטער, ניט קיין אײַנגעבראָכענער, מיטן פעסטן גלויבן, אַז ער האָט ניט אומזיסט אָפּגעלעבט זײַן לעבן לטובֿת די מענטשן, פאַרבלײַבנדיק ביזן לעצטן טאָג אַ פלאַמיקער פּאַטריאָט פונעם סאָציאַליסטישן היימלאַנד, אַן אומגעוואַקלטער קאָמוניסט.

דער פּאָלקאָווניק מאַניעוויטש איז באַערדיקט געוואָרן אַפן ברעג פונעם טײַך זעע. זײַנע כאַווירים פונעם קאָנצענטראַציע־לאַגער „עבענזעע", בעראָש מיטן גענעראַל־מאַיאָר מיטראָפּאַנאָוו, האָבן אָוועקגעלייגט אַף זײַן קייווער אַ גרויסן קראַנץ פרישע בלומען. מיט פאַרנייגטע קעפּ זײַנען געשטאַנען לעבן דעם פרישן קייווער די געוועזענע אַרעסטאַנטן פונעם פאַשיסטישן טויט־לאַגער.

אין סענטיאַבער 1948 איז דער קייווער פונעם פּאָלקאָווניק אַריבערגעטראָגן געוואָרן אַפן בעסוילעם סאַנקט מאַרטין־זיוד. דאָס איז אַ שטילער בעסאָלמען אַפן ראַנד פון דער עסטרײַכישער שטאָט לינץ. אַפן קייווער שטייט אַן אָבעליסק מיט אַן אויפשריפט: „דאָ איז געבראַכט געוואָרן צו קווּרע דער סאָוועטישער אָפיצער, דער פּאָלקאָווניק סטאַראָסטין יאַקאָוו ניקיטיטש. געשטאָרבן דעם 12.5.1945".

• • •

און אָט הײַנט איז אין „פּראַוודאַ" פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַן אוקאַז פונעם פּרעזידיום פונעם אויבער־ראַט וועגן באַלוינען דעם פּאָלקאָווניק לעוו יעפימאָוויטש מאַניעוויטש מיטן טיטל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד.

אי. קירילאָווא, ק. ראַספּעווין.

(„פּראַוודאַ", 21 פעברואַל 1965).

דער זיקאָרן פונעם האַרצן

— מישע מאַטשאַבעלי... מישע, מישע... — אָלגע אַבראַמאָוונע האָט די גאַנצע צײַט איבערגעכאַזערט דעם נאָמען. — פונוואַנען? — האָט זי געפּרוּווט זיך דערמאָנען. און פאַר אירע אויגן איז דורכגעגאַנגען אַ לאַנגע און טרויעריקע געשיכטע.

אָלגע אַבראַמאָוונעס מאַן — יאַקאָוו גריגאָריעוויטש אָלשאַנסקי — איז געווען אַ פּאַרטיי־טוער. אין די יאָרן פון פּערזאָנען־קולט האָט מען אַף אים געמאַכט אַ בילבול, אַז ער איז אַ סוינע פון פאָלק, און אַרעסטירט. אָלגע אַבראַמאָוונע איז געבליבן אַליין מיטן זון.

— מאַמע, איצט וועט מען מיך פאַר קיין פליִער ניט נעמען? — פלעגט בא איר פרעגן דאָס ייִנגעלע.

— מע וועט דיך נעמען, זונעניו...

עס האָבן זיך געפונען קלוגע און גוטע מענטשן. זיי האָבן געהאָלפן דעם באָכער אָנקומען אין דער פליִער־שול. דאָס ייִנגל האָט באַקומען פליגל, וועגן וועלכע ער האָט געטרוימט זײַן גאַנץ לעבן.

שוין אין די ערשטע כאַדאָשים פון דער מילכאָמע איז דער יונגער אָלשאַנסקי אַף זײַן עראָפּלאַן געווען אין סאַמע ברען פון די שלאַכטן מיט די היטלעריסטן.

בריוו אַהיים צו דער מוטער פלעגן קומען זעלטן, געשריבן זײַנען זיי געווען בעכיפּאָזן, אַף די קני. מע לעבט. מע איז געזונט. מע שלאָגט דעם סוינע. אין איינעם פון זײַנע בריוו האָט ער מיט היספּײַלעס דערציילט וועגן דער העלדישקײַט פון זײַנעם אַ כאַווער.

שפּעטער, אין 1943 יאָר, איז געקומען די לעצטע ידיִעה פון פראָנט: דער זון איז אומגעקומען, ווי אַ העלד.

און איצט, יעדעס מאָל, ווען אָלגע אַבראַמאָוונע האָט געלייענט וועגן די העלדנטאַטן פון פליִער, האָט זי זיך דערמאָנט אין איר זון.

דער מאַמעס האַרץ האָט פאַרגעדענקט אַלץ, וואָס איז פאַרבונדן מיטן לעבן פון איר זון.

און אָט, ווען זי האָט איבערגעלייענט אין יול פאַריקס יאָר אין „איזוועסטיאַ" דאָס אַרטיקל וועגן מישע מאַטשאַבעלי, האָט זי זיך ניט געקאָנט באַרויִקן: מישע, מישע מאַטשאַבעלי... יאָ, וועגן אים האָט דאָך געשריבן איר זון, פון זײַנע העלדנטאַטן איז ער געווען אַזוי אַנציקט. הייסט עס, אַז זיי האָבן געקעמפט צוזאַמען.

צוקלײַבנדיק אַ וואָרט צו אַ וואָרט, האָט אָלגע אַבראַמאָוונע געשריבן צום פרײַנט פון איר אומגעקומענעם זון. איר, דער מאַמען, האָט זיך זייער געוואָלט וויסן, וויִאַזוי איר זון האָט געקעמפט און וויִאַזוי ער איז אומגעקומען.

און אָט איז דער לאַנג דערוואַרטער ענטפער:

„זייער כאַשעווע מאַמע! אײַער בריוו האָב איך באַקומען. ער האָט מיך שטאַרק אויפגערודערט, נאָר ס'האָט מיך שטאַרק דערפרייט, וואָס איר לעבט און זײַט געזונט. יאָ, איך געדענק גוט אײַער זון, מײַן שלאַכט־כאַווער. ער איז געווען איינער פון די בעסטע יאַם־פליִער פונעם רויטפאָניקן פאַרניכטלער־פּאָלק. איבערגעלייענט אײַער בריוו, האָב איך זיך ווידער אין אַלץ דערמאָנט. דאָס איז געווען אין 1943. ער, אײַער זון, איז געפלויגן צוזאַמען מיט מיר. עס זײַנען דאַן געווען ביטערע שלאַכטן, נאָר מיר האָבן ניט מוירע געהאַט אָפּצוגעבן דאָס לעבן פאַר אונדזער היימלאַנד. מיר זײַנען געווען זאַלבעפערט, פיר פאַרניכטלער, און היטלעריסטן זײַנען געווען אַכט. דרײַ פײַנטלעכע עראָפּלאַנען האָבן מיר אַראָפּגעשלאָגן. איינעם פון זיי האָט פאַרניכטעט אײַער זון. נאָר אין דער שלאַכט האָבן מיר אים פאַרלאָרן. ווי אַ פאַרוווּנדעטער פויגל, איז ער אַראָפּגעפאַלן אין פינישן אײַנגוס. מיר האָבן אַלע זייער שווער איבערגעלעבט דעם אומקום פון דעם טײַערן און העלדישן פליִער. איך שרײַב אײַך דעם בריוו, און טרערן רינען פון די אויגן. איך שיק אײַך די צײַטונגען, אין וועלכע עס ווערט אין צוואַנציק יאָר אַרום אויספירלעך דערציילט וועגן די העלדנטאַטן

פון די פליִער פון אונדזער פאָלק און בעסויכעם פון אײַער זון.

שרײַבט, טײַערע. איך קוש אײַך, ווי א זון.
מיט אכטונג. מישע מאטשאבעלי".

באנאנד מיטן בריוו זײַנען געלעגן די צײַטונגען „זאריא וואָסטאָקא", „נאשי קריליא", „לענינסקאָיע זנא־מיא". אין זיי זײַנען פארעפנטלעכט זיכרוינעס פונעם גענעראל־פּאָלקאָווניק פון אוויִאציע סאמאָכין, פונעם גע־נעראל־מאיאָר, העלד פון סאָוועטנפארבאנד אבראמאָוו, פונעם גווארדיע־מאיאָר, העלד פון סאָוועטנפארבאנד, גע־וועזענעם קאָמאנדיר פון דער עסקאדריליע באטורין און פיל אנדערע. זיי שרײַבן וועגן מאטשאבעלי, וועלכער לעבט איצט אין טביליסי, וועגן דעם יונגן פארניכטלער אַלשאנסקי, וועלכער איז אומגעקומען אין דרײַ־און־פער־ציקסטן. העלדן שטארבן ניט. זיי זײַנען שטענדיק מיט די לעבעדיקע. אזוי שרײַבן וועגן אַלשאנסקין די מיל־כאָמע־וועטעראנען.

און נאָך בריוו, אדרעסירט צו אָלגע אבראמאָווען. אָט איז אן אויסצוג פון א בריוו פונעם געוועזענעם קאָמ־סאָרג פון דער טייל סוכארעוו: „כאָטש באם קעגנער איז געווען א צווייענדיק איבערגעוויכט, האָבן אונדזערע אָד־לער זיך ניט דערשראָקן. אײַער זון האָט אראָפּגעהאקט א פײַנטלעכן עראָפּלאן. נאָר מיר האָבן פארלוירן אים, אונדזער שלאכט־כאווער, דעם קאָמסאָרג פון אן עסקא־דריליע".

אזא איז געווען דאָס קורצע, נאָר ערלעכע און העל־דישע לעבן פון אונדזער לאנדסמאן, דעם פליִער פארניכט־לער, דעם סערזשאנט אווראָם אַלשאנסקי.

פ. לעוויטין
„לוגאנסקאיא פראוודא"
17 פעווראל 1965

א פילזײַטיקער קאָמפּאָזיטאָר

ס'איז געוואָרן 60 יאָר דעם פּאָפּולערן סאָוועטישן קאָמ־פּאָזיטאָר שמועל סענדערײ. זײַן ביאָגראפיע איז טיפּיש פאר דעם דאָר קינסטלער — ליטעראטן, מאָלער, מוזי־קער, — וועלכע די גרויסע אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט ארויסגערופן צו שאפונג.

א זון פון א מאָהילעווער ארבעטער, האָט ער אין אונדזערע סאָוועטישע באדינגונגען געהאט די מעגלעכ־קײַט צו ·קריגן ברייטע מוזיקאלישע בילדונג — צוערשט אין דעם מינסקער מוזיקאלן טעכניקום, און דערנאָך אין דער מאָסקווער מעלוכישער קאָנסערוואטאָריע, ווו ער האָט געלערנט קאָמפּאָזיציע בא די פּראָפעסאָרן ר. גליִער, א. ליטינסקי, פ. גנעסין, אינסטרומענטירונג — בא די פּראָפעסאָרן ס. וואסילענקאָ און נ. איוואנאָוו־ראדקע־וויטש.

ש. סענדערײ איז א פילזײַטיקער קאָמפּאָזיטאָר. ער שרײַבט גרעסערע פּאָליפאָנישע ווערק פאר סימפאָנישע אָרקעסטרען, שאפט מוזיק פאר אָרקעסטרען פון בלאָז־אינסטרומענטן, ווי אויך עסטראדע־מוזיק, ראָמאנסן, לידער.

א באדײַטנדיק אָרט פארנעמט אין סענדערייס שאפונג די יידישע מוזיק, באזונדערס די יידישע פאָלקסליד. ער האָט פיל געטאָן צו באַרײַכערן די מעלאָדיע פון דער פאָלקסליד. וואריִרנדיק די פאָרטעפּיאנע־באגלייטונג, דער־גרייכט ער די אקצענטירונג פון דער טעמע, פון דעם נאציאָנאלן קאָלאָריט.

די יידישע סאָוועטישע פּאָעזיע, אָנגעהויבן פון אָשער שווארצמאנען און ביז צו די הײַנטצײַטיקע דיכטער, האָט געפונען אין סענדערייען א טרײַען אינטערפּרעטאטאָר. עס האָט זיך פארגעדענקט זײַן מוזיק צו שווארצמאנס „א שטראל פון דער זון האָט א כוואליע געקושט...", צו פּערעץ מארקישעס „מהוע".

פון ש. סענדערייס לעצטע ווערק ווילט זיך אָפּמערקן זײַן מוזיקאלישע פּיעסע „סטעמפּעניו" פאר א פידל אין באגלייטונג פון א סימפאָנישן אָרקעסטער, וועלכע האָט בא דער ערשטער אויספילונג געמאכט א רוישעם אין מאָסקווער קאָמפּאָזיטאָרן־פאריין. דאָס דאָזיקע ווערק האָט הויך אָפּגעשאצט דער גרויסער קאָמפּאָזיטאָר דמיטרי שאָסטאקאָוויטש.

אין די מוזיקאלישע קרײַזן האָט אויסגענומען אויך ש. סענדערייס טריאָ אין פיר טיילן פאר פאָרטעפּיאנאָ, פידל און וויאָלאָנטשעל, — געווידמעט די העלדן פונעם אופשטאנד אין ווארשעווער געטאָ.

אינטענסיוו און דערפאָלגרײַך ארבעט דער קאָמפּאָזיטאָר אין געביט פון מוזיק פאר קינדער און יוגנטלעכע. זײַנע פּיאָנערישע לידער, ווי „דער אָדלער־מארש" אא., זײַנען באוווּסט אין גאנצן לאנד. ער האָט אויך פארפאסט אן אָפּערע־באלעט פאר קינדער לויט די מאָטיוון פון סאָ־מויל מארשאקס מײַסעלעך.

ווי געזאָגט, איז ש. סענדערייס מוזיקאלישע פּאליטרע זייער א רײַכע. מיר טרעפן בא אים מוזיק אף די טעקסטן פון אזוינע פארשיידנארטיקע דיכטער, ווי שעלי, בערנס, לעסיא אוקראינקא, פּעטעפי, גיליען, טשיקאָוואני, איסאקיאן, מיכאלקאָוו, קאפּוטיקיאן. לעצטנס האָט ער אָנגעשריבן א סימפאָניעטע פאר א בלאָז־אָרקעסטער אף אָסעטינישע טעמעס און אן „אָדע" פאר א באס, פרויען־כאָר און בלאָז־אָרקעסטער.

פון גאנצן הארצן ווינטש איך דעם יובילאר געזונט און אריכעס־יאָמים.

ל י י ב פ ו ל ו ו ע ר, פאָלקס־ארטיסט פון רספסר.

אויפן קאַלענדאַר

שרײַבער און װערק

דעם 25 מײַ 1905 איז געבוירן געוואָרן דער אָנגעזעענער אוקראַיִנישער סאָוועטישער שרײַבער אַלעקסאַנדער יעוודאָקימאָוויטש קאָרנייטשוק.

א. קאָרנייטשוקס ערשטע דערציילונג וועגן לענינען „ער איז געווען גרויס" איז פאַרעפנטלעכט אין 1925. אינגיכן גייט דער שרײַבער אַריבער צום דראַמאַטישן זשאַנער. די פּיעסן „אויפן ראַנד" (1929), „שטורעם" (1931) זײַנען געווענדט קעגן די אוקראַיִנישע בורזשואַזע נאַציאָנאַליסטן. ברייט באַוווּסט איז קאָרנייטשוק געוואָרן מיט די פּיעסן „דער אומקום פון דער עסקאַדרע" (1933), וועגן דעם בירגערקריג, און „פּלאַטאָן קרעטשעט" (1934), וועגן א טאַלאַנטפולן סאָוועטישן כירורג-נאָוואַטאָר. צום 20־טן יאָרטאָג פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט א. קאָרנייטשוק געשאַפן די פּיעסע „דער עמעס" (1937), וווּ עס ווערט פאַרקערפּערט די אידיי פון פעלקער־פרײַנטשאַפט. אין דער דראַמע „באָגדאַן כמעלניצקי" (1939) איז געגעבן געוואָרן א בילד פון דעם באַפרײַונגס־קאַמף פונעם אוקראַיִנישן פאָלק קעגן דער פּוילישער שליאַכטע. פאַר די פּיעסן „פּלאַטאָן קרעטשעט" און „באָגדאַן כמעלניצקי" איז דער דראַמאַטורג באַלוינט געוואָרן מיט דער מעלוכע־פּרעמיע. די נײַע סאָציאַליסטישע פאַרהעלטענישן אין דאָרף האָבן געפונען אַן אָפּשפּיגלונג אין א. קאָרנייטשוקס פּיעסע „אין די אוקראַיִנער סטעפּעס" (1941).

אין פּעריאָד פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע האָט א. קאָרנייטשוק געשאַפן די דראַמעס „די פּאַרטיזאַנער אין די אוקראַיִנער סטעפּעס" (1942) און „פראָנט" (1942). אין דער פּיעסע „פראָנט" ווערט אויסגעלאַכט דער גענעראַל גאָרלאָוו, וועלכער פּרוּווט זיך אין אָנהייב מילכאָמע אָנווענדן פאַרעלטערטע סטראַטעגישע און טאַקטישע קריגס־מיטלען. גאָרלאָוון ווערט קעגנגעשטעלט דער טאַלאַנטפולער יונגער גענעראַל אָגניעוו און אַנדערע יונגע קאָמאַנדירן, וואָס באַהערשן די קונסט פון שלאָגן דעם סוינע.

די אויפשטעלונג פונעם לאַנד אין די באַדינגונגען פונעם פרידלעכן לעבן נאָך דער מילכאָמע איז אָפּגעשפּיגלט אין די פּיעסן „מאַקאַר דובראַוואַ" (1948), „קאַלינאָווער וועלדל" (1950). דעם פּעריאָד פון אונדזער לעבן נאָכן XX פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר האָט א. קאָרנייטשוק געשילדערט אין א ריי נײַע פּיעסן („ווען עס האָבן געשמייכלט די שטערן", „באַם דניעפּער" אאַ.).

פאַר א. קאָרנייטשוקס פּיעסן איז כאַראַקטעריסטיש אַקטועלקײַט און פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע פאַרשאַרפטקײַט. די הויפּט־טעמע פון זײַן שאַפונג איז די דערציִונג פונעם סאָוועטישן מענטשן אין גײַסט פון דער סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע, פון פעלקער־פרײַנטשאַפט. קאָרנייטשוק איז א מײַסטער פון דראַמאַטיש־פּסיכאָלאָגישן קאָנפליקט, פון קאָמישע סיטואַציעס, הומאָריסטישן דיאַלאָג, געשפּאַנטן סוזשעט און פאָלקסטימלעכער שפּראַך. א. קאָרנייטשוקס דראַמאַטורגיע זעצט פאָר די בעסטע טראַדיציעס פון דער רוסישער און אוקראַיִנישער קלאַסישער דראַמע. זײַנע פּיעסן ווערן געשטעלט אין פיל סאָוועטישע טעאַטערן און זײַנען פּאָפּולער צווישן די צושויער.

דעם 5 מײַ 1885 איז אין מיזרעך־גאַליציִשן שטעטל נאַראַיעוו געבוירן געוואָרן מוישע נאַדיר (פּסעוודאָנים פון יִצכאָק רייז). אין 1898 האָט ער צוזאַמען מיט זײַנע עלטערן אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע. זײַנע ערשטע לידער, נאָוועלן און הומאָרעסקעס האָט ער אָנגעהויבן דרוקן אין 1902 אין פאַרשיידענע יִדיש־אַמעריקאַנישע פּעריאָדישע אויסגאַבן. אונטער דעם פּסעוודאָנים „מוישע נאַדיר" איז ער אַרויסגעטראָטן צום ערשטן מאָל מיט זײַן בוך „ווילדע רויזן" (ניו־יאָרק, 1915).

מוישע נאַדיר איז איינער פון די פילפאַרביקסטע קינסטלערישע אינדיווידואַליטעטן פון דער שרײַבער־גרופּע „די יונגע". זײַנע סאַטירישע בילדער האָט ער דעריקער געשעפּט פון דעם באַדנלאָזן יִדישן לעבן אין אַמעריקאַנישן „קעסל־גרוב".

מוישע נאַדיר האָט געשריבן אין פאַרשיידענע ליטעראַרישע פאָרמען: הומאָריסטישע דערציילונגען און דראַמען, לירישע און סאַטירישע לידער, אַרטיקלען וועגן טעאַטער און ליטעראַטור, קינדער־מײַסעס און קינדער־לידער. פאַר די פערציק יאָר פון זײַן ליטעראַריש־קינסטלערישן שאַפן האָט ער אָפּגעדרוקט א סאַך ביכער. די וויכטיקסטע פון זיי: „פון מענטש צו מענטש", „מײַסעלעך מיט א מאָראַל", „מאָרגן איז מאָנטיק", „מײַנע הענט האָבן פאַרגאָסן דאָס דאָזיקע בלוט", „פּענונביקס", „קינד אָן קייט", „טעאַטער־טעקסטן" אאַ.

מוישע נאַדיר איז געווען א גרויסער שפּראַך־מײַסטער, אין זײַנע ווערק זײַנען פאַראַן א שלאַל אייגנאַרטיקע אַפאָריזמען, פּאַראַדאָקסן, פאַרגלײַכן.

מוישע נאַדיר איז א סאַך יאָרן געווען נאָענט צו דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע. אין דער „מאָרגן־פרײַהײַט" האָט ער געדרוקט זײַנע בעסטע ווערק.

אין 1926 האָט נאַדיר באַזוכט דעם ראַטנפאַרבאַנד. אין 1927 זײַנען אין קיִעוו דערשינען זײַנע ביכער „פון מיר צו דיר" און „געקליבענע ווערק".

מוישע נאַדיר איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק אין 1943.

דעם 31 מײַ ווערט 80 יאָר, זינט עס איז געבוירן געוואָרן דער דראַמאטורג, פּאָעט און עסייִסט אלטער קאַציזנע (1885—1941).

אלטער קאַציזנע איז געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע דיכטערישע פּערזענלעכקײַטן אין דער ייִדישער ליטעראַטור פון פּוילן אין דער צײַט צווישן ביידע וועלט־מילכאָמעס. זײַן שאַפונג האָט זיך פאָרמירט אונטער דער דירעקטער האַשפּאָע פון י.־ל. פּערעץ.

אלטער קאַציזנע איז באַזונדערס באַקאַנט ווי אַ דראַמאַטורג. אין די צוואַנציקער און דרײַסיקער יאָרן האָט ער אָנגעשריבן און פאַרעפנטלעכט אַ ריי אינטערעסאַנטע דראַמאַטישע ווערק: „דער גײַסט דער מיילעך" (1919), „פּראָמעטעוס" (1920), „דער טורעם פון באָוול" אאַ. אין 1935 האָט אלטער קאַציזנע אָנגעשריבן די דראַמע „וועלט־געוויסן", געבויט אַף די מאַטעריאַלן פון שאָלעם שוואַרצבאָרדס אַטענטאַט אַף פּעטליורען, דעם אָרגאַניזאַטאָר פון ייִדישע פּאָגראָמען ביים בירגערקריג אין אוקראַיִנע. אין דער דראַמע פירט קאַציזנע אַרויס אויך דאָס געשטאַלט פון דעם סאָוועטישן דיכטער אָשער שוואַרצמאַן. זײַן לעצטע דראַמע „דעם ייִדנס אָפּמאַך" האָט אַ. קאַציזנע געבויט אַפן געשיכטלעכן מאַטעריאַל פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע.

אלטער קאַציזנע האָט געדרוקט אייגנאַרטיקע לידער און פאָלקסטימלעכע באַלאַדעס. זײַנע דיכטערישע ווערק צייכענען זיך אויס מיט זייער ריטם, פּלאַסטיק און רײַכער פּאָעטישער פאָרם.

אין 1920 האָט אלטער קאַציזנע אָפּגעדרוקט אין וואַרשע זײַן איבערזעצונג פון אַלעקסאַנדער בלאָקס פּאָעמע „צוועלף". ער האָט אויך געשריבן אינטערעסאַנטע ליטעראַרישע עסייען. פאַר דער צווייטער וועלט־מילכאָמע האָט אַ. קאַציזנע פון צײַט צו צײַט אַרויסגעלאָזט אין וואַרשע אַ זשורנאַל „מײַן ריידנדיקער פילם", אין וועלכן ער איז אַרויסגעטראָטן מיט אַרטיקלען אַף אַקטועלע פּאָליטישע טעמעס. פאַר די שאַרפע אַרויסזאָגונגען קעגן דער רעאַקציע איז דער זשורנאַל ניט איין מאָל קאָנפיסקירט געוואָרן. אלטער קאַציזנע איז אויך געווען איינער פון די רעדאַקטאָרן פון דער קאָמוניסטישער צײַטונג „דער פרײַנד" (1935).

אין 1941 אין טאַרנאָפּאָל איז אלטער קאַציזנע אַכזאָריעסדיק דערמאָרדעט געוואָרן דורך די דײַטשישע פאַשיסטן.

מיר דערמאָנען אונדזערע אַבאָנענטן!

פון יאַנוואַר 1965 דערשײַנט „סאָוועטיש היימלאַנד" 12 מאָל אַ יאָר. די לייענער, וואָס האָבן זיך אַבאָנירט אַף זעקס נומערן, דאַרפן באַצײַטנס פאַרלענגערן די אַבאָנירונג ביזן סאָף יאָר.

אַבאָנעמענט־פּרײַז:

6 כאָדאָשים — 3 רובל.

פאַרגעסט ניט, אַז די אַבאָנירונג אַף דער צווייטער העלפט יאָר ווערט אָנגענומען בלויז ביזן 5 יוני.

לייענט און פאַרשפּרייט „סאָוועטיש היימלאַנד"!

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД (СОВЕТСКАЯ РОДИНА)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

(на еврейском языке)

Год издания пятый

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор А. Вергелис.

Редколлегия: **И. Борухович, А. Гонтарь, М. Лев** (ответственный секретарь), **Нотэ Лурье, Б. Миллер, Г. Ошерович, И. Рабин, Р. Рубина, М. Тейф, И. Фаликман, С. Фрай.**

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны: главный редактор — Б 8-27-91; ответственный секретарь — К 4-46-69; отделы прозы и поэзии — Б 8-49-42; отдел критики — Б 3-96-07.

Художеств.-техн. редакция: И. Шустер и А. Токер

Корректоры А. Стрельник и Д. Грозовская

Подписано к печати 12/IV 1965 г. Формат 70×108¹/₁₆. Печ. л. 10(13,70). Бум. л. 5+2 вклейки. Уч.-изд. л. 16,21. Цена 50 коп. Зак. 179.

Московская типография № 7 Главполиграфпрома Государственного Комитета Совета Министров СССР по печати. Пер. Аксакова, 13.



א פרייל׳עכס

אין הײַנטיקן נומער ברענגען מיר דרײַ גראַוויורן פונעם באַוווּסטן ייִדישן מאָלער אַרטור קאָלניק. די ליטאָגראַפיעס זײַנען גענומען פון זײַן אַלבאָם „א גילגל פון א ניגון" לויט י.־ל. פּערעצן. א. קאָלניק איז געבוירן געוואָרן אין פּוילן, ווו ער האָט געענדיקט די קראָקער מאָלערײַ־אַקאַדעמיע. נאָך דער ערשטער וועלט־מילכאָמע באַזעצט ער זיך אין טשערנאָוויץ, ווו ער איז געווען ענג פאַרבונדן מיט די פּראָגרעסיווע ייִדישע שרײַבער און קינסטלער פון רומעניע.

דער מאָלער אַרטור קאָלניק — דער לירישער רעאַליסט, ווי עס רופט אים אָן דער פּראָגרעסיווער קונסט־פאָרשער כיל אַראָן, איז אויך א באַרימטער גראַפיקער. עס זײַנען באַוווּסט, צווישן פיל אַנדערע אַרבעטן זײַנע, איליוסטראַציעס צו עליִעזער שטײַנבאַרגס מעשאָלים.

אין 1930 פאָרט א. קאָלניק אַריבער קיין פּאַריז. דאָ שאַפט ער זײַן אַלבאָם „אונטערן צילינדער־הוט" — 24 האָלץ־שניטן, פולע מיט שאַרפן סאָציאַלן אינהאַלט און אויסדרוקספולער עקספּרעסיע. דער אַלבאָם איז דערשינען אין 1934 מיט א פאָרוואָרט פון אַנרי באַרביוס.

אין 1946 שאַפט א. קאָלניק צוואַנציק איליוסטראַציעס צו פ. דאָסטאָיעווסקיס „די לעגענדע וועגן דעם גרויסן אינקוויזיטאָר". באַזונדערס איז א. קאָלניק געוואָרן באַוווּסט מיט זײַנע גראַוויורן צו די ווערק פון דער ייִדישער ליטעראַטור, אין דער ערשטער ריי מיט דער פאַרקערפּערונג פון די פּערעץ־געשטאַלטן.

די בלינדע זינגערן

הינטערן פלויט

מיכאיל שאָלאָכאָוו

פאָטאָ — ג. חיל

אנדריי סאָקאָלאָוו

אילױסטראַציע פון קוקריניקסי
צו מ. שאָלאָכאָווס „דער גורל פון א מענטשן“

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

Цена 50 коп.

70821

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 5

1965

В НОМЕРЕ:

Они отдали жизнь за Родину. Стихи поэтов, павших на фронтах Великой Отечественной войны: С. Росина, М. Хащеватского, Б. Олевского, М. Гарцмана, Г. Диаманта, Я. Зельдина, Л. Талалая, С. Гельмонда, Ш. Гольденберга, Р. Рейзина, З. Барсука, Ш. Лопаты, А. Бородянского, Ш. Лельчука, Б. Коробейника, Г. Шведика, Г. Койфмана, Х. Душацкого, А. Гофштейна, В. Редько, С. Айзенварга.

В те дни... В. Виленский. Незабываемое. Г. Кениг. Наши освободители. Очевидцы свидетельствуют.

М. Тейф. Старшина Цале Шик. (Баллада).

С. Гордон. Весна. (Роман).

М. Альтман. Мониш. (Пьеса).

Р. Баумволь. Девочка. (Поэма).

Ноях Лурье. Когда подведен итог. (Рассказ).

ТРИБУНА ЖИЗНИ

Ш. Горшман. По Сибири. (Путевые заметки).

ЛИТЕРАТУРА И ИСКУССТВО

И. Серебряный. Перецовские чтения.

Г. Ременик. И.-Л. Перец и Шолом-Алейхем.

Г. Розен. Михаил Шолохов. (К 60-летию со дня рождения).

М. Альтшулер. Поэма П. Маркиша «Война».

This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation